STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03880

LO TIRTSAH

Aaron H. Frankel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לא תרצח

שוחט השור מכה איש
(ישעיה ס״ו 8).

איין אבהאנדלונג איבער „וועגעטאריאניזם“.

איבערזעצט פאן זיין ווערק אין ענגליש

— ביי —

א. ה. פריינקעל.

AUTHOR OF

"THOU SHALT NOT KILL" — a treatise on vegetarianism.

"IN GOLD WE TRUST" — a tale of the Ghetto, etc.

— BY —

A. H. FRANKEL.

פרייז 10 סענט

פערלאג פון

ב. ראבינאוויטץ,

398. גרענד סטריט, ניו יארק

Copyrighted 1899 by A. H. Frankel.
All right reseved.

לייגט ניט אפּ אויף שפּעטער

קויפט, לעזט און שטודירט

דיא
אידישע געשיכטע

און ווייסט ווער איהר זייט
און פון וואנען איהר שטאמט

דאס איז א ווערק פון אלע
אידען פיר אללע אידען.

איהר דארפט ווסען אז

דיא „אידישע געשיכטע" בעארבייטעט נאך פּראפעסאר גרעטץ און נאך דיא בעסטע און זיכערסטע קוועלען פון דעם גרויסען אידישען געלעהרטען און היסטאריקער

פּ. ווירניק

איז דיא איינציגע אידישע געשיכטע וועלכע איז געשריעבען אין א פריינ לאנד, אין א לייכטע פערשטענדליכע שפּראכע.

קאמפּליט אין איין באנד, עקסטרא פיין געבונדען

פּרייז בלויז 1 דאללאר.

פערלאג פון

ב. ראבינאוויטץ, 398 גרענד סטריט, ניו יארק.

פארעדע.

א ווערק איבער "וועגעטעריעניזם" * איז געגענווערטיג א זאך אין דער צייט. דיא פראגע פון "מה־נאכל" איז אפילו א פראגע וואס פעראינטערעסירט מענשען בכל דור ודור — אין יעדער צייט, דאך איז עס אין קיין צייט פון דער היסטאריע דער מענשהייט ניט געוועזען אזוי נעטהיג דיעזע וויכטיגע פראגע ברייטלאך צו פערהאנדלען וויא יעצט ווען דיא וועלט איז אנגעפיללט מיט חמס; ווען דיא מענשהייט איז אזוי שרעקליך אונטערוואָרפען צו אללערלייא פערשיעדענע קראנקהייטען וועלכע פערמעהרען זיך פון טאג צו טאג; און ווען אונזער מאטריעלישע לאגע איז געוואָרען אזוי שלעכט דאס עס איז אונמעגליך אויסצוהאלטען. אין קיין צייט איז דיא מענשהייט ניט געוועזען אזוי אלגעמיין פערקניפעלט אין קנעכטשאפט וויא יעצט. אום אונזערע פיעלפאכיגע פאָרדערונגען צו בעזאָרגען, ווערען מיר הייטע אזוי געפלאגט, אונטערדריקט אויף אונגעפעהר דעם זעלבען ארט, וויא אונזערע עלטערן אין מצרים.

אזא צושטאנד וואָלט אבער ניעמאלס עקזיסטירט פאלס מיר וואָלטען זיך געפיהרט ריכטיג לויט דיא געזעצע פון דער נאטור. אוים דער נאטור זיינען דיא פאָרדערונגען פון מענשען אייגפאך און פראָסט. עס איז אבזאָלוט ניט נעטהיג פאר'ן מענשען אָבצופינסטערן זיינע יאָהרען אום דיעזע פאָרדערונגען צו ערווערבען. עס זיינען דיא מותרות וואס פערקירצען דיא יאָהרען. דיא איבעריגע פערלאנגונגען זיינען פעראנטוואָרטליך וואָס דער מענש פון הייגטיגע צייט איז קריינקליך, ערגערליך

* "וועגעטעריאניזם" איז א וואָרט וואס בעצייכענט דיא אָרט לעהרע פון צו לעבען אויף צמחים, פלייש און פיש און אלעס וואס האט געהאט פריהער אין זיך א געפיהלפאָללען לעבען איז שטרענג פערבאטען לויט דיעזע לעהרע. אין העברעאיש גיבט קיין ווארט וואס זאל אויסדריקען דיא בעדייטונג פון דיעזען ווארט. אבוואהל דאס ערשטע געבאט צום מענשען דאס ער זאלל לעבען וועגעטעריאניש געפינט זיך באלד אין דעם ערשטען קאפיטעל פון דער תורה. (בראשית א. 29.)

און דערפאר וואס ער איז געווארען א קנעכט מיט אלע קנעכט צוגלייך — א וואש־גויע, אלעמען צו בעדיענען און אויסצופיהרען זייער רצון.

נור אונזער אייגענעם פיהרונג האבען מיר צו פערדאנקען פאר אונזער צו־שטאנד. דערפאר וואס מיר לעבען גראדע קאפויר וויא די נאטור פאָרדערט און פאָלגען ניט וואָס דער שכל הייסט זאָנדערן וואס די תאוה דיקטירט, האבען מיר ארויף געשלעפט אויף זיך אללערלייא צרות. צוליעב זאָגענאנטע פערגניגענדען וועלכע דויערן בלויז מינוטען און וואס ברייננגען ענדליך אין זייער שפור נור קראנקהייט און בעדויערן, אָפפערט דער מענש פון היינט אלעס וואס דארף זיין בייא איהם טהייער, דערפאר איז א גוטער, געזונדער און צופריעדענער צושטאנד ווייט פון איהם.

בייא אונז אליין ליעגט די ברירה וויא צו לעבען אנגענעהם אָדער מיזערא־בעל. מיר קענען בייא זיך קראנקהייט איינלאדען אָדער עס פערטרייבען, מיר קענען פערקירצען אונזערע יאָהרען אָדער עס פערלענגערן. אלעס ווענדעט זיך אבער בלויז אן אונזערע פיהרונג, און די הויפט זאך איז נור דער ארט שפייז פון וועלכע מיר ציהען אונזער חיונה.

דער ארט עסען ווירקט מערקווירדיג אויף אונזערע חושים. איידעלע שפייז קען מאכען פון א מענשען אי ן אדעלמאן, דאגעגען פערצוקענדע שפייז קען איינעם ברענ־גען צו דעם צושטאנד פון א חיה־טורפת אין שטיוועל. ניעמאנד וועט דיעזע בע־הויפטונג וואגען צו פערלייקענען, ווייל דאס איז א פ..קט געבויט אויף די ער־פאהרונג וואס די וויסענשאפט און די פערשיעדענע פראָבירונגען וואס מען האָט געמאכט, האבען בעוויזען. און ביז די צייט ווען מענשען וועלען ניט וועלען פער־שטעהען די וויכטיגקייט פון איידעלע שפייז, קענען אפילו קומען כל מלכי מזרח ומעריב און אלערלייא "א י ס ט ע ן" און מיט גוואלד צווינגען די מענשליכע גע־זעללשאפט אנצונעהמען פערשיעדענע רעפארמס אום זייער לאגע צו פערבעססערן און עס וועט זייא ניט געלינגען. משה רבינו — דער געטטליכער מחוקק, האט עס דער ערשטער פערשטאנען, דערפאר גיבט זיך די תורה אב אזוי פיעל מיט דער פראגע וואס מען דארף עסען און וואס מען דארף ניט. אונד דאדורך וואס אידען האבען דיעזע געזעצע אבגעהיט אזוי לאנג, לעבען זייא טאקע לענגער, זיינען פיעל עדעלער, מעהר מאָראליש געזאָנען, האבען בעסערע קעפ בעזיצען מעהר רחמנות און צייבענען זיך אוים אין אלגעמיין מיט אלע גוטע אייגענשאפטען בעססער וויא אלע אנדערע פעלקער אויף דער וועלט.

איידעלע שפייז ווירקט אויף די חושים און פעהיגקייטען פון מענשען אויף א בעזאָנדערן ארט. "דער מענש איזט וואס ער איסט" איז א זעהר ריכטיגער

שפריכ־וואָרט. צייג מיר וואס איינער עסט און טרינקט וועל איך דיר זאגען וואס פאר א מענש ער איז. איך גלויב ניט אויב דער וואס לעבט אב כל ימיו אויף בלוטיגע ביף־סטייק, זאָל קענען האבען א געניועז בעגריף צו פערשטעהען דעם ריכטיגען אונטערשיעד צווישען רעכט און אונרעכט, וואס איידעלעס איזט, וואס דיא מאָראל אונד עסטעטיק פאָרדערען אָדער וואס רעליגיאָן הייסט. דיעזע אלע זאכען זיינען פאר איהם וויא פאר א ליטווישען פויער שאָקאָלאָדע — צו איידעל. אונד וואס אנבעלאנגט זיין פהיזישען צושטאנד קען עס ניעמאלס זיין אין א גוטער אָרדנונג. אין זיין איילענעס, אין דער יאגד נאך דער תאוה, פערגיעסט געוועהנליך אזא מענש צו בעוואהרען זיינע חושים און פעהיגקייטען אין א געזונדען צושטאנד און ווען ער גרייכט שוין אפילו א הויכע עלטער, איז עס געוועהנליך צוזאמענגעמישט מיט שוואכקייט, מיט קראנקהייט, מיט היכף־לאָזינקייט; און דער סוף איז, דאס אנשטאט וואס ער האט געקענט לעבען גליקליך און צופריעדען פון זיין לעבען, און צו דער זעלבער צייט זיין א ניצליכער מיטגליעד פון דער מענשליכער געזעלשאפט, ווערט ער פאר זיך און פאר אלעמען א לאסט — א אָנשיקעניש פון זיין ליעבען נאמען, און עס ווערט עפּעס גרויסער און בעקוועמליכער אז מען ווערט ענדליך לויז פון איהם.

אונד נאך אלעמען איז דאך דאס פלייש־עססען בלויז א געוואָהנהייט — א אונגליקליכע געוואָהנהייט. דער מענש איז ניט געבאָרען צו עססען געמאָרדעטע שפייז. קענט איהר זיך וועך פאָרשטעלען דאס דער ערשטער מענש איז געבאָרען געוואָרען אין א שלאכטהויז? — אין גן־עדן אין א פראכטפאללען גארטען, איז געוועזען דיא ערשטע היים פון מענשען און איידעלע פרוכט איז געוועזען זיין ערסטע שפייז. און זאָגאר דיא בייבי וואס ווערט היינט געבאָרען, קען מען עס דען קארמענען מיט געשמאָרטע־לעבער און געפילטע פיש? דיא ערשטע נייגונג וואס א קינד האט איז נור צו פרוכט און צו אנגענעהמע זאכען וואס זיינען גוט צו עססען און וואָס האבען א רייץ פאר דיא אויגען. עס איז יעצט דאן ווען דאס קינד ווערט איינגעוואָהנט צו גראָבע שפייז און עס פערדארבט דאדורך זיין איידעלען געשמאַק דאס ער ווערט דערצו צוגעוואָהנט, אונד "זאָל מען ניט געפּרובירט ווערען צו וואס מען קען געוואָהנט ווערען" זאגט א זעהר אמת'ער שפּריכ־וואָרט.

מענשען זיינען לײדער צו דיא גרויזאמע שפייז געוואָרען צוגעוואָהנט. זייא עסען דאס פון געוואָהנהייט, אָהנע וועגען דעם א טראכט צו טהאָן. פּרובירט אבער א קלײהר טהאָן אויף א ווײלע און בעטראכטעט וואס איהר טהוט ווען איהר עסט דעם צונג, דעם לעבער, דיא פיס פון א אונגליקליך־געמערדערטע בהמה. אויף

וועלכע אייער אינסטינקט דיקטירט אייך רחמנות צו האבען, און איהר מוזט ניט ווילענדיג א שוידער מהאן.

איהר טראכט אבער ניט און אזוי געהט עס בסדר א דור נאך א דור, און וואס וייטער וועט עס אללעס פאללען שווערער און שווערער איבער צו ארבייטען איין ארדנונג וואס אנבעלאנגט דיא פראגע פון עססען. דאמאלס ווען עס קומט צו דער פראגע פון דער אכילה, קען מען שוין זאגאר צייגען דיא בעסטע בעווייזע, דיא שטארקסטע פאקטען דאס א געוויסע זארט שפייז איז שעדליך וועט אלץ א שטאר־קער אפעטיט און א געשמאקער ביסען אריבער וועגען אלע ארגומענטען און וועט זיגען. „עס איז שווער צו רעדען מיט א מאגען, ווארום עס האט קיינע אויערן" האט א מאל א פהילאזאף געזאגט. נור דאך האף איך דאס צווישען אחינו בני ישראל געפינען זיך נאך מענשען, שטארק גענוג אין כאראקטער, דיעזע אונגליקליכע געוואהנהייט פון פלייש עסען צו פערבייגען.

ברעכט אב דיעזע געוואהנהייט און לאזט איבער פאר פערצוקענדע חיות און עקעלהאפטע שרצים דאס זייא זאלען עסען פלייש און טרינקען בלוט, פאר אונז מענשען אבער, וועלכע זיינען געבארען בצלמו בצלם אלהים, פאסט ניט זיך אויפ־צופיהרען וויא טיגערס. געוואהנט זיך אב און בעשמוצט ניט דעם שכל, דיא עדעל־קייט און נאבעלע געפיהלען מיט בלוט. מערדעט ניט און ברענגט ניט ארויף שמערצע אויף אונשולדיגע בעשעפעניססע וועלכע איהר דארפט אייגענטליך גאר בעשיצען און ניט קוילענען און אויפעסען.

מיט דער האפפנונג דאס דיא לעזער וועלען ענדליך איינזעהן דעם אמת פון דיא לעהרע וואס איך שרייב דא פאר און וועלען אויסקלייבען דיא וועג פון ליכטיג־קייט און וואהרהייט, וואו אונערבארמליכקייט איז אונבעקאנט און וואו קראנקהייט און ארמוטה איז אונבעוואוסט, פערבלייב איך, מיט דעם בעסטען וואונש פאר א בעסערען צושטאנד פון דער אלגעמיינער מענשהייט.

דער פערפאסער.

די פילאזאפיע פון רחמנות.

א בריעף פון מיין פריינד דעם „ליטווישען פילאָזאָף“ וועגען וועגעטאריאניזם

ידידי יקירי א. ה. פריינקעל:

איהר טהיילט מיר מיט אז איהר געהט ארויסגעבען יעצט די אידישע איבער־זעצונג פון אייער ענגלישעם ווערק “Thou Shalt Not Kill„ (לא תרצח) אום צו בעווייזען אין אונזער מוטער־שפראך די פילאָזאָפיע פון די וועגעטעריא־נער. עס איז קיין צווייפעל אז אייך קומט דעם טיעפסטען דאנק פון אלע זשארגאָן לעזער פאר אזא עדעלע אונטערנעהמונג.

איהר ווייסט גאנץ גוט, פריינד, אז איך בין קיין פראקטישער וועגעטעריא־נער, וויא איהר, און איך פיטער זיך, וויא איהר רופט עס, אויף „בר מנן.“ איך בין אבער אויך ניעמאלס געווען א געגנער, פון דיזע לעהרע וואָס פרעדיגט די העכסטע מדרגה פון רחמנות, געזונדהייט, יושר, ליכט, פּאָעזיע און ריינליכטקייט!

מיט פיער יאָהר צוריק, ווען איך בין געווען דער רעדאקטער פון מיין „אידי־שען אדלער“ אין באָסטאָן, האבען דאן אייערע ארטיקלען וועגען וועגעטאריאניזם געמאכט א שטורם צווישען אלע קלאסען אידישע לעזער, און אייער טהעמא האָט אנגעריהרט די סטרונע פון אידעןיס הארץ. אייער יעצטיגע ווערק וועט געוויס גע־פינען איין עהנליכען ווידער־קול אין דער זעלע פון יעדען זשארגאָן־לעזער.

און ווארום זאָלען אידען ניט שעטצען דאס וואָס איהר פרעדיגט אין אייער ווערק? דאָרט אין די בריליאנטענע שורות פון יענעם ביכעלע אין וועלכען עס שפּי־געלט זיך אב עד היום די עדעלסטע געפיהלען, די עהרליכסטע מאָראל און די געפּיגעלטע געדאנקען פון שרפים־לאנד — אין יענעם בוך, דער אלבום פון אלהים צבאות, האט מען פאר אונז געצייכנט דעם פונדאמענט פון ציוויליזאציאָן מיט דעם בעפעהל לא תרצח!

לא תרצח — זאָלסט ניט בערויבען דאס לעבען פון אלעס וואס לעבט — אזוי ערקלערען הייטע דיא וועגעטאריאנער דעם פסוק פון צווייא ווערטער, דיא זעקס בוכשטאבען וואס האבען אמאל אבגעהילכט דאָרט אין דיא שטילע וויסטענעס צווישען מצרים און אשור.

דיא מענשהייט איז נאָך צו יונג צו לעזען און צו פערשטעהן דיא וועגעטאַ־ריאנער איבערזעצונג פון „לא תרצח" און ווער ווייסט וויא לאנג עס וועט נאָך דויערן ביז דיא ציוויליזאציאָן וועט אָנפאנגען בעגרייפען יענע בריליאנטענע פראקלאמאציאָן פון דיא עשרת הדברות וואס וועט נאָך אמאל איבערמאכען אין גאנצען דעם פונ־דאמענט פון אונזער ערד־קוגעל!

אייך וויגשענדיג דעם בעסטען ערפאָלג אין אייער אונטערנעהמונג, דריק איך בריעדערליך אייער האנד און פערבלייב מיט פריינדליכען גרוסס.

ג. זעליקאָוויץ.

1טען מערץ 1899 פילאדעלפיא.

קאפיטעל 1.

דער מענש שטעהט איינער צווישען אלע חיות; וועלכער מערדערט פון וואויל־טאָג לעבעדיגע זאכען פאר זיין שפייז. ער אליין, אין דער גאנצען נאַטור, טהוט עס בלויז דארום ווייל דיא פלייש פון א געמאָרדעטע בעשעפענים איז בייא איהם א לעקערביסען, ווייל עס שמעקט איהם און קיצעלט זיין גוימען. דיא ווילדע חיות וועלכע מערדערן און פערצוקען אויך לעבעדיגע בעשעפעניסען, טהוען עס בלויז ווייל דער שרעקליכער הונגער טרייבט זיי דערצו, דער מענש אבער, פאר ווען עס איז גענרייט אין דער נאַטור א קעניגליכער טיש בעלאָדען מיט אלל־דאס־גוטס — פון קערנער ביז דיא פיינסטע פפלאנצונגען און פרוכט, האט קיין אורזאכע אזא פער־ברעכען צו בענעהן, דארום ווייל איינעם ווילט יך א געשמאקען ביסען איז נאך ניט געדרונגען דאס ער דארף שעכטען און מערדערן אהן רחמנות זיין ליידענשאפט אויסצופיהרען. וויא באלד אזא זאך איז ערלויבט, טאָ ווארום איז דיא וועלט אזוי אויפגערעגט אויף דיא „קאַניבאַלען" (מענשען־פרעססער) וועלכע שעכטען און פער־צעהרען מענשען אויף וועגען דיא איינציגע אורזאכע — ווייל עס איז א געשמאקער ביסען? דיעזע חברה טענה'ן אויף דאס מענשענפלייש, געקאָכט אָדער געבראָטען אויף פערשיעדענע ארטען, איז זעהר געשמאַק. בייא זייערע א פרויא ווערט אויך א גרויסע שמחה אז דער מאן ברענגט א אורח אויף מיטאָג — א געזונדען, פעטען אורח, מיט וועלכען מען וועט קענען פערברענגען א פּאָר שטונדען זעהר געשמאַק, דיעזע לייט, אָבוואָהל זייא זיינען קיינע אידען אדער קריסטען, האבען פון דעסטוועגען אויך זעהר ליעב זייער נאכבאר — געקאָכט מיט לאָקשען, און אויב עס זאָל זיין איינעם ערלויבט אויסצופיהרען וואס איהם איז געשמאק און וואס ער האט ליעב טאָ פאר וואָס איז דיא ציוויליזירטע וועלט אזוי אויפגעבראכט ווען זייא דערוויסען זיך דאָס דיא קאניבאלען האבען איינמארענירט א פּאָר פון זייערע מיסיאָנערען און האבען פון זייא פערפערטיגט דעליקאטע מאכלים, נור דאוום ווייל זייא זיינען גע־שמאק געקאָכט אין זויערן?

דער מענש פון היינט איז א מערקווירדיגע רעטענים און איז פול מיט קאָנ־טראַסטען. דוכט זיך ער מאכט אנשפריכע דאס ער איז א גרויסער בעל רחמן און רעדט נאכאנאנד ארום יושר; שיינט דוכט זיך צו זיין אזוי עדעל און דעליקאַט,

דאָך וויא נור עס קומט צו דער אכילה פגר'ט פלוצלונג בייא איהם דיא רחמנות, און יושר ווערט בייא איהם מיט איין מאָהל אויסגעטריקענט; אלע עקעלהאפטע זאכען ווערען דאן בייא איהם זויבער, און יעדער שמוציגער שרץ איז בייא איהם א צערטליכע שפייז.

דיא זאָנדערבארסטע און עקעלהאפטעסטע ברואים שטעהען הייטע אויסגע־רעכענט אוף דער מענשליכער שפייז־ליסטע, אין כמעט אלע פעלע פערשאפט מען דיעזע זיסע סחורה אויף א גרויזאמען און אונערבארעמליכען ארט. זייא זיינען אויך מעהר וויא אָפט געפעהרליך אלס שפייז פאר'ן מענשען. דוכט זיך אין אזא פאל ווער וואלט עס נאר ווערען גלויבען אויף דעם גרויסען בעל־רחמן, אויף דעם וואס בעזיצט יושר ביים טאָן, אויף דעם עדעלען און דעם דעליקאטענעם תכשיט — אויף דעם קעניג וואס רעגירט איבער אלעם אין דער בעשעפונג — דאס ער וועט חליכה שולדיג זיין אין דעם פערברעכען פון מערדערן אָהן רחמנות לעבעדיגע זאכען און פערצעהרען אזעלכע ברואים וואס זיינען בייא איהם אוים אינסטינקט עקעלהאפט? און דאָך וויא אונגלויבליך און ווילד עס זעהט אויס טהוט עס פון דעסטוועגען דער מענש; און דאס לעבערליכסטע דערביי איז, דאס אלעס וואס דיעזען יחסן געפעלט געפינט ער באלד דארויף איין היתר דאס עס איז כשר, ריין, געזונד און העכסט אנגענעהם, וויא דיא פאָלגענדע פאקטען וועלען איבערצייגען? —

אלע וויסען צום ביישפיעל, דאס דיא פראנצויזען און איטאליענער עסען אזא מין ווארעם וואס איז בעקאנט מיט'ן נאָמען „סנייל" דיעזער קריכענדער ווארעם איז א פעטטע און עקעלהאפטע קליינע בריאה. דאס לעבט און ווערט פעט אין פייכטע קעלערן. ווען עס קריכט ארום, לאָזט עס נאך זיך איבער א פעטטען שפור; און אָבוואָהל עס איז בעלאדען מיט פאראזיטען, איז דיעזער ווארעם פון דעסטוועגען בע־טראכטעט אלס איינע פון דיא געשמאקסטע און עדעלסטע שפייז. רעדט מיט א פראנצויז וועגען סנייל, פאנגט איהם באלד אן צו לויפען שפייעכטס פון מויל און ער וועט אייך פערזיכערן מיט גרוים התלהבות דאס נאך אזא געשמאקער, גוטער און געזונדער עסען וויא סנייל עקסיסטירט נאר ניט אונטער דער זון.

בייא דיא כינעזען איז הינטישע פלייש בעטראכטעט אלס א טהייערער דעלי־קאט. זייא קאָכען דיא הינט ווען זייא זיינען נאך געוועהנליך יונג אדער האלב גע־וואקסען. עס איז א בעוואוסטער פאקט דאס מייז און ראצען ווערען אין כינא בע־טראכטעט אלס טהייערע געריכטען. זייא האבען פערשיעדענע אנדערע משונה'דיגע מאכלים, פון וועלכע אז זייא קריענען ניט דיא כאָלעריע נאך אזא איין מאכל, איז דער גרעסטער וואונדער אויף דער וועלט. דאָך רעדט מיט דיא לאנג־צעפיגע

פארשווינען, מיט די קראנקע און לעפערישע בינעזען, וועלען זיי אייך פערזיבערען אין זייער טשינקי־לשון אז זייער ארט עסען איז דער ריכטינסטער און עס איז געזונד און העכסט כשר אין די אויגען פון זייער גאָמט.

זשאבעס און לאבסטערס (וואסער שפינען) ווערען בעטראכטעט פאר טהייערע דעליקאטען איבעראל. די לאבסטערס ווערען געוועהנליך געבראָטען לעבעדיגערהייט אויף הייסע קוילען, פאר דיעזע פייניגונג זיינען זיך די לאבסטערס אפילו זעהר אָפּט נוקם, ווארום עס טרעפט מאנכעס מאהל אז קוים קומען זיי אריין אינעווייניג, מאכען זיי דאָרט אן אזעלכע צרות, אז דער עסער דרייט זיך וויא אויף הייסע קוילען אליין פאר שמערצען. דאָך איז דיעזער עקעלהאפטער, גרויזאם־פערפערטיגטער שרץ בעטראכטעט פאר א לעקער ביסען. די גרויסע טשערעפאכעס וואס.ליעבען א גוטען טאָג אין די גרויסע זומפען און בלאטעס, צוליעב וועלכעס אליין מען דארף עס אויסמיידען וויא א פעסט, ווערט פון דעסטוועגען ביי אלעמען בעטראכטעט אלס איין ערהאבענעס געריכט. אויף דעם לעצטען קאָנגרעסס פון די רעפאָרמירטע רבנים אין ריטשמאָנד, האט מען דיעזע פאלשע נביאים געקארמעט מיט דיעזען מאכל, און זאָגאר דיעזע לייט, צו זייער אייביגער שאנדע מעג עס פערשריעבען ווערען, ערקלעהרען דיעזע עקעלהאפטע שרצים אלס א געזונדע און כשרה שפייז.

דער אָיסטער איז יעצט בעטראכטעט אין דער וויסענשאפטליכער וועלט אלס א שמוציגער שרץ וואס ציהט זיין חיונה פון דעם ים'ס אויסוואורף, וועלכעס איז גיפטיג און שעדליך. אין די לעצטע צייטען האט מען זיך ארום געזעהן דאס אָיסטערס פערזאכען טיפוס־פיעבער. און גראדע אין דער צייט ווען נאטור פאָרשער שטרייטען געגען דעם נענוס פון אָיסטערס, וועלכעס איז פיעלייכט א פראכטפאָלער עססען פאר וואססער שפינען און פאר אנדערע אזעלכע ברואים, אבער ניט פאר דער מענשליכער געביידע, גראדע דאן האט עס א געוויסער רעפאָרמירטער רב (?) מתיר געמאכט און יעצט אִיז דיעזער אונפאסיגער און אונגעזונדער שרץ אנערקענט אלס שטרענג כשר אין דער רעפארמירטער מחנה.

פיש און הערריגג, איבערהויפט נאך יענע סחורה וואס זיינען אלט גענוג צו האבען גרויסע בערד און צו טראגען שפאקולען, זיינען פאר'ן מענשען אזוי געפעהרליך וויא סם־המות. קיין עהרליכער דאָקטאָר וועט ניט פערלייקענען דעם פאקט דאס פאר זיין גלענצענדען סוקסעס וואס ער מאכט, האט ער נור צו פערדאנקען אם מייסטענס די פיש־הענדלער. די דאָקטוירים וואָלטען געוויס ארום גיגאנגען פוסט און פאס און וואָלטען געוויס געוועזען גענעטהיגט איינער ביי'ן צווייטען צו

„עסטן טעג" ווען ניט דיא גראָ־בערדיגע פיש; און דיא וואס האנדלען מיט קרקע וואָלטען גאר געווען אויף צרות, אויב ניט פאר דיא פישערס. אנשטאט דיאמאנ־טען, וואָלטע זייא געטראָגען אזעלכע שטיוועל, וואָס זיינען פון אונטען אָפען ווי א פּאָסט־אָפּיס; נור זייערע וואָהלטהעטער, דיא פיש־הענדלער, שלעפּען זיי ארויס פון אלע צרות. דיעזע טראַיקע זיינען בעקומפּאניע שותּפות, און זיי איז וואויל ווי דיא וועלט. קראנקהייטען אָהן א שיעור ענטוויקלען זיך פון עסען אלטע פיש. דער באנד־וואָרעם פון וועלכע אזוי פיעל ליידען, קומט נור פון פיש עסען. דיא יעניגע פעלקער וואָס לעבען דורכאוים אויף פיש, זיינען קראנקע, לעפּרישע, העסליכע ברואים. אריין צו געהן אין א פיש סטאָר און דאָרטען בעטראכטען ווי דיא פיש וואלגערן זיך אין א ים שליים און בלאָטע, איז ניט א סצענע וואס איז בע־זאָנדערס רייצענד פאר דאס אויג. דער אראמאט דובט זיך איז אויך ניט איבריגענס אנגענעהם פאר דעם חוש הריח, דאך ווערט געמאכט פון דיעזען מאכל דעם גרעסטען פאראד.

אין שווייגען געפינט זיך א גיפט וואס איז בעקאנט מיט'ן נאמען „טריטשין" דיעזער גיפט איז בעזאָנדערס געפעהרליך, קוים קריגט עס־זיך אריין אין דיא בלוט פון א מענשען, שטארבט דער מענש דערפון מיט אונבעשרייבליכע יסורים. ווארום דיעזער טריטשין איז א מין מיקראָב וואס פערמעהרט זיך אָהן א שיעור אין פער־לויף פון א פּאָר שטונדען, און דער וואס ווערט פערגיפטעט דערמיט ווערט תיכף אָנגעפילט מיט מיליאָנען פון דיעזע פּאראזיטען וועלכע זויגען דאס בלוט און פער־אורזאכען דאביי שרעקליכע שמערצען; און ווען דער גאנצער קערפּער שווימט אין גריבעלט מיט דיעזע גיפטיגע ברואים'לאך שטארבט ער, קיין תרופה איז דערצו דאָ. עס שטארבען פון דיעזע פערגיפטונג טויזענדער מענשען א יאָהר, אלע טאג טרעפט אירגענד וואו אזא פאל. פון דעסטוועגען עסט נאָהענט פון א האלבע וועלט מענשען שווינען פלייש. און פרעגט ביי זייא וועלען זייא אייך אלע ערקלעהרען אז דיעזער מאכל איז גרויסארטיג אבי א דאנק זיין ליעבען נאמען עס איז חאַטש ניט כשר!

דיא פלייש פון א ביוועה, פון א בער, און פון אנדערע אזעלכע פערצוקענדע חיות, ווערט בעטראכטעט פאר אויסער אָרדענטליכע גוטע שפּייז, דיא גרויסע פלעדער מייז וואס בעפינדען זיך אין דיא טראָפּישע לענדער ווערען געגעסען ביי דיא דאָרטיגע מענשען. דא ניט לאנג, האָט איינער א געוויסער נאַטור פאָרשער וואס האט ניט געהאט וואס צו טהאן, געמאכט דיא ערהאבענע ערפינדונג, דאס דיא פלייש פון א ראטעל־סנייק (קלאפּער־שלאנג) איז בעזאָנדערס גוט און זיסס

ער שווערט מיט טויטע שבועות דאס ער פיהלט זיך זעהר שטארק פון דיעזער דעליקאטנער שפייז. דער זעלבער זולל וסבא ערקלערט דאס בלעק סנייק איז אויך א זעהר געזונדע אכילה, נור עס האט א קליינעם גערוך, זאנסט וואלט ער עס אפשר אריין געבראכט אין דער מאָדע. דער זעלבער תכשיט דערצעהלט דאס ער האט אויך געגעסען מיט א גוטען אפעטיט דיא פלייש פון אנדערע עקעלהאפטע חיות, שרצים און אינזעקטען און איהם געפעלט עס גאָר ניט שלעכט. אין שפינען דערצעהלט ער, געפינט זיך דער אנגענעהמער געשמאק פון ניס. דיעזער קאסטיםער האט בכיון געמערדערט א פאר שפינען אום דיעזע ערהאבענע ערפינדונג צו מאכען.

רייזענדע דערצעהלען דאס אין אביסיניען (כוש), פרעסען דאָרט דיא חברה פליש אבגעשניטען פון לעבעדיגע בהמות, דער הויפט לעקער־ביסען וואס געפעלט זייא אם בעסטען, איז דיא רויע פלייש אויסגעשניטען נעבען דעם עק פון דער לעבעדיגער בהמה. דיעזער מאכל ווערט ביי דיעזע לייט געגעסען אזוי וויא עס שטעהט און געהט, מיט דיא שטיוועל מיט אלעמען, און מיט דער זעלבער געלאסענהייט וויא אין אונזערע מקומות ווערט געגעסען קוגעל — להבדיל אלף אלפי הבדלות.

ווען בייא דיעזע בארבארען, וועלכע זיינען בלומר'שט קריסטען, איז א שמחה נעהמען זייא א אָקס און צושניידען איהם לעבעדיגערהייט אין קליינע שטיקלאך און אויף אזא ארט ווערט עס סערווירט צו דיא געסט. אין אנדערע געגענדען פון יענע מקומות, ווערען דיא בהמות געשמיסען ביז צום טויט. דיעזעס ווערט געטהאָן בכדי דיא פלייש זאָל ווערען זיסער און ווייכער. דער גרויסער רייזענדער „ברוס" דערצעהלט דאס ער האט אליין דיעזע אלע פליישען געגעסען און ער ערקלערט דאס ניע אין זיין גאנצען לעבען האט ער אזא געשמאקען מאכל געגעסען. עס איז זיסער און צארטער וויא דיא געוועהנליכע פליישען וואס מען עסט אין אונזערע געגענדען.

אין אונזערע מקומות איז מען אויך ניט שטארק ווייט פון אזעלכע גרויזאמקייטען. דיא בהמות און עופות וואס ווערען געשאָכטען טעגליך אין דיא שלאכט הייזער, ווערען מערדערליך בעהאנדעלט. דיא רציחות וואס מען קען דאָרט זעהן זיינען גענוג צו ערוועקען רחמנות, כעס און עקעל אין הערצער, אפילו אזעלכע וועלכע זיינען געבויט פון שטיין. ברוטאליש אנידערשלאגען א בהמה, איהר שינדען וועהרענד זיא קרעכצט נאך און צאפעלט זיך מיט אלע אברים אין דער גסיסה, צוליעב א וועט, איז א געוועהנליכע סצענע אין דיא שלאכט הייזער, קירצליך האבען דיא צייטונגען בעריכטעט וויא אזוי מען האט געפיהרט חזרים מיט

שעפּסען אין איין צוג. וויא עס פּאסירט זעהר אָפּט האט מען זייא ניט בעזאָרגט מיט גענוג עסען אונטערוועגנס. דיא חזרים זיינען געוואָרען הונגעריג, האבען זייא זיך מישב געווען און האבען אנגעגריפען דיא שעפּסען, און ווען דיא טריין איז ענד־ ליך נאך איהר בעשטימטען ארט אנגעקומען, האט מען דיא שעפּסען געפונען האלב ארום געפרעסען. דיא חזרים האט מען נאכהער געטהאן זייער געוועהנליכען רעכט און נאכהער וויא מען האט זייא געשטאָכען מיט א שפּיז האט מען זיי תיכף, נאך לעבעדיגערהייט, אריין געוואָרפען אין א קאָכעדיגען קעסעל וואסער — נאכ׳ן געוועהנ־ ליכען מנהג. נאכהער האט מען זייא פערפערטיגט נעט, שעהן אויסגעפּוצט, און מען האט דיא סחורה פערטהיילט אין דיא מארקעטס פאר׳ן מענשליכען געברויך, הייגט געה און ערוואַרט פון א מענשען דאס ער זאָל זיך ענטוויקלען איין אדעלמאן נאך אזא מין אכילה!

פון דיעזע פּאָר פאקטען קענט איהר אונגעפעהר האבען א בעגריף וויא באַ־ רעמהערציג, וויא נאבעל, וויא ריין, וויא כשר דער סעניג איבער אלעס אויף דער וועלטס בעשעפונג, דער מענש איז. נור דאס איז ניט מיין צוועק הויפּטזעכליך צו ווייזען. איך וויל בלויז אויפצייגען וויא וויט ער פעראונגליקט זיך און שלעפּט ארויף אויף זיך מיט גוואלד קראנקהייט און פערדארבענהייט — שוין ניט צו דערמאנען דאס דיא גאנצע ארמוטה, נויט ליידען, און קנעכטשאפט קומט נור דירעקט דורך דאס פלייש־געניוס.

קאפּיטעל 2.

דער מענש האט זיך איינגערעדט דאס פון פלייש עסען קריגט ער צו געזונד און שעפּט דערפון חיות. זאגט איהר אליין, וויא טראגט אייך אויס אייער אייגענער שכל, קען עס מעגליך זיין דאס אין א טויטע זאך זאָל זיך געפינען לעבען? וויא באלד איהר עסט פלייש אדער פיש ווען עס איז טויט — עכטע בר־מנן רחמנא לצלן א מת מיט אלע מתים צוגלייך, טאָ וויא קען עס אלזא מעגליך זיין דאס אין דער בהמה, עוף אדער פיש זאָל זיך געפינען לעבען נאכהער וויא דער לעבען איז דארין דערשטיקט געוואָרען דורך רציחה?

טויטע זאכען פאנגען באלד אן צו פוילען און פערפויכטע שפייז איז געפעהר־ליך אלס שפייז פאר'ן מענשען, ווען פרוכט אדער פלאנצונגען זיינען טויט (פער־פוילט), זיינען זיי אויך שעדליך אלס שפייז. דיא יעניגע לייט וואס האנדלען איין מציאות אין צוגעפוילטע פרוכט, האנדלען איין קראנקהייט אין דער זעלבער צייט, ווארום עס מוז זיך ענטוויקלען א שלעכטע ווירקונג ווען זיי עסען דיא סחורה. אין פלייש איבערהויפט בילדעט זיך אזא מין גיפט וואס איז זעהר געפעהרליך ווען עס קומט אין בעריהרונג מיט דאס בלוט פון מענשען; און ווען עס ריהרט אן דעם קערפער דורך א וואונד אדער דורך א שניט דאן איז דאפיר קיין תרופה דא.

דיא ווילדע אפריקאנער פערגיפטען זייערע פפיילען דערכיט וואס זיי טונקען דיעזע איין אין א טויטען קערפער, וועלכער איז פריהער געלעגען אויף דער פרייער לופט אונגעפעהר א 8 טעג. אזא קערפער מעג זיין א מענשליכער אדער פון א חיה, און ווען אזא פערגיפטעטער פפייל טרעפט איהר ציעל און מאכט אפילו ניט מעהר וויא א קליינעם קראץ אויפ'ן קערפער מוז ער באלד שטארבען.

דיעזע גיפט וואס ענטוויקעלט זיך אין טויטע שפייז ווערט ניט פערניכטעט דורך קאכען, זאלצען אדער פרירען, קוים האט עס זיך געבילדעט אין פלייש קען עס ניט מעהר פערניכטעט ווערען. עס איז בעוויעזען געווארען דאס דיא אורזאכע ווארום צעהנדליגע טויזענד סאלדאטען זיינען שטערבליך קראנק געווארען אין דער שפאניש־אמעריקאנער מלחמה איז נור געווען פערארזאכט ווארום זייא האבען גע־געסען „איינגעבאלזאמירטע" פלייש, אין וועלבע דיעזע געפעהרליכע גיפט האט זיך ענטוויקעלט. טויזענדער זיינען דערפון געשטארבען, אנדערע וועלכען בלייבען לעבענס־לענגליכע ליידענדע פון קראנקהייטען, וואס דיא גיפטיגע באצילען און פאראזי־טען האבען פערארזאכט.

דעם מענשענס עסען, איבערהויפט אין דיא גרויסע שטעדט, בעשטעהט יעצט אויס כמעט א דריטעל פון שפייז אזעלכע וואס איז אונפאסיג. אויב אייער הויז צום ביישפיעל וואלט געווען געבויט אויף מאטעריאל אזעלכע וואס איז א דריטעל פער־פוילט, און וואס פאר א לאנגע דענקט איהר, וואלט אייער הויז געווען — א דריטעל פערפוילט, ניט וואהר? און דיא איבעריגע 2 דריטעל וואלטען אויך דאדורך גע־ווארען אין געפאהר? אלזא, ווען איהר בויט אייער אייגענע געביידע יעדען טאג אויף מאטעריאל אזעלבע וואס איז אם וועניגסטענס א דריטעל טויט, וויא קענט איהר אלזא ערווארטען דאס אייער בנין זאל זיין אין א גוטער ארדנונג? דאס איז טאקע דיא אורזאכע ווארום מיר טרעפען אפט אזוי פיעל ליידענדע און קראנקע. פאסט יעדער טראגט זיך ארום מיט אירגענד וועלכען פעהלער, א שוואכקייט, א

וועהטאג — וואס דאס האט בשום אופן ניט געדארפט זיין אויב דער מענש וואָלט זיך געפיהרט ריכטיג לויט דיא געזעצע דער נאטור. אויסער דער נאטור איז דער מענש ניט געבאָרען צו זיין דער קראנקער, שוואכער, קאפריזנער, פערזוויערטער מענש וויא מיר זעהען איהם פאר אונז היינט. ער איז געבאָרען געוואָרען צו זיין גע־זונד, שעהן, זאנפט און אנגענעהם אין זיין בענעהמונג; צו האבען פערגניגענד פון זיין לעבען, ווארום א גראדער פערשטאנד קען עס אויספיהרען; און ווען דיא צייט קומט ענדליך אן אז מען דארף פאהרען צוריק אהיים, האט עס געדארפט געשעהן שפעט אין לעבען, ווען ער האט ערךייכט א הויכע עלטער, ווען ער האט אלעס גע־ענדיגט וואס ער האט אָנגעפאנגען; עס דארף געשעהן אָהן וועהטאג, אהן שמער־צען, אָהנע טיעפע זיפצען אזעלכע וואס טרייבען היינטיגע צייטען יונג אין דער ערד. נור מיט אזא זיסע פיהרונג וויא דער מענש פיהרט זיך אויף היינט, ווען מיט זיינע מעשים תעתועים האט ער פערדאָרבען כל חלקה טובה און האט ארויף געשלעפט אויף זיך אלע צרות, וויא קען ער דיעזעס אלעס ערווארטען?

דיא מענשהייט לעבט יעצט דורך־שניטליך בלויז 17 יאהר. דיא נאטור־פאָר־שער בעהויפטען דאס דיא מענשהייט האָט בעדארפט לעבען לויט דיא נאטירליכע געזעצע ניט וועניגער וויא א 200 יאהר דורכשניטליך. זייא ברענגען א בעוויז דערפון וואס יעדע זאך אויף דער וועלט לעבט אונגעפעהר 8 מאל אזוי לאנג וויא עס דויערט איהר זיך צו ענטוויקלען. דער מענש ווערבער ווערט ענטוויקעלט צו אונגעפעהר 21 יאהר — אנדערע ווילען האבען דאס ער איז ניט פאָלשטענדיג ענט־וויקעלט ביז 40 יאהר (בן ארבעים לבינה, זאגען אויך דיא אבות) האט געדארפט אם ווענינגסטענס לעבען אונגעפעהר 168 יאהר. וויא קומט עס אלזאָ דאס דעם נאטור־פאָרשערס רעכענונג וואס האלט אויס ביי אלעס אין דער נאטור וואס לעבט פון א גרעזעלע ביז דעם גרויסען עלעפאנט, זאָל ניט אויסהאלטען בייא דער מענש־הייט? דער תירוץ איז רבותי, דאס דער מענש לעבט ניט נאך דיא פראגראמע פון דער נאטור, וועהרענד אלעס אנדערע אין דער נאטור טהוען עס יא. דער מענש גראבט פאר זיך א קבר מיט זיינע אייגענע צייהן. זיי עסען איז משונה ווילד, ניט נאטירליך. דאס פערזאָרגט שוין דאס זיין גאנצע פיהרונג זאל זיין אויסער אָרד־נונג. דאס פלייש עסען און דער פייער וואס דיעזער פלייש צינדעט אן אין דיא מענשליכע געביידע, פעראורזאכט אלע צרות.

פלייש האט א ווירקונג צו דערהיצען דיא בלוט פון מענשען אזוי וויא שארפע געטרענקע אונגעפעהר. און דיעזע צוקאָכטע ווירקונג אויף דיא חושים און פעהיג־קייטען פון מענשען ווירקט אזוי וויא אויף א אָנגעצויגענעם וואנט זייגער וואס מען

עס פליהט דאן אין גרויס איי־לאזט לויפען אהן א פערפענדיקעל אדער געוויכט. עס פליהט דאן אין גרויס איי־ לענעס און לויפט אב אין איין שטונדע א גאנצע וואך פיעלייכט, אלע ווייכע וואלט מען דארפען צאהלען רעגט נאך דעם רעכענונג פון אזא זייגער. דיא בלוט ווען עס איז צוקאכט, לויפט אויך בחפזון גיך און שנעל, עס צורייצט דאדורך דיא נערוועך עס ציינדעט אן דיא תאוה, עס שוואכט אב און פעראורזאכט פערשיעדענע קראנק־הייטען וועלכע זיינען צום סוף דיא שטראפע פאר דיא וואס ברעכען דיא נאטירליכע געזעצע און געבאט.

צוליעב דיא אונפאסינגע שפייז ווערען אונזערע קינדער צו גיך און צו פריה ענטוויקעלט. דער נאטירליכער געוואוקס, דיא שטארקייט און דער חן פון דיא יונג־ווארג איז הייטע ניט וואס עס בעדארף צו זיין, דיא אורזאכע איז ווייל זייער גע־וואוקס ווערט מעכאניש געטריבען מיט דיא פעטטע און רייכע שפייז וואס זיי פער־צעהרען. א פלאנצונג וואס ווערט מעכאניש געטריבען קען אויך ניט בעזיצען דעם נאטירליכען געשמאק און חן. עס וועט פיעלייכט אויסוואקסען גרויס, גראב אבער אונגעלומפערט, און עס וועט ניעמאלס בעזיצען דיא נאטירליכע אייגענשאפטען. און אזוי איז אויך דער מענש, וועלכער איז אויך ניט מעהר וויא א פלאנצונג, "כי האדם עץ השדה." דער טאטע וואס קארמעט זיין קינד נאכאנאנד מיט פלייש, מיט ווורשט, מיט הערינג, מיט לימבורגער קעז און מיט ביער, דארף ניט זיין ערשטוינט אז ער וועט ווען עס איז שניידען אזעלכע תבואה וויא ער האט פער־זייט, שלעכטע שפייז מוז פארברענגען שלעכטע בלוט, און שלעכטע בלוט א שלעכטע בענעהמונג. דאס קינד וואס האט שלעכטע בלוט און צופיעל דערפון מוז זיך שלעכט אויפפיהרען, דאנגען עדעלע שפייז אזעלכע וויא פרוכט, קערנער און פלאנצונגען, רייניגט דאס בלוט. פון ריינע בלוט וועט זיך ביי'ן קינד ענטוויקלען א ריינער קערפער, א ריינע הארץ, א ריינע קאפ איידעלע געפיהלען, דער פונק פון רחמנות וועט האבען פלאץ וואו צו וואהנען אין ברייטקייט, און אזא קינד מוז ענד־ליך ווערען איין אדעלמאן.

א מערקווירדיגע זאך איז צו בעמערקען דאס אין רייכע הייזער ענטוויקלען זיך זעהר זעלטען גייסטרייכע קינדער. דיא גרויסע מענשען אויף דער וועלט קומען ניע פון רייכע עלטערן. דיא אורזאכע דערפון איז ווייל רייכע קינדער האדעווען זיך אויף צו רייכע שפייז. „הזהרו מבני עניים שמהם תצא תורה," לערנען אונז דיא אבות. פון דער קלאסע וואס עסען ברויט ביי'ן וואג און וואסער ביי'ן מאס, זיינען זייא וואס ענטוויקלען זיך אם מייסטענס צו זיין דיא גרויסע מענשען אויף דער וועלט.

אין דיא אלטע צייטען האבען מענשען ניט געגעסען פלייש אזוי פיעל וויא יעצט. אורזאכע, ווייל מען האט עס ניט געקענט בעהויפטען, מענשען האבען ניט געוואָהנט אזוי געדיכט צוזאמען, און א קליינער צאָהל איז ניט געווען. ביכולת צו האבען דיעזען גרויזאמען לוקסוס. צו עסען פלייש אָפט זיינען נור געווען פערמעגליך גאנץ רייכע לייט, דיא קעניגליכע פאמיליען. דאס איז טאַקע דיא אורזאכע ווארום דיעזע חברה זיינען געוואָרען אזעלכע באנדיטען, אזוי וויא דיא טיגערס זיינען זייא געוואָרען בלוט-דורסטיג. זייא האבען פערגעסען אז זייא אליין שטאמען פון מענשען, און האבען ביטערליך געפלאגט אלעמען אויף וועמען זייא האבען געהאט דיא אויבערמאכט. פאר ליאד א פרעטענזיע זיינען זייא באלד געפלויגען אין דער מלחמה און האבען פערפלייצט בלוט וויא וואסער, אויסער דעם זיינען זייא געוואָרען ליידענשאפטליך און אונמאָראַליש. עס איז יעצט מעהר קיין סוד דאס דיא גאנצע קעניגליכע חאלאסטערס פון דער וועלט מיט דיא גאנצע זאָגענאנטע אריסטאָקראַטישע פאמיליען, זיינען אלע געגריפען מיט דיא העסליכסטע קראנקהייטען פון וועלכע זייא וועלען זיך שוין קיין מאָל ניט אויסהיילען. עס געהט זיי איבער בסדר בירושה. אלע ווייסען אויך דאס א גרויסער טהייל פון דיא קעניגליכע פאמיליען אויף דער וועלט זיינען אדער אין גאנצען משוגע, אָדער זייא פעהלען אין פערשטאנד.

יעצט ליידער איז עס אזוי וויט געבראכט געוואָרען דאס איין יעדערער קען שוין לעבען אויף א קעניגליכען שניט, ער קען עסען פלייש וויא פיעל ער וויל, אזוי לייכט איז עס יעצט צו קריעגען. דער לוסט צו שטארקע געטרענקע איז דאדורך פערגרעסערט. ווארום פלייש מיט שארפע געטרענקע זיינען אלטע חברים. אז מען לאזט זיך טיעף אריין אין דער קאָמפּאניע פון דיעזע חברה, פיהרען זייא אוועק — ניט אין שוהל; און דיא ווירקונג וואס זייא מאכען אויף איינעם — איז ניט ער זאָל געהן זאגען תהלים. אויב איהר ווילט וויסען ווארום דער מענש פון היינט פערליערט גראדענווייס זיין עהנליכקייט צום דמות אין וועלכען ער איז בעשאפען; ווארום ער פערלאָזט דעם דרך הישר און פערקריכט אוועק נאך אלדע־שווארץ־יאהר; ווארום אזוי פיעל אונערבארעמליכקייט עקסיסטירט, און ווארום יעדער עדעלער פרינציפ ווערט יעצט געאָפּפערט אויף דעם מזבח פון אייגענוציגקייט — אויב איהר ווילט וויסען דיא אורזאכע פון דאס אלעס, דאן זייט מוחל און בעטראכטעט מיט א גוטע אויג דעם אָרט נאהרונג פון היינטיגע מענשען און איהר וועט דעם סוד דערגעהן.

„דער מענש איזט וואס ער איסט,“ זאגט א דייטשעס שפּריכ־וואָרט. דאס מוז זיין דיא אורזאכע ווארום מיר זעהן צווישען מענשען אזוי פיעל בהמות, חזרים און אנדערע ווילדע חיות.

קאפיטעל 3.

דיא אלע וועלכע עסען בר־מנן בעהויפטען אז דיזעס מאכט זייא דיק און פעט, דיא גאנצע געזונד און קראפט ציהען זייא נור פון דיזער אכילה. מילא וואס אנבעלאנגט געזונד און שטארקייט וועל איך שוין נאכהער אויפווייזען דאס עס איז בלויז איין איינבילדונג; נור דאס דיזער ארט שפייז האט ביכולת צו מאכען דיק און פעט מוז איך צוגעבען אז עס איז אמת — שטרענג אמת. יעצט רבותי וועלען מיר זעהן וואס פעטקייט ברענגט פאר א נוצען אין דער מענשליכער געביידע.

איין יעדער וואס האט נור עטוואס געלערנט וויים, איין יעדער דאקטאר וועט עס אייך זאגען, דאס פעטס פאר דיא מענשליכע סיסטעמע איז וויא סם־המות. אויב חלילה בייא איינעם ווערט דיא ברוסט צו פעט, דאן איז מיט איהם ניט פרעהלאך. דיא טויזענדער מענשען וואס שטארבען א יאהר פון „ברייטהס־היזיז", איז עס נור דארום וויל דיא ניערען ווערען צו פעט, עס איז א בעוואוסטער פאקט דאס דיא אלע וואס נעהמען זיך דעם לעבען אהנע אורזאכע, אויך דיא יע־ניגע וועלכע האבען א נייגונג צו מערדערן, איז עס נור דארום וויל זייער מארך איז צו פעט. און אזוי איז עס מיט יעדער ארגאן אין מענשען. דיא פעטקייט אליין איז עפעס א מין קראנקהייט וואס איז געוועהנליך דער שרכן אדער פערמיטלער וואס מאכט בעקאנט און ברענגט צוזאמען פערשיעדען קראנקהייטען. דאס איז א פאקט וואס איז בעוואוסט אז עס עקסיסטירען אפילו בייא בהמות. אזעלכע בהמות וואס ווערען בכיון געפיטערט אום צו ווערען פעט. ווערען ענדליך אומגע־לומפערט נראב, גרויס און פעט און אין אזא צושטאנד קענען זייא לאנג ניט לע־בען. זייא שטארבען אימער פון אוננאטירליכע קראנקהייטען.

פעטע מענשען קענען ניט פערטראגען שווערע ארבייט אדער קעלט. זייא קענען ניט אויסהאלטען אהנע צו עסען איין טאג. עס פאלט פיעל שווערער א פעטען מענשען צו פאסטען א טאג וויא א מאגערן. ווארום דיא זעלבע פעטקייט פארדערט שפייז צו עקסיסטירען, עס מוז נאכאנאנד ערנעהרט ווערען און פעטע מענשען מוזען דערפאר פיעל עסען. איך האב אפילו געהערט פון פעטע מענשען

וויא זייא שווערען זיך מיט טויטע שבועות אז זייא ווייסען ניט פון וואס צו זאגען, אז זייא עסען בלויז זעהר ווייניג און דאס ווערען זיי כלומרשט פעט פון „שווענטס־דוכעם" (הייליגען גייסט). נור איך ווייס בעססער, זייא עסען און טרינקען פיעל — זייא מוזען עס טהאָן, ווייל דיא פעטקייט וואס זייא האבען אָנגעקליבען אויף זיך שרייט נאכאנאנד מיט קולות אז עס וויל עסען.

דיא מעהרסטע פעטע מענשען קענען קוים ארום געהן. דיא פיס קענען דיא שווערע לאסט ניט ערטראגען און זיי ליידען דערפאר זעהר אָפט אויף א שמערצליכען ארט. דאָקטוירים פערזיכערען זיי אז זיי ליידען פון רהעמאטיזם, נור עס איז ניט ריכטיג. דער פונדאמענט—דיא פיס, קענען ניט טראגען דיא שווערע געביידע, פאלגליך דיא שמערצען.

אָנצוזאגען א פעטען מענשען א פלעצליכע בשורה, איז פערבונדען מיט'ן גרעסטען געפאהר פאר איהם, אירגענד וועלכע אויפרעגונג איז פאר איהם געפעהרליך. א פעטער מענש שפיעלט זיך איינפאך מיט זיין לעבען ווען ער טרינקט שטארקע געטרענקע אביסעל איבער דער מאָס, אזא איינער דארף איבערהויפט גאר קיין משקה טרינקען. ווארום ווען דיעזער פרעהליכער קאָסטימער קריכט אריין אינעווייניג, לאָזט ער זיך פערנאנדער דאָרטען און ווען ער פאנגט אָן אבצושטאטען זיינע וויזיטען צו אלע אָרגאנען, פאראליזירט ער דיא גאנצע חברה. דיעזעס צורייצט דיא פעטקייט און עס שטעלט דאדורך דעם מענשען אין גרויס געפאהר. אויב איינער איז נייגיריג זיך צו פערזאָרגען מיט א זיכערען טויט, דאן זאָל ער צוערשט אויפבויען אויף זיך א טהורם פון בבל און דאן זאָל ער אָפט געהן אויף כיבוד, עס וועט איהם דאמאלס לייכט זיין צוועק גרייכען.

אויף דאס וואָס מען דענקט אז וואָס איינער איז פולער און האָט אין זיך פיעל בלוט איז א סימן פון א געזונדען צושטאנד, איז אויך איין אירטהום. אזעלכע מענשען זיינען יעצט רעכט אונטערוואָרפען צו אלע קראנקהייטען. דיא מיקראָבען וואס פערורזאכען דיא קראנקהייטען האבען אוואו צו שטעהען אין לאָזשי, און זייא האבען אויף וואָס זיך צו ערנעהרען בייא אזעלכע מענשען. אָבער ניט אזוי איז בייא דיא יענע מאָגערע לייט בייא וועמען זייא קענען ניט מאכען א בכבוד'ן לעבען. וויא אָפט הערט מען פון אזעלכע וואס האבען דוכט זיך אויסגעזעהן אזוי פעט און דיק זיינען פלעצליך אוועק געפאָהרען אהיים, דאָקטוירים זאגען אז דיא קראנקהייט אליין איז אָפט ניט געפעהרליך, דיא אורזאכע פון שטארבען איז נור דארום ווייל דער דער קערפער איז צו פיעל אויסגעניצט; און ביי וועמען איז נאך דיא געביידע אזוי פיעל אויסגעניצט וויא ביי דיא וואס פיטערן זיך נאכאנאנד מיט בר־מנן.

אום אויסצומיידען אזעלכע געפאהרען צו וועלכע א פעטער מענש איז אונ־טערוואָרפען, מוז אזא איינער אויפהערען צו בענוצען זיין קערפער אלס א בית־עולם׳ל איז וועלכען צו בעגראבען בהמות, עופות און פיש. ער מוז פערמיידען געמערדערטע שפייז און נור לעבען אויף איידעלע וועגעטעריאנישע שפייז. דאן קען ער בשום אופן אויף זיך ניט אויפבויען א טהורם פון בבל. עס איז בעוויעזען געוואָרען דאס אזעלכע שפייז האָט ביכולת צו מאכען אין א קורצע צייט פון א פעטען מענשען מאגער, פלינק און טהעטיג, וועהרענד א שוואכער און א מאגערער מענש ווערט אויף היא זעלבע שפייז בעלייבטער און קרעפטיגער. דיא אורזאכע דאפיר איז, ווייל עס איז נאטירליכע שפייז.

אונזערע אבות לערנען אונז אויך דאס דער וואס איז מרבה בשר, דער איז מרבה רימה ותולעה; דאנעגען דער וואס פיהרט זיך ריכטיג לויט דיא געזעצע דער נאטור, ווערט פון איהם אָבגעטהאָן אלע קראנקהייטען און אלע וויטאָגען.

קאפיטעל 4.

צווישען דיא אלע ברואים אין דער נאטור וואס עסען פלייש, זיינען דיא גאנצע קעציישע משפחה, וועלכע צעהלט אונטער זיך אזעלכע געשליפענע אדעל לייט וויא דער טיגער, דער לעמפערט, דער פאנטהער, דער לייב, אויך דיא גאנצע הינטישע חאלאסטרע, וועלכע בעשטעהט אויך פון לויטער אריסטאָקראטען אזעלכע וויא דער וואָלף, דיא בת־היענה, און אנדערע פערצוקענדע חיות: עס עסט אויך פלייש דער ראטץ, דער שפין, פערשיעדענע רויב־פויגלען, דער שארק (א מערדעריכער רויב־פיש) דער קראָקעדיל און א גאנצע מחנה עקעלהאפטע שרצים און גיפטיגע ברואים וועלכע זיינען צו פיעל אויס צו רעכענען; ואחרון אחרון חביב — אויך דער מענש!

צווישען דיא וואס עסען קיינע פלייש, צעהלט זיך דער הירש, דער שעפס, דער פערד, דער אָקס, דער עלעפאנט דיא טויב און א גאנצע ארמעע עדעלע חיות, וועלכע זיינען זאנפט און גוט אויס דער נאטור; אונשולדיג און געזעל־שאפטליך. ציינען ארויס זייער פריינדשאפט און לייסטען הילפע. געהען זיך ארום

לאנגזאם אין דער ליכטיגקייט פון דער זון, ווארום זייא האבען זיך ניט מיט וואס צו שעהמען פאר קיינעם. ווען עס קומט זייא אויס אמאָל אין א שטרייט, וועה־רען זיי זיך וויא העלדען, בראוו און אָרדענטליך, אום זיך צו בעשיצען. דאגעגען יענע הברה, יענע גזלנים — דיא פלייש־פרעסער זיינען געזיעגעלט פון דער נאַטור מיט׳ן שטעמפעל פון שלעכטסקייט, פון רציחה. אין יעדער צוג פון זייערע פינס־טערע פרצופים קען מען לייכט ארויסזעהן זייער נאַטור. ביי טאָג וואגען זייא זיך ניט צו צייגען אין דער ליכטיגקייט פון דער זון. נור בייא נאכט דרעהען זייא זיך ארום וויא עכטע גנבים און מערדער, און זוכען נור צו פערצוקען, צו פערניכטען און אויפצופרעסען.

עס איז שעהן — זעהר שעהן, עס פאסט טאַקע וויא נור צוגעוואונשען, פאר דעם קעניג איבער אלע בעשעפעניסע, פאר דעם מענשען וואס איז בעשאפען בצלמו בצלם אלוהים, זיך אזוי צו ערנידעריגען און שטעהען אויף דער זעלבער שטופע מיט אזא גרויזאמע, אונערבארמליכע געזינדעל. פאר דעם אידען איבער־הויפט, פאר דעם אריסטאָקראט צווישען מענשען כלומר׳שט, פאסט עס טאַקע גאָר וויא אָנגעמאָסטען זיך אויפצופיהרען אויף איין אָרט מיט אזעלכע שרצים און פערצוקענדע חיות. „קדשים תהיו כי קדוש אני,“ האט מען אייך אָנגעזאָגט, שעהנע הייליגע לייט קען מען זיין אז מען איז נאכאנאנד אָנגעפאקט מיט בר־מנן פון אלערליי זאָרטען, וויא עכט פערצוקענדע חיות!

אין דען ניטאָ גענוג פרוכט, פלאנצונגען און אלערלייא זאָרטען תבואה פון וועלכע מען קען ציהען חיונה בכבוד, אָהנע צו בעשמוצען דעם שכל און דיא עדעלע געפיהלען מיט דעם פלייש פון אזעלכע אונשולדיגע בעשעפעניסע וואס איהר דארפט גאר אייגענטליך שיטצען און ניט מערדערן און זייא אויפעסען וויא טיגערס? קען מען ניט לעבען בילליגער, בעסער, געזינטער, צופריעדענער אויף צמחים אָהנע זיך אָנצוזאפען מיט בלוט וויא א שוואם?

וויא שעהנער און מעהר בע׳חן׳ט זעהט אויס א טיש ווען עס איז געגרייט מיט זיסע, שעהנע, געזונדע פרוכט ושאר ירקות, וויא מיט פלייש און פיש. און אזוי וויא עס זעהט אויס אויפ׳ן טיש, גראדע אזא ווירקונג מאכט עס אויף דיא חושים און פעהיגקייטען פון מענשען.

דער שעהנער קאָליער פון פרוכט וואָס האָט אזא רייץ פאר דאס אויג; דיא עדעלע און פיינע אראָמא וואָס האָט אזא זיסע ווירקונג אויף דעם חוש־הריח; דער ליעבליכער געשמאַק וואָס מאכט אזא אנגענעהמע ווירקונג אויף דעם חוש פון גע־שמאַק, צייגט אז נור אזעלכע זאכען זיינען בעשאפען צום עסען פאר׳ן מענשען.

ניט אבער אזוי פלייש צו וועלכע דער מענש האט אייגענטליך גאר קיין נאטירליכע נייגונג. נעהמט צום בייספיעל איין אָקס, ווען ער לעבט האט ער ניט אין זיך קיין בעזאָנדערע אייגענשאפט וואָס זאָל צו ציהען דערויף דעם אפעטיט פון מענשען, וויא איין עפּעל למשל; ווען דער אָקס ווערט ערמאָרדעט און צאפּעלט זיך מיט גסיסה אין אַ ים בלוט, מאכט עס אויפ'ן מענשען אַ ווידערליכען איינדרוק, דאַ־מאָלס האט ער דערצו געוויס קיין נייגונג; ווען עס ווערט געשונדען און נאָכהער צושניטען האט עס דאן אויך ניט צו פיעל חן מיט לייטזעליגקייט אין דיא אויגען פון מענשען, דער ריח וואָס עס גיבט דאן פון זיך ארויס, איז איהם דאמאלס אויך ניט בעזאָנדערס אנגענעהם; געשמאַק איז דיא רויע פלייש אויך ניט, עס פאנגט נור דאן אָן צו האבען אַ שטיקעל טעם ווען עס ווערט פערפערטיגט מיט זאַלץ, פעפער ושאר ירקות און געקאָכט אָדער געבראָטען. דערפון, זאָגט וואָס איהר ווילט, קען מען נעהמען אַ בעווייז אז פלייש איז ניט אַ נאטירליכע שפּייז פאר'ן מענשען, ער האָט זיך דערצו נור צוגעוואָהנט זייט ער האָט אָנגעפאנגען צו זינקען; ער איז נור דאן געוואָרען אַ מיט ברודער מיט פערצוקענדע חיות זייט דיא נויט האט איהם געצוואונגען זיך צוגעוואָהנען צו דיא גרויזאמע שפּייז — פלייש. אויס דער נאטור אבער איז דער מענש קיין פלייש עסער. זיין ערשטע שפּייז איז געוויס געווען פרוכט, ווארום אין יעדער צייט אין דער היסטאָריע דער מענשהייט האבען פלאנצונגען גע־שפּיעלט דיא הויפּט ראָלע פון דעם מענשען'ס עסען, דיא מעהרסטע מענשען אויף דער וועלט, אפילו היינט, לעבען הויפּטזעכליך נור אויף תבואה. עס האט געמוזט זיין אַ שרעקליכער הונגער וואס האָט איהם צו דיא שווידערהאפטע פלייש־שפּייז גע־טריבען און האט איהם ענדליך דערצו איינגעוואָהנט. ווארום זאָגסט וויא קען עס מעגליך זיין דאס דער מענש וועלכער איז אויס אינסטינקט פול מיט רחמנות, און אז ער דערזעהט אַ צובלוטיגטע און צוהרגעטע בעשעפענים קען ער באלד אריין פאלען אין אַ טויט־חלשות אויס מיטלייד, היתכן דאס אזעלכע שפּייז זאָל פאר איהם זיין נאטירליך? און ער זאָג נאָך דאס עסען מיט נייגירדע און פערגניגען. עס איז בלויז אַ געוואָהנהייט — אַ שרעקליכע געוואָהנהייט,

„זאָל מען ניט פּרובירט ווערען צו וואס מען קען געוואָהנט ווערען," זאָגט אַ אלטער שפּריכ־וואָרט. אַ בעווייז קען מען נעהמען פון טאבאק. ווער וואָלט עס גאָר ווען גלויבען דאס דער מענש מיט אזא ידעלען געשמאַק פאר אנגענעהמעס, וועט זיך אַ מאָל צוגעוואָהנען צו אזא העסליכע געשמאַקלאָזע, ביטערע זאַך וויא טאַ־באַק? פון דעסטוועגען האָט זיך דיא מענשהייט דערצו אזוי צוגעוואהנט דאס אי־בער אַ העלפט וועלט קייען, רויבען אָדער שמעקען טאבאק, און דיעזעס ווערט נאָך

היינט בעטראכטעט אלס א דעליקאטענער לוקסוס. עס גיבען פיעלע וואס וועלען גיבער פערבייגען דעם פערגניגענד צו עסען א גוטען מיטאָג וויא בנעבען דעם פערגני־גענד צו בעפריעדיגען זייער נייגירדע פאר טאבאק, דאס זעלבע איז אויך מיט שנאפס פון דעמסטוועגען קען מען ניט זאָגען אז דער מענש איז געבאָרען צו קייען, רויכען, שמעקען טאבאק אָדער טרינקען שארפע געטרענקע. דאס צייגט אלזאָ אז צו וואס דער מענש געוואהנט זיך צו, געפינט ער עס נאכהער פאר א נויט־בעדיר־פטיגע זאך.

רייזענדע דערצעהלען דאס אין איסט־אינדיא וואו אלע אָהנע אויסנאהמע רויכען, קען מען אָפט זעהן וויא א מוטער וואס זויגט א קינד נעהמט זעהר אָפט ארויס דיא ברוסט פון קינד'ס מויל און רוקט אנשטאט דעם אריין דיא פייפ טאבאק וואס זיא אליין רויכט. אויף אזא ארט געוואהנט זיך דאס קינד צו מיט דעם אראמא פון טאבאק, ביז עס ווערט זיין צווייטע נאטור. פרובירט עס איהם נאכהער ניט געבען, איז ער זעהר ערגערליך, קרענקליך און בענקט נאכדעם. דיעזעלבע איז אויך אין אונזערע געגענדען מיט פלייש. דאס קינד געבאָרען פון פלייש־עסענדע מענשען, ווערט פון קינדוויים אן געלעהרענט צו עסען פלייש, דעם ריח פון געבראָטענע פלייש הערט ער נאכאנאנד ביז עס ווערט אויך זיין צווייטע נאטור, פרופט עס איהם נאכהער ניט געבען און ער איז אוים מענש.

איידער מען האָט אָבגעוואָהנט פון קאניבאליזם דיא שווארצע לייט אויף דיא פידשי (Fiji) אינזלען וואס ליעגען ביים פאסיפיק ים, האט עס געקאָסט געגוג מיה, נאָך אויף היינטיגען טאָג דערצעהלען דיא וואס ווייסען, אויב איינער קען אין דער שטיל קריגען א ווייסען מענשען, הויפטזעכליך א יונג פרויא אָדער א קינד עסט ער עס מיט גרוים נייגירדע.

מען דערצעהלט פון א קינד וואס מען האט פון קינדוויז אָן געהאָדעוועט בלויז אויף פרוכט און פערשיעדענע פלאנצונגען. דיעזעס קינד איז געוואָרען אויפ־געוואקסען שעהן, שטארק, אינטעליגענט. דיא חושים זיינען בייא איהם געווען בע־זאָנדערס פעהיג. ער האט געקענט זעהן ווייטער, הערען בעסער, שפירען פון דער ווייטען גיכער, וויא אלע מענשען ארום איהם. ער האט געקענט פערטראָגען מעהר מידיגקייט, איז געווען איבער פרעהלאך און לוסטיג, ניעמאלס געווען מרה'שחורה'דיג און האט קיינע ניעדעריגע נייגונגען געהאט.

ענדליך האָט מען איהם אָנגעהויבען צו שפייזען אויף פלייש, דעם ערשטען מאָל איז ער באלד אין חלשות אריין געפאלען פון עקעל. דער ריח דערפון האט אויף איהם פירכטערליך געווירקט. ווען ער האט עס אם ענדע געצוואונגענערהייט

גענעסען, האָט עס זיין מאָגען ניט געקענט פערטראָגען און ער האָט עס צוריק אַרויסגעוואָרפען. מען האָט איהם איין מאָל פערפערטיגט אַ געריכט און דאַרין איז געווען פערמישט פלייש, פון וועלכע ער האָט ניט געוואוסט, ער האָט עס אָבער באַלד דערשפּירט און האָט בשום אופן דאָס ניט געקענט עסען.

מען האָט איהם אָבער ענדליך צו פלייש צוגעוואָהנט, און ער האָט עס ליעב געקריעגען. אָבער אין פערלויף פון צייט איז ער געוואָרען ניט דער זעלבער מענש וואָס ער איז געווען. זיינע חושים זיינען געוואָרען שוואַכער און שוואַכער ביז ער איז צום סוף אַרונטער צו דער מדרגה פון אַלע.

געוואָהנהייט שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע ביי'ן מענשען. געוואָהנהייט ווערט אין פערלויף פון צייט דיא צווייטע נאַטור. געוואָהנהייט ענדערט דעם ערעלסטען מענש צו אַזעלבעס וואָס איז איהם אויס דער נאַטור אַבשטויסענד און עקעלהאַפט. אין דער קירצליכער מלחמה מיט שפּאַניען, זיינען איידעלע פרויען, אַזעלכע וואָס וואָלטען אין דער היים ניט געקענט פערטראָגען דיא בכות פון אַ מושיקען, אַרום געגאַנגען אויף דעם שלאַכט־פעלד אין דיא טייכען בלוט און צווישען דיא בערג צוריסענע גליעדער פון דיא נהרגים, אַזוי געלאַסען, אַזוי רוהיג, און עס האָט אויף זייא אַזוי זעהר וועניג געווירקט, אַקוראַט וויא זייא וואָלטען נאַר שפּאַצירט אין אַ בלומען גאַרטען און וואָלטען גאַר געהאַט געקליבען בלומען אַנשטאַט צו באַנדאַזשירען דיא גרויזאַמע וואונדען פון דיא פיעלע פערוואונדעטע — געוואָהנהייט האָט עס געמאַכט.

געוואָהנהייט ווירקט אויך אויף אַנדערע לעבעדיגע בעשעפעניסע, עס איז בעוויעזען געוואָרען דאָס מען קען לייכט צוגעוואָהנען אפילו בהמות צו פלייש. אַ געווויסער נאַטור פאָרשער האָט צוגעוואָהנט אַ קוה און אַ שעפּס צו אַ ביף־סטייק און צו קאַפּע, און זייא זיינען אין פערלויף פון צייט דערצו אַזוי צוגעוואָהנט געוואָרען, ביז זייא האָבען אפילו ניט געוואָלט אַ קוק טהאָן אויף דיא גרינסטע גראָז. מען האָט אָבער אויף זיי באַלד געקענט בעמערקען דאָס עס פעהלט זייא עפּעס, דאָס זייא זיינען קיינע נאַטירליכע בריאות.

אַ וועכטער אין נויאָרקער טהיר־גאַרטען האָט סירצליך בעריכטעט דאָס מאַנקיס, וועלכע זיינען נאַטירליך פרוכט און ניס עסער, קענען לייכט צוגעוואָהנט ווערען צו פלייש. דיעזער מאכל אָבער מאַכט זייא זעהר ערגערליך און עס פערקירצט זייא דיא יאָהרען.

דיא וויסענשאַפט ערקלעהרט דאָס דער מענש האָט קיין עהנליכקייט צו דיא חיות וואָס פערצוקען. אין זיין געביידע איז ער עהנליך צו אַלע וואָס לעבען אויף

פרוכט. צום אראנג־אוטאנג צום ביישפיעל, וועלכער איז עהנליך צום מענשען און וועלכער לעבט נאטירליך בלויז אויף פרוכט און ניס, אבוואהל מען קען דיעזען יחסן צוגעוואהנען צו עסען געפילטע פיש, לעבער מיט שמאלץ, טשאלענט, טשו־טאבאק און צו נאך אזעלכע ווילדע מאכלים.

נאך א זאך דארף מען נעהמען אין אנבעטראכט וועלכעס איז מערקווירדיג. אויס דער נאטור פערצוקען חיות נור אזעלכע אנטקעגען וועמען זייא האבען א נא־טירליכע אנטיפאטהיע, וויא דיא קאטץ געגען דיא מויז צום ביישפיעל, וויא דער וואלף געגען דעם שעפס, וואס ער מוז עס ערמארדען באלד וויא ער האט נור דיא געלעגענהייט. דער מענש אבער האט קיין שום אנטיפאטהיע צו דיא בעשעפעניסע וועלכע ער פערצעהרט. אדרבה, ער לעבט מיט זייא זעהר גוט, און האט זייא נא־טירליך זעהר ליעב. א קליין שעפסעלע, קעלבעלע, אדער הינדעלע האבען אלע ליעב במעט וויא א בייבי. עס איז נור דיא אונגליקליכע געוואהנהייט וואס האט איהם איינגעוואהנט דיעזע גוטע און הילפלאזע בעשעפעניסע צו מערדערן פאר זיין שפייז.

אנפאנגס פלעגט דער מענש נור מערדערן ווילדע חיות, בעהויפטען אלע שרייבער וואס גיבען זיך אב מיט דער אלטערטהימליכקייט און אורשפרונג פון מענ־שען. נעבסטענס האט ער זיך גענומען צו פיש און צו פויגלאך; נאכהער איז ער גע־ווארען נאך מעהר בלוט דורסטיג .און האט אנגעפאנגען צו מערדערן דיא אונשול־דיגע און גוטע בהמות וואס העלפען איהם אין זיין ארבייט. שפעטער איז ער גע־ווארען נאך מעהר בלוט דורסטיג און האט פאר ליאד דיא קלענסטע פריטענזיע. פאר דיא גרינגסטע נארושקייט אנגעפאנגען צו פיהרען מלחמות און פערפלייצען דיא וועלט מיט בלוט און בעשפרינקלען געדיכט מיט יתומים און אלמנות — וואו דער עדעלער תכשיט וועט ענדליך פערקריכען, ווייס מעהר ניט וויא דער שווארץ־יאהר.

עפעס זיינען דיא עדעלע חושים פון שמעקען און געשמאק אין מענשען אזוי פערדארבען געווארען דורך שמוציגע געוואהנהייטען, דאס קיין עדעלעס קען ער שוין ניט מעהר פערטראגען, נור צו שארפע, שטארקע, זויערע, ביטערע און אלע אנדערע אזעלכע זאכען ציהט איהם זיין נייגונג. ווען דער מענש איז יונג, אקארשט פריש פון גאט, האט ער א נייגונג צו פרוכט און זיסע זאכען. אזוי האלט עס אן געוועהנליך ביז ער ווערט צוגעוואהנט צו בר־מנן און זיין געשמאק ווערט דאדורך אזוי פער־דארבען אז ער קען אין לויף פון צייט ניט מעהר פערטראגען אזעלכע עדעלע שפייז, עס האט אזא רייץ פאר איהם וויא שטרוי. בייא דעם יעצטיגען מענשען איז איינ־גערעדט אז ער פערליערט זיין געשמאק פאר פרוכט נור דארום ווייל ער ווערט

עלטער און קליגער; ער בעטראכטעט עס פאר א גרויסע נארישקייט אז מען האט דערצו א נייגונג. פאר קינדער פאסט עס, זאגט ער. נור אז אך און וועה איז שוין צו אזא חכמה. דער מענש ווייסט ניט וויא גרויס זיין פערלוסט איז ווען ער פער־ליערט זיין עדעלען געשמאק. וועה צו דעם מענשען אז מערדערן און אויפעסען אלערלייא אונפאסיגע בריאות איז א חכמה, און צו האבען א נייגונג צו פרובט איז א קינדערשע נארישקייט.

קאפיטעל 5.

מילא אויב איינער עסט פלייש ווייל ער איז געצוואונגען דערצו דורך אומ־שטענדען, ווייל זיין אפעטיט און זיין געוואהנהייט זיינען שטארקער וויא זיין ווילען און כאראקטער, איז עס נאך וויא עס איז פערצייהליך; נור ווען איינער שפארט זיך נאך, און האלט בסדר אין איין טענה'ען דאס דיזער ארט שפייז איז אויס דער נאטור דער ריכטיגסטער; אדער ווען ער נעהמט נאך דיא פרעכהייט צו בעהויפטען דאס זיין רעליגיאן, וואס אויסער עס בעשטעטיגט אזא מין ארט שפייז הייסט עס און פאדערט נאך זאגאר צו מערדערן לעבעדיגע בעשעפעניסע און זייערע פלייש צו געברויכען אויף זיינע שבתים און ימים טובים, וויא כפרות שלאגען למשל, אדער וויא מאנכע בעהויפטען אז עס איז א מצוה צו עסען בשר ודגים אום שבת און עס איז איינע פון דיא גרעסטע מצות צו עסען א שעפסענע קאפ אום ראש השנה — דער ווער עס טהוט אזא זאך אין דעם נאמען פון רעליגיאן און איז נאך ניט משוגע אויף טויט, דער צייגט איין היפאקריטישען און געמיינעם גייסט, וויא עס פאסט פאר איין עכט קאלט־בלוטיגען מערדער.

וואס איז נאך אזוי גרויזאם וויא דיא סצענע וואס מען זעהט אין מאנכע אי־דישע הייזער ערב יום כפור — דיא נאבעלסטע צייט אין יאהר פון יעדען רעכט־דענ־קענדען אידען. צו בעטראכטען דיא פאנאראמא דארטען וויא עס ליעגען אין דיא ווינקלען היהנער און העהנער, זייערע פיס און פליגעל געשוואלען, צושניטען מיט שטריק מיט וועלכע זייא זיינען געבונדען; ליעגען און צאפלען זיך און קרעכצען נעביך

ביטערליך, וואס איז? דער מענש האט געזינדיגט, האט אונריינע געוויסען און האָט בלוטר׳שט מורא פאר גאָט, דערפאר דארף ער אָפּפערן אונשולדיגע בלוט פאר א קרבן אום מכפר צו זיין אויף זיינע זינד. אויב ער האָט אזוי שטארק מורא פאר זיינע זינד, דאן דארף ער זיך איינהיטען ניט אזוי פיעל און אזוי געדיכט צו זינדיגען; וויל ער אבער דוקא זינדיגען, טאָ ווארום געהט ער ניט אליין א כפרה פאר זיך און פאר׳ן גאנצען כלל ישראל? פאר וואָס זאָלען עפּעס אונשולדיגע בעשעפעניסע נעביך ליידען און געהן פון דער וועלט פאר דער צייט דארום ווייל איהם ווילט זיך זינדיגען? מיט וואס פאר א רעכט קען דאס עפּעס אזא תכשיט צונעהמען א לעבען פון א בעשעפענים, א זאך וואס ער האט ניט געגעבען, קען צוריק ניט אוועקגעגעבען, אָדער עס בעפריעדיגען נאכהער וויא ער האָט עס בערויבט?

אויב צום ביישפּיעל דיא „נפילים״ — דיא ריזען, פון וועלכע דיא תורה דערצעהלט אונז, וואָלטען נאך היינט אויך עקסיסטירט, און זייא וואָלטען אויך געהאט אזעלכע משונה׳דיגע מנהגים וואָס וואָלטען פאָרדערן אז זייא זאָלען נעהמען שוואכערע בעשעפעניסע און מיט זיי שלאגען כפרות; און זיי, דיא הויכע דייטשען, דיא נפילים, וואָלטען פאר א ביישפּיעל, געכאפּט איינעמס א שווינער און מיט איהר אָבגעשלאָגען כפרות. שטעלט זיך פאָר וואָס עס וואלט זיך דאן אָבגעטהאָן! דיא וועלט וואָלט דאך אויף געווען מיט דיעזע גרויזאמקייט. מען וואָלט באלד פערופען איין אסיפה — א מאסענפערזאמלונג, וואו יעדערער וואָלט ארויס געצייגט זיינע חכמות, און מען וואָלט שטארק דעבאטירט, אין מען וואָלט זיך געקאָכט, און פּראָטעסטירט! מען וואָלט פּראָטעסטירט און גערעדט געדיכט ארום יושר, און מען וואָלט יענע לאנגע דייטשען געמאכט צו קויט און צו בלאָטע פאר אזא געמיינע האנדלונג. און אויב עס וואָלט נור געווען מעגליך וואלט מען זיך נוקם ונוטר געווען אָן זייא. עפּעס א קלייניגקייט שלאָגען כפרות מיט א שווינער! און דאָ נעהמט מען שוויגערס און מען שלאָגט כפרות מיט זייא פראנק און פרייא, און דאס נאך אין דעם נאמען פון גאָט!

אין דעם נאמען פון גאָט אז מען עסט בר־מנן איז א נידערטרעכטיגע געמיינהייט. וועלכע אלע נביאים האבען פערדאמט. עס איז עפּעס אזא מין אונפערצייליכער פערברעכען, דאס עס האט דיעזע געטליכע מענשען נאכאנאנד אויפגערעגט. כמעט יעדער נביא דונערט מיט זיין שטמע געגען דיעזע היפאקריסי, וויא איך וועל אין א שפּעטערדיגען קאפּיטעל צייגען באריכות. לאָז יעדער רעכטדענקענדער מענש בעטראכטען דיא גרויזאמקייט וויא א שוחט שטעהט איבער א היפּלאָזע אונשולדיגע בעשעפענים, וואס האט איהם ניע קיין שלעכטעס

געטהאן, א בעשעפּענים וואס זעהט וויא ער, וואס הערט וויא ער, וואס פער־שטעהט, וואס געהט, וואס עסט, וואס טרינקט, וואס שלאפט וויא ער; וואס איבערשטייגט איהם אין שטארקייט, אין שנעלקייט, וואס קען מעהר אויסהאלטען מידינקייט, וואס איז מעהר געדולדיג, וואס האט מעהר קוראזש, וואס ליעבט און איז געטרייא — און אזא לעבעדיגע, געפיהלפאלע בעשעפּענים, איז ער אומערבא־רעמליך גענוג קאלט־בליטיג צו מערדערן, און האט נאך דיא חוצפה צו מאכען א ברכה; „ברוך אתה יהוה אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על השחיטה!"

איהר פערשטעהט חאטש וויא ווייט א מענש קען ווערען פרעך? אריין צו זאגען א ליגען מיט א גרויסען למ״ד גאט אין דיא אויגען, אז ער — דער אל רחום וחנון, האט עס איהם, דעם טהייערען תנא ברא, געהייליגט מיט דער מצוה פון מערדערן! אזוי פיעל חוצפה קען נור בעזיצען א שוחט — און פוטיפר'ס ווייב.

איך פערשטעה ניט דעם פיהרונג פון שדי און ווייס ניט וואס עס טהוט זיך דארט העבער פון מיר, און איך קען דערפאר ניט בעהויפּטען אויף געוויס אויב עס איז ווירקליך דא א גן־עדן און גיהנום וויא מאנכע פערזיכערן, אדער ניט. נור איין זאך וואלט איך אבער געוואלט בעמערקען, דאס אויב עס איז חלילה קיין גיהנום ניטא פאר אזעלכע היפאקריטישע חברה, דאן זאגט וואס איהר ווילט, האט אזא מקום זעהר נעטהיג יא געדארפט זיין. און אויב צווישען דיא פהילאנטראפען, הייליגע גבאי'טעס און עוסקים־בצרכי־צבור'ניקעס געפינען זיך אזעלכע וואס וואלטען זיך אונטערגענומען צו בויען אזא מין מקום, דורך א סובסקריפּשאן־פאנד, דאן וואלט איך דער ערשטער זיך דארויף אונטערגעשריעבען און א האלב פון מיין קעניגרייך וואלט איך מנדב געוועו אויף אזא הייליגען צוועק. נאר ביז עס וועט נאך עפּעס ווערען, וואלט גלאט ניט געשאדט צו פערופען א פאר מאסענפערזאמלונגען און שוין דערווייל זיך א לאז טהאן איבער דער מדינה און גיצהן אויסקלייבען אויף דעם רעכנונג פון דעם נייען בנין, וועלכע פיעלע גיבען יעצט צו אז עס איז זעהר נעטהיג פאר אזא היפאקריטישע כנופיא — פאר דיא וואס מערדערן אין נאמען פון גאט — פאר דיא שועלים וואס זיינען דיא איינציגע פעראנטווארטליך דארום וואס מענשען עסען פלייש. ווארום אויב עס וואלט ניט געוועו וועגען דיעזע לייט — שוחטים און דיא קצבים, איז נאך דער מענש ניט אזוי אונערבארעמליך דאס ער זאל מערדערן א לעבעדיגע בעשעפּענים יעדען מאל ווען ער געהט עסען א מאהלצייט; און קיי־נער פון אונז, אויסער עמלק'ים שותפים וואלט עס אזוי גיך ניט געטהאן. נור אז מען קריגט שוין דיא סחורה פערטיג געמערדעטע, שעהן פערפערטיגטע, דאן איז

שוין נים אזא גרויסער וואונדער אז מענשען געפינען דארויף איין היתר.

דיא זעלבע חאלאסטרע וועלכע האבען אין זייער יוגענד געפליקט און צוריסען פליגען — בלויז פאר א שפאס; דיא יעניגע לייט וועלכע האבען קינדוויים געטראָ־טען אויף אינזעקטען בכיון — בלויז אוים פערגניגענד; יענע געשליפענע אדעל־לייט וועלכע פלעגען יונגערהייט בראָטען פריישלאך אויפ׳ן אויוועז — בלויז אוים צייט פערטרייב; דיעזע אריסטאָקראטען זיינען געוואָרען ווען זייא זיינען אויפגעוואקסען— קצבים. ניט אומזיסט זאָגט דער תלמוד אויף זיי: „טוב שבטבחים שותפו של עמלק.“ מען קען פון דיעזעם אונגעפעהר האבען א בעגריף וואס פאר א טהייערער סוחר עמלק איז געוועז, אז דער בעסטער בוטשער איז זיין שותף.

ווער פון אונז וואָלט וועלען אז זיין קינד זאָל ווערען א בוטשער? פאר וואָס טאקע נים א בוטשער? אויב עס איז איין אָרדענטליכע פרנסה, טאָ ווארום נים א בוטשער? נור פון דעסטוועגען וויל דאס קיין עדעלער מענש נים. ווייל אונזער אינ־סטינקט לערנט אונז אז „שוחט השור מכה איש“ — דער וואס מערדערט א אָקס איז גלייך מיט אלע מערדער צוגלייך, און דאס איז דיא אורזאכע ווארום מיר האבען אלע אזא פעראכטונג דערפאַר.

נור שעהן איז צו זעהן וויא צווישען אחינו ב״י פונגירט נאך א שוחט אלס א הייליגער מענש. אין דערזעלבער צייט ווען מען ערלויבט נים אזא איינעם צו זיצען אין א דזשורי אין גאנץ ענגלאנד, ווייל מען האלט נים אז א שוחט־השור זאָל זיין פע־היג צו האבען א גענויען בעגריף און זאָל קענען ריכטיג אורטהיילען צווישען רעכט און אונרעכט — אין דערזעלבער צייט שפיעלט נאך זאָ איינער בייא אונז א פראָ־מינענטע ראָלע אלס א מין גייסטליכער, רחמנא לצלן. אזא איינער איז געוועהנליך א מוהל, א מסדר קדושין, א חזן — א גאנצער „יא טעבע דאס,“ און רופט זיך גע־וועהנליך „רעוורענד“ (עהרעווירדיגער); און אז מען דערכאפט אזא קאָסטימער פליקענדיג פעדערן פון א טשיקען וואס האט נאך אלע געפיהלען פון לעבען, וויא עס האט פאסירט אין פהילאדעלפהיא מיט א קורצע צייט צוריק*, איז ער זיך מישב און טיטולירט זיך נאר מיט דעם טיטול „רב;“ און דיא צייטונגען בעריכטען נאכהער באריכות און מאכען חוזק וויא אזוי בייא אידען פליקען פעדערן זייערע רבנים, און דיעזע לייטע זיינען נאָך אזוי אונערבארעמליך געגוג, דאס זייא פליקען געוועהנליך דיא פעדערן ווען דיא געפליגעל לעבען נאָך. אזא געשיכטע גיבט דעם אידען נאטירליך צו זעהר פיעל חן מיט לייטזעליגקייט. ווארום וואס פאר א בעגריף

*) אזא פאל האט פאסירט אין פילאדעלפיא דעם 27טען דעצעמבער 1898.

קען מען ווירקליך האבען פון א פאָלק וואס זייערער א רב שטעהט אירגענדוואו אין א
שמוציגען שטאהל אָנגעטהאָן בגדי־מלכות, מיט גרויסע שטיוועל פערשמירט מיט
בלוט און בלאָטע און קוילעט דאָרט און פליקט פעדערן בשעת דיא בעשעפענים
האָט נאך אלע געפיהלען פון לעבען? קען מען ערווארטען עפּעס אנדערש וויא
לעג און קלם?

זייט מען האָט אָנגעפאנגען צו בעטראכטען א שוחט פאר א הייליגע זאך —
פאר א כהן־גדול; זייט א בוטשער שאפּ איז געוואָרען עפּעס א מין טעמפּעל —
דורך וועלכען לייטע מיינען אז זייא דיענען גאָט; זייט דער גענרייטער טיש מיט
בר־מנן איז געוואָרען עפּעס א מין מזבח — אויף וועלבען לייט זיינען מקריב בשר־
דנים לכבוד שבת: זייט רבנים זיינען געוואָרען אגענטען פאר שלאכט־הייזער
און האבען פערשלעפּט דיא שעהנע אידישע רעליגיאָן אין דער קיך — זייט דאן האָט
ליידער דער יודענטהום פערלאָרען אָהן א שיעור פון זיין גלאנץ. דער אינטעליגענ־
טער עלעמענט מאחינו ציהען זיך צוריק מיט עקעל ווען זייא זעהען דאס אנשטאט
איין עם חכם ונבון, איין עם כהונה וגוי קדוש, וויא מיר האבען בעדארפט זיין, זיי־
נען מיר גאָר געוואָרען איין בשר־כשר געזעלשאפט, עפּעס א מין פעראיין וואס מעהר
וויא פון זאכען וואָס אנבעלאנגט דיא אכילה אינטערעסירט אונז נית. ווער מיט פער־
שטאנד קען צוזעהן אזעלכע לעבערליכע זאכען וויא עס געהן פאר היינט אין דער אידי־
שער מחנה און קען בלייבען גלייכגילטיג דערבייא? דאס איז טאקע דיא אורזאכע
ווארום מיר האבען אזוי פיעל סעקטען און ווארום מיר האבען קיין שלום פון אינע־
ווייניג — דער גרעסטער אונגליק פאר אידען פון אייביג אן.

קאַפּיטעל 6.

דער יעניגער וואס איז בעקאנט מיט דעם אינסטינקט וואס הערשט בייא
חיות, ווערט אייך דערצעהלען דאס זייא פיהלען אויך ווען מען טהוט זייא וועה, דאס
זייא שפּירען אויך ווען מען בערויבט זייא פון וואס עס איז בייא זייא ליעב. איך
האָב שוין א מאָל אליין געזעהן וויא נאכהער אז מען האט צוגענומען א יונגע קעל־
בעל פון איהר מוטער האָט זיא — דיא מוטער, געברומט מיט א ביטערליכען ניגון,
אקוראט וויא זיא וואָלט זיך געהאט געבעטען דאס מען זאָל איהר אָבגעבען איהר

טהייערקייט. מען האָט איהר גאָר ניט געקענט איינשטילען. נאכהער וויא דער כהן־גדול, רחמנא לצלן, האט געמערדערט דיא קעלבעל, האָט מען איהר פעל ארונ־טער געצויגען און מען האָט עס אנגעשלאגען אין וואנד פון שטאהל בכדי עס זאָל זיך שנעל אויסטריקענען אום מען זאָל קענען וואס גיכער מאכען שעהנע שטיוועל פאר א פאָר פראנטען. ווען דיא קוה — דיא מאמע פון דיא קאלב האָט דיא פעל־כּ֗ל פון איהר קינד דערקענט, האט זיא ארויס געגעבען א געשריי, וועלכעס איז ווירקליך געווען א זעקה גדולה ומרה, דיא אונגליקליכע מאמע האָט נאכהער דיא פעל פון איהר קינד נאכאנאנד געלעקט, ביז מען האָט עס געמוזט ארונטער נעהמען.

צו בעטראכטען וויא א הוהן בעשיצט איהרע קינדער מיט איהרע פליגלען און וויא זיא שיצט זייא פון קעלט, פון א שונא און בעזאָרגט זייא מיט עסען, וועלכע צוברעקעלט פריהער אויף קליינע שטיקעלאך און קארמעט זייא, מוז מען צוגעבען דאס זייא האָבען געפיהל וויא מיר יחסנים.

שעקספיר זאָגט. דאס איין זשוק אויף וועלכען מיר טרעטען ארויף און טעד־טען, האָט גראדע אזוי פיעל שמערצען שטארבענדיג וויא דער גרעסטער ריעז.*

וויא פיעל מענשען ווייסען, וועלכע שמערצען און יסורים דיא ארעמע בהמה אָדער עוף געהט פריהער דורך איידער זיא איז ערמאָרדעט געוואָרען. קען מען דאס גאר שילדערן, דענקט איהר? נור דיא שרעקליכע סצענעס וויא דיא ערמאָרדעטע בהמה ליעגט אין א טייך בלוט און צאפּעלט זיך מיט דער גסיסה איידער זיא הויכט אויס איהר לעבען, ווערט זעהר זעלטען בייגעוואָהנט בייא אזעלכע וואס וואָלטען בלתי ספק געוואָרען געריהרט אז זייא וואָלטען עס זעהן; און זייא וואָלטען שוין נאכהער ניט געגעסען מיט אזא שמחה און נייגירדע דעם קערפּער פון אזא ברוטאַ־ליש געמערדערטע בעשעפענים און פערפערטיגט אלערלייא מטעמים דערפון, נור זייא זעהען עס זעלטען. און וואס דיא אויג זעהט ניט פיהלט ניט דאס הארץ.

אזעלכע ברוטאליטעטען וויא עס איז אָפט צו זעהען אין דיעזע ערטער וואו מען שעכט און מען מערדערט דיעזע ברואים איז איינפאך גרויזאם. איך האב שוין אליין געזעהן אין א פלאץ וואו עס ווערען געשאָכטען פיעל געפליגעל, וויא עופות זיינען געפּיקט געוואָרען אזוי שנעל וויא דער שוחט איז נור אריבער געפאָהרען מיט זיין חלף איבער'ן האלז און דער עוף האט נאך געהאט אלע געפיהלען פון לעבען. דאס ווערט אָפט געטהאָן בכדי עס זאָל אויסזעהן שעהן און ניט ארום געריסען; וואָרום

* Measure for Measure, Act 3. Sc. I.

ווען דער עוף ווערט אָבגעקיהלט און עס ווערט דאן געפליגט, רייסט זיך אָפּ די הויט, דערפאר מוזען זייא געפליקט ווערען לעבעדיגערהייט, קאטשקעס וועלכע זיינען בעוואוסט צו לעבען און ארום צו געהן נאך דער שחיטה א רעכטע צייט, ווערען אויך אזוי אונערבארעמליך געפליקט; און די פאנאראמא צו בעטראכטען ווי א אָבגעפליקטע קאטשקע געהט ארום און עס טריפט בלוט פון איהר וואו זי שפּאַצירט ארום, דארף ערוועקען, איך וועל שוין ניט זאגען רחמנות, נור יעדענפאלס עקעל און אויפרעגונג אין דער מענשליכער ברוסט אויף אזא ניעדערטרעכטיגע האנדלונג. דאָך מאכען נאך אפילו, אחינו אַ גאנצען פאראד פון אזעלכע געריכטע און זיי מאכען נאך א ברכה אויף דעם, אקוראט ווי דער אל רחום וחנון וואָלט גאר אנערקענט אזא מין ברכה.

און אזוי פערהארטעוועט איז שוין דער מענש געוואָרען אז עס קימערט איהם שוין גאָר ניט מעהר די גאנצע געשיכטע. ווען ער עסט די קעפּלאך, פיסלאך, פליגעלאך פון א וועזען וואָס איז געוועזען גאריש געגוג אין איהם זיך איינצופערטרויען, איהם העלפען אין זיין ארבייט, איהם בעזאָרגען מיט עסען און קליידונג (מילך, אייער און וואָל); ווען ער עסט די צושטיקעלטע גליעדער פון אזא גוטע בעשעפענים, שמאצקעט ער נאך די ביינדעלאך דערפון מיט אזא בלוט־דורשטיגע נייגירדע אז עס איז איינפאך שוידערהאפט. און נאכהער אז די בני־בית האבען עס שין אויפגעגעסען ביז מעהר ניט ווי דער סקעלעט איז פערבליעבען, זיינען נאך אנדערע מענשען געמיין געגוג צו מאכען קנעפּלאך און פייפלאך זיך צו שפּיעלען, פון די ביינער, אזא בענעהמונג איבערשטייגט שוין אפילו דיעזער פון פערצוקע־דע חיות. דאס קינד ווען ער זעהט עס אָפט געוואָהנט זיך צו אזעלכע גרוזאמקייטען איידער ער פערשטעהט נאך אליין צו אורטהיילען. ער זעהט ווי מען סערווירט א שטיק צו הרג'עטע פלייש צו מיטאָג יעדען טאָג; ער זעהט אויך אָפט ווי מען נעהמט א לעבעדיגע זאך און מען ערמאָרדעט עס קאלטבלוטיג; ער זעהט ווי די מאמע „מאכט שבת" דאדורך וואס זי נעהמט 'א לעבעדיגען קארפּ און צוהאקט איהם אין שטיקער, בעזאלצט און בעפעפערט עס גאנץ גוט פריהער און נאכהער וואַרפט זי עס אריין צאפּלענדיגערהייט אין קאָכעדיגען קעסעל וואסער; ער זעהט ווי די זעלבע מאמע ברענגט א שעפּסענע קאָפּ מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, פערבלוטיגט, ארום געריסען, דער צונג ארויסגעשלעפּט. און די גרוזאמקייט ווערט פערפערטיגט מיט גרויס פּאראד לכבוד יום־טוב — אויף ראש השנה, ווען עס איז א „מצוה" גמורה צו עסען אזא גרוזאמקייט; ער זעהט די אללע זאכען גאנץ אָפט. ער געוועהנט זיך צו אזעלכע סצענעס און ווערט דאדורך הארט־הערציג. דער

סוף ווערט אז ווען ער זעהט דערנאך ליידען, וועהטאג און שמערצען צווישען זיינע איינענע בּרידער קימערט עס איהם נאכהער וויא דיא קאַטץ.

„מען האָט דאך דעם מענשען געגעבּען געוועלטיגונג איבּער אלע לעבעדיגע בעשעפּעניסע" טענה'ן דיא פרומע לייט. יא אמת אז מען האָט אייך געגעבען געוועלטיגונג איבער אלע בעשעפּעניסע אויף דער וועלט, געוועלטיגונג אבער מיינט נאָך ניט מערדערן. א טאטע געוועלטיגט איבער זיין קינד, אבער דאס גיבט איהם נאָך קיין רעכט איהם צו מערדערן. און אז פיעלע פרויען געוועלטיגען היינטיגע צייטען איבער זייערע מענער, קענען זייא פון דעסטוועגען זייא אויפעסען אין גאַנצען? מעהר וויא אָבּעסען דיא הארץ טאָרען זייא ניט. ל א ת ר צ ח ! האט מען איין מאָל פאר אלע מאָל אָנגעזאָגט, און אזוי וויא „לא תגנב" האָט עס קיין גרענעץ. מען קען ניט פערטייטשען דעם ל א ת ג נ ב אויף פערשיעדענע ארטען וויא עס פּאסט איינעם, און מאכען א אונטערשיעד אז איין דאָלאר טאָר מען ניט גנב'ענען, אבער א מיליאָן דאללאר מעג מען יא גנב'ענען — וויא עס ווערט היינט אין בּעראל פערטייטשט. מען דארף ניט גנב'ענען און איין ענדע דערפון. מען טאָר ניט מערדערן און א סוף ! נעהם ניט צו א זאך וואָס דוא קענסט ניט צוריק אָבּגעבען — איינענטהום אָדער לעבען, דאס איז דיא הויפּטזאך פון דער תורה, דאס איבּעריגע געה און לעהרען.

רחמנות איז א אייגענשאפט וועלכע איז טיעף פערפלאנצט אין דעם מענשען'ס ברוסט, און ער דארף דיעזע אייגענשאפט בענוצען ניט נור צו מענשען אליין זאָנדערן אויך צו אנדערע ברואים אויף גאָטעס וועלט, ווארום דיעזע אונשולדיגע בעשעפּעניסע פערדיענען עס צוליעב זייער פריינדליכקייט וואס זייא צייגען צו דער מענשהייט אָהנע אונטערשיעד אויב איינער איז א איד, קריסט אדער מחמר'אנער. זייא כייסטען הילפע יעדען אנאָל. מיר דארפען זייא דערפאר דאנקבאר זיין און זייא גוט בעהאנדלען. זייא פערדיענען עס — דאס ווייסט איין גאָט. מיר זיינען זייא עס גאנץ איינפאך שולדיג — און עהרליכע מענשען בעצאהלען געוועהנליך זייערע שולדען.

קאפיטעל 7.

א פערדארבענער אפעטיט און איין אייגענגוציגער פרינציפ האבען יעצט מעהר דעה אויף דיא געפיהלען פון מענשען וויא שכל און רחמנות. דערפאר איז דער מענש פון היינט ניט מעהר דאס וואס דיא נאטור האט איהם בעאבזיכטיגט צו זיין. עס האט זיך עפעס ענטוויקעלט א גאנץ נייע בריאה אויף וועלכע דיא נאטור קוקט מיט ערשטוינונג און דערקענט ניט. עס איז עפעס איהרע און דאך ניט איהרע. שלום שלום ואין שלום. דוכט זיך עס איז נאך אלעס אין זעלבען פארמאט, בצלמו בצלם דמות תבניתו, און דאך ניט דער ריכטיגער ארטיקעל. דאס געוועהנליכע גע־זיכט אפילו, נור דיא געזיכטס־ציגע זיינען געפעלשט. עס בעזיצט ניט מעהר דיא נאטירליכע סימפאטהיע—עס איז עפעס געשטעמפעלט מיט קאלטקייט, הארטקייט, אונערבארעמליכקייט און מרה־שחורה. דיא אויג אויך, איז עפעס גאר אנדערש. אנשטאט צו בעזיצען דעם נאטירליכען חן און גלאנץ, איז עס עפעס אין קאליער און אין אויסדרוק מעהר עהנליכער צו פערצוקענדע חיות. הכרת פניהם ענתה בם וחטאתם כסדום הגידו לא כחדו אוי לנפשם כי גמלו להם רעה" (ישעיה ג׳).

איהר מעגט זאגען וואס איהר ווילט, איהר מוזט אבער צוגעבען דאס עדעלע וועגעטאריאנישע שפייז האט ניט ענטוויקעלט דיא פיעלע גנבים, מערדער, שווינד־לער, היפאקריטען און א יסגעלאסענע באנדיטען. וועהרענד מען קען ניט זאגען דאס אלע פלייש־עסער זיינען פערד־גנבים, דאך וועט ניעמאנד וואגען צו פערלייקענען דעם פאקט דאס אלע פערד־גנבים זיינען פלייש־עסער. פאר אלע שרעקליכע טהאטען וואס מענשען זיינען בעגאנגען פון נירון קיסר ביז צו דעם בכור השפחות פון היינטיגע טיראנען, איז נור דאס פלייש־געניס פעראנטווארטליך. ווארום אום וועגעטאריאניש צו לעבען, בעדארף מען ניט פיעל און דיעזע ביסעל קען מען לייכט בעהויפטען אויף איין ארדענטליכען ארט, אהנע צו גנב׳ענען, אהנע צו מערדערן, אהנע צו בעשווינדלען. נור לוקסוס צווינגט דיא פראסטע און אונענטוויקעלטע חברה צו בענעהן פערברע־כען, זיך נאך צו יאגען נאך מעהר רייכקייט, צו אפפערן זייער פרייהייט, צו מאכען א געשעפט מיט גערעכטיגקייט, זיך אליין צו רואינירען און צו רואינירען אלע ארום זיך, און צו אפפערן דעם פערגניגען פון א ריינעם געוויסען.

מען דערצעהלט פון א וועגעטעריאנער וואס האט א מאל אין דיא ציימונגען געלאזט אנאנסירען אז ער וועט צאהלען א געוויסע סומע דעם יעניגען וואס וועט איהם איבערצייגען דאס א וועגעטאריאנער האט זיך אליין דעם לעבען גענומען,

אָדער איינעם וואס איז בענאַנגען א פערברעכען, אָדער איינעם וואס איז משוגע.

פערברעכען איז משוגעת, משוגעת איז אַ קראַנקהייט, א מענש וועלכער איז פאָלשטענדיג געזונד וועט ניעמאלס בעגעהן א פערברעכען. ער קען עס ניט טהאָן, ווייל זיין שכל און יושר וועלען עס בשום אופן ניט ערלויבען. אום צו בעגעהן א פערברעכען מוז איינער זיין קראַנק אין זינן אָדער אין חאַראַקטער. ווען דער אורשפּרונג פון דיעזער קראַנקהייט זאָל גענוי אונטערזוכט ווערען, גיבט עס גאָר קיין צווייפעל דאס מען וועט עס פאסט אימער געפינען אין בוטשער־שאפּ. בלוטיגע ביף־סטייק, זיין פלונית׳טע — משקה וועלכע געהען בעקאָמפּאַניע אין איינעם, אימער און אייביג; און זייער אונציכטיג, אונעהרליך קינד—ניאוף, וואס דיעזע פּאָר פאָלק געביהרען געוועהנליך, ברענגט צו אל דיא צרות, צו דיא קראַנקהייט וואס פיהרט צו דיא משוגעת, צו דיא משוגעת וואס צווינגט דעם מענשען צו בעגעהן פערבּעכען.

דיא אלע נייגונגען צו אונזיטליכעס און שמוטציגעס האָט דער מענש ערוואָרבען נאָר פון פלייש־עסען. דיעזער מאכל האָט אזא טייפלישע קראַפט אויף דיא ניעדעריגע נייגונגען פון מענשען דאס עס וועגט אריבער זיין שכל און מאכט איהם פאר אַ איינפאכע בעסטיע.

דורכשניטליך וויים מען דאס דיא אלע נאַציאָנען וואס לעבען אויף פלייש זיינען מעהר אייסגעלאסען און מעהר אונערבאַרעמליך וויא דיא נאַציאָנען וואס לעבען וועגעטאַריאַניש. דיא אלע וואס זיינען בעקאנט אין דער היסטאָריע פאר בלוטדורשטיגע און באַרבאַרישע באַנדיטען, האבען אלע געפרעסען פלייש, דאגעגען אלע וואס האבען זיך ארויס געוויעזען פאר עדעלע און געלאסענע מענשען האָבען אָדער גאָר קיין פלייש ניט געגעסען, אָדער בלויז זעהר ווענינ.

דיא טאַרטאַרען, וועלכע זיינען בעקאנט פאר דיא גרעסטע באַנדיטען אויף דער וועלט, לעבען הויפּטזעכליך נור אויף פלייש; דאגעגען דיא „בראַהמיטס“ (אָדער וויא מאנכע רופען זיי דיא „אבראַהמיטס“ ווייל מען רעכענט אז זיי שטאַמען פון אברהם אבינו) וועלכע לעבען נור אויף פלאַנצונגען און פרוכט, זיינען בעקאנט אין דער וועלט פאר דיא אָרדענטליכסטע און צערטליכסטע מענשען אויף דער וועלט, צעהן טויזענד מאָרדפעלע פּאַסירט א יאָהר אין אַמעריקא, וועהרענד אין אינדיא און יאפּאן וואו וועגעטאַריאַניזם האָט דיא אויבערמאכט, איז אַ מאָרדפאָל כמעט אונבעוואוסט. דיעזע לענדער האבען דעם קלענסטען צאָהל פערבּרעכער וויא אלע אנדערע לענדער אויף דער וועלט. דאך שיקט מען אהין מיסיאָנערען זיי צו ציוויליזירען. הלואי וואָלטען דיא דאָרטיגע מענשען געהאט שכל צו טהאָן דיעזעלבע און שיקען זייערע משולח׳ים אין אונ׳ערע מקומות, דיא היזיגע לייט צו ציוויליזירען.

קאפיטעל 8.

דאס דער מענש איז אונטערוואָרפען צו קראנקהייט און געפאהר דורך דאס פליישׁ־געניס, איז א בעוואוסטער פאקט. איך האָב שוין א מאל געזעהן וויא אויף א קוה פון מיינעם א בעקאנטען האָט זיך ענטוויקעלט א גרויסער געשוויר, נאָכ־הער נאָך איינער און נאָך איינער. דיא קוה וועלכע איז געוועהנליך געוועזען זעהר א גוטע, האָט אויפגעהערט צו געבען איהר בעשטימטע מאָס מילך און איז געוואָרען עפּעס ניט מיט אלעמען. פון טאג צו טאג איז זיא געוואָרען ערגער, ביז איהר איינענטהימער האָט בעשלאָסען אז זיא טויג ניט מעהר פאר איהם און האָט איהר פערקויפט צום קצב פון דעם מקום. דיעזער האָט איהר אוועק געשיקט צום שוחט און יענער מאכער מיט א פרום פּנים׳ל, האָט פערגלאָצט זיינע אויגען צום הימעל, האָט געמאכט דיא געוועהנליכע ברכה און האָט מיט׳ן חלף איהר פערטיג געמאכט. ווען מען האָט דעם בר־מנן בודק געוועזען האָט מען בעשיינפּערלאך געזעהן אז זיא איז ניט רעכט כשר. מען האָט געשיקט פרעגען א שאלה צום רב, נור אזוי וויא יענער איז געוועזען א ג ר ו י ס ע ר מ ק י ל, האָט ער עס ערקלעהרט פאר כשר, און דיא קוה האָט מען דערויף אויפגעגעסען ביז דיא קנעפּלאך.

דיא קוה איז נאַטירליך געוועזען א טויט קראנקע. עפּעס האָט זיא זיך געהאט אָנגענומען א קיהישע קראנקהייט. מעגליך דאדורך וואס זיא האָט אראָפּגעשלונגען א פּאָר פּ:זרראסטעטע טשוועקעס וועלכע זיינען אינערליך געקומען אין בעצוג מיט איהר בלוט. אפשר דערפאר וואס זיא האָט ניט געקליבענערהייד געגעסען גיפטיגע גראָז, אָדער אינזעקטען אזעלכע וואס האבען איהר פערגיפטעט, בהמות זיינען ניט פיעל מקפּיד. זייא שלינגען אראָפּ אָהנע ישוב הדעת אלעס וואָס קומט זייא אן אין וועג. איך האָב שוין געזעהן איינמאָל וויא מען האָט אוועק גערוקט איין אלטע ברעט פון דער ערד, און זאָל מען דאס ניט זעהן וואס מען האָט דאָרט געזעהן. דער גאנצער מקום איז געוועזען בעלאגערט מיט שפּינען, ווערים און אלערלייא עקעלהאפטע אינ־זעקטען. דערבייא האָט שפּאצירט א טשיקען מיט איהר גאנצע חאלאסטרע און וויא זייא האָבען דיא זיסע מציאה דערזעה;, האבען זייא זיך א לאָז געטהאָן דערויף

און האָבען בחפזון געחאַפּט און ארונטערגעשלונגען דיא אלע אינזעקטען וויא זיי שטעהן און געהען לעבעדיגערהייט. נון איז דען א וואונדער וואס א בהמה אדער עוף ווערט אויך אָפּט קראנק? איבריגענס זיינען זייא קיינע מאש נעס. זייא זיינען ניט געבויט פון האָלץ. אויף זייא ווירקט אויך אָפּט א שלעכטער וועטער, וואס שוואכט זייא אָפּ, פערמאטערט זיי און מאכט זיי קראנק. קורץ דיא קוה איז געווען טויט קראנק און דאדורך וואס מען האָט דיעזע בהמה געשטעמפּעלט „זהכשר הרב הגאון ר' שמעיה־יאקעל מחאוואקלישאק" און מען האָט איהר אויפגעגעסען, האט מען מיט איהר צוזאמען איהר קראנקהייט אויך אויפגעגעסען.

יעצט שטעלט זיך פאר דעם געפאהר פאר דיא יעניגע וואס האָבען דיעזען טויט־קראנקען בר־מנן אויפגעגעסען! ווען מען קריגט פלייש פון געזונדע בהמות אפילו, צוקאָכט עס און צורייצט אויך געגוג דיא געבליטען מעהר וויא עס איז נע־טהיג און עס אונטערוואַרפט איינעם צו ליאד א קראנקהייט וואס שפאצירט ארום אין דיא לופט; ווארום אזוי וויא א שוועבעלע האט אין זיך אלע מאטעריאלען צום ברענען, מען דארף עס בלויז אָנרייבען און עס ברעכט אויס אין א פייער, אזוי איז דער וואס עסט אונריינע זאכען בעלאדען מיט מאטעריאל וואס איז צו יעדער צייט פערטיג איינצולאדען בייא זיך ליאד א קראנקהייט. מען דארף מעהר ניט וויא קומען מיט דיעזע קראנקהייט אין בטצוג אום עס זאָל זיך זאָפאָרט אננעהמען. הייגט שטעלט זיך פאָר דעם געפאהר ווען מען עסט נאך אזא חולה מסוכן וויא יענע קוה.

אין היינטיגע צייטען ווען יעדע זאך ווערט געטהאָן בלויז וועגען ביזנעס, ווען מען קימערט זיך אזוי אום דעם וואהלשטאנד פון א צווייטען וויא אום דיא אלטע שטיוועל פון פאר דרייא יאָהרען, אבי מען קען נור מאכען דיא מזומן ווערען אלע פרינציפּען געאָפּפערט, וויא קען מען ערווארטען אז דיא וואס פערקויפען אייך פיש אָדער פלייש זאָלען שטארק מקפּיד זיין אויב א בהמה אָדער א פיש איז פאסענד פאר שפּייז אָדער ניט. עכו איז א אָפענער סוד דאס בהמות ווערען יעצט טעגליך געמערדערט און פערפערטיגט צום טיש, אזעלכע וואס זיינען ווייט — זעהר ווייט פון א געזונדען צושטאנד*); מען ווייס אויך גאנץ גוט דאס דער צושטאנד

*) „א פראָמינענטע צייטונג פון קירצליכער דאטע שרייבט בזה הנוסח:— מיר ווייסען פון א געוויסע קוועלע דאס עס קומען אין אונזערע שלאכט הייזער טעגליך אריין בהמות אזעלכע, וואס ליידען פון א קריינק בעקאנט מיט'ן נאַמען „לאָמפּ־דשאָ". דיעזע קריינק איז איין אנשטעקענדע און איז אויך אונהיילבאַר. עס גרייפט אן דיא מענשליכע גע־ביידע גראדע אזוי וויא דיא פון בהמות. דיעזע בהמות וואס זיינען ניעדערשלאגען מיט דיעזע

פון דיא שלאכטהייזער זיינען שרעקליך — זייא זיינען איינפאכע פּעסט־הייזער. זייא זיינען אלע איבערפיכט מיט ראַצען וועלכע האָדעווען זיך דאָרטען אין שמוץ. דיעזע שרצים זיינען דערפאר קראנקע, האט מען קירצליך בעוויעזען, ווייל זייא מוזען זיך ניט ווילענדיג אנזאפּען מיט דיא מיקראָבען און פאראזיטען מיט וועלכע דיא שלאכט הייזער זיינען בעלאַדען. דיעזע עקעלהאפטע ברואים לעבען א גוטען טאָג ווען זייא חאַפּען זיך אָפּט צו צו דיא פלייש. דיעזע פלייש גרייכט אָפּט — זעהר אָפּט דעם פּובליק און דער געפאהר פאר דעם פלייש עסענדען פּובליק איז שרעקליך גרויס דאַדורך.

דיא ווירקונג וואס שלעכטע פלייש מאכט אויף דיא מענשליכע געביידע איז זעהר ניט קיין פרעהליכע. עס איז מעגליך אז דיא שלעכטע ווירקונג ערצייגט זיך ניט ארויס באלד, נור אין פערלויף פון צייט מוז עס זיך ארויס ווייזען, און קראנקהייט מוז זיך ענטוויקלען צום סוף. ווארום וויא דען האָט איהר געמיינט ? דענקט

קראנקהייט ווערען געקויפט זעהר ביליג. וועגען זייער קראנקהייט און עס ווערט אויך פערקויפט זעהר ביליג. עס גרייכט דערפאר אם מעהרסטענס דיא אָרימע און מיטעלמעסיגע קלאסע און דער געזונדהייטס־צושטאנד פון דיא מענשען וואס עסען דיעזע פלייש איז זעהר פיעל געשטעלט אין געפאהר.״

א באָסטאָנער צייטונג שרייבט פאלגענדעס: — „צווישען דיא בהמות וואס מען האט געקוילעט דעם 15טען דעצעמבער (‎,94) אין Wards Wharf זיינען געווען 52 אזעלכע וואס האבען געהאט דיא Tuberculosis, — פון אזא מין קרענק מענשען קריגען דיא אויסצעהרונג אז זייא עסען דיא פלייש דערפון.

* * *

מיר האט אמאָהל אַ קעכין דערצעהלט אז זיא עסט קיין פלייש, נור דארום ווייל עס טרעפט איהר אָפט דאס ווען זיא פערפערטיגט פלייש צו קאָכען, שניידט זיא אויס שטיקער קראנקע פלעצער — אייטעריגע וואונדען, וועלכע זיינען אָפט בנמצא אין פלייש. פיעלע קוקען זיך ניט איין דארויף, גיבען ניט אכטונג. קען אזעלכע קראנקע שפּייז מאכען אַ גוטע ווירקונג? בעטראכטעט, דענקט נאך וועגען דעם און האט אויף זיך אליין רחמנות. מיידעט אויס געמערדערטע שפייז וועלכעס ענטהאלט שפּרעסלינגע פון ערגערליכע קראנקהייט, פון בייזקייט, וועלכע חיות און בהמות בעזיצען און וועלכע דער מענש ירשע'ט ווען ער עסט זייא אויף. אַ פערפוילטער מאַנדעל איז געפעהרליך אלס שפייז, הייגט שטעלט זיך פאָר וויא געפעהרליך עס איז דאס פלייש פון אַ קראנקע בעשעפנים.

איהר, אז איהר עסט דיא פלייש פון אזא געמערדערטען קאסטימער און עסט עס אויף מיט דיא וואונדען און קראנקהייט צוזאמען, דאס איהר קענט ערווארטען א גוטע ווירקונג? געגען דער נאטור, מיין פריינד, קענט איהר לאנג ניט זינדיגען. זיא בעצאהלט איהרע חובות מיט גרויס פינקטליכקייט; און איהר בערגעלטונג איז קראנקהייט, ווייטאג, מרה-שחורה, או אלע אנדערע ליידען אונטער וועלכע דער מענש איז אצינד אונטערוואָרפען. דאס איז דיא אורזאבע ווארום מענשען האבען אזוי פיעל קראנקהייטען ארויף געשלעפט אויף זיך אין דיא לעצטע צייטע. עס איז גאר אונמעגליך אויסצורעכענען דיא פיעלע און פערשיעדענע פעהלערן אונטער וועלכע דער מענש איז געוואָרען אונטערוואָרפען. אלע ווילע מאכט מען יעצט ערפינדונגען פון נייע קראנקהייטען. א קליינינקייט וואס שווינדזוכט פערצעהרט יעצט מענשען א יאהר. דיעזע שרעקליכע קראנקהייט איז דא לעצטע צייטען געוואָרען שרעקליך פערשפרייט, און א קראנקהייט וואס איז אזוי גערדיכט בנמצא, מוז דאך געוויס האָבען א בעשטימטע אורזאכע, און דיעזע אורזאכע קומט נור פון בוטשער־שאפ. נור פון פלייש עסען שטאמט דיא גרויזאמע אויסצעהרונג. *)

שווינדזוכט איז ניט דיא איינציגע קראנקהייט וואס דער מענש האט פאר זיך איינגעהאנדעלט, מאזלען און סקארלעטינא זיינען נייע קריינק וואס זיינען קיינע צוויא הונדערט יאהר אלט. שווארצע פאקען איז קיין אלטע קראנקהייט און אויף אזא ארט בסדר ערווערבט זיך דער מענש שפּאגעל נייע קראנקהייטען. אויס דער נאטור אבער דארף דער מענש ניט זיין קראנק, היסטארישע פאקטען בעווייזען דאס קראנקהייט און וועהטאג איז ניט געווען בעוואוסט אין דיא אלטע צייטען, דיא תורה בעריכטעט יעקב אלס דער ערשטער וואס איז געוואָרען קראנק. דיא אורזאכע דער־פון זאגט א מדרש, איז געווען ווייל יעקב האט אין זיינע לעצטע יאהרען געלעבט צו רייך אין דער קעניגליכער הויז פון יוסף'ן און דאס האט דיא קראנקהייט פער־אורזאכט.

---

*) דאקטאר דעמבא אין זיין ווערק איבער שחיטה, בעווייזט דאס פיעלע קראנק־הייטען ענטוויקלען זיך צוערשט אין בהמות און נאכהער געהן זייא איבער אין מענשען דורך זייער פלייש וואס ער עסט. דער געלעהרטער ארצט בעהויפּטעט דאס דיא איינציגע אורזאכע ווארום לונגען־קראנקהייט איז ניט אזוי פיעל בנמצא צווישען אידען, איז נור דארום ווייל דער איד איז אימער בודק דיא לונגען; איידער ער עסט דיא פלייש פון א בהמה. דאס איז אבער אלעס אין רוסלאנד. אין דיעזער מזומן־לאנד ליידער איז מען אבער ניט שטארק בודק, און דיא אויסצעהרונג צווישען אידען פערצעהרט יעצט אהן רחמנות.

א וויסענשאפטליכער זשורנאל דערצעהלט אין איין ארטיקעל איבער ווענע־טאריאניזם דאס 206 מענשען וועלכע האבען געליטען פון א קראנקהייט בעקאנט אין דער מעדיצין מיט'ן נאמען "Taenia" זיינען געווארען אונטערזוכט און מען האט זיך איבערצייגט דאס אם מייסטענס האבען פון דיעזע קראנקהייט געליטען אזעלכע וואס האבען אומגאנג מיט פיעל פלייש. 51 פון זייא זיינען געוועזען קוכערס. א גרויסער טהייל זיינען געוועזען בוטשארעס און דיא איבעריגע זיינען געוועזען אזעלכע וואס האבען פיעל פלייש געגעסען, הויפטזעכליך חזיר, קאלב און שעפסען פלייש.

לעבער קראנקהייט קומט נור פון פלייש עסען. דער עסען פיעל און אפט פון טהיערשע שפייז געקאכט מיט שטארקע געווירץ און דער טרינקען נאכהער שארפע געטרענקע, מאכט א שרעקליכע ווירקונג אויף דעם לעבער, דורך וועלכע קוועלע עס ענטוויקעלט זיך פערשיעדענע קראנקהייטען אין מענשען.

עס איז בעוויזען געווארען דאס דיא יעניגע וואס האבען אויפגעהערט זיך צו ערנערען אויף טהיערישע שפייז זיינען וועניגער אונטערווארפען אונטער דער שרעק־ליכער פלאג פון קאטארר אדער פערקעלטונג. און אז מען זאל נעהמען אין אנבע־טראכט דאס דיא אלע קראנקהייטען וואס ענטוויקלען זיך אין מענשען קומען אם מייסטענס פון קאטארר אדער פערקעלטונג, דאן מוז מען צוגעבען אז דיעזע פראגע איז ווערטה מען זאל נאך איהר נאכדענקען.

צו אלע עפידעמישע קראנקהייטען אזעלכע וויא כאלעריא, פאקען, דיא פער־שיעדענע פיבערס זיינען נור אונטערווארפען אזעלכע וואס עסען פלייש. איבערהויפט דיא וואס עסען פיעל און טריפה פלייש. פון אידען שטארבען אין עפידעמישע צייטען וועניגער וויא פון אנדערע פעלקער. אורזאכע, ווייל זייא געבען אויף זיך מעהר אכ־טונג אין דעם ענין פון זייער שפייז.

אויף דיא צייהן מאכט פלייש עסען זעהר ניט קיין גוטע ווירקונג. דיא וואס ווייסען, בעהויפטען דאס צאהן־שמערצען קומט נור פון פלייש עסען ווארום דיא סקעלעטען וואס מען געפינט פון דיא יעניגע וואס זיינען געשטארבען מיט 2 אדער 3 הונדערט יאהר צוריק, ווען טהיערישע שפייז איז ניט געוועזען אזוי שטארק אין דער מאדע, ווען דער עסען פון מענשען איז געוועזען פראסט און איינפאך, געפינט מען דיא צייהן געוועהנליך אין א גוטען צושטאנד, דאס צייגט דאס דיא פריהערדיגע דורות האבען ניט אזוי פיעל געליטען פון דיעזע שמערצליכע קראנקהייט.

הכלל, דער מענש ווערט בעצאהלט פאר אלעס וואס ער איז מחלל אין דער נאטור. און כל זמן דיא וועלט וועט זיין א שלאכט הויז און דער מענש וועט נאכ־אנאנד זיין אריין געטהאן אין דעם סיר־הבשר, וועט זיין פהיזישער און מאראלישער

צושטאנד אימער זיין אין א טרויעריגע אָרדנונג. ווארום עס איז א כלל ידוע אז וואס איינער איז מעהר אריינגעטהאָן אין דער אכילה איז ער אלס גראָבער, אויס־געלאסענער, מעהר צורייצט, מעהר ערגערליך און מעהר פערדאָרבען — קראנק אין גייסט אזוי וויא אין קערפּער, און איז אזא צושטאנד קען זיין פּהיזישע און גייסט־ליכע ענטוויקלונג ניעמאלס גרייכען א הויכע אקטאווע.

אזוי וויט איז מען דערגאנגען דאס א וועגעטאריאנער וועלכער פיהרט זיך ריכטיג אין יעדער בעציהונג איז ניעמאלס קראנק. דיא מעהרסטע פון זייא ווייסען אפילו ניט פון קאָפּ וועה. וועגען דיספּעפּסיא און מאָגען־קראנקהייט, פּרעגט זייא בחרם. לעבער, לונגען און ניערען קראנקהייט ווייסען ניט וואו א וועגעטאריאנער וואָהנט. זיין אטהעם איז ריין. דיעזעס קען מען אָבער ליידער ניט זאָגען פון דיא בשר־ודגים־וכל־מטעמים־ניקעס. דיא לופט אין א געדיכטען צוזאמענקונפט פון דיא וואס מאכען פון זיך א בית־עולם, דערלאנגט א טראסק אין נאָז דאס מען קען אזש אומפאלען. אין אלגעמיין איז דער אונטערשיעד פון דיעזע ביידע אָהן א שיעור גרויס אין גייסט, אין כאראקטער און אין בענעהמונג זיינען זייא אזוי פערשיעדען וויא עס איז פערשיעדען א שלאכט־הויז פון א פרוכט־סטאָר. דיא בעלי־ירק זיינען געוועהנליך געלאסענע און מילדע מענשען. זייערע הערצער זיינען אָנ־געפילט מיט רחמנות און ליעבע. זייערע געדאנקען זיינען ריין און טראגען אין א העכערען קרייזלויף וויא דיעזע פון דיא „חברה קדישא" וועלבע זיינען אימער פער־טהאָן מיט געדאנקען וויא אזוי צו קריגען א נייען מת אין זיך מסבר צו זיין. וועגע־טאריאנער זיינען אימער אויפגעלעגט, עפּעס ניט אזוי פערזאָרגט און פערזויערט וויא פליישעסער וועלבע דארפען אימער א ביסעל מעהר וויא זיי האָבען און ביי וועלבע דיא מרה־שחורה איז געוועהנליך אזוי גרויס אז נאכאנאנד זיי מיינען אז אלע זייערע שיפען זיינען אונטערגענאנגען. נאכאנאנד זיינען זיי צוקאָכט און זוכען פּרעטענזיעס. אימער קומט זייא ארויסצוצאָהלען. איהר קענט ניעמאלס טהאָן נענוג פאר זייא. קנאה, שנאה, צו להכעיס און רשעות שטעהן נור איין אין לאָדושי בי דיא ביף־סטייק חבריה — א פאקט וואס ניעמאנד קען פערלייקענען. אזוי וויא שלעכטע קינדער זיינען זיי נאכאנאנד פערטיג איינער אויף'ן צווייטען אָנצופאלען און לערנען מיט איהם בלק מיט פּשט. דיא וועגעטעריאנער דאגעגען ווערען ניט אזוי גיך צו־קאָכט פאר ליאד א נארישקייט. זיינען אימער מוחל אויף זייער כבוד אין לאָזען נאכאנאנד זייערע איבערגעהן. זייערע ליידענשאפטען און נייגונגען האבען א גרענעץ, אין זייערע הערצער געפינט איהר ניעמאלס א געדאנקען פון אונער־בארעמליבקייט.

עס גיבט גאר קיין צווייפעל דאס ענדליך מוז א מאָל קומען דיא צייט ווען מענשען וועלע פערשטעהען דיא וויכטינקייט פון „לעב און לאָז לעבען" — דיא הייליגע לעהרע פון „לא תרצח" און דאן און נים ביז דאן, וועט פון מענשען ווערען אָבגעטהאָן אלע קראנקהייטען, אלע צרות און אלע נארישקייטען צו וועלכע מען איז היינט אונטערוואָרפען, און מענשען וועלען זיך דאמאלס ענטוויקלען צו זיין ריעזען אין זייער געביידע, אזוי וויא אין זייער פערשטאנד און גייסט.

קאפיטעל 9.

ביי א יעצטיגען געגרייטען טיש פעהלט מעהר נים וויא דיא חברה קדישא, ווארום דער בר מנן ליעגט פיקס און פערטיג, איינגעבאלזאמירט אין געווירץ וויא אין פסוק שטעהט און איז פערטיג געבראכט ווערען צו דער קבורה. דיא שווארצע געווירצונג פון פלייש, וויא עס ווערט יעצט געוועהנליך פערפערטיגט, זעהט עפּעס אויס וויא מען וואָלט דעם מת וועלען גוט איינבאלזאמירען איידער מען בעגראָבט איהם אין מאָגען — אויף דעם שניט פון דיא אלטע עגיפטער וועלכע פלעגען זייערע מתים איינבאלזאמירען אין געווירץ איידער זייא פלעגען זייא פערזוקען וויא טשאָלענט טעפּ אין דער אייביגער רוהע, ווען מענשען וואָלטען נור געהאט א בעגריף וויא שווער עס איז פאר'ן מאָגען צו פערדייען אזא איינגעבאלזאמירטען מת, וואָלטען זייא שוין פערזאָגט א צעהנטען דיזעס צו עסען. מען דערצעהלט פון א געוויסען גרויסען ארטיסט נאמענס Fuseli דאס ווען ער פלעגט דארפען אז איהם זאָל זיך פאָרשטעלען גרויזאמע געדאנקען, וועלכע ער האט נעטהיג געהאט פאר דעם צוועק אויסצוארבייטען א בילד פון גרויזאמקייט, פלעגט ער געוועהנליך עסען רויע אָדער געווירצטע פלייש. מעגליך אפשר אז דאס איז דיא אורזאכע ווארום אזוי פיעל געהען יעצט ארום מיט גרויזאמע געדאנקען.

צו בעטראכטען דיא גאנצע סצענע וויא דער מענש יעצט זיך יעצט אוועק ביים טיש, קוקט עפּעס אויס משונה ווילד. מיט א מעסער און גאבעל אין דיא האנד זעהט ער אויס וויא א גזלן. איינער וואָלט מיינען בשעת מעשה אז ער מאכט

זיך פערטיג אן יעמאנדען נוקם צו זיין — אן בר־מנן פיעלייכט, א קשיא אויף א מעשה?

און אזוי אריין געטהאָן אין דער אכילה איז מען יעצט, אז קיין אנדער זאך פעראינטערעסירט ניט פערהייראטע פרויען וויא נור דיא פראגע „וואס קאָכט מען?“ דיעזע איז דיא וויכטיגסטע פראגע פאר זיי, אויף דער וועלט, פערדרעהט זיי געביך אזוי דיא קעפּ, דאס זיי זיינען כמעט אימער דאדורך ערגערליך. דער הימעל איז שטענ־דיג פערחמארעט, שרעקליך פערוואָלקענט, און פון דעם שטורם־ווינד וואס הערשט אין הויז נאכאנאנד זאָל מען בעהיט און בעשירעמט ווערען. זייא קענען ווירקליך ניט זיין פרעהליך, אויפגעלעגט און זאנפט אין זייער בענעהמונג ווען זייא פערספענדען איין העלפט פון זייער צייט אין זאָרגען וואָס צו קאָכען און דיא אנדערע העלפט אין דער פארבערייטונג דערפון. דיא ענדע איז אז צו 40 יאָהר זעהען דיא מעהר־סטע פרויען אויס וויא דיא גאנצע וועלט וואָלט זיי ליעגען אויפ'ן קארק; און דיע־זעס האָבען זייא נור צו פערדאנקען דיא זארג וואס זייא געהען דורך צו ליעב דעם סיר־הבשר טאג איין טאג אויס. ווארום דיא שפייז קארטע פון א פלייש עסער איז זעהר בעגרענעצט. אין גאנצען בעשטעהט עס בלויז אויס דער פאָלגענדער ליסטע:

געפילטע פיש מיט פעפער—
אהן א מאס און אהן א שיעור—
און נאך פעפער

לעבער, לונגען, ניערען, מילץ, מארך, צונג, פיס
געפילטע קישקע, ליאקע—
און גלאט בר־מנן

לימבורגער קעז, וואורשט, הערינג, נאך הערינג—
און שוין נאך אלעמען!

און דאס זעלבע מת מוז אלע טאָג אנדערש פערפערטיגט ווערען. דא דארף מען עס קאָכען, דא בראָטען דא שמארען, דא פרעגלען און דא מארענירען; וואָ־רום טהיערישע שפייז, ווען מינן זאָל עס אפילו קאָכען ווער ווייסט וויא גוט, ווערט עס גיך צוגעגעסען און עס ווערט באלד ווידעריג. ניט אזוי אבער נאטירליכע שפייז

וועלכע מען קען עסען יאָהרען און יאָהרען לאנג און עס ווערט ניעמאלס מיאוס. איהר האָט שוין ווען געטראָפען איינעם אין אייער לעבען וואס זאָל זאָגען אז ברויט, אָדער מאלינעס אָדער אירגענד איין אנדער זאָרט תבואה האָט זיך איהם צוגע־עסען? פלאנצונגען ווערען נור דאן גיך צוגעגעסען ווען מען קאָכט זייא געמישט מיט טהיערישע שטאָף. יעדער פלאנצונג האָט איהר בעזאָ-דערן געשמאק, איהר אייגענע אראמא. דאגעגען פלייש האָט פאר זיך אליין קיין געשמאק און עס ווערט נור דאן פאסיג אלס שפייז ווען עס ווערט פערפערטיגט מיט גרינוואַרג, מיט צוויבעל, קנאָבעל און אנדערע געוויקסע; און דאן מוז מען עס עסען מיט חריין, מיט רעטאך, מיט זענעפט און מיט אנדערע אזעלכע שארפע דעליקאַטען. דיא הויז־פרוי דארף עס נעביך אַזעם וויסען. זיא מוז נאכאנאנד קלערען און ברעכען דיא קאָפּ וויא אזוי דיא זעלבע בר־מנן צו פערפערטיגען עס זאָל האָבען א טעם. אויב דיעזער שווערער יאָך, וואס פערקירצט דיא יאָהרען, וואָלט אבער פון פרויען אוועק גענר־מען געוואָרען, דאן וואָלטען זייא זייערע עדעלע אייגענשאפטען, וועלכע דיא נאטור האָט זייא בעגאבט ביד נדיבה, געקענט איבען אין א גוטען הארצען, און עס וואָלט געווים געוועזן פרעהליכער און אנגענעהמער ארום און ארום.

דיא גרעסטע מחלוקות צווישען מאן און פרויא קומט אָם מייסטענס ארויס נור וועגען קאָכען. אזא זאך קען בשום אופן ניט פאסירען בייא וועגעטאריאנער, ווייל דיא מאכלים פאר וועגעטאריאנער פאָדערן קיינע חכמות צו פערפערטיגען. עס איז פראָסט, אייגפאך, דער אפעטיט פון עסער איז גוט; און ווען מען איז נאַ־טירליך הונגעריג זוכט מען קיינע פרעטענזיעס. פרעטענזיעס זוכען נור אזעלכע וועלכע עסען ווייל עס איז געשמאק, ווייל עס איז דיא צייט פון עסען. עסען פאר אזעלכע לייט איז ניט דארום ווייל זייא דארפען דערפון לעבען, זייא לעבען נור דער־פאר זייא זאָלען קענען עסען. עסען איז בייא זייא דיא הויפט זאך אין זייער גאנ־צען לעבען; און וואס טהוען זייא ניט אויף צו מאכען שארף זייער אפעטיט? נאכ־אנאנד ווערט עס מעבאניש געטריבען מיט משקה, מיט שארפע דעליקאַטען און גאך אזעלכע מיטעל. דערפאר קען אזא אפעטיט ניט זיין קיין נאַטירליכער. און ווען אזעלכע לייט זעצען זיך עסען מיט אזא צורייצטען אפעטיט און עס זאָל זיין חלילה וחס—דיא שעה זאָלל ניט זיין — עפעס ניט דערשמעקען אויף א האר, דאן קאָכען זייא זיך פאנאנדער און פאנגען אָן אָבצוגעבען כבוד דיא ווייב—מען קען זייא, דיא פיינע לייט, א שעהנע בנופיא, נישטאָ וואָס צו רעדען.

בייא וועגעטאריאנער איז עס אבער גאנץ אנדערש. דיא פראגע פון קאָכען אין עסען פערנעהמט א גאנץ קליינעם אָרט. אז מען זאָלל זיך אפילו אבגעבען א

העלפט צו פערפערטיגען מאכלים פון פלאנצונגען, פרוכט און נים וויא מען גיבט זיך אב מיט פלייש, וואלט מען געקענט פערפערטיגען דיא נעשמאקסטע שפייז. מען דארף נור האבען איינזעהענעס אביסעל און ניט קאכען נאכאנאנד „לאקשען מיט נישט" אלע טאג כסדר 3 יאהר לאנג; און מען דארף איבערהויפט זעהן אז נייע פאטייטאס זאלען זיין נייע, גרינע ארבעס זאל זיין גרין און פרישע פרוכט זאל זיין פריש, זאנסט פארדערט קיינע שווערע ארבייט צו פערפערטיגען וועגעטאריאנישע שפייז. און דער וואס זאגט אז מען קען פון וועגעטאריאנישע שפייז ניט ציהען קיין חיונה, אינו אלא טועה, אדער ער איז א זולל־וסבא, ערגער נאך וויא דער פעטער עשו.

קאפיטעל 10.

וכאן הבן: שואל — דא וועט חיים שמעיה מיין פריינד אויף מיר א שפרונג טהאן מיט כעס, וועט פערבייגען זיין בה„ידו־הימנית, און וועט מיט א גמרא־נינון׳דעל אנפאנגען מיר צו פערוואַרפען מיט שאלות, בזה הנוסח: — „בשלמא אז איהר קומט צו געהן מיט בעוויזע גלאט אין דער וועלט אריין, און ווילט מיר דוקא איינשמועסען אז פלייש עסען איז ניט רעכט, איז דאך ניט שייך. נור וואס וועט איהר אבער טהאן מיט דער תורה? דיא תורה זאגט דאך בפירוש אז „כי ירחיב יהוה אלהיך את גבולך כאשר דבר לך ואמרת אכלה בשר כי תאוה נפשך לאכל בשר בכל אות נפשך תאכל בשר (דברים י״ב, 20); דערפון דוכט זיך איז דאך ארוים צו זעהען בעשיינפערלאך, אז מען מעג יא עסען פלייש וויא פיעל מען וויל, טא וואס פערדרעהט איהר א קאפ אומזיסט און אומנישט?"

איך מוז אייך ענטפערן אז איהר זיינט, ר׳ חיים שמעיה, איינער פון יענער חברה אויף וועלכע שעקספיר זאגט. אז ווען דער טייפעל דארף האבען א פערטהייידיגונג אויף זיינע מעשים־תעתועים, דאן זוכט ער עס אויף אין דער תורה, עס איז מערקווירדיג דאס נור אויף אזעלכע זאכען געהען אזעלכע לייט וויא איהר זוכען היתרים אין דער תורה. ווען עס קומט אבער אוים צו עטוואס וואס אנבעלאנגט אזא געבאט וויא דער „וחי אחיך עמך", דאן ווערט אייער בעגייסטערונג פאר דער

תורה פערפראָרען. נור דענקט איהר ווירקליך דאס דיא תורה וועלכע הייסט אז „דיין אָקס, דיין עזעל, דיינע פיהע, זאָלען רוהען (אום שבת) אזוי וויא דוא 1) — דיא תורה וועלכע פערלאנגט דאס דוא זאָלסט אָנטהאָן א מויל־קאָרב אויף דיין אָקס ווען ער דרעשט דיין קאָרן 2) — דיא תורה וועלכע בעפעהלט אז דוא זאָלסט ניט אקערן מיט אן אָקס און עזעל אין איינעם 3) — דיא תורה וועלכע בעאויפטראגט אז דוא זאָלסט פון איבערגעבליעבענע אוועק געבען צו דיא „חית השדה“ 4) זייא זאָלען אויך האבען וואס צו עסען — דיא תורה וועלכע צייגט אזוי פיעל רחמנות אויף לעבעדיגע ברואים און א מיטלייד צו אלעם וואס ליידעט — דיא תורה וועלכע האָט קיין אנדער צוועק וויא נור צו פערפלאנצען דיא מדה פון רחמנות אין דער מענשליכער ברוסט און א אָבנייגונג און פעראכטונג צו פערגיסען בלוט — דיעזע תורה וועלכע פרעדיגט אזוי פיעל רחמנות און יושר, ווילט איהר זאָגען אז עס גיבט אייך דיא פולע ערלויבנים פראנק און פרייא צו מערדערן און צו פערגיסען בלוט וויא פיעל איהר ווילט, און הייסט אייך זיך צו ערנעהרען משור עניים ומאנקת אביונים — אויף דיא רויב און וועהטאָג פון לעבעדיגע בעשעפעניסע? ניין, ר' חיים שמעיה, אָדער איהר פערשטעהט ניט דיא תורה, אָדער וויא דער טייפעל, פער־טייטשט איהר דיא תורה וויא עס פאסט פאר אייער צוועק און בעקוועמליכקייט.

דאס דער געטליבער מחוקק — משה רבינו האט געוואלט פערצוימען דיא וועג פון עסען פלייש קען מען דייטליך ארויסזעהן אין פיעל ערטער אין דער תורה, הויפט־זעכליך פון דיא פאָלגענדע פסוקים אין ויקרא י"ז 3—4: ער זאָגט דאָרטען: „איש איש מבית ישראל אשר ישחט מחוץ שור אוכשב אועז במחנה או אשר ישחט מחוץ למחנה, ואל פתח אהל מועד לא הביאו להקריב קרבן לד' לפני משכן ד' דם יחשב לאיש ההוא דם שפך ונכרת האיש ההוא מקרב עמו.„

פון דעם איז ארויס צו זעהן גאנץ אָפען אז משה האָט געוואָלט פלייש עסען פערבאטען. ער האָט ניט ערלויבט סיידען אז מען האָט עס פריהער געמוזט ברענ־גען פאר א קרבן אין אהל מועד, און אז מען זאָל נעהמען אין אנבעטראכט דאס מעהר וויא איין אהל מועד איז ניט געווען אין דער גאנצער מחנה, און אז קיינע אנדערע כהנים א חוץ אהרן און זיינע זעהנע 4 זיינען דאמאלס ניט געווען;

1) שמות כ"ג, 12.
2) דברים כ"ה 4.
3) דברים כ"ב, 10.
4) שמות כ"ג, 11.

און דאס דיזע איינצעלנע כהנים אָהנע שום הילפע, האָבען געדארפט טהאָן ד א ארבייט פון א פאָלק צוזאמענגעזעצט פון 600,000 פוס געהער, לבד מטף — אז מען זאָל דיזעס נעהמען אין אנבעטראכט, קען יעדער פערשטעהן אז עס איז ניט געווען קיין גרינגע אויפגאבע פאר ליאד איינעם צו קריגען פלייש. מען האָט געדארפט האָבען אָדער א גרויסען „פּאָליטישען פּול," אָדער שטעהן אין א ענדלאָזע רייהע ווער ווייסט וויא לאנג, ביז איינער פון דיא כהנים וואָלט ענדליך פון איהם צוגענומען א קרבן. אויסער דיזע שוועריגקייטען האט מען דיא פלייש פון אזא קרבן ניט געטארט בעהאלטען און איינמארענירען, אָדער „איינבאלזאמירען," און עס בעהאלטען ביז עס וועט אויסברעכען א מלחמה מיט שפּאניען. מען האט אזעלכע פלייש בלויז געמעגט עסען דעם ערסטען טאָג און אויף מאָרגען, און דאס וואס איז איבערגעבליעבען ביז צום דריטען טאָג האָט מען געמוזט פערברענען. ווארום משה רבינו האָט געוואוסט פון דעם סוד אז אין פלייש ענטוויקעלט זיך א געפעהרליכע גיפט אין 24 שטונדען נאָכ'ן טויט. ער זאָגט דערפאר שטרענג אָן אז דער וואס וועט עסען אזעלכע איבערגעבליבענע פלייש אויפ'ן 3טען טאָג, וועט ליידען פאר זיין זינד — ואכליו עונו ישא (ויקרא י"ט, 5 ביז 8).

אונטער אזעלכע אומשטענדען דאָך צו קריגען פלייש וואָלט זיך קיין אָרדענטליכער מענש ערלויבט. א קאסטימער וועלכער קען בייא זיך פּועלן דורך צו געהען אזוי פיעל מיהע און שוועריגקייטען אבי ער זאָל קענען עסען ביף־סטייק און געשמאַרטע לעבער איין טאָג אָדער העכסטענס צווייא, האָט געדארפט זיין א הפקר־יונג ערשטע קלאסע, א בעל־תאוה'ניק 18 דיא פּראָבע, און טאקע נור פאר אזעלכע חברה וועלכע קענען זייער תאוה ניט פערבייגען אין פלייש געוואָרען ערלויבט שפּעטער אהין אין דער תורה.

דער „כי תאוה נפשך לאכל בשר בכל אות נפשך תאכל בשר" — דערזעלבער פסוק וועלכע אלע פרומע לייט ציטערען, און מיט וועלבען זיי ווייזען איין אז פלייש איז אויס דער תורה ערלויבט צו עסען, דערצעהלט עס גאנץ אָפען.

„רק בכל אות נפשך תזבח ואכלת בשר" — בעדארף מען נאָך א בעסערען בעווייז וויא דיזען פסוק? עס איז נור דאן ערלויבט צו שעכטען און צו עסען פלייש ווען דיא תאוה, דיא ליידענשאפט, וועט טרייבען דערצו. תאוה אין א מענשען איז א העסליכע אייגענשאפט דער־יעניגער חברה־מאן וועלכער קען זיין תאוה ניט צוריק האלטען איז א ניעדעריגער מענש. אזא איינער איז קראנק אין זינען, און אין כאראקטער און איז אימער געפעהרליך, און ווען עס איז איינעם ערלויבט פלייש צו עסען נור דאן ווען זיין תאוה צווינגט עס איהם, דאן איז פלייש

עסען ניט ערלויבט אויס דער תורה פאר די־א עדעלע מענשען וועלכע קענען זייער תאווה יא פערביי־גען.

ווארום אויב ביי־א משה׳ן וואָלט אויסגעקומען אז פלייש עסען איז נאַטירליך און מען מעג עס עסען ווי־א פיעל איינער וויל — כמנהג סאנט־פאטריק וכל כת דלהון, טאָ פאר וואָס קוטט עפּעס די־א תורה ארויס פלוצלינג און ערלויבט גאר אין גאנצען פלייש עסען? ווי־א באלד עס איז נאַטירליך אז מען מעג, טאָ צו וואס בעדארף מען אַ היתר? ווארום גיבט ניט די־א תורה איין ערלויבניס צו עסען ברויט אָדער פּרוכט, אָדער צו געהן שפּאַצירען פאר נאכט? וואס איז עפּעס גראדע איין ערלויבניס אויף עסען פלייש? דאס אליין — דער כלומר׳שטדיגער היתר צייגט, דאס פלייש עסען איז ביי־א דעם גרויסען מחוקק אויסגעקומען משונה ווילד און ניט קיין פּאסענדע שפּייז, און ער האָט עס געהאט צו פערביטען. נור ער האָט געהאט צו טהאָן מיט׳ן דור המדבר — אַ פאָלק וואָס איז געווען ווילד ארויסקומענדיג פון מצרים. דער גאנצער קלאגען און וויינען זייערער איז נור געווען מי יאכילנו בשר? זיי־א האָבען ביטערליך געוויינט ווען זיי־א האָבען זיך דערמאָנט אין דעם „סיר־הבשר“ און אן די־א סטינקעס פון מצרים. איידעלע וועגעטאריאנישע שפּייז וואס האָט געהאט אַ טעם „כצפיחית בדבש“ האָבען די־א לייטע ניט געקענט פערטראָגען און האָבען דאגעגען פּראָטעסטירט. נו, ווי־א דענקט איהר, קען מען עפּעס אויסקומען מיט אזא מחנה וואס איין יעדער כמעט האָט געהאט פולע קעשענעס מיט שטיינער, און פּרובירט איהם ניט נאכגעבען אויף אַ האָר, דאן איז ער פערטיג צו פערשטיינערן? מה אעשה לעם הזה עוד מעט יסקלוני“ — בעקלאָגט זיך משה. דער תלמוד זאָגט אפילו אז דער דור־המדבר איז געווען דור־דעה, נור אזוי ווי־א זיי־א, פון דעם כלומר׳שטדיגען דור־דעה, האבען ניט געוואוסט פון דעם תלמוד, אזוי האָט עס זיי חלילה ניט געשטערט פון צו זיין עכטע בארבארען. לויט נאָך זייער זיסע בענעהמונג זיינען זיי־א געווען ווייט, זעהר ווייט, פון צו זיין אַ „דור־דעה“ און מיט אזא פאלק האָט מען ניט געקענט ארויס קומען גאנץ אָפען און זיי־א אָבצוגעוואָהנען פון פלייש עסען. זיי־א וואָלטען אזא זינן גאָר ניט פערשטאנען, נאכהער ווי־א זיי־א זיינען געווען געוואָהנט צו עסען „בשר לשבע“ אין מצרים. זיי־א וואָלטען עס יעדענפאלס ניט געפאָלגט. משה רבינו האָט עס גוט געזעהן, דערפאר האָט ער עס ערלויבט נור אונטער געוויסע בעדינגונגען. הויפּטזעכליך דאס זיי־א זאָלען דאס בלוט און די־א פעטס ניט עסען, „חקת עולם לדרתכם בכל מושבותיכם כל חלב וכל דם לא תאכלו“ (ויקרא ג׳ 17). און

זיי זאָלען אויך אויסמיידען דיא אלע שרצים חיות, עופות און פיש אזעלכע, וועלכע האָבען אין זיך גיפט און זיינען אונריין.

און דאס בלוט פון דער כשרה בהמה ארויסנעצויגען — היא אידען בענוצען עס, איז שוין טאקע אייגענטליך ניט אזוי געפעהרליך וויא עסען טריפה און אונ־ריינע חיות מיט דיא בלוט וויא עס טהוען אלע אנדערע פעלקער, ווארום עס איז פאקטיש בעוויעזען געוואָרען דאס דיא שרצים און חיות וואס אידען טאָרען ניט עסען זיינען אימער אנשטעקענד מיט אַלערליי פאראזיטען. פויגלאך און חיות וואס עסען נבלות און פערפוילטע פלייש זיינען טריפה, ווייל זייא זיינען זעהר אָפט פול מיט קראנקהייטען וואס זיי האָבען ערוואָרבען פון דיא פערפוילטע נבלות. דיא פיש וואס זיינען אין תורת משה פערבאָטען עסען און שלינגען אין זיך אלערלייא ווערים און שעדליכע גראזען און דיא פיש ווערען נאטירליך דורך דעם שעדליך.

דיא בלוט וואס איז דעם אידען פערבאָטען צו עסען איז ווידער א זיכערהייט געגען אנשטעקענדע קראנקהייטען. דאָקטאָר דעמבא אוים פעטערסבורג האָט קירצ־ליך בעוויעזען אז דאדורך וואס אידען לאָזען אבלויפען דאס בלוט פון געשלאכטעטע פיה ווערט דאס פלייש געזונדער, ווארום דיא הויפט קראַנקהייטען ביי בהמות איז אין זייער בלוט. זעהר אָפט קען דאס בלוט פון א בהמה זיין פול מיט קראנקהיי־טען, וועהרענד דאס פלייש איז געזונד. דעם אידענס איסור געגען בלוט, ווייל „בלוט איז דאס לעבען,“ איז בעזאָנדערס גוטע זיכערהייט.

דיא פלייש פון ניט קיין גיפטיגע חיות ווידער, ווערען בייא אידען געקוילעט בייא נור איין פערזאָן וועלכער איז אויפגעשטעלט צו טהאָן מעהר ניט וויא דאס אליין. ניט אזוי וויא בייא אנדערע פעלקער וואָס איין יעדער בעל־הבית אָדער הוידפרויא טהוט עס אליין. דיא בהמות, חיות און עופות וואס אנדערע פעלקער עסען ווערט אויך געמערדערט אויף א זעהר ברוטאלישען ארט. זייא ווערען אָדער דערשאָסען, אָדער דער׳הרג׳עט אויף טויט דורך א שרעקליכען קלאפּ אין קאָפּ. אזעלכע פלייש דאדורך איז מעהר פערגיפטעט. ווארום וואס מעהר שמערצען מען טהוט אן דיא בהמה פאר׳ן טויט ווערט דיא פלייש אכס מעהר צוקאָכט, צורייצט און פערגיפטעט.

יעדע בהמה אָדער עוף ווערט בייא אידען גוט אונטערזוכט נאך דער שחיטה אום צו זעהען אויב עס איז געווען אין א געזונדען צושטאנד. נאכהער נעהמט דיא פלייש דורך איין אָרדאליע פון ווייקען און זאלצען, וועלכעס ציהט ארוים דאס בלוט; און נאטירליכער ווייזע ווערט שוין אזעלבע פלייש א מין וועגעטאריאנישער מאכל. עס איז שוין ניט מעהר דאס געוועהנליכע פלייש וואס אנדערע פעלקער עסען.

דערפאר לעבען טאקע אידען לענגער, זיינען פיעל געזינטער, ווערען שנעלער צוגע־וואהנט צו א נייעם קלימאט, זיינען פיעל מאראלישער, האבען בעסערע קעפ, בע־זיצען מעהר רחמנות און צייכנען זיך אויס מיט אלע גוטע אייגענשאפטען פיעל מעהר וויא אלע אנדערע פעלקער אין דער וועלט.

אז אידען עסען ניט אזוי פיעל בלוט און אונריינע פלייש, האבען זייא שוין נאטירליך קיין נייגונג צו טרינקען און דאדורך האבען זיי שוין אויך וועניגער תאוה. זייערע קינדער וואס ווערען געבארען זיינען דאדורך עדעלער, געזינטער און פעהיגער, דיא אידישע פרויען מערדערן ניט אליין עופות און חיות וויא עס טהוען דיא פרויען פון אנדערע פעלקער, און דערפאר ווען זייא זיינען אין א מוטערליכען צושטאנד, מאכט דיעזע גרויזאמע טהאט פון מארד קיין ווירקונג אויף דאס קינד וואס דארף געבארען ווערען.

איבערהויפט האבען אחינו בני ישראל צו פערדאנקען זייערע פאר־עלטערן פון פארצייטען, וועלכע האבען אדער גאר ניט, אדער נור זעהר וועניג פלייש גע־געסען, דערצו פלעגען זייא נאך פיעל פאסטען — וועלכעס צו טהאן ברענגט דיא מענשליכע געביידע גרויסע נוצען, און אידען האבען זיך טאקע דערפאר ענטוויקעלט בכל דור ודור צו זיין דיא קליגסטע און דיא בעסטע מענשען, דא אין אמעריקא ליידער וואו פיעלע אידען האבען זיך אבער פאנאנדער געלאזען און פרעסען אלעס מיט אלעמען צוגליך — פון דיא איינגעווייד פון א שרץ, ביז דיא אויס־וועניגסטע פון א חזיר, האבען זייא טאקע פערלארען א גרויסען טהייל פון זייער גלאנץ.

יעצט איז שוין לייכט צו פערשטעהן וויא קלוג משה רבינו האט געהאנדעלט. וויא באלד ער האט ניט געקענט אויספיהרען אין גאנצען פלייש צו פערבאטען, האט ער עס אם וועניגסטענס פערצאמט אינדירעקט און האט זיך פערטרויעט אויף שפעטערע דורות וועלכע וועלען איהם בעסער פערשטעהן און זייא וועלען ענדליך איינזעהען וואס ער האט געוואלט אויספיהרען און זייא וועלען איהם פאלגען.

וואס אנבעלאנגט קרבנות, האט אויך משה ניט געקענט פערביטען אין א צייט ווען אלע ארומיגע פעלקער פלעגען פערברענגען אין פייער אפילו זייערע אייגענע קינדער אלס אפפער צו זייערע געטער (דברים י״ב, 31). צו אונטערדריקען קרבנות אין אזא צייט וואלט געווען אונמעגליך. אם וועניגסטענס זאגט משה, זאלען זייא שוין האטש ניט שעכטען זייערע קרבנות צו טייוואלים. „ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים אשר הם זנים אחריהם" (ויקרא י״ז, 7). און ער האט עס אויך פערצאמט

דאדורך וואס ער האט נור געהייסען ברענגען קרבנות אין איין בעשטימטען ארט, ניט גלאט וואו איינער וויל. „השמר לך פן תעלה עלתיך בכל מקום אשר תראה" (דברים י"ב, 13).

דיא נביאים זיינען פאסט אלע געגען קרבנות. כמעט אלע דונערן און פערדאמען דעם געברויך פון קרבנות וועלכע האט בלויז געפיהרט צו פאלשקייט און היפאקריסי. איבערהויפט דריקט זיך ישעיה אויס מעהרערע מאל געגען דעם געברויך פון קרבנות. ער בעהאנדעלט דיא פראגע ניט מיט קיין זיידענע הענדשקעס. אויף איין ארט טרעט ער ארויס מיט א שטורם און דריקט זיך אויס קורץ און שארף בזה הלשון: „שוחט השור מכה איש זובח השה עורף כלב, מעלה מנחה דם חזיר, מזכיר לבונה מברך און" (ס"ו, 3).

* * *

דיא ערסטע שפייז פאר'ן מענשען, לויט דיא תורה, איז געווען פרוכט — און פון דעם עדעלסטען סארט. אזעלכע וואס האבען אין זיך זוימען. פראסטע פלאנצונגען זיינען ניט געווען ערלויבט פאר'ן מענשען אלס שפייז. הנה נתתי לכם את כל עשב זרע אשר על פני הארץ ואת כל העץ אשר בו פרי העץ זרע זרע לכם יהיה לאכלה (בראשית א', 29) פון דיעזעס איז ארויס צו זעהן אז דיא תורה פרעדיגט ניט נור „וועגעטאריאניזם" זאנדערן דיא העכסטע אקטאווע פון „פרוכטאריאניזם." — וועלכע הויכע שטופע צו גרייכען איז היינט דיא שטרעבונג פון אלע רעכט דענקענדע וועגעטאריאנער. איהר וועט בעמערקען דאס לויט נאך דיעזען פסוק זיינען בלויז דיא עדעלסטע פרוכטען ערלויבט אלס שפייז פאר'ן מענשען. אזעלכע פלאנצונגען וואס וואקסען אין דער ערד און האבען אין זיך קיין זוימען, וויא רעטאך למשל, אדער אנדערע עהנליכע געוויקסע, זיינען לויט דיעזען פערבאט דעם מענשען ניט ערלויבט אלס שפייז. און דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז, דאס מען איז ווירקליך דערגאנגען דעם סוד אין דיא לעצטע צייטען אז פראסטע געוויקסע און גראז זיינען ניט פאסיג אלס שפייז פאר'ן מענשען. „את כל ירק עשב" איז אנפאנגס געגעבען געווארען אלס שפייז „לכל חית הארץ ולכל עוף השמים ולכל רומש על הארץ" (שם א', 30) דער „וקוץ ודרדר תצמיח לך ואכלת את עשב השדה" (שם ג', 18) איז שוין אייגענטליך א קללה, א שטראפע פאר'ן מענשען נאכהער וויא ער איז געזונקען, נאכדעם וויא ער איז בענאנגען עפעס א גרויזאמען פערברעכען, וועלכען מען קען אויבערפלעכליך ניט פערשטעהן, און וועלכען דיא תורה שילדערט בלויז אללעגאריש.

פאקטען פון דער תורה אז פלייש איז ניט פאסיג און ניט נאטירליך איז ארויס צו זעהן פון דיא געשיכטע מיט'ן שליו וויא נאכהער אז דיא בני־ישראל האבען דער־פון גענעסען האט באלד אין דער מחנה אויסגעבראכען דיא כאלעריע.

ווען יצחק האט געבענטשט יעקב'ן האט ער איהם געוואונשען אז גאט זאל איהם געבען „מטל השמים ומשמני הארץ ורב דגן ותירוש." פון לעבער־ עפילטע פיש און לימבורגער קעז האט יצחק ניט גערעדט.

אין דער ערהאבענער „שירת האזינו" קען משה'ס פראפעטישע זעעלע זעהן פון דער וויטען וויא ישרון ווערט פעט פון „חמאת בקר וחלב צאן עם חלב כרים ואלים בני בשן ועתודים" און אין אזא צושטאנד ווערט ער פרעך און פאנגט אן צו בריקען — נאכ'ן געוועהנליכען נוסח; און פערקאזט דעם וואס האט איהם געמאכט, און פעראכטעט דיא שטיינערנע וואנט וואס שיצט איהם נאכאנאנד. און דאן פאלגט א לאנגע ליסטע פון צרות וואס וועט איהם ענדליך טרעפען.

דער גרעסטער חכם צווישען מענשען — שלמה, זאגט: „אל תהי בסבאי יין בזללי בשר למו" (משלי כ"ג, 21).

ישעיה'ן האט זעהר גענערגערט דער הרג בקר ושחט צאן אכל בשר ושתות יין אכל ושתו כי מחר נמות" און ער זאגט אן אז דיעזע זינד וועט ניעמאלס פער־געבען ווערען ביז צום טאג פון טויט (ישעיה כ"ב, 13־14).

ווענן דיא חבריה וואס פרעסען אלע שמוציגע שרצים, דריקט זיך ישעיה אוים אויף פאלגענדעם ארט: „אוכלי בשר החזיר והשקץ והעכבר יחדו יספו."

ווען דיעזער ערהאבענער פראפעט שילדערט דיא צייט ווען בלויז שלום און הארמאניע וועלען רעגיערען אין דער וועלט, זאגט: — וגר זאב עם כבש ונמר עם־גדי ירבץ ועגל וכפיר ומריה יחדו ונער קטן נהג בם; ופרה ודוב תרעינה יחדו ירבצו ילדיהן ואריה כבקר יאכל תבן (ישעיה י"א, 6־7) ער זאגט נאכהער ווייטער: — זאב וטלה ירעו כאחד ואריה כבקר יאכל תבן ונחש עפר לחמו; לא ירעו ולא ישחתו בכל הר קדשי אמר ד' (שם ס"ה, 25). דאס צייגט דאס אפילו בייזע חיות וועלען נאך ווען עס איז אויך ווערען וועגעטאריאנער.

דיא געשיכטע מיט דניאל, חנניה מישאל ועזריה (דניאל א', 4־11) איז אלע־מען בעקאנט. דיעזע עדעלע מענשען האבען געלעבט וועגעטאריאניש אין דיא גאנצע צייט וואס זייא זיינען געווען אין קעניגליכען שלאס. האבען ניט פערזוכט קיין בר־מנן, האבען זיך ערנעהרט בלויז אויף קערנער און עס האט זיך ענדליך ארויסגע־געוויעזען דאס זייא האבען אויסגעזעהן פיעל בעסער, שעהנער און זיינען געווען גע־זינטער וויא אלע אנדערע קינדער וואס האבען ניט אזוי וויא זייא געלעבט.

דיא תלמודיסטען וועלכע זיינען ניט געוועז געגען דאס פלייש געגוס, דריקען זיך אויך אויס מאנכע מאל פיר ווענעטאריאניזם. זייא פערטייטשען דיא פסוקים „רק בכל אות נפשך תזבח ואכלת בשר; כי תאוה נפשך לאכל בשר בכל אות נפשך תאכל בשר; און וזבחת מבקרך ומצאנך אשר נתן ה׳ לך כאשר צויתיך ואכלת בשעריך בכל אות נפשך,״ אויף פאלגענדער ארט:—הכתוב בא ללמד ד״א שלא יאכל אדם בשר אלא לתאבון, אל יקח אדם בשר מן השוק, ת״ל מבקרך ומצאנך, הא אין אדם אוכל בשר עד שיהא לו בקר וצאן, יכול לזבח כל צאן, ת״ל מ צ א נ ך.

פון דיעזע אלע פאקטען קען מען ארויס זעהן דאס דיא תורה ערלויבט ניט פלייש עסען אזוי לייכט וויא מאנכע דענקען. עס איז נור כ ל ו מ ר ש ט ערלויבט. געהייסען האט עס דיא תורה געוויס ניט. פערקעהרט, אלע ווענען זיינען פאר דעם מיט אפענע אויגען און עדעלע געפיהלען, פערשטעלט. צו זיין גאנץ אפען כוז א יעדערער מודה זיין אז פלייש מן התורה איז נור ערלויבט פאר דעם בעל-תאוה-ניק, פאר דעם זולל-וסובא. צו פערוועהרען פלייש אין גאנצען איז אין דער צייט ווען דיא תורה איז געגעבען געווארען ניט געוועז מעגליך, אזוי וויא עס איז נאך היינט ניט מעגליך. מענשען זיינען נאך היינט ניט פעהיג צו פערשטעהן דעם אמת און דיא וויכטיגקייט פון ווענעטאריאניזם.

עס וועט נאך אבער א מאל קומען א צייט ווען דעם מענשען׳ס עסען וועט ניט זיין פערבונדען מיט דיא פערלעצונג פון דער געבאט — לא תרצח! וועלכע דיא תורה פרעדיגט דיא ערשטע.

ענדע פון ערשטען טהייל.

פרייז 15 סענט.

לא תרצח

שוחט השור מכה איש
(ישעיה ס״ו 3).

איין אבהאנדלונג איבער „וועגעטאריאניזם“.

איבערזעצט פאן זיין ווערק אין ענגליש

— ביי —

א. ה. פריינקעל.

AUTHOR OF

"THOU SHALT NOT KILL" — a treatise on vegetarianism.

"IN GOLD WE TRUST" — a tale of the Ghetto, etc.

— BY —

A. H. FRANKEL.

צווייטער טהייל.

פערלאג פון

ב. ראבינאוויטץ,

398. גרענד סטריט, ניו יארק

Copyrighted 1899 by A. H. Frankel.
All right reseved.

—צווייטער טהייל.—

קאפיטעל 1.

דער וואס פערנאכלעסינט צו זעהן אז זיין געזונדהייט צושטאנד זאל זיין אין דער בעסטער ארדנונג, דער איז מחלל דיא געזעטצע פון דער נאטור—פון זיין רעליגיאָן אויך, אויב ער איז אזוי געזאנען. א קראנקער מענש איז א פעהלעראפטער מענש. אזא איינער פעהלט פאסט אימער אדער אין זינען אדער אין כאראקטער —אפט איןביידע. ווארום יעדער וועהטאג, יעדע אונארדענונג אין דער מענשליכער געביידע פערנעהמט דעם גדאנקען און געוועלטיגט איבער דיא חושים און פעהיגקייטען. עס איז אונמעגליך צו ארבייטען מיט א גלייכען פערשטאנד ווען מען ליידעט פון א קאָפּוועה, און מען קען ניט זיין אין א גוטע לוינע און זיין פרעהלאך און פריינדליך אז מען ליידעט פון דיספעפסיא. דעם עולם׳ס ווערטעל אז „כל מום רע״—אז אלע קאליקע מום׳עס זיינען שלעכטע, איז פיעל מעהר אמת וויא מאנכע האבען א בעגריף. און פון אזא פעהלעראפטען מענשען איז ענטנאמען ניט נור אלע וועלטליכע פערגעניגענדען, זאנדערן אויך אלע וועלטליכע רעכטע. דיא תורה נעהמט אויך אוועק פון א פעהלערהאפטען מענשען אלע פּריווילעגיומס. א כהן אויב ער האט געהאט אירגענד וועלכען א פעהלער האט ניט געדארפט פונגירען אין זיין אמט [*. א פעהלעראפטער מענש האט ניט געטהארט איינ־

---

* כל איש אשר בו מום מזרע אהרן הכהן לא יגש להקריב וכו׳—ולא יחלל את מקדשי—ויקרא כ״א 16-23.

טרעטען בקהל ד׳—אין א געטליכע געזעלשאפט [*; און דער וואס איז געוועזן נעגריפען אלס מצורע (לעפער), אדער איז געווען אנגעשטעקט מיט אירגענד וועלכער העסליכער קראנקהייט, איז אהנע צערעמאניעס ארויס טראנספארטירט געווארען מחוץ למחנה [**.

אויבערפלעכליך זעהט אזא האנדלונג אויס אביסעל צו שטרענג פון א תורה וואס פרעדיגט „ואהבת לרעיך כמוך״. נור אז מען זאל עס אבער טיעפער בעטראכטען איז אזא שטרענגע האנדלונג גאנץ ריכטיג—שוין אפילו ניט צו נעהמען אין אנבעטראכט דעם געפאהר פון אנשטעקונג. ווארום אם מייסטענס איז א קראנקער מענש אדער אליין אין זיין קראנקהייט שולדיג, אדער ער האט עס צו פערדאנקען זיינע עלטערן פון וועמען ער האט דיזע ירושה ערווארבען. און דיזע האבען דיא קראנקהייט פערשאפט דאדורך וואס זייא האבען פערלעצט דיא נאטירליכע געזעטצע—האבען עפעס מיאוס געזינדיגט, און האבען אויף אזא ארט דיא קראנקהייט אדער דעם פעהלער אויף זיך, אדער אויף זייערע נאכקעמלינגע, ארויף געשלעפט. און אזעלכע לייט פערדיענען אלזא קיין אכטונג—זיינען ווערט לכל הדעות דערפאר בעשטראפט צו ווערען.

ווארום וויא דען האט איהר געמיינט דארף זיין? דענקט איהר אז דער וואס פיהרט זיך אויף לידערליך און אונטערגראבט דורך זיין פיהרונג זיין איינענעם וואהלשטאנד, דאס ער פערדינט אנדערש בעהאנדעלט צו ווערען? אין דער נאטור הערשען גלייכע רעכטע, גלייכע געזעצע—אגאל פאר אלעמען אהנע אונטערשיעד, זיא האט ניט איינעם ליעב און פערשאפט איהם געזונד און א צווייטען פיינט און ברייננט אויף איהם צרות. דער וואהלשטאנד פון איינעם ווענדעט זיך נור וויא אזוי ער בעהאנדעלט דיזע נאטירליכע געזעטצע. דער וואס היט זייא ניט אב ריכטיג און פיהרט זיך ניט לויט דיא רעגעלען, דער מוז ענדליך ליידען. עס איז אפשר מעגליך דאס איינער ליידעט

* דברים כ״ג—2.

** תורת המצרע—ויקרא י״ג - 1-46, און במדבר ה׳ 2-3.

אפטמאהל און ער ווייס נעבאך נאר ניט פון וואס צו זאגען—דאס ער איז גאר ניט שוליג. נור געקומען פון ״שווענטעם דוחעם״ (היילינען גייסט) איז דאס געוויס ניט. יעמאנד איז געוויס דאפיר פעראנטווארטליך. און יענער סוחר וואס האט דיזע מציאה איינגעהאנדעלט און האט עס נאך זיך איבערגעלאזען בירושה איז געוויס בעגאנגען א מאראלישען פערברעכען—דאס איז זיכער. ווארום פון תהלים זאגען אליין איז דאס געוויס ניט געקומען. דער חברה־מאן האט אויסער דעם נאך עפעס אנדערש אויך געמוזט טאהן. דער מענש וויל אפט ניט וויסען פון א גרענעץ אין זיין פיהרונג. צוליעב זאגענאנטע פערגעניגענדען וואס דויערן בלויז סעקונדען אדער מינוטען; אדער צוליעב קליינליכע שטרעבונגען, וועלכע ער וויל רייכען, אפפערט ער אפט זיין געזונד און דעם וואהלשטאנד פון זיין צוקונפט. און אויך אזא ארט פאסירט עס דאס איינער ליידעט פאר חטאים פון א קאסטימער וואס האט געזינדיגט נעגען דער נאטור מיט דורות צוריק. ווען וועט שוין אמאהל קומען א צייט אז מענשען וועלען פערשטעהן דעם וויכטיגען אמת אז מיט זייא האט זיך דער לעבען ניט אנגעפאנגען, און דאס מיט זייא וועט עס זיך ניט ענדיגען; און דאס זיי לעבען ניט נור פיר זיך אליין—דאס זייא האבען פעראנטווארטליכקייטען—פפליכטען אזעלכע וואס זייא מוזען נאכקומען אום צו פערהיטען שפעטערע דורות דאס זייא זאלען ניט דארפען ליידען פאר זייערע חטאים.

עס גיבט גאר קיין גרעסערער פערברעכען וויא דער פון מאנכען ,,חטאת,, ווען ער זאגט:—,,וואס קימערן מיר דיא שפעטער דורות טוהען זייא עפעס אויף פאר מיר פיעל, דאס איך זאל זיך אום זייא בעקימערן? זאלען דיא לייט שפעטער אהין פאר זיך אליין זארגען. איין מאל לעב איך, און נאך מיר קען מיינערטוועגען קומען דער מבול.״

אזעלכע אויסדריקע הערט מען אפט, און אויב מען הערט זיי גראדע ניט, זעהט מען זייא אפט—דורך דער אויפיהרונג. און וויא ניעדריג, וויא ניעדערטרעכטיג, וויא פינסטער עס איז צו בויען א עמק־הבכה—א טרויער־טאהל, פאר א קינד וואס וועט נאך יעצט געבארען ווערן, אוואו עס וועט אבפינסטערן און ליידען א גאנצען לעבען, און נור דערפאר וואס זיין טאטע, דער טייערער תנא־ברא,

האט איהם איבערגעלאזען א קראנקע געביידע, א צודרעהטען פער־שטאנד, א שוואכען ווילען, א טויבען אויער וואס קען ניט הערען די שטימע פון געוויסען, א שוואכע אויג וואס קען ניט גלייך זעהן; אין דיעזעם נור דערפאר וואס זיין טהייערער טאטע האט די תאוה גע־געבען פרייען לויף און האט זיך נאכגעשלעפט אוואו עס האט איהם געפיהרט און ענדליך פערפיהרט.

פון „משה איש האלהים" דערצעהלט די תורה, דאס ביז זיין לעצטען מאמענט פון זיין לעבען האט ער בעהאלטען זיינע נאטירליכע קרעפטע און פעהיגקייטען. זאגאר זיין אויג איז ניט געווארען פעררונ־קעלט. דיזעס איז א שבח—א זעהר שעהנער שבח—איין ערהאבענער־קאמפלימענט. עס דערצעהלט אין א פאר ווערטער, קורץ און שארף וויא נור די תורה אליין איז פעהיג צו טאהן, וויא אזוי דער „איש משה" האט אבגעלעבט זיינע אלע יאהרען אויף דעם שטרענגסטען ארט נאטירליך, וויא אזוי ער האט פערבראכט א ארדענטליכען, בכבוד'ן לעבען, און האט בלויז בענוצט זיינע קערפערליכע פעהיג־קייטען אויף זיינע נאטירליכע פארדערונגען, האט קיין זאך איבער־טריבען און האט ניט פערלעצט איין געזעץ אין דער נאטור. דיזעס איז וואס מען קען דערפון לערנען. פונקט אזוי וויא מען קען לערנע און האבען א בעגריף אז מען זעהט אמאהל להבדיל א בלויז 25 יהער'ן ריגען מענש וואס געהט שוין ארום אויף קולעס און איז געגריפען מיט דער שווינדזוכט, אז ער האט אבגעלעבט א מיאוסן, לידערליכען לעבען און האט איבערטריבען אלע זיינע נאטירליכע פעהיגקייטען. אזא איינער דארף ניט דערצעהלען פאר דער וועלט וויא אזוי ער האט זיך אויפגעפיהרט. זיין פעהלער, זיין ליידען, דערצעהלט ער אפען—די נאטור פראקלאמירט עס. און אזוי וויא עס פרעהט איהר טריי צו דינען דעם יעניגען וואס פאלגט איהר געזעצע און לעבט ריכטיג, אזוי פרעהט זיא זיך אבצוצהאלען איינעם זיינע חובות וואס ער האט אנגעמאכט דורך זיין לידערליכען לעבען. עס האט נאך ניעמאלס פאסירט דאס די נאטור זאל איינעם פאלש דינען.

* * *

און נור א געזונדער מענש איז ניצליך אלס מיטגליעד פון דער מענשליכער געזעלשאפט. נור א געזונדער מענש קען אליין זיין גליק־

ליך און צופריעדען, און קען אזוי מאכען דיא אלע ארום איהם. עס איז נור א געזונדער מענש וואס קען האבען א גלייכען פערשטאנד און פערשטעהן דיא וויכטיגקייט פון צו מאכען זיין לעבען אויף דיזער וועלט אנגענעהם. עס איז נור א געזונדער מענש וואס קען פער־שטעהן א תורה פון „וחי בהם“. נור אזא איינער קען האבען א בעגריף פון א רעליגיאָן וואס לערנט „והיית אך שמח“— דוא זאלסט נור זיין פרעהליך [*]. געהט דערצעהלט איינעם פון יענע חברה, וואס זעהט אוים פונקט וויא ער וואלט געהאט געצווינגען זיין גאנצע חיונה פון ביטערע־זאלץ און לעבער־טראהן—צו איינעם פון יענע צוקראַכענע, פערזויערטע, פערביטערטע נפשות—געהט דער־צעהלט אזא סוחר אז ער האט א רעליגיאן וואס הייסט איהם „נור זיין פרעהלאך.“ געהט און ערקלעהרט אזא זאך צו איינע פון יענע זיסע „בעלעבאסטעס“ וואס האלט אן אין איין בורטשען, אין איין קלאגען, אין איין שילטען—געהט און ערקלעהרט אזא פלוניתטע אז זיא האט א רעליגיאן וואס הייסט איהר זיין נור מונטער, נור אויפגעלעגט, „נור פרעהלאך“, און ניט פערצרה׳ט, פערמארעט און צוקראכען. פרובירט איהר געבען צו פערשטעהן אז זיא דארף ניט מאכען פון איהר היים א גיהנום, און אז דער מאן קומט פון שוהל דארף דיא ערשטע זאך אויף דער פראגראמע ניט זיין „רחצה“—איהם גוט אבגיסען, און איהם ארום זייפען, און איהם בעפאלען מיט איהרע פיעקפאכיגע פריטענזיעס, מיט בורטשען נאכאנאנד, מיט מסירות אויף דיא קינדער און אויף דיא שכנים, און עפענען א מענה־לשון וויא בלעם׳ם לאנדסמאן, און אויסגיסען א גאנצען צעבער מיט קללות און חרמות, פון וועלכע מען זאל בעהיט און בעשירעמט ווערען צו הערען, און וועלכע מען הערט ליידער אזוי אפט און אזוי געדיכט אין מצרים־סטריט און איהר סביבה—געהט ערקלעהרט אזא בחור׳טע אזעלכע זאכען אז איהר עסען וואס בע־שטעהט פון זויערעס, ביטערעס און זאלציגעס, לאזט איהר דאך ניט זיין „נור פרעהלאך“ אויפגעלעגט און מונטער.

* * *

דיא שפייז פון מענשען איז דיא הויפט זאך וואס רעגולירט דעם פיהרונג פון מענשען. דאס איז דיא ערשטע זאך וואס ווירקט אויף

אונזערע חושים און פעהיגקייטען. א קאסטימער וואס עסט זיך אן מיט לאבסטערס און בלוטיגע ביף־סטייק און טרינקט זיך אן מיט שארפע משקה, דער וועט אין שוהל ניט געהן לערנען א פרק משניות. ער זאל אפילו איינגעהמען א מיתה משונה אויפ'ן ארט. אזא תכשיט זוכט זיך געוועהנליך אויף אנאנדער מקום אוואו דיא הארץ ציהט איהם צו פערברייננגען דיא צייט. און אויף מארגען, אדער שפעטער אהין ווען ער ווערט קראנק, בורטשעט ער און האט פריטענזיעס פאר וואס ער ליידעט. אונזערע מענשען עסען צוואר קיין לאבסטערס, קיין שמוציגעס, קיין טריפות, נור אזוי פיעל ביטערעס, זויערעס און געזאלציגעס, וויא עס ווערט פערצעהרט אין דער מחנה ווערט ניט פערצעהרט אין קיין אנדער פלאטץ. עס פאנגט זיך באלד אן זאנטאג מיט דער ווילדער אכילה „זויערס" און דיא וואך'ס שפייזע־קארטע ענדיגט זיך מיט פיש געפילט מיט פעפער. און וואס אנבעלאנגט הערינג, עסט קיין פאלק ניט אזוי פיעל פון דיזע פער־דאמטע, אונגעזונדע, גרא־בערדיגע, אפשר 7 טויזענד יעהריגע מת, וויא מצרים־סטרים און איהר אומגעגענד. איך זאג אפשר 7 טויזענד יעהריגע, ווייל אין הערינג קען מען קיין מאהל ניט דער־געהן אויף ריכטיג וויא אלט זייא זיינען, און וויא לאנג עס איז שוין זייט זייא זיינען נפטר געווארען. לויט דיא בעהויפטונג פון מאנבע נאטור פארשער, וועלכע האבען ניט וואס צו טאהן און גיבען זיך אב מיט דער אלטערטימליכקייט, און קריכען ארום צווישען אלטע מצבות און אין אלטע חורבות, און זוכען דארטען דעם נעכטיגען טאג, און ברייננגען פון דארטען אלטע טשאלענט טעפ, פון וועלכע זייא מאכען א גאנצען פאראד, א פוריע אקוראט וויא זייא וואלטען געהאט דיא ווערדע פון שפאנעל נייע—לויט דיא בעהויפטונג פון דיזע חברה־לייט, זאלען זייא האבען אויסגעפונען אז הערינג זאל האבען פערפאקט געווארען אין פעסעלאך באלד נאכען מבול. זייא שווערען מיט טויטע שבועות אז איינמאהל ווען זייא זיינען געקראבען אויף דיא ווענט אין איין אלטע חורבה, דארטען צו זוכען טשאלענט טעפ און אנדערע אזעלכע מטלטלין, זיסע אנטיקלאך, צו אימפארטירען מיט גרויס פרישקייט אין אונזערע מקומות, האבען זייא געפונען איין אלטען מאנוסקריפט, וואס דערצעהלט אין א לשון מיט וועלכען מען גנבעט

פערד—אין א מין „רברביא־עם־זעריא־טפלא־ונשיא״ שפראך—א לשון וואס וואלט דיענען אלס אויסגעצייכענטער וואפען צו בענוצען בשעת איינער האלט מלחמה מיט א ווייב—דיא פאלגענדע קורצע, נור זעהר שעהנע מעשה:—

״באלד נאכ׳ן מבול״, דערצעהלט דיזע אלטע חאלעווע, אדער מאנוסקריפט, וויא דיא נאטור פארשער רופען אן אלע אלטע פערשמירטע שטיקער פעל וואס זייא געפינען ווען זיי לאזען זיך פערנאנדער אין אלטע חורבות דארטען צו זוכען מציאות. ״באלד נאכ׳ן מבול, זיינען נח׳ס זיהן פערבליבען אהן א געשעפט—האבען איינפאך ניט געהאט צו וואס זיך צו נעהמען. און דא וואכסען הוצאות געדיכט וויא קראפעווע, און דיא ווייבער דערגעהן דיא יאהרען אויף זייער געוועהנליכען נוסח—מיט זייערע מאדעס און מיט זייערע פיעלפאכ־יגע פארדערונגען וואס פערקירצט אזוי פיעל דיא יאהרען פון אונז פאר־שוינען—איך מיין מאנספארשוינען. און נח האט שוין משמעות דאמאלס אויך ניט געהאט וואס צו טאהן וויא נור מיטצונעהמען דיא ווייבער מיט זיך אין דער תיבה. ווארום ער האט זיי דאמאלס ניט איבערגעלאזען אין דערהיים איז א גרויסער וואונדער. זיין שריט איז איבערהויפט ניט געווען א פראקטישער. דוא ווילסט מאבען א רייזע אין א קאסטען פון פימפסענהאלץ, טא זיי מוחל און לאז איבער דיא פלוניתטע א פאר טהאלער אויף הוצאות, און טראג זיך אב אויף דיין נסיעה געזונטערהייד אליין. וואס דארפסטו נאך מיט שלעפען ווייבער אויף אזא געפעהרליכע נסיעה—האסט קנאפ צרות? נור עס איז נאך עפעס א שטיקעל גליק ווארום ער האט שוין פאריינס דאמאלס אויך ניט מיט געשלעפט מיט זיך דיא איבעריגע פון דער משפחה. ער האט שוין גדארפט פאריינס אויך מיטנעהמען דיא שוויגערס, דיא אלטע מומעס, דיא אלע ארימע קרובות—דיא גאנצע חאלאסטרע—גאנץ מצרים־סטריט האט ער שוין בעדארפט מיט זיך פאר־איינס מיטשלעפען. וואס האט ער נאך בעדארפט זאלעווען? עס וואלט איהם געווען אסך פרעהליכער ווען דיזע אלע וואלטען זיך פערנאנדער געלאזען דרשה׳נען וויא אין א ווייבערשע שוהל. דיזע אונטערנעהמונג וואלט איהם אויך געלוינט אויס א ביזנעס שטאנדפונקט, ווארום ער וואלט געקענט איינהאנדלען רייד זעהר

בילליג—אפשר מיט 20 פראצענט דעם דאָלאר. עס איז מעהר ניט נח איז שוין א נפטר, און ארום אזא איינעם דארף מען ניט ריידען אהנע רעספעקט; און עס איז איבערהויפט קיין שכל אויף אזא ארט צו ריידען ארום א קרוב א נפטר, ווארום דער פראסטער עולם קען נאך אפשר מיינען אז איך רייד וויל איך בין אין כעס דערפאר וואס ער האט מיר ניט איבערגעלאזען ירושה—און אפשר ליענט טאקע דערין אויך א שטיקעל אמת. ווארום נאך אלעמען האט טאקע נח אן מיר ניט בעדארפט פערגעסען—דאך א שטיקעל קרוב—דאך פון זיין משפחה, און ער האט מיר ניט געדארפט איגנאָ־רירען. נור וועגען דעם וועל איך זיך מיט איהם רעכענען איין אנדער מאהל—וועל פאר דער וועלט אויפווייזען זיין שעהנעם פיהר־ונג, זיין פיינעם סטאַטעק; און וועל איהם ווייזען וויא וויטער זיך אנצופאנגען מיט א שרייבער; וועל איהם צייגען וויא ווייט עס לוינט א שרייבער צו איגנארירען, בעליידיגען און פערגיסען זיין בלוט— — וועל איהם ווייזען דאס אזא איינער פערשווייגט ניט, און ווען אפילו עס געהט פערביי יאהרען לאנג, און ער שיינט גאר דיא גאנצע צייט צו זיין וויא געפגרט—שטיל וויא א קעצעלע, דאס ער פערגעסט ניט פון־דעסטוועגען, דאס ער וועט זיינס דערגעהן ביי דער ערשטע געלעגענהייט. דאס וועל איך איהם בעשיינפערליך ווייזען. נור יעצט דערגעה איך ניט מיין קריוודע. וויל יעצט מעהר ניט וויא בעווייזען דאס נח האט געמאכט א מיסטייק וואס ער האט מיטגענומען דיא ווייבער מיט זיך; דאס אזא פיהרונג פאסט ניבער, זאל ער מיר מוחל זיין, פאר א ספאָרט און ניט פאר א בעלהבית׳שען מענשען—דאס וויל איך איינווייזען. נור געה רייד און זאג מוסר אז דיא מעשה איז שוין פערפאלען.

נח׳ס זיהן האבען זיך באלד ארום געזעהן וואס זייער טאַ־טענס מיסטייק האט אנגעמאכט פאר צרות, און אז קיין פרנסה איז ניט געוועזן און צו וואס זיך צו נעהמען איז ניטא, זיינען זייא, איינפאך ארום געגאנגען שווארץ וויא דיא ערד. ויהי היום—דערצעהלט דיא אלטע חאלעווע, איין מאל וויא זייא געהען אזוי שפאצירען אויפן בארג אררט, שטארק פערטראכט און צוטראגען מחמת פרנסה, דערפיהלען זייא וויא א מאַדנער, ניט שטארק בעחן׳טער ריח דערלאנגט זייא

פלוצלונג א טראסק אין נאז וואס האט זייא באלד אומגעווארפען, אזוי שרעקליך שטארק איז עס געוזען; און וואס א מינוט ווייטער ווערט דער ריח אלס שטארקער און שטארקער, און צו וואס זייא ריהרען זיך צו, דערלאנגט זייא אלס א זעץ אין נאז דער דאזיגער מאדנער ריח. וואס קען דאס זיין? האבען זייא פערוואונדערט געפרעגט, און זיינען באלד געלאפען אין דער תיבה דארטען צו מאכען א אונטערזוכונג צו זעהן אויב א דייטש האט זיך אפטמאהל אהין ניט פערקליבען, און אויב ער האט ניט געעפנט דארטען א געשעפט פון זיין ליבליבען דעלעקאט—לימבורגער קעז. אז זייא האבען זיך אבער ענדליך איבערציינגט אז עס איז ניט אזוי דער פאל, איז זיי אביסעל גרינגער געווארען אויפן הארצען—נור אויפן נאז איז זיי נאך אליץ געלעגען א שווערניש איינפאך ניט צו דערהאלטן. זייא האבען דארפאר אנגעגורט זייערע לענדען, האבען זיך מיט פא־טשיילקעס פערבונדען דעם נאז און זיינען געגאנגען וואלד איין און וואלד אויס אום אויסצוגעפינען דיא אורזאכע פון דעם מאדנעם ריח. פלוצלונג וויא זייא האבען אויפגעהויבען זייערע אויגען האבען זייא גע־זעהן וויא דער גאנצער בארג איז געדיכט בעלאגערט מיט הערינג. וואר־רום ווען דער וואסער האט זיך אבגעטראגען פון בארג באלד נאכן מבול, איז דאס געוועון בחפזון—אין גרויס היילעניש. דיא הערינג, און אויך דיא סטינקעס, וועלכע זיינען אויס דער נאטור שוואכע, צוקראכענע בריות, האבען ניט בעוויזען זיך ארונטער צו קייקלען פון בארג מיט דעם שנעלען לויף פון דעם שטראמיגען וואסער, און זיי זיינען אלזא דארטען אויפ'ן בארג פערבליעבען ליגען אין געהאקטע צרות. אז אונזערע 3 חברה־לייט האבען דיא הערינג דערזעהן האבען זיי שוין פערשטאנען וואס דער זיסער ריח בעדייטעט און פון וואו עס שטאמט. ווארום הערינג האט פאר זיך אליין א בעזאנדערע אראמא, און קיין זאך אין דער וועלט בעטהיילט ניט אזוי ליבעראל פאן איהרע אייגענשאפ־טען צו אלעם וואס עס ריהרט זיך צו, וויא הערינג. פראבירט צו שניידען הערינג מיט א מעסער, און דעם מעסער מוזט איהר תיכף מקבר זיין—בעגראבען טיעף—אם ווענינגסטענס 9 איילען אין דער ערד. ווארום אויב ניט, וועט אלעם וואס עס וועט אנריהרען ביזן 3טען דור, ארויסגעבען פאן זיך א ריח וואס האט ביכולת איינעם צו פער־טרייבען פאן דער וועלט.

„כראות,“ דערצעהלט ווייטער דיא אלטע חאלעווע, „אז אונזערע פארשוינען האבען דיא בערג הערינג פאר זיך דערזעהען, איז איינעם פאן זייא—מען קען ניט דערגעהן אויף קלאהר ווער עס איז געווען, און הלואי וואלט מען דאס געקענט דערגעהן וואלט נאך אפילו היינט אויך געווען א גרויס ער יושר איהם צו לינטשען—איז איהם איינגעפאלען א פינסטערער געדאנקען אז פערפאקען הערינג אין פעסעלאך, און סטינקעס אין בלעכענע קעסטעלאך, פאר דעם געברויך פאן דיא שפעטערע דורות, קען זיין א זעהר גוטער געשעפט. דיזער חברה־מאן האט באלד ארויסגעשיקט פאסטאל־קארדס און האט פערופען זיינע „ברידער“ אויף א ספעציעלען מאססען־פערזאמלונג, ביי וועלכען ער האט פארגעלעגט זיין פינסטערען פלאן.

מען דערצעהלט—אלס דיא חאלעווע. מען דערצעהלט אז אויף דיזער פערזאמלונג האט געהערשט דיא גרעסטע ארדענונג. מעהר וויא 3 „ברידער“ מיט אמאהל האבען דאן ניט גערעדט —ניט וויא עס פאסירט אפט אויף יעצטיגע מיטינגס ווען זיעבציג ברידער ריידען מיט אמאהל. נאך פיעל קאכעדיג־הייסע דעבאטעס האבען זיי ענדליך אונטערשטיצט דעם פארשלאג דיא מתים פון בארג אררט צו פערזאלצען און מקבר זיין אין פעסלאך, און דיא סטינקעס איינצובאלזאמירען אין אייל און געווירץ און זיי פערפאקען אין בלעכענע קעסטעלאך, און זיי א נאמען געבען „סארדינס,“ און זיי אבשיקען נאך אלדע שווארץ יאהר—מיין איך, נאך פראנקרייך.

חם׳ן האט מען „אפפאינטעד“ א קאמיטע צו טאהן דיא ארבייט, און דיזער חאמולע האט זיך באלד צו דער ארבייט גענומען פעסט. האט זיך אנגעטאהן אין א פארטוך פון א זאק, האט פערקאשערט דיא הארבעל, און איז געווארען א ערנסטער חברה קדישא מאן—האט דיא מתים באגראבען, טאקע ווי הערינג. דיא אנדערע 2 חברה־לייט האבען דיא פראסטע ארבייט ניט גע־טאהן. זיי זיינען געווארען דיא ביזנעס לייט. האבען גע־דונגען א אפפיס אויף דעם ערשטען פלאר פון דער תיבה—ווארום דאמאלס איז נאך ניט געווען קיין עלעווייטארס, און ניט אלע

קענען קלעטערען אויפן 3טען שטאָק, וואו דיא רענט וואָלט געוועןביליגער. שם איז נאטירליך געווארען דער טרעזשורער און האט זיך נור אבגעגעבען מיט דיא מזומן— און דערפאר האָט מען איהם גענוג באָרעדט. אזוי שנעל וויא אַלעס איז געוואָרען איינגעריכטעט אין דער ארדענונג האט דיא פירמא באלד געלאזט אדווערטייזען פאר אגענטען וועלכע מען האט ארויסגעשיקט אין מצרים־סטריט צו פערקויפען דיא זיסע סחורה, און דער האנדעל פון הערינג האט זיך דאָרטען באלד פערשפרייט וויא א חאלעריע. דיא סטינקעס האט מען אוועק געשיקט נאך פראנקרייך, און אויך דיזע איינגעבאלזאמירטע מת האט באלד געקריגען א אבגאנג—א גרויסען אבגאנג. ווארום אין מעהרערע פעללע האבען דיזע סטינקעס, אדער סארדינס בלע׳ז גראדע אזא ווירקונג וויא ביטער־זאלץ. אין א גאנץ קורצע צייט זיינען דיזע אונגליקליכע מתים געווארען נאציאנאלע שפייז. דער עולם האט זיך דערצו צוגעכאפט וויא צו עפּעס רעכטס. מען האָט עס אנגעפאנגען עסען אויף יעדע געלעגענהייט און צו יעדער צייט, מיט גרויס פרישקייט און מיט גרויס אפּעטיט, גראדע וויא נאך א קרענק.

אט דיזע געשיכטע, רבותי, גיבען איבער דיא נאטור פאר־שער וועלכע האבען איבערגעזעצט דיא אלטע חאלעווע פון „רברביא״ לשון אין אללע אנדערע לשונות, און זייא שווערען מיט טויטע שבועות אז עס איז ריכטיג איבערזעצט— און מסתמא איז דאס געווים ריכטיג. ווארום אויף הערינג מיט סטינקעס איז אַלעס צו גלויבען. הייגט געה און ערוואַרט אז איינער זאל זיין מונטער, פרעה־ליך און אויפגעלעגט נאך א פריהשטיק בעשטעהענד אויס אזא איינגעזאלצענעם מת—א הערינג. איינער מעג זיין דער בעסטער מענש, און אויס דער נאטור פרעהלאך, נור קוים עסט ער אויף א געזאלצענעם הערינג פערפערטיגט במנהג סמארגאָן—אין א באד פון עסיג, געדיכט בעשאטען מיט פעפער, אדער א סעסטעלע סטינקעס, דאן איז נאך אלעמען! זיין פרעהליכקייט ווערט פערסם׳ט אויף דער שטעלע. אזא איינעם קענט איהר שוין אין דעם טאג ניט קריגען אין א גוטער לוינע. נאכאנאנד וועט זיך אזא קאסטימער וועלען צאנקען, דיא קלענסטע קלייניגקייט וועט איהם מאכען ער־

גערליך און עס וועט איהם צורייצען. פאר דיא יעניגע חברה־לייט וואס האבען ליעב אפטמאל זיך דורך צו ווערטלען מיט דער פלוניתטע און איהר מכבד זיין מיט א פארציע אז זיא זאל עס האבען צו געדענקען אויף א לאנגע צייט, איז גאר ניטא קיין בעסערער מיטעל וויא צו עסען הערינג באלד אין דער פריה. עפעס א קלייניגקייט וואס צרות דיזע איינגעזאלצענע מת האט שוין אנגעמאכט אין דער וועלט—וויא פיעל חללים עס האט שוין אויסגעצויגען פלאך. איהר שפיעלט זיך עפעס מיט הערינג. לימבורגער קעז האט ניט אנגע־מאכט א העלפט פון דיא צרות וואס הערינג האט שוין אנגעמאכט. איינגעזונקען וויא קרח האט געדארפט ווערן יענער חברה־מאן וואס האט דער ערשטער געמאכט דיא ערפינדונג פון הערינג—א רוח אין זיין טאטענס טאטען אריין!

אין דיא לעצטע צייטען איז צוגעקומען נאך א מאכל צו דער מצרים־סטריטער שפייז קארטע—ווארשט! א שעהנע פאאר כלים —ניטא וואס צו ריידען. הערינג מיט ווארשט! טהייערע יאהרען פערקירצער—איך האב פיינט צו זאגען. אנדערע פעלקער האבען זיך שוין אפילו אבגעוואהנט פאן דעם בארבארישען מאכל, ווארשט. זייט מען האט געמאכט דיא אנגענעהמע ערפינדונג וויא אזוי איי־נער א ווארשט פאבריקאנט אין טשיקאגא האט געמאכט ווארשט פון זיין ווייב—זייט מען האט אנגעהויבען צו קלעהרען וויא אזוי מען מאכט א ברכה אויף א דייטשקע, אין דעם פארמאט פון ווארשט—איז דער עדעלער געשעפט פון ווארשט געווארען אביסעל אבגעשוואכט צווישען דיא עומות העולם. נור אחינו האבען זיך יעצט רעכט צוגעכאפט מיט גרויס פרישקייט צו דיא פליישיגע קייטלאך וואס פעראייניגען דעם מענשען מיט דער חיה—אדער מיט דער בהמה—ווייסט דער טייפעל פון וואס פאר בעשעפעניסע דיא ״כשר׳ע״ ווארשט ווערט היינט געמאכט. מען זאגט נאר אז א גרויסער טהייל פון דיזע כשר׳ע ווארשט דארף מען גאר עסען מיט א בייטש און ניט מיט א גאפעל, ווארום דיא אלע אויסגעדינטע פערד—דיא אלע ״פאליטנע״ זקנים וואס קיינער וויל זיי שוין אפילו ניט צו לאבערן, ווערן שוין יעצט מגולגל אין כשר׳ע ווארשטלאך. און דיזע סחורה איז געווארען איינע פון דיא נאציאנאלע שפייז—נעבסט אויף

דער פראגראמע צו הערינג—און צו גוטעס וועט עס שוין גענויס ניט פיהרען.

ניין, צו גוטעס וועט עס שוין גענויס ניט פיהרען—דאס איז זיכער. זאגט מיר וואס איינער עסט וועל איך אייך זאגען וואס ער איז און וואס פאר א סוף ער וועט האבען. ווארום ארום דעם וואס קען ביי זיך פועלן צו עסען ווארשט איז נישטא מעהר וואס צו ריידען—פערפאלען פון ביידע וועלטען! אזא איינעמ׳ס עולם־הבא אפילו איז שוין אויך ניט ווערטה א ניקעל. קארג קברים זיינען געווען אין מצרים האט מען נאך בעדארפט דעם עולם פערפיהרען אין א מדבר און זיי דארטען בעגראבען? הערינג און לעבער מיט שמאלץ האט ניט דיא יכולת צו פערקירצען דיא יאהרען געגוג, האט נאך געפעהלט ווארשט? און נאך אזעלכע סחורה וויא עס ווערט פאבריצירט אין דיזער מזומן מדינה, אוואו איינער, נאך איבערהויפט א ווארשט מאכער, וואלט פערקויפט זיין שווינער אפילו, אבי צו מאכען דיא מזומן. ווארום איהר האט גאר א בעגריף פון וואס ווארשט ווערט פערפערטיגט? וויא פיעל שלעכטע, אלטע שטיקלאך פלייש עס בלייבט איבער נאכהער וויא דיא ווייבער האבען עס שוין גוט דורכגעקיצעלט, גוט דורכגעקוועטשט, דורך געטאפט און גענוי עקזאמענירט און אוועק געווארפען מיט פעראכטונג—וויפיעל אלטע קנעפלאך ושאר ירקות עס וואלגערן זיך ארום אין שמוציגען קעלער וואו מען פאבריצירט געוועהנליך דיזע סחורה, קומט אלץ אריין אין ווארשט. דער אלטער גראַ־בערדיגער וויץ וואס קריכט ארום צווישען עולם, און וואס דערצעהלט וויא אזוי איינער איז צוריקגעקומען אין א ווארשט סטאר און האט דארטען געמאכט א קלאגע אז ער האט געפונען אין דיא ווארשט וואס ער האט אָקאָרשט געקויפט, שטיקלאך אזעלכע וואס ער דערקענט פאר האלעווע פון אלטע שטיוועל, און וויא דער ווארשט מאכער האט זיך פערקרימט און האט זיך אנטקעגען איהם געשטעלט מיט דיא הענד אין דיא באָקעס, און האט איהם קאלט־בליטיג גענטפערט בזה הנוסח:—״ וואס מיינט איהר דאס איך וועל אפשר געהן קויפען פאר אייך סאמעטענע פאנטאפעל מיט קוויטען און אריינלעגען אין דיא ווארשט?״—דיזער קלאגעדיגער וויץ זאל דאך גאר זיין א אמתה מעשה. אזוי האט מיר דערצעהלט איינער וואס מען

קען שטעלען אויף זיין ווארט. ווארום זייט א רעכטע פאר יאהר זיצט ער כסדר אין סינג־סינג. געהט ניט ארויס מפתח ביתו יאהר איין יאהר אויס, און זעהט ניט אן א צורת מטבעה. און אויב מען זאל שוין ניט גלויבען אזא איינעם—וואס איז קיין סוחר, קיין קהל׳שע קליאמקע, קיין וואורשט פאבריקאנט, קיין בשר־כשר צדיק, קיין מצה־שמורה בעקער—וואס איז אפשר געווען א פערד לאבערער פון יענער זייט ירדן, און דא רופט ער זיך אליין מיט גרויס פריש־קייט אין דיא צייטונגען "רב"; איך זאג, אויב מען זאל ניט גלויבען איינעם וואס איז קיין יין־שרף־של־פסח חברה־מאן וואס פערקויפט ברענדי און וויין צו קראנקע און צו שוואכע פאר מעדיציינישען געברויך, און שווערט מיט טויטע שבועות אז עס איז העכטער אימפארטירטער שטאף, און צום סוף פאבריצירט ער עס גאר אליין אין זיין אייגענעם קעלער נאך א אלבע נאכט פון אלקאהאל מיט פארב, וואס דאס איז ריינער סם־המות פאר שוואכע און קראנקע— אז מען זאל שוין ניט גלויבען איינעם וואס זיצט יומם ולילה אין סינג־סינג און טהוט נעביך גאר ניט—אז מען זאל שוין ניט גלויבען אזא איינעם, דאן ווייס איך שוין טאקע ניט וועמען מען קען היינטיגע צייטען יא גלויבען.

* * *

עס גיבט גאר קיין צווייפעל אז נור אן דיא שפייז וואס א מענש פערצעהרט היינגט אב זיין גאנצער מאראלישער צושטאנד. אונארטיגע שפייז מוז פיהרען צו איין אונארטיגע אויפיהרונג, און איין אונארטיגע אויפיהרונג מוז ענדליך ווירקען אויף דיא חושים און פעהינקייטען—ניט נור פון דעם בעטרעפענדען אליין, זאנדערן אויך אויף זיינע נאכקעמלינגע. ווארום וויא אין דער ווירקליכקייט קענען זיך ביי איינעם ענטוויקלען איידעלע געפיהלען, א שטארקער כאראקטער, א געזונדער פערשטאנד, ווען מען עסט שפייז אזעלכע וואס איז פריהער דורך געגאנגען איין אָרדאַליע אסך ערגער וויא דיא אינקוויזיציאָן, און דערנאך איז עס דורך געוויקט מיט די בלוט און מיט דעם עסענץ—מיט דעם נאטור און מיט דעם כאראקטער פון דער לעבעדיגער בעשעפנים, וועלכעס איז ניט אימער פון דעם איידעלסטען זארט; און וועלכע דער מענש מוז ענדליך ערווערבען דורך דעם וואס ער עסט עס אויף? עס מוז נאטירליך ווירקען

ברוטאליש אויף זיינע חושים; עס מוז פערדונקלען זיין פערשטאנד; עס מוז בעדעקען זיינע איידעלסטע געפיהלען מיט א געדיכטען וואל־קען; עס מוז פון זיין כאראקטער מאכען א תל, און עס מוז אונטער־גראבען זיין גאנצען וואהלשטאנד.

דיזעס דארף און מוז יעדער עהרליכער מענש אימער האבען אין זינען. און הלואי וואלטען עס אונזערע עלטערן געהאט אין זינען, און וואלטען בעסער און נאטירליכער געלעבט, וואלטען מיר יעצט פערשפארט זיך ארום צו טראגען מיט פערשיעדענע קראנק־הייטען און פעהלערן וואס זיינען אזוי געדיכט אנגעוואכסען אויף אונז. נור ״אבתינו חטאו ואינם ואנחנו עונתיהם סבלנו.״ וואס העלפט אבער זיך צו בעקלאגען אויף א זאך וואס איז שוין פערפאלען? מיר דארפען יעצט זעהן אויסצובעסערן יענע פעהלערן און זיך צו פערהיטען אז אונזערע נאכקעמלינגע זאלען ניט דארפען ליידען פאר אונזער אויפפיהרונג.

דיזעס אויסצופיהרען איז נאטירליך ניט פון דיא גרינגסטע אויפגאבען, נאכהער וויא מיר זיינען שוין אזוי וויט פון ריכטיגען וועג פערקראכען. נור א פעסטער ווילען און א שטארקער כאראקטער קענען עס אוים פיהרען, און דיזע וועלען עס אויספיהרען. דיא אנ־דערע וועלען ענדליך אָבפאלען ביין וועג. פאלס זיי וועלען זיך ניט פערהיטען פון אונפאסיגע שפייז, און וועלען אנהאלטען צו געבען זייערע ליידענשאפטען פרייען לויף, וועלען זייא פריהער אדער שפעטער פאלען קרבנות. און בורטשען נאכהער וועט ניט העלפען, בורטשען העלפט איבערהויפט קיין מאהל. ״ויִּלֹּונוּ״—אונד זיי האבען געטאָהן בורטשען, דערצעהלט דער פסוק עטליכע מאהל. נו, האָ־בען זייא עפּעס פיעל אויסגעפיהרט? זייא האבען געקריגען דיא חאָלעריע—דאס אלעס. בורטשען מיט דער מגפה געהען געוועהנליך צוזאמען, אזוי וויא שלו מיט דער מגפה. וואס מען בעדארף ווירק־ליך טאהן איז ניט בורטשען זאנדערן זיך ארומצוזעהען בעצייטענס און האבען שטענדיג אין זינען דאס אויב מען וויל גרייכען דיא מדרגה פון א געזונדען צושטאנד, דאן מוז דיא אויפפיהרונג זיין אזעלכע וואס זאל שטימען הארמאָניש מיט דיא נאטירליכע געזעצע. דאן קען מען ערווארטען פאלקאמענע געזונדהייט, א גלייכען פערשטאנד און סימ־

פאטעטישע געפיהלען; און דיזע אייגענשאפטען אויב מען בעזיצט מוזען שוין ממילא פיהרען אין דער וועג פון ״והיית אך שמח״. דאן איז מען שוין ממילא נור לוסטיג, לעבעדיג, מונטער און אויפגעלעגט, און ניט צוקראָכען, צובראָכען, פערפינסטערט און פאר מרה־שחורה׳ט.

נור אויב איהר קענט זיך דאך ניט צוריקהאלטען און ווילט דוקא לעבען וויא אייער תאוה דיקטירט אייך, דאן עסט וואס אייער אפעטיט הייסט אייך. עסט לעבער מיט שמאלץ, סטינקעס מיט ראסעל, געפילטע פעפער מיט פיש, געשמארטע פליאקע, געפרעגעלטע מארך, מארענירטע בר־מנן, ווורשט, הערינג, לימבורגער קעז, טשאלענט און נאך אנדערע אזעלכע איידעלע געריכטען; טרינקט שארפע משקה און פיהרט זיך אויף דעם שניט פון זמרי בן־סלאו—דער פיינער סוחר, און פון אייך וועט שוין ממילא אויסוואכסען א לייט—אויף אלע רשעים געזאגט געווארען—אמן!

קאַפּיטעל 2.

„וילונו"—און זייא האבען געטאָהן בורטשען. אז זיי האבען געקריגען דיא ערלויבנים* צו פרעגען וועגען שווערע שטעלען אין מיינע שריפטען וועגען דיא וועגעטעריאנישע פראגע, וועלכע איך האב פערשפראכען צו ענטפערן געדרוקט בייא דיא ערשטע גע־לעגענהייט—אז זייא האבען געקריגען דיזע ערלויבנים, האבען זיך חברה פערנאנדער געלאזען אויף א גרויסען שטייגער און האבען אנגעהויבען אויף מיר צו באמבארדירען עפּעס אקוראט וויא איך וואלט געהאט געוועזן א פעסטונג. זייא האבען מיר איינפאך פער־ווארפען מיט שאלות, מיט מאדנע פראגען פון אלערליי זארטען, מיט פיעלפאכיגע פרעטענזיעס; און זיי האבען געבורטשעט—געבורטשעט וויא אין פסוק שטעהט.

דיזע וואורף־געוועהר—דיזע בריף, אויסער וואס זייא זיינען מיר דערגאנגען דיא יאהרען, האבען אויך אנגעהויבען צו קומען אזוי געדיכט ביז דיא פּאסט־אפיס פערוואלטער זיינען געווארען פערדעכ־טיג. עפּעס איז זייא דער גאנצער עסק ניט געפעהלען געווארען. קריג עפּעס צו פיעל בריעף, און זיי ווייסען נישקשה דעם פערקעהר פון א אידישען שרייבער. ענדליך האבען זיי איינמאהל קאנפיסקירט א גאנצען פּאַק בריף אדרעסירט צו מיר און האבען דיזע אונטער־זוכט. אז זיי האבען אבער אין זיי ניט געפונען א סענט—אבער טאקע ניט א צובראכענעם שילינג—אפילו ניט א סטעמפּ; אז זייא האבען דארטען גאר ניט פערדעכטיג דערטאפּט, איז זייער

*) אין מיינע ווערקע:—
„אין גאלד וויא טראסט" אין ענגליש.
„לא תרצח" אין ענגליש.
„לא תרצח"—ערשטען טהייל פון דיזע ווערקע.

גרימצארן פערלינדערט געווארען, און זייער פערדאכט אויף מיר איז געווארען צוקראכען אויף דער שטעלע. און עס איז שוין יעצט ווייטער מיט חסד, און חברה קענען שוין יעצט ווייטער באמבארדירען אויף וואס דיא וועלט שטעהט.

נור פון יעצט אן בעט איך דיא לעזער דאס אויב יעמאנד וועט עפעס וועלען אנפרעגען זאל ער פריהער פאר אלעם ניט בורטשען—איבערהויפט ניט בעפאלען מיט חוצפא. ווארום נאך אלעמען איז א שרייבער קיינעם'ס וואש-גויע; און אויב איינער וויל א ענטפער פערזעהנליך דאן זאל ער מוחל זיין און שיקען א סטעמפ—ווארום איך בין קיין פאסט-אפיס.

פון דיא אונצעהליגע בריעף וואס איך האב ערהאלטען האב איך נור אויסגעקליבען א קליינעם טהייל. דיא זעהר שעהנע און קאמפלימענטארישע בריף פון גאונים און גדולים, און פון גוטע פריינד, קען איך ניט דרוקען—קטנתי מכל החסדים. דיא יעניגע בריף וואס זיינען געווען געשריבען מיט עזורת האב איך בעגראבען——מיט כעם אריינגערוקט אין ד'רערד, וויא א מעסער וואס ווערט טריף. אנדערע האבען געפרעגט שאלות וואס זיינען צו נאריש, צו לעבערליך, אפילו זייא צו נעהמען אין אנבעטראכט. וואס איך האב יא אויסערוועהלט, זיינען בריף אזעלכע וועלכע שטעלען פראגען וואס זיינען געבויט אויף דעם פונדאמענט פון שכל הישר, וואס זיינען לאגיש—פראגען אזעלכע וואס קען איבערהויפט איין יעדען איינפאלען צו פרעגען. פון דיזע האב איך אויסגעקליבען דיא וויכטיגסטע. זייא האב איך ארום געגאלט, ארום געוואשען, האב זיי אומגעביטען דיא קליידער און זייא נעט אנגעטאהן. און אין דיזען געשטאלט, רבותי, האב איך דיא עהרע זייא פארצושטעלען פאר אייער כבוד:—

* * *

"——פלייש ווערט געגעסען לויט וויא מיין שכל טראגט מיר אויס," פאהרט ארויס איינער און פרעגט באלד אויפ'ן ניכטערן הארצען, "נור דערום ווייל דיא בהמות דערפון ענטהאלטען דיא קראפט פון פלאנצונגען וואס דעם מענשען איז נעהטיג פאר זיין עקזיסטענץ. דער מענש קען ניט עסען אזוי פיעל צמחים וויא פיעל ער דארף פאר זיין נאהרונג, ווארום עס וואלט אויסגעמאטערט אונד בעלעסטיגט

זיין מאגען. עסט ער דערפאר פלייש וואס דאס איז דער עסענץ פון תבואה. צער־בעלי־חיים אוועק געלעגט אן א זייט, קען גאר ניט זיין א מעהר פאסענדע שפייז פארן מענשען וויא פלייש. און ביז מען וועט אויסגעפינען דיא ריכטיגע שפייז פאסענד פארן מענשען, קען מען דיא פראגע פון רחמנות ניט נעהמען אין אנבעטראכט. אויב דער מענש ווערט ערגער דאדורך וואס ער עסט פלייש איז א גרויסע פראגע. איך גלויב ניט דאס דער מענש ערווערבט דיא אייגענשאפ־טען פון דיא חיה וואס ער פערצעהרט. ביטע ענטפערט מיר און בעווייזט אייער בעהויפטונג אז דער מענש איז געווארען ערגער און נור דאדורך וואס בייא איהם ענטוויקלען זיך דיא זעלבע אייגענ־שאפטען פון דיא בעשעפעניסע וואס ער פערצעהרט.——":

ענטפער:— אייער טהעאָריע שיינט צו זיין אימפּאר־טירט דירעקט פון חעלעם. לויט אייער בעהויפטונג בעדארף אלזא דער מענש עסען א איסט־אינדיאנער אנשטאט פרוכט, ווייל דיזע אינדיאנער עסען הויפטזעכליך נור פרוכט. און אזוי וויא עס וואלט בעלעסטיגט דעם מאָגען פון מענשען צו עסען פיעל פרוכט דערפון צו ציהען חיונה, דארף מען דערפאר בעסער עסען אזא קאסטימער, וואָ־רום ביי אהים ענטוויקעלט זיך דיזע פרוכט אין פלייש. א שעהנער איינ־פאל—איך האב פיינט צו זאגען.

ווארום פאלט אייך בעסער ניט איין דער געדאנקען דאס ווען איהר עסט א שטיק אקס, עסט איהר נאך אלעמען נור סעקאָנד־הענדיגע תבואה—צוקריפּעלטע און אויסגעמאטערטע צמחים? וואָ־רום דער בעסטער טהייל דערפון ווערט דאך ביי דער בהמה אויסגעניצט אויף איהר אייגען געברויך—אויף איהר ציין, אויף איהר געביין, אויף איהר קראפט—זיא דארף דאך נעביך אויך מאכען א לעבען—וואס מיינט איהר זיא איז א אידישער שרייבער?

אלע ווייסען, אויסער דיזע וואס ווילען ניט וויסען, אז דיא קראפט וואס עס בעהאלט זיך אין א פונט פלייש, קענט איהר גע־פינען אין א טהע לעפעלע פון אירגענד וועלכער זארט תבואה. אויב איהר רעכענט דאס נאהרונגס קראפט נעהטיג פארן מענשלי־כען געברויך ליעגט בעהאלטען אין דער פארציע טויטע פלייש וואס איהר עסט צו מיטאג, מאכט איהר א גרוואלדיגען מיסטייק. אם

לא תדעי לך היפה בנשים—אויב איהר צוויפעלט דערין, דאן עסט נור אזעלכע פּאַרציעס פלייש, אדער פיש, יעדען טאג צו מיטאג בלויז איין מאנהייט. עסט קיין אנדער זאך און איהר וועט עס ניט אויסהאלטען—קענט עס ניט אויסהאלטען. ווארום איהר שעפּט חיונה ניט פון פלייש. זאנדערן פון דיא תבואה וואס איהר עסט מיט דיא פלייש. פלייש האט א טייפלעשע קראפט דערמיט וואס דעם מענשליכען גוימען געפעלט עס בעסער וויא פלאנצונגען. ווער וועט וואגען צו בעהויפּטען אז מאנדלען און קארשען זיינען ניט געשמאקער וויא פלייש? אדער זייא בעזיטצען ניט אזוי פיעל קראפט וויא פלייש? פון דעסטוועגען וועט דער מענש פיעל ליעבערשט עסען פלייש צו מיטאג וויא מאנדלען. דיא אורזאכע דערפון קען מען ניט פערשטעהן—נור עס איז א פאקט. עפּעס בעפרידיגט עס מעהר דעם אפּעטיט. קארשען קען מען ניט עסען מיט אזא גרויסע כונה—מיט אזא לשם־יחוד התלעבות—מיט אזא נייגירדע וויא פלייש. א כפול־שמונה׳דיגער אכל׳ער מוז האבען זיין מויל אנגעפּאקט פול ביז׳ן גרענעץ. דיזע רייבט ער בחפזון—גיך און געשווינד, און מיט גרויס כוה. און דאס קען ער מיט נים און אפּעלצינען ניט אויספיהרען. אויב אזא אומגעלומפּערטער עסען טהוט אויך גוטעס, איז א פראגע. איך מיין אז ניט—געוויס ניט. נור יעדענפאלס בעפרידיגט עס דעם אפּעטיט פיעל מעהר וויא איידעלע שפּייז. אבוואהל איידעלע שפּייז בעזארגט בעסער און גיכער דיא נעהטיגע קראפט וואס דער מענש דארף פאר זיין עקזיסטענץ. ווארום נאך אלעמען עסט זאגאר דער גרעסטער פרעסער מעהר פלאנצונגען וויא פלייש. פּרובירט אכטונג צו געבען וויא פיעל ברויט און אנדערע פלאנצונגען איהר אליין עסט מיט פלייש, און איהר וועט זיך איבערציינען אז פון פלייש פערצעהרט איהר בלויז א קליינעם פּראָצענט. און נור פון דיא תבואה מאכט איהר א לעבען. נור ניט אויך דערפון אליין, ״כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם כי על כל מוצא פי ה׳ יחיה האדם״—ניט נור פון עסען אליין ציהט דער מענש זיין חיונה, זאנדערן אלעס אין דער נאטור שפּיעלען פּראמינענטע ראלעס צו פערשאפען דעם מענשען דיא נעהטיגע מיטעלען פיר זיין עקזיסטענץ. לופט, וואסער, זאנענשיין, מאַנדשיין און פערשיעדענע אנדערע זאכען אין דיא עלעמענטען האַ־

בען א גרויסען חלק אין דער מענשליכער חיונה. דער מענש קען א געוויסע צייט לעבען אהן עסען, וועהרענד אהן לופט—ניט א מינוט. אהן זאנענשיין ווערט דער מענש פערוויאלעט וויא א פלאנצונג וואס האט ניט דיא זון. דיא יעניגע וואס ארבייטען ביי־נאכט און שלאפען ביי־טאג זיינען אלע אהן א אויסנאהמע שוואכע מענשען—עסווירקט שרעקליך אויף זיי. זיי מעגען עסען אהן א שיעור, און דיזעם פערשאפט זיי ניט מיט דיא נעהטיגע קראפט וואס דיא זון בעזארגט.

דאס זעלבע איזט אויך מיט מאָנדשיין. עס האט א פיעל גרעסערן טהייל אין דער מענשליכער חיונה וויא מאנכע האבען א בעגריף. דיא לבנה האט א גרויסע ווירקונג אויף אונזערע חושים און פעהיגקייטען. עס איז א בעוואוסטער פאקט, למשל, אז דיא יעניגע אונגליקליכע וואס זיינען נעביך געגריפען אויף דען פערשטאנד ווערן זעהר אונרוהיג ווען דיא לבנה פעננגט אן צו שטייגען, און דיזע אונרוהיגקייט ווערט אלס שטארקער און שטארקער ביז דיא לבנה ווערט פול. דאן ווערן זיי בעזאנדערס אונרוהיג. אויף גע־זונדע מחות דאגעגען ווירקט עס קאפויר. ביי דענקער ענטוויקלען זיך דיא בעסטע געדאנקען נור דאן ווען דיא לבנה האלט אין שטייגען. אין דיא אלטע צייטען האט מען דיא אייגענשאפטען פון דער לבנה גוט פערשטאנען. ווען משה פאר זיין טויט בענשט דעם געטרייען זוהן—דעם האכמוטיגען און גוטען ברודער—דעם קלוגען פרינץ און רעגירער—דעם טוגענדהאפטען אדעלמאן וואס איז א מוסטער פאר דער וועלט ביז היינט מיט זיינע ערהאבענע אייגענשאפטען——דעם דיפלאמאט און קראנפרינץ וואס האט עגיפטען געמאכט פיהלען זיין איינפלוס—יוסף'ן; ווען משה בענשט דיזען אריסטאקראט, גיבט ער זיך אב מיט איהם פיעל מעהר וויא מיט דיא איבעריגע שבטים, און צו דיא אנדערע ברכות ווינשט ער איהם אויך צו, "ממגד תבואת שמש וממגד גרש ירחים"—פון דאס פרעכטיגסטע וואס דיא זון ברענגט פאר, און פון דאס אנגע־נעהמסטע וואס דיא לבנה פראָדוצירט.

דיא שטראהלען פון דער לבנה אלזא שפיעלען א פראמינענטע ראלע אין מענשליכען לעבען—פיעל מעהר וויא מיר האבען א בע־

גריף. און וואס דיזע שטראהלען פערשאפען קען דאס דער מענש ניט קריגען פון עסען ווען ער זאל אפילו אויף עסען 60 פונט לעבער.

* * *

נאטירליך שפיעלט עסען איינע פון דיא גרעסטע ראלעס אין לעבען—אבער אויף איין אנדער ארט וויא דער עולם מיינט. עסען האט א בעזאנדערע שליחות אויסצופיהרען, און דיזע פיהרט זיא אויס פיעל אנדערש וויא מען רעכענט. איהר קריגט ניט צו בלוט און פעט און קראפט פון יעדער עסען וויא איהר דענקט. דער עסען שפארט אייך נור אונטער דיא הארץ, און עס דערפרישט אייך, און עס קוויקט אייך—דאס אלעס. דער העברעהער דריקט זיך אויס ריכטיג ווען ער זאגט אויף עסען:—"סעדו לבכם"—אונטערלעהנט אייער הארץ. אין דער ענגלישער שפראכע ווערט ברויט גערופען „סטאף אָף לאיף"—א שטאב אויף וועלכען דער לעבען שפארט זיך אן; און עסען ווערט גערופען "ר ע פ ר ע ש מ ע נ ט"—ערפרישונג. און דיזע אויסדריקע זיינען ריכטיג. עס שפארט אונטער דאס הארץ און עס מאכט פרישער—דאס אלעס. (דיא צרה איז נור דאס מאנכע ווערן אפטמאהל צו פריש.) אבער דאס וואס מען דענקט דאס עסען פערשאפט דיא אלע נעהרטיגע נאהרונג פאר דער מענשליכער געביידע איז א גרויסער מיסטייק. ווארום אויב עסענווארג וואלט ווירקליך ענטהאלטען אפילו ניט מעהר וויא 10 פראצענט פון וואס מענשען מיינען אז זיי ציהען דערפון ארויס, דאן האבען דאך דיא יעניגע וואס טרינקען און עסען אויף אפשר 2000 פונט א יאהר—האבען דאך אזעלכע געדארפט צוקריגען צו זיך אם וועניגסטענס 200 פונט א יאהר. ענדליך לאזט זיך אויס אז נאך ניט איינער קריגט צו דורכשניטליך אפילו 5 פונט א יאהר. ווארום זאנסט האט דאך אפילו א 40 יעהריגער מענש געדארפט וועגען 200 פונט. און וואו געפינט איהר אזעלכע גערדיכטע בעלי־בתים? און דיא וואס איהר געפינט שוין אפילו יא, זיינען אם מייסטענס לייד־ענדע. האבען דיזע גערדיכטקייט, דיזע פעטקייט ניט ערווארבען פון דיא שפייז וואס זייא עסען—סיידען דיזע שפייז איז ניט געווען פאסענדע, און האבען דאדורך פערארזאכט א פעטע געוויכס אין דער געביידע. ווארום דיזע פעטקייט איז פאסט אימער א פעהלער—וויא עס איז

שוין ערקלעהרט אין ערשטען טהייל פון דיזע ווערקע. עס איז א
געוויכס וואס ברייננט גרויסע צרות דעם מענשען. וועה איז שוין
דעם וואס זיין לעבער איז צו פעט, וואס זיינע נירען זיינען צו פעט,
וואס זיין האלדז איז צו פעט, וואס זיין ברוסט און זיין הארץ זיינען
צו פעט, וואס זיין מארך איז צו פעט, וואס איז אין אלגעמיין
צו פעט. אזא איינער איז אימער ליידענד.

וואו קומט אלזא אהין דיא נאהרונג וואס איהר דענקט
איהר ציהט ארויס פאן עסענוווארג? איהר וועט פיליכט ענטפערן
אז מענשען פערהארעווען דאס. נור דאס איז ניט ריכטיג. פּרובירט
ניט צו הארעווען, זיצט רוהיג און עס וועט זיין דיא זעלבע זאך.
דיא מעהרסטע רייכע לייט הארעווען ניט. דיא מעהרסטע פרויען
הארעווען ניט אזוי שווער וויא מעננער—סיידען דיא יעניגע וואס
בורטשען. און דיזע עסען, און ענדע יאהר זיינען זיי ניט שווערער,
און זיינען ניט קרעפטיגער. און אפילו ווען יא, איז דאך דאס בלויז
איין זעהר ווייניג—עס איז כמעט גאר קיין פּראָצענט פון דיא
עסענוווארג פערצעהרט.

איהר מוזט אלזא צוגעבען דאס עסען איז ניט מעהר וויא
אונטערצולעהנען דאס הארץ און צו דערפרישען דיא אָרגאנען—
דאס אלעס. דאס איבעריגע וואס דעם מענשען איז נעהטיג פאר
זיין חיונה, פערשאפען אנדערע זאכען אין דער נאטור וויא עסען.

א קארש, א טרויב, א פלוים, א יאגדע אדער א ווייץ קער־
רענדעל, למשל, האבען זיך געהאדעוועט אין דער זון, און האבען
אין זיך אריינגעצויגען איהרע שטראהלען. זיי האבען אויך פערבראכט
גאנצענע נעכט אין דער קאמפּאניע פון דער לבנה און האבען אין
זיך בעהאלטען פיעלע פון איהר אייגענשאפטען. א חוץ דעם האט
דיא נאטור ארויסגעצויגען פון דער מינעראלישער וועלט געוויסע
שטאפען, און האט מיט גרויס פּינקטליכקייט דיזע פערמישט, און
האט דערפון געבויט א פלוים אדער א קארש, אדער א יאגדע,
למשל. יעצט אז דיא נאטור איז מיט דיזער פרוכט פערטיג, איז
עס פאר זיך אליין א פלעשעלע מעדיצין—א בוטעלקעלע פול גע־
פּאקט מיט רערפרישונג—מיט דערקוויקונג. אז דער מענש טרינקט
אויס אזא בוטעלקעלע מעדיצין—אז ער עסט אויף אזא פלעשעלע

דערקוויקונג, און עס קומט צו פאהרען צו גאסט אין זיין געביידע, פערשפרייט עס זיך ביי איהם איבער אלע זיינע גלידער. און וויא א נעטע בעל־הביתטע ווען זיא קומט אריין אין שטוב, רוימט זיא מסתמא דארט באלד אויף, און מאכט ריין אין אלע ווינקעלאך, און פעריכט וואו עס איז צוריסען, און פערצירעוועט וואו עס איז צו־פליקט, און מאכט דארטען ארדענונג, און מונטערט דארט אלעמען אויף, און מאכט אלעמען פרעהלאך, לוסטיג און פערשפרייט אנ־גענעהמליכקייט איבעראל, ביז עס איז א מחיה—א פערגעניגען אריין צו געהן אין אזא שטוב; אזוי ווערט אויך אזא נעטע, אזא ליבליבע בעל־הביתטע א קארש, א פלוים, א טרויב אדער אירגענד וועלכער זארט פון פרוכט אדער פון תבואה וואס האדעווען זיך אין דיא שטראהלען פון דער זון און דער לבנה. אז אזא קארש, למשל, קומט צו פאהרען ביי אונז אין שטוב, מאכט עס דיא ערשטע זאך דארט ארדענונג—מאכט ריין. פעריכט וואו עס איז צוריסען, פערצירעוועט וואו עס איז צופליקט. און דאן קוויקט עס און דער־פרישט דיא אבגעשוואכטע, און אויסגעמאטערטע איברים. עס פערהיילט און דערקוויקט, און עס שפארט אונטער דאס הארץ—דאס אין דיא איינציגע אויפגאבע דערפון—עס האט קיין אנדער טענדענץ. לעבען און קראפט, און פערשטאנד און חיונה פאר אלע חושים, פערשאפען אנדערע זאכען אין דער נאטור—גאט בעוארנט דיזע פון א העכערע קוועלע וויא מיר קליינע חיים׳לאך קענען גאר האבען א בעגריף. א קליינינקע אייגעלע און א פיטשינקער פערשטאנדעלע קען ווייטער נים קוקען וויא ביז דעם פומפערניקעל און דיא גע־שמארטע לעבער. דערין, מיינט ער, ליגט בעהאלטען דאס גאנצע לעבען נעהטיג פארן מענשען. נור עס איז א גרויסער טעות. ווארום אויב נור עסען אליין, אדער דער עסענץ פון עסען, וואלט ווירקליך פערשאפט דיא נעהטיגע קראפט וואס דעם מענשען איז נעהטיג פאר זיין לעבען, וואלט מען דאך מיט אזא עסענץ אדער קראפט געקענט לעבעדיג מאכען טויטע. ווארום וואס קען אבהאלטען און וואס פאר א גרויסער קונץ וואלט געווען אריינצובריינגען, אדער אריינצופליסען דיזען עסענץ, אדר דיזע קראפט פון עסען אין א פריש געשטארבענעם וועלכער האט נאך אלע ארגאנען וויא

אלע אנדערע מענשען? נור אזא זאך צו טאהן וואלט ניט העלפען. איהר מעגט אין א טויטען אריין גיסען א גאנצען צעבער מיט ביך־טעה, למשל, וואס דאס איז דער עסענץ פון פלייש, און דאס וועט איהם אזוי העלפען וויא באנקעס. דערפון איז געדרונגען אז ניט עסען פערשאפט דאס לעבען. שפייז שפארט נור אונטער דאס הערץ, און עס דערפרישט דיא איברים—דאס אלעס

דערפאר אז ווען דער מענש בעדארף אונטערלעהנען זיין הארץ און וויל זיך דערפרישען, דאן דארף ער עסען נור אזעלכע בור־טעלקעלאך וואס ענטהאלטען אין זיך דיא נעהטיגע ערפרישונג. ער דארף געניסען נור אזעלכע פלעשעלאך וועלכע זיינען אנגעפילט פול מיט באלזאם אזעלכע וואס פערהיילט אונזערע וואונדען. ער דארף עסען נור אזעלכע „באלעבאסטעלאך„ וואס זיינען אליין ריין און נעט, און מאכען ריין און רוימען אויף ביי אונז אין שטוב. ער דארף עסען נור אזעלכע קליינע „פלוניתטעלאך" וואס מאכען ארדנונג אין אונזער געביידע, און פעריכטען דארט אלעס וואס איז צוריסען און צופליקט; און וואס טרייסטען אונז, און נעהמען אוועק פון אונז א העלפט פון אונזער זארג, און מאכען אונז מונטער און אויפגעלעגט—אזוי וויא עס טהוען אלע גוטע, פרומע, נעטע בעל־הביתטעס. אין קורץ, דער מענש דארף נור עסען פרוכט און תבואה. אבער דיזע מוז ער עסען אין דעם אָריגינאַלנעם פאָרמאט—און ניט דיא חיה וואס עסט דיא תבואה. ווארום ביי דער חיה געהט א גרויסער טהייל דערפון פערלארען. און וואס עס בלייבט איבער ווערט עס נאכהער צומישט מיט דיא שלעכטע אייגענשאפטען פון דער חיה, וועלכע דער מענש מוז ערווערבען נאכהער וויא ער עסט איהר פלייש.

* * *

און נור שלעכטע מידות ערווערבט דער מענש פון דער בעד־בעשעפעניס וואס ער פערצעהרט, און גוטע—ניעמאלס. אורזאכע, וויל חיות בעזיצען קיינע גוטע אייגענשאפטען. דיזע בעשעפעניסע וואס איהר רופט אן גוטע, צייכענען זיך אויס דערמיט וואס זיי זיינען אפשר קיינע שלעכטע. אבער אז זיי זיינען גוטע איז א בעד־טריבליכע איינבילדונג. ווארום צייגט מיר אין וואס בעשטייט נאך

אלעמען דיא גוטע מידות פון א שעפס, פון א קעלבעל, פון א גאנז, אדער פון אירגענד וועלכע אזעלכע בעשעפעניסע? זיינען זייא בעזאנדערס פערשטענדיג? זיינען זיי אזוי עהרליך? זיינען זיי מאראליש, גוט און פרום? זייא זיינען גאר ניט. מען פרייט זיך מיט זייא דערפאר וואס זייא בייסען ניט וויא הינט, און זיינען ניט אזוי גיפטיג וויא פערצוקענדע חיות, און זיינען אביסעל קליגער ווי קלעצער. אבער וואו איז דיא גוטע זייט פון דיזע לייט? זייא זיינען נאך אלעמען בלויז בהמות און חיות—אהן שכל, אהן געפיהל, אהן יושר, אהן מאראל, און אייגענניציג ביז דער לעצטער אקטאווע. דאס וויים עפעס פון טראקטירען א צווייטען, און איהם לייען א גמילות חסד, און טאהן א טובה און מיט העלפען, און מיט פיהלען מיט יענעם ווען ער צאפעלט זיך נעביך מיט דיא לעצטע כחות? גראדע וויא פראפעסיאנעלע פיגאנטראפען ווייסען זייא ניט פון אזעלכע זאכען. און אויב אזא חיה אדער בהמה זאל נפטר ווערען, און איהר זאלט וועלען דערויף מאכען א הספד, ווייס איך אסור ניט וואס פאר א שבח איהר קענט דערויף זאגען—סיידען דאס עס האט ניע באנקראטירט—דאס אלעס.

זאנסט בעזיצען חיות און בהמות קיינע גוטע אייגענשאפטען וואס דער מענש קען ירשענען. נור דעם אמת מוז מען זאגען אז דער מענש עסט גאר ניט דיזע בעשעפעניסע דערום ווייל זייא זיינען גוטע. האב נאך ניע געהערט פון איינעם ער זאל זאגען דאס ער האט געגעסען א גאנז נור דערום ווייל עס איז געווען א גוטע, כשרה, עהרליכע נשמה. אדער ער האט געגעסען א קאלבס-בראטען, דערום ווייל דאס קעלבעל דערפון עליה־השלום איז געווען א ארדענטליכע קינד וואס איז געגאנגען בדרך הישר. אדער ער האט געגעסען א פארציע מארענאט נור דערום ווייל דיא בעשעפענים פון וועלכע עס איז געווארען פערפערטיגט, איז געווען א גרויסער בעל-צדקה וואס פלעגט אוועק געבען דעם לעצטען ביסען פון מויל. דער מענש עסט ניט דעם לעבער פון א קוה, און פערפערטיגט ניט מטעמים פון איהר מארך, און קוויקט זיך ניט מיט איהר אייטער געפרעגעלט, און מאכט ניט קנעפלאך פון איהר געביין, נור דערפאר וואס דיא קוה האט ניט געטריבען רכילות, און האט ניט אויסגע-

טהיילט דעם מאן צרות. ער עסט איהר אויף ביז דיא קנעפלאך נור דערפאר—ווייל אזוי וויל ער, און באסטא!

דיא וואס היטען אב תורת-משה היטען זיך דאס זיי זאלען קיינע פערצוקענדע חיות עסען—וואס דאס וואלט גאר געוועז געפעהרליך; און וואלט פון דעם עסער גאר געמאכט, אין א קורצע צייט, א חיה-טורפת אין שטיוועל. אבער דאס דיא בעשעפעניסע וואס זייא עסען זיינען גוטע, איז פאזיטיוו ניט ריכטיג. און נאטירליך מאכט אזעלכע שפייז אויף׳ן עסער גראדע אזא ווירקונג—ער ירשעט דיא שלעכטע איינענשאפטען, אבער גוטע—ניעמאלס, ווייל דיא חיות און בהמות בעזיצען דיזע ניט.

עס איז א בעוואוסטער פאקט, למשל, אז דער וואס עסט חזיר, מוז סוף כל סוף ווערען חזיריוואטע—מוז ערווערבען דיא שעהנע מידות פון א חזיר—מוז זייא ירשענען, און זיין שוויגער אפילו קען איהם ניט העלפען. איינער מעג זיין דער איידעלסטער אויס דער נאטור, נור קוים עסט ער חזיר א געוויסע צייט כסדר, דאן ווערט פון זיינע בעסטע געפיהלען א תל—דאס איז א פאקט.

און אבוואהל חזיר מאכט אזא שרעקליכע ווירקונג אויף דעם עסער. מאכט ניט פון דעסטוועגען דער מילדער שעפס א גוטע וויר-קונג. עס ווערט נאך ניט איינער מילדער דערום וואס ער עסט שעפס. די אורזאכע ווארום א איד איז א בעסערער מענש וויא א גוי, איז ניט ווייל ער עסט שעפס, זאנדערן דערפאר וואס יענער עסט חזיר. דאס הייסט דער איז בעסער, ווייל יענער איז ערגער. דער איד איז בעסער דערפאר וואס יענער טרינקט מ ע ה ר. ווייל יענעמ׳ס בלוט איז מ ע ה ר צוקאכט, ווייל יענער איז מ ע ה ר אויסגעלאסען. היינטיגע צייטען איז שוין ליידער דאס אויך א מעלה. יענער איז בעסער, ווייל דער איז ערגער—א שעהנער שבח—איך האב פיינט צו זאגען. א וואונדער וויא אזא שבח וואלט אויסגעזעהען אויף איינעמ׳ס א מצבה?

נאך א בעוויז דאס דער עסער ערוועבט ניט גוטע אייגענשאפ-טען פון דער בעשעפענים וואס ער פערצעהרט, מעג עס אפילו זיין פון דעם איידעלסטען זארט, האט איהר פון דעם וואלף. דיעזער חברה-מאן, אבוואהל ער מאכט נור א לעבען פון שעפסען, און האט שוין דערפאר ביז יעצט בעדארפט זיין א געשליפענער אדעלמאן, מעג

איהם פון דעסטוועגען זיין אזא יאהר וואס פאר א פיינער דזשענטעלמאן ער איז. דיזער תכשיט ערוועבט נאך ניט איין גוטע מעלה פון דיזע בעשע־פענים. פערקעהרט, נאך יעדער שעפס וואס ער פערצעהרט, אנשטאדט וואס ער האט בעדארפט ווערן אלס מילדער, בעסער און רוהיגער, ווערט ער נאך גאר אלס מעהר און מעהר בלוטדורשטיג. אויפן מענשען ווירקט עס גראדע עבען אזוי. ער ערווערבט דיא שלעכטע מידות פון דער חיה וואס ער פערצעהרט, אבער דיא גוטע ניעמאלס, ווייל זיא בעזיצען קיינע—אויסער דאס זייא באנקראטירען ניט. היינט געה מאך שבת דערמיט אין היינטיגע שלעכטע צייטען. און וואו וועט אהין קומען שלישי און שישי און מפטיר, אויב אזעלכע לייט וועלען עס ניט איינהאנדלען?

* * *

ווייל חיות און בהמות זיינען גוטע, עסט זייא ניעמאנד, נור לשם שמים—אין דעם נאמען פון רעליגיאן, עסען עס פיעלע און פיעלע. נור דיזע זיינען בלאפערס—לשם־שמים׳דיגע־בלאפערס. און דיזע חברה זיינען שוין אזוי ווייט פערקראכען אז זיי האבען שוין פערלוירען דעם געפיהל אפילו צו פערשטעהן וויא ווייט לעבערליך און משונה־ווילד זיי זיינען געווארען מיט זייער אומגעלומפערטע האנדלונג געגען גאט.

זייער אבהיטען שבת, למשל, איז מערקווירדיג לעבערליך. זייא היטען דאך ניט אב שבת ווייל מען דארף דאן רוהען, און לאזען אלע אנדערע רוהען—אפילו א בהמה; זייא בעטראכטען ניט שבת פאר א הייליגען טאג אין וועלכען מען דארף זיך אויסטאהן פון דער נארישער אלטעגליכער אמביציע, און אבגעבען דיא בעסטע געפיהלען, אלע געדאנקען צו עטוואס העבערעס וויא צו פערקויפען קנעפלאך אדער צו פאבריצירען הויזען. ניין, ניט אויף אזא ארט רופען זיי לשבת עונג—ניט אזעלבע זאכען פערנעהמען ביי זייא א וויכטיגען ארט. ביי זיי שפילען דיא הויפט ראָלעס—עסען. עס איז א „מצוה״ צו עסען בשר־ודגים־וכל־מטעמים אום שבת. עס איז א „מצוה״ צו עסען שלוש סעודות—3 מאהלצייטען; און רבי־חדקא הייסט עסען 4 מאהל. דאס זיינען דיא הויפט פרינציפען פון שבת ביי דיזע שומרי־שנאפסערס.

איך וועל אייך שילדערען וויא אזוי דיא פלוניתטע פון א בשר־כשר צדיק „מאכט שבת״, און וויא אזוי ער אליין „האלט שבת״:—

זיא פענגט אָן מיט גרויס פרישקייט נאָך דאנערשטאג. אלער־ערשטענס ווייקט זיא איין הערינג, און צוהאקט דיזע און פערפערטיגט דערפון א פאָרשפּייז "לכבוד שבת."

דאַן נעהמט זיא א לעבעדיגען קארפּ, און סקראָבעט איהם ארום, וועהרענד דיזער חברה־מאן לעבט נאָך און וויל דאס גאר ניט ליידען, און איז גאר ניט צופריעדען פון גאנצען עסק—ביי איהם שיינט דאס גאר ניט צו זיין אזא גרויסער כבוד וויא יענע פלוניתטע מיינט. זיא צושנייט און צוהאקט דאן דעם קארפּ אין שטיקער. בעזאלצט עס וועהרענד יעדער פון דיזע שטיקער צאפּעלט זיך נאָך, און פיהלט נאָך דעם וועהטאג פון דיא זאלץ וואס זיא שיט אויף זיינע וואונדען. און אויף אזא ארט פערפערטיגט זיא דערפון א געריכט „לכבוד־שבת".

דאַן קריכט זיא אריין אין יענעמ'ס לעבער—פון א אָקס, פון א קאַלב, אדער פון אירגענד א זארט געפליגעל, און דיזעס צוהאקט זיא און פערמישט מיט שמאלץ און דערפון קומט ארויס א געריכט „לכבוד שבת".

דאַן נעהמט זיא יענעמ'ס א פוס—פון א אָקס אדער א קאַלב, און סמאַלעט דיזע פריהער אב, שיילט עס דאן ארום, דאן צוזעגט זיא און צוהאקט דיזע אין שטיקלאך*) און מאכט דערפון דיא בערוואוסטע פ ע ט ש א „לכבוד שבת".

---

*) תורתמשה פערביטעט דיא גרויזאמקייט פון ברעכען ביינער—"ועצם לא תשברו בו" (שמות י"ב—46). קיין זאך גרוילט מיר ניט אויף אזוי, און מאכט ניט אזא פירכטערליכע ווירקונג אויף מיינע נערווען וויא ווען איך זעה עמלק'ס א שותף—א בוטשער, וויא דיזער תכשיט, שטעהט מיט א גרויסע זעג און זעגט א פוס־ביין. איך שטארב קוקענדיג אויף דער פּאנאראמא, און דער סקריפּען פון דיא זעג אויף דעם ביין מאכט אויף מיר דיא שרעקליכסטע ווירקונג. און וויא גרויזאם עס איז נאך צו זעהן וויא עס שטעהן דערביי א שנור ווייבער און דיזע איידעלע נשמות קוקען נאך מיט נייגירדע אויף דער זיסער סצענע וויא יענער זעגט און זעגט. און וויא זייא דינגען זיך נאך צו קריגען אזא אבגעזעגטען ביין, און האבען נאך שטארקע פּרעטענזיעס אז אזא ביין איז ניט גרעסער און איז ניט אנגעפילט מיט מעהר מארך. וויא שרעקליך, וויא גרויזאם! און מיט דיזע גרויזאמקייט פּרעטענדירען נאך

דאן שלעפט זיא ארויס יענעם׳ס א צונג—פון א שעפסענע, קעלבערנע, אדער אָקסענע קאָפּ, וועלכע האט ניט דעם זיבעטען חן, ווארום עס איז ארום געריסען, דיא הויט ארונטער געשונדען, פערבלוטיגט, דיא אויגען פערגלאָצט, דיא ציין ארויס געסטאראט־שעט, דיא נאָזלעכער פול מיט באָרד, דער צונג האלב ארויס געשלעפט, דיא מאָרדע ארומגעפליקט; און פון דיזע גרויזאמקייט—דער אויס זעהן פון וועלכע אליין קען מאכען איינעם ער זאל פון שרעק א פער־צאפּעלטער ווערען—וואלט ניט איבערגענעבטיגט א נאכט אין איין צימער מיט אזא גרויזאמקייט ווען מען זאל מיר אפילו אבגילטען, קען זיך פארשטעלען וויא איך וואלט אויסגעזעהן אז איך וואלט זיך אויפגעכאפּט אין מיטען דער נאכט און וואלט פּלוצלונג פאר מיר דערזעהן—ניט א „רות״ וואס האט זיך אומגעקהרט פון דיא פעל־דער אין מואב, וויא בועז׳ן האט געטראפען, זאנדערן—אזא מין ביקד־פארשוין—אזא צוהארגעטע, צוקאלעטשעטע, ארום געריסענע קאָפּ מיט פערגלאָצטע אויגען, מיט אויסגעסטאראטשעטע ציין, מיט נאָז־

אזעלכע לייט צו דינען גאט, וויל זיי מאכען „כשרה״ געריכטען דערפון—מטעמים אזעלכע פון וועלכע זיי מיינען אז גאט קוועלט אן.

איהר מעגט זאגען וואס איהר ווילט, נור עס איז ניטא א בעסערע רעליגיע וויא דיא „בשר־כשר״ רעליגיע. אזוי לייכט אויסצופיהרען, אזוי בעקוועם, און אזוי ביליג—מען קען עס איינהאנדלען מיט צוועלף סענט א פונט, לעבער מיט זעכס, „טרעמבע״ אדער קיטנאכע מיט 10 סענט א טאן, אדער 3 יארד פאר 5 סענט, א הארץ פאר א קווארטער, לונגען און קנאכען מיט מארך א צוגאב אומזיסט. האָף אז קיינער קען זיך ניט בע־קלאגען אז אזא רעליגיאן פאלט צור לאסט און איז צו טהייער. אלס דאך גרינגער און ביליגער וויא א רעליגיאן פון:— ״וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו״—פון „וחי אחיך עמך״—פון ״ואהבת לרעך כמוך״—פון „קדשים תהיו״—פון נאך אזעלכע זאכען צו פיעל אויסצורעכענען.

דערפאר זאג איך אז קיין בעסערע רעליגיע וויא דיא „בשר־כשר, ווין־שרף־של־פסח״ רעליגיע, איז גאר ניטא. און עס וואלט שוין אלעס רעכט געווען, און אלעס וואלט שוין געגאנגען וויא געשמירט, נור א קלאג צו זייא וויא אזעלכע צדיקים זעהען נעביך אויס אין דיא אויגען פון גאט און להבדיל ביי לייט מיט פערשטאנד.

לעבער פול מיט בארד, מיט א צונג ארויסגעשלעפט ביז דער העלפט, און אין אלגעמיין א אויסזעהן זאל מען דאס טאקע נור זעהן אויף כפול־שמונה׳דיגע רשעים. אויב איך וואלט געהאט געמאכט פליטה אין אזא פאל—פרעגט איהר ? און וויא אזוי נאך—דאס הייסט אבער אויב איך וואלט פריהער ניט פערגליווערט געווארען שטייף פאר גרויס שרעק. אויב איך וואלט גערופען הילפע—ווילט איהר וויסען ? און וויא נאך, און מיט וועלכע גוואלדעס נאך—דאס הייסט אבער אויב מיין שטימע וואלט פריהער אין מיר ניט דערשטיקט געווארען פאר גרויס אנגסט. ווארום וואס האט איהר געמיינט איך וועל טאהן אין אזא פאל ? איהר מיינט פיליכט דאס איך וואלט זיך גאר ניט געהאט בעקימערט, און וואלט עס נאך אויפגענאמען בסבר פנים יפות, און וואלט געזאגט ווי בועז, „ליני פה הלילה“, און וואלט זיך נאך אפשר געזעצט שפילען אין שאך מיט דיזע גרויזאמקייט, און וואלט אזוי געמיטליך פערבראכט דיא צייט דיא גאנצע נאכט, ביז אונזערע תלמידים וואלטען אונז געקומען זאגען אז עס איז שוין צייט צו דאווענען שחרית ? אויב איהר מיינט אזוי האט איהר, מיין הארר, א גרויסען טעות. איך וואלט געווים געמאכט פליטה. און וואלט נאטירליך געמאכט געוואלדעס וויא א חזן. און וואלט ארויס געגעבען א שטימע אז מען זאל עס קענען הערען אין אלע 127 מדינות—פון הדו ביז כוש. דאס וואלט איך געהאט געטאהן. און איהר בעדארפט זיך ניט מאכען פאר אזא חכם, און פאר אזא גרויסען העלד, און זאגען אז אייך וואלט אזא בעגעגעניש גאר ניט בעקימערט. ווארום אזא בעהויפטונג, אויב איינער זאל מאכען, איז א ליגען—א ליגען מיט א גרויסען למ״ד. ביז דאטע וויים איך נאך דערוויילע ניט פון איינעם וואס וואלט פון אזא פלעצליכע בעגעגעניש אין מיטען דער נאכט, ניט געווארען א פערצאפעלטער, און וואלט ניט געמאכט פליטה, און וואלט ניט געווארען אויף א ווילע א חזן.

נור צוריק צו אונזער עסק. מילא נעהמט יענע בעל־דבר׳טע וואס „מאכט שבת“, און שלעפט ארויס דעם צונג פון אזא גרוי־זאמקייט, און דיזעס קאכט זיא מיט גרויס פאראד אין זויערן, און פערפערטיגט דערפון א געריכט „לכבוד שבת“.

דאן נעהמט זיא יענע גרויזאמקייט—יענע אונגליקליכע, געקא־

לעטשעטע, צובלוטיגטע קאָפּ און צוהאַקט עס אין שטיקער, און וואַרפט עס אַריין אין אַ טשאַלענט טאָפּ, און צוזאַמען מיט קאַר־טאָפעל קומט דערפון אַרויס אַ געריכט ,,לכבוד שבת״.

דאַן נעהמט זיא אַרויס יענעמ׳ס געדערים—דיא טאַבאָכעס פון אַ בהמה, אָדער קיטנאָכעס, אָדער דיא טרעמבע, וויא עס ווערט פערשידען אַנגערופען און—שיקט עס ערשטענס אַוועק צו אַ וואַש־גויע אונטערן שטאָדט ערגעץ, בכדי עס זאָל פאַר איין גאַנג ניט פערשפּרייטען דיא חאָלעריע איבערן שטאָדט, און דאַן אַז עס קומט בשלום צוריק פון דער וואַש־גויע, פּילט זיא דיזע טרעמבע אָן מיט פערשידענע קרייטאַכער, פערנעהט עס נאָכהער מיט פאַדעם, פער־קניפּעלט עס מיט שטריקלאַך, בכדי עס זאָל חס־ושלום ניט אַנט־רונען ווערען, און דערפון קומט אַרויס אַ געריכט ,,לכבוד שבת״

נאָך דיזע געריכטען דערלאַנגט זיא צום טיש אַ קוגעל, רויט וויא עשו און פעט וויא אַ דבר־אחר; און נאָכדעם פּענגט זיך יעצט אָן אַ גאַנצע סדרה פון פערשידענע מאכלים ,,לכבוד שבת״. עס ווערט דערלאַנגט קאַלטע קוגעלאַך, געפילטע העלדזעלאַך, גע־שמאָרטע און געבראַטענע גאַנז אָדער פון איין אַנדער זאַרט עוף. און דיזעס ווערט פערטרונקען מיט משקה—ניט דערום ווייל נאָך אַזאַ עסען ווילט זיך טרינקען, אָדער דערפאַר וואָס יענער בעל־דבר האָט ליעב דעם טרונק, זאָנדערן דערום ווייל ער וויל מקיים זיין דעם פסוק פון ,,ואשנה ואשלש להעיד עוד על כוסי״. און אין דיזעס איז ער גראַדע ליבעראַל און לאָזט זיינע איבערנעהן און טוהט נאָך מעהר וויא אין פסוק שטעהט—און אַלס ,,לכבוד שבת״

און דערנאָך, אַז אַזאַ אַכלער איז שוין פערטיג מיט דער סעודה לעגט ער זיך צו אַ קאַפּעלע שלאָפען—ניט דערום ווייל ער קען ניט שטעהן אויף דיא פיס נאָך אַזאַ שווערען מיטאַג, זאָנדערן דערום ווייל ,,שינה בשבת תענוג״—אַלעס לשם־שמים—אַלעס ,,לכבוד שבת״.

נור נאָכ׳ן שלאָפען—,,הבשר עודנו בין שניהם טרם יכרת״—און אין דער מחנה הערשט שוין גרויסע צרות. דער עולם פליהט שוין אַרום בחפזון—לויפען שוין נעביך מיט גרויס הימפּעט—ניט צו ביזנעס—ניט נאָך אַ גמילת־חסד—ניט נאָך אַ וואָרענט אויף אַ צווייטען, אויב ער איז אַ פילאַדעלפיער—דאָס לויפט מען שוין נעביך

אויף צרות צו יענעם מחותן—צום דאָקטאָר. און דיזער מאַכער דער־קאָנטשעט שוין געוועהנליך וואס יענע מאכלים האבען אנגעפאַנגען. דערפאר רופט מען דעם אפיס פון א דאָקטאָר „קברות התאוה“—ווייל דארטען ווערען געוועהנליך אין גאנצען בעגראבען יענע לייט—המתאוים. פון „קברות התאוה“ פאהרען זיך געוועהנליך דורך פיעלע פון דיזע לשם שמים אכל׳ערס שפּאַצירען אויף יענעם „גוטען אָרט“—נאָך „חצרות“—און ויחנו בחצרות—און אין חצרות פער־בלייבען זיי שוין—און עס איז שוין נאָך אלעמען—און איהר מעגט שוין זאָגען קדיש!

* * *

(פארטזעצונג פון דער זעלבער טהעמא, פאלגט אין דעם נעכסטען קאפיטעל.)

קאַפּיטעל 3.

נור אייער ארגומענט דאס איהר עסט פלייש ווייל דיא חיה דערפון עסט פלאנצונגען, איז דאך גאר איבערהויפט א פאלשער. ווארום אויב דאס וואלט ווירקליך געווען אמת, טא ווארום עסט איהר פיש—וועלכע ערנעהרען זיך ניט אויף תבואה, און זיינען וויא אלע וויסען העכט פערצוקענדע חיות ? און ווארום עסט איהר גע־פליגעל—דיא הויפט שפייז פון וועלבע איז ניט פלאנצונגען ? עס איז גוט בעוואוסט אז א קאטשקע אדער א גאנז, מוז, וויא א חזור, האבען א בלאטע—האטש א קלייניקען זומפּעלע, אין וועלכען עס ליעגט נאכאנאנד ברייטלאך אויסגעשפּרייט וויא א קיזר, מיט׳ן שנאבעל טיעף אריינגערוקט אין דער בלאטע, און דארטען זוכט זיא פּרנסה. און וואס זיא געפינט דארטען קען מען זיך שוין לייכט פארשטעלען—ראזשינקעס מיט מאנדלען געווים ניט.

און וואס אנבעלאנגט א הון, דאן מוזט איהר אליין צוגעבען דאס איהר ארט שפייז איז ניט אימער צמחים און ניט אימער בע־שטעהט איהר עסען פון דעם איידעלסטען זארט. וואס א הון עסט ניט, מוז עס מסתמא זיין גומענע שטיוועל, בלעך געשיהר, ספרים און טשרטאבאקא. זאנסט איז אלעס וואס קומט איהר אן אין וועג אויסגעצייכענט גוטע סחורה—אפילו טשוועקלאך, נאדלען מיט שפּילקעס, וועלכע מען געפינט אזוי אפט אין איהר פאקעט־בוך, אינוועניג ביי איהר אין קעללער. דיזע בעשעפנים לאזט נאך ניט פערביי איין פליג, איין ווארעם, איין שפין, איין אינזעקט וואס זיא זאל ניט אויפעסען מיט דיא שטיוועל מיט אלעמען. זיא גרייפט אן און פערצעהרט אלעם אויסער דיא זאך וואס איז צו גרויס פאר איהר און זיא קען עס ניט בייקומען. אין אזא פאל ווען עס פּאַ־סירט, מאכט דיא פלוניתטע פליטה און טהוט גאר ניט—גראדע וויא מען טהוט אין מאראקא מיט גנבים. אין דיזער זיסער מדינה זעגט מען א גנב אראב דיא רעכט פוס—אויב מען באפט איהם. באפט

מען איהם אבער ניט—זענט מען איהם ניט אראב דיא רעכטע פוס—דיא לינקע אויך ניט. מען טהוט איהם אין אזא פאל גאר ניט—זיי האבען דארט גרויס איינזעהעניש, יענע לייט אין מאראקא—גראדע וויא דיא הינער אין אלע מדינות.

א הון איז אויס דער נאטור א וואהרע חיה־טורפת, און עס בעזיצט אויך שלעכטע מידות. דיא ליעבעס וואס דיזע חברה פיהרען אונטער זיך נאבאנאנד; און דיא קנאה, שנאה און כעס וואס זיי ערצייגען איז מערקווירדיג. זייערע אנגריפע אויף איינאנדער איז שלעכט און גיפטיג. אין אלגעמיין פיהרען זייא, וויא דיא נעגערס, א לידער־ליכען לעבען. זיי זיינען העכטע לאַטרעס. קענט קיינמאהל ניט דערגעהן וואסער טאטע איז זייערער—זייא אליין ווייסען אויך ניט——פרעגט זייא בחרם. א מערקווירדיגע זאך איז צו בעמערקען דאס זייא צייגען ניעמאלס פריינדשאפט און ליעבע צו מענשען וויא אנדערע חיות, אדער פייגעל פון דעם איידלען זארט. קיין זאך אינטערעסירט דיזע לייט אויסער זייערע קליינינקע ווען זיי זיינען נאך נאר יונג; און מיט וועלכע זיי פיהרען מלחמות, און הארגענען זיך ארום כסדר אזוי שנעל וויא זיי ווערן גרעסער, און קענען ביי דער מאמען אויס־כאפען איהר ברויט און איהר חתן. אהן א חתן קען א הון זיך ניט בעגעהן איין טאג. און יעדער חתן זאל האבען אזא מזל אין קבר וואס פאר א פיינעם שטאט ער פיהרט. א שעהנער תכשיט—ניטאָ וואס צו ריידען.

אם מייסטענס זיינען זיי אויך ליידענדע און קראנקע—וויא עס קען בעשטעטיגען איין יעדער רב וואס פסק׳נט שאלות; און זיינען אויך זעהר ניט ריין—וויא עס וועט אייך פערטרויען א סוד איין יעדער פעדער־פליקערקע.

אויב אייער ארגומענט וואלט שוין אפילו ריכטיג געווען, טאָ וויא קומט עס אלזא דאס איהר עסט דיזע בעשעפעניסע—דיזע פערצוקד־ענדע חיות, וואס זיי זיינען?

ריינע, ארדענטליכע בעשעפעניסע פון געפליגעל איז נור דיא טויב. דיזע ערנעהרט זיך נור אויף קערנער, און איז א ליבליכע בריאה. און פון דיא חיות וואס זיינען ריין, זיינען נור אזעלכע וואס זיינען געווען ערלויבט אלס קרבן. א הון, א קאטשקע, אדער א פיש איז ניט

געוועזן ערלויבט אלס קרבן. משה רבינו האט דעם נאטור פון דיזע גוט געקענט, און צוזאמען מיט דיא אונריינע, מיט דיא קראנקע און פעהלערהאפטע בעשעפעניסע, האט ער דיזע אויסגעשלאסען אלס ניט פאסענד פאר א קרבן פון איינעם וואס האט זיך מיט אירגענד עטוואס פערזינדיגט, און האט געוואלט זיין געוויסען ריין וואשען.

נור נאטירליכע שפייז פארן מענשען זיינען דיא בעשעפעניסע, וואס זיינען געוועזן ערלויבט אלס קרבן דאך ניט. נאטירליכע שפייז איז נור אזעלכע וואס הארמאָנירט מיטן נאטור און מיט דעם כאַראקטער פון עסער. און דער מענש וואס איז אויס דער נאטור קיין חיה־טורפת, דארף נור עסען אזעלכעס וואס שטימט איין מיט זיין נאטור און כאראקטער—גראדע וויא עס טהוט א ריינע, כשרה בעשעפענים. דיא טויב וועט ניט עסען פלייש. איהר איידעלער, ליבליכער כאראקטער וועט עס ניט דערלאזען. און דערפאר וואס זיא לעבט נאטירליך איז זיא טאקע אזוי ליבליך און אזוי ארדענטליך. ווארום נאטירליכע שפייז מאכט דעם עסער געזונד, געלאסען און ארדענטליך; וועהרענד פלייש, ווירקט שרעקליך שלעכט אויף אלע חיות וואס עסען דיזע גרויזאמע שפייז—אלע חיות וואס עסען פלייש זיינען שלעכטע, גיפטיגע, פערצוקענדע. און דיזעלבע ווירקונג מאכט עס אויך אויפן מענשען. עס מאכט דעם עסער צוקאַכט און ליידענשאפטליך. און וויא איין עבירה, שלעפט עס שוין נאכהער מיט זיך מיט נאך איין עבירה. קוים איז איינער צוקאכט און ליידענשאפטליך מוז ער שוין ווערען ערגער. און נור פלייש איז דערפאר פעראנטווארטליך. עס איז טאקע אפשר מעגליך אז שלעכטע מידות ליגען ניט בעהאלטען אין יעדער שטיקעל פלייש וואס איהר עסט—אין יעדער קאלבס־בראטען, אדער אין יעדער פארציע מארענאט ליגט טאקע אפשר ניט בעהאלטען ליידענשאפט, און אלעם וואס פיהרט דערצו אז דער מענש זאל ווערען „א צוקאַכטער און זאל זיך נאכהער פערנאנדער לאזען, און זאל דאדורך פערלירען זיינע אלע גוטע און איידעלע איינענשאפטען, נור דאס דיזער ארט שפייז ווירקט דאך שלעכט אויף איהם, איז א פאקט. און פעראורזאכט, מיין איך, ווערט עס נור הויפטזעכליך דורך דעם ריח וואס פלייש אדער פיש

פעראורזאכט אין מאָגען—און וואס קיין אנדער זאך פעראורזאכט אויסער פלייש, פיש, קעז און אייער. דיזער אונגליקליכער ריח, דענק איך, מאכט עס אן דיא גאנצע צרות. דיזע איז דיא אורזאכע וואס ווירקט אזוי שלעכט אויף דיא געבליטען. און איך רעכען אז עס איז טאקע א שטראפע פון דער נאטור וואס בעצאהלט דעם עסער אויף דער שטעלע פאר זיין אונפאסיגע אויפיהרונג—דערפאר וואס ער עסט אזעלכע גרויזאמע זאכען. עס איז קיין צווייפעל דאס דיזער ריח פעראורזאכט וואס דער מענש האט אזא דורשט פאר שארפע געטרענקע. קיין זאך קען איינשטילען דעם העלישען פייער וואס עס צינדעט אן אין דער געביידע, וויא משקה. און איינס מיט דאס אנדערע ברענגט עס שוין נאכהער מיט, אויסער ליי־דענשאפט, אויך שלעכטסקייט, וויא אויך וועהטאגען און קראנקהייט.

נאך אלעמען איז נעביך א גרויס רחמנות אויף דעם מענשען. זיין פיהרונג האט אזוי וויט געבראכט דאס ער איז געווארען א גע־פאלענער בעל־הבית. אוים דער נאטור—אוים אינסטינקט, איז אבער דער מענש איין אדעלמאן. עס איז נור שלעכטע קאמפאניע וואס האט איהם געבראכט צו זיין געפאלענעם צושטאנד. האט זיך אריינגעלאזען וויא א לאָטרע אין שלעכטע געזעלשאפט—האט גע־מאכט חבר־לאַפּ מיט חיות, בהמות און פיש, מיט וועלכע ער פער־בריינגט נאכאנאנד, און קען זיך ניט בעגעהן אהנע צו האבען דיזע חברה ביי זיין טיש צו יעדער מאָהלצייט; און נאטירליכער ווייזע קען שוין קיין גוטעס פון אזא פיהרונג ארויסקומען. „ציינ מיר ווער דיין קאָמפאניע איז, וועל איך דיר זאגען ווער דוא בינסט", איז א ריכ־טיגער ווערטעל. דורך זיין פיהרונג האט דער מענש גראדענווייז פערלארען זיין עהנליכקייט פון ד ע ם וואס האט איהם בעשאפען ב צ ל מ ו, און האט נעביך אהן א שיעור פערלארען. און וועה דעם פערלארענעם! וועה דעם געפאלענעם!

איך האב דיא גרעסטע סימפאטהי פאר א געפאלענעם בעל־הבית—האב גרויס רחמנות. "חמה אין לי"—בין ניט אין כעס, און פער־אכטע ניט דעם מענשען דערפאר וואס ער עסט אזעלכע גרויזאמע שפייז, דאס דיא האר דארפען זיך אזש שטעלען קאפּויר גאר צו דענקען וועגען דעם—איך בעדויערע בלויז. האב גרויס רחמנות—דאס אלעס.

קאפיטעל 4.

„—וויא קומט עס״, פרעגט איינער, ״דאס דיא ענגלאנדער, פראנצוויזען, דייטשען און אמעריקאנער, וועלכע זיינען דיא גרעסטע פלייש עסער, זיינען פון דעסטוועגען דיא ערשטע אין סיוויליזאציאן און איבערשטייגען אלעמען אין קונסט, ערפינדונג און פארטשריט, און האבען פערשפרייט זייערע רעגירונגען כמעט איבער דער גאנ־צער וועלט; ווערהרענד דיא אללע פעלקער וואס ערנעהרען זיך בלויז אויף תבואה זיינען צוריק אין יעדער בעציהונג.—״

ענטפער:—ווארום זאגט איהר גראדע אז דוקא פלייש האט דיא פעלקער וואס איהר רעבענט אויס ענטוויקעלט? אפשר האבען זיי זיך גאר ענטוויקעלט דאדורך וואס אין דיזע לענדער ווערט פערברויכט פיעל טשרטאבאקא, סטינקעס אין בלעבעגע קעסטלאך פערפאקט בימי סאנט־פאטריק—אונז צו לאנגע יאהר; אפשר איז זייער ישועה גאר געקומען דערום וואס דיא לייט אין דיזע מדינות רויכען סיגארעטלאך, און טראגען שמאלע הויזען, און הויכע קאפעלושען, און שטעקענס אין מיטען שטאדט וואו מען דארף זיך גאר ניט היטען פאר הינט, און הענטשקעס אין מיטען זומער, און קארסעטס וואס מאכען ענג אין דער וועלט; און דערפאר וואס מען פליהט ארום וויא דיא רוחות אויף בייסיקעלס, און מען פינס־טערט אב דעם גאנצען לעבען אין שאפס—אפשר זיינען גאר דיזע, אדער אנדערע אזעלכע אורזאכען וואס ברייננען מיט דיא סיוויל־זאציאן? וואס האט איהר עפעס גראדע אנגעכאפט פלייש?

ווארום אויב פלייש וואלט ווירקליך געבראכט דיא סיוויליזאצ־יאן וויא איהר בעהויפטעט, טא פארוואס, איך בעט איבער אייער כבוד, זיינען דיא לאפלאנדער, דיא טאנגוזען, דיא קאמאטשאדאלען, דיא עסקימאזען וכל כת דלהון—פאר וואס זיינען דיזע חברה דיא גרעסטע בארבארען, דיא גרעסטע דום־קעפ, דיא גרעסטע חיות

בצורת אדם? דיזע לעבען דוכט זיך, וויא אלעמען איז גוט בעוואוסט, נור דורך אוים אויף פלייש. פארוואס אלזא זיינען דיזע לייט ניט סיוויליזירט—פארוואס האבען זיי ניט פערשפרייט זייערע רעגירונגען איבער דער גאנצער וועלט—פארוואס זיינען זיי קיינע קינסטלער, קיינע ערפינדער?

מען זעהט אלזא בעשיינפערלאך אז נור טשו־טאבאקא, און קארסעטס, און סאדא־וואסער פון וועלבע מען קען עקספלאדירען, און שטעקענס, און שמאלע הויזען, און פרעק מיט א שפאלט פון דעד אנדער זייט ירדן מיט 2 קנעפלאך פון הינטען וואס מען גע־ברויכט אזוי נעהטיג וויא צרות—אז דיזע ברייגנען גאר מיט דיא סיוויליזאציאן און ניט דוקא פלייש.

אז אך און וועה וואלט שוין געווען צו דער וועלט אז נור לע־בער, און הערינג, און לאבסטערס, און פליאקע, און ביף־סטייק וואלטען רעגולירט דעם וואהלשטאנד פון א פאלק, און וואלטען גע־ווען דיא איינציגע מיטלען מיט צוברייגנען דיא סיוויליזאציאן. אויב מענשען האבען געמאכט פארטשריט, איז עס נור וועגען דיא גרויסע מענשען וואס האבען געלעבט בכל דור ודור—דיא הויכע געדאנקען פון דיזע האבען פארט געבראכט דיא סיוויליזאציאן. וואס האט געבראכט דערצו דאס אידען זאלען ווערען ענטוויקעלט—דער סיר־הבשר און דיא סטינקעס פון מצרים, אדער דיא לעהרע פון תורת משה? ענטפערט!

עס איז עסען פלייש און טרינקען משקה וואס פערדערבט יעצט א פאלק נאכהער וויא זיי האבען זיך שוין ענטוויקעלט. עס איז נור אונפאסיגע שפייז און געטרענקע, און צופיעל דערפון וואס האט אונטערגראבען דעם וואהלשטאנד, און ענדליך אין גאנצען רואינירט און פערניכטעט אלע פעלקער אין יעדער צייט—און דאס איז א פאקט וואס איהר קענט ניט פערלייקענען.

* * *

”——אויב ניט מיט דיא מיסט פון בהמות, מיט וואס וועט מען פיטערן דיא ערד? פרעגט נאך איינער. און אויב בהמות זאלען ווערן אבגעשאפט מיט וואס וועט מען אלזא געבען קראפט צו דער ערד?

ענטפער;—ערשטענס געפינען זיך מינעראלישע שטאָפען וואס פערנעהמען דיא שטעלע פון מיסט, און וועלכע זיינען אין אלע בעציהונגען בעסער; און צווייטענס, אויב מען דארף פיטערן בהמות בכדי זיי זאלען בעשאפען מיסט, קען מען דאך בעסער צוריק געבען אין דער ערד דיא זעלבע זאכען מיט וועלכע מען קארמעט דיא בהמות, און אויב דיא מיסט דערפון איז גוט, דארף דאך, נאטיר־ליכער וויזע, דער אָריגינאל דערפון זיין פיעל בעסער. ווארום דיא בעסטע קרעפטען דערפון ציהט דאך דיא בהמה ארויס פאר איהר איינען געברויך. איבעריגענס ווילען נאר אנדערע האבען אז דיא ערד בענעהטיגט זיך ניט אז דער מענש זאל איהר מפרנס זיין און איהר מיט העלפען אז זיא זאל טאהן איהר פפליכט. פערקעהרט, עס איז נאר בעוויזען געווארען דאס דער מיסטינגען פון פעלדער פערדערבט גאר דיא נאטירליכקייט פון וואוכס. דיא פראָדוקטען פון אזעלכע געמיסטינגטע פעלדער קומען ארויס גראָב, גרויס—אבער אהנע גע־שמאק. דיא פארמערס בענוטצען מיסט בכיון, בכדי צו טרייבען דיא פראָדוקטען זיי זאלען קענען ארויס קומען עוג־מלך־הבשן׳דיג, און זיי זאלען קענען קריגען גרויסע פרייזען פאר זייערע סחורה. אויב דיזע חברה וואלטען געקענט אנטאהן שפעקטיווען און פערגרעסערונגס גלעזער אויף זייערע פראָדוקטען וואלטען זיי דאס בלתי ספק אויך געטאהן—אבי נור צו מאכען מעהר מזומן.

אלע זיינען מודה אז דיא אינזעקטען און ווערים וואס זיינען אזוי פיעל בנמצא אויף בוימער און אין פרוכט, ענטוויקלען זיך נור דורך דיא שמוציגע מיסט מיט וועלכע מען פיטערט דיא פעלדער. עס איז קיין צווייפעל דאס דער מיסטינגען פון פעלדער איז פער־אנטווארטליך דערפאר וואס אזוי פיעל פרוכט קומט ארויס צוקריי־פעלט און ניט נאטירליך. פרוכט, וויא אלעס אין דער נאטור, מוז ארויס קומען פאלקאמען אין יעדער בעציהונג—סיידען זיי ווערען ניט בעהאנדעלט נאטירליך, ווען זיי קומען ארויס ניט נאטירליך. ווען אירגענד א זארט פרוכט ווערט פראָדוצירט נאטירליך, דאן האט עס דעם נאטירליכען חן און געשמאק, קוים ווערט עס אבער מע־כאניש בעארבייטעט, דאן פערלירט עס איהרע נאטירליכע אייגענ־שאפטען.

א נאטירליכע יאגדע, אדער מאַלינע למשל, ווען נים מעכאניש געטרי־
בען צו וואכסען, איז מאקע נעשמאק — א מחיה. דאגעגען, די גרויסע,
אוננעלומפערטע, עוג־מלך־הבשן׳דיגע ריזען — די יאגדעס וואס ווערען
געטריבען פון דער ערד מיט געוואלד דורך אלערליי מיטלען, זעהען
טאקע אויס גרויס ווי רעטאכער, נור זיי האבען אויך אוננעפעהר
אזא טעם. האבען קיין געשמאק — האבען אזא פנים וויא יענע פוטער
וואס ווערט פערקויפט אין מצרים־סטרים, און וואס האט א שם
אין דער וועלט, דערפאר וואס מען קען בשום אופן ניט דערגעהן
וואס דאס איז ווירקליך, אבוואהל דאס איז געפאקט אין פעסעלאך וויא
פוטער, זעהט אויס וויא פוטער, האט א ריח וואס גרייכט אזש ביזן
7טען הימעל וויא מאנכע גראָ־בערדיגע פוטער, מען טאר דאס ניט
עסען נאך פליישיגעס וויא פוטער — און עס איז דאך קיין פוטער.
שלום, שלום ואין שלום — פוטער, פוטער און דאך קיין פוטער!

אזוי זיינען יענע יאגדעס. מיר האבען פערזיכערט די יעניגע
וואס פערשטעהען די חכמה פון אגריקולטור גענוי, דאס פרוכט
זאפען אין זיך אריין דעם געשמאק און די אראָמא פון די קראפט
מיט וועלכע די ערד וואו עס וואכסט, ווערט געפיטערט, אדער
געמיסטינגט. עס גיבט א געוויסער פיש־אייל וואס איז זעהר ביליג,
און איז בעטראכטעט אלס א זעהר גוטער מיטעל צו מאכען פעט
די ערד וואו טרויבען וואכסען. מבינים וואס האבען א שטארקען
געפיהל אין געשמאק, האָבען ׳מיר פערזיכערט, דאס א טרויב אויף
אזא ארט פראָדוצירט, בעזיצט די זעלבע אראָמא פון די פיש־
אייל וועלכע עס האט אין זיך איינגעזאפט.

מען הערט אפט וויא אויסלענדער בעקלאָגען זיך דאס אין
זייער היים פלעגט פרוכט אונד אנדערע שפייז האבען א טעם און
דא ניט. קירצליך האט זיך פאר מיר בעקלאגט איינע פון יענע
זיסע נשמות וואס שיינען צו זיין געבויט — ניט פון פימפּסענהאָלץ,
זאנדערן — פון צוטריץ־זאלץ; איינע פון יענע בחור׳טעס וואס זיצען
און וויינען ווען זיי דערמאנען זיך — ניט אן ציון, זאנדערן — אן דעם
סיר־הבשר, און אן די סטינקעס פון מצרים — האט זיך אזא קלאָג־
מוטער בעקלאגט פאר מיר בזה הנוסח: —

—אין דריים האבין דיא עסענעס גאט א תם, נאר אָטאָדאָ־דערטהאָ קען יעך אַפּנימאָנעס ניט אריינעמען א לעפּעל געקעכטס אין דיא לעפּצען. דיא אבילעס דאָדערט קען איינעם פאר־טילינגען, ווארעם זייא האבען דא א תם וויא געקאכטע שטיוועל—"

נור אזוי וויא דער פּראסטער עולם וועט אפשר לייכט נישט פערשטעהן איהרע פּערלדיגע ווערטער, וועל איך עס דערפאר ענט־פּלעקען אביסעל מעהר בעשיינפּערלאך, בכדי דיא איינפאכע לעזער זאלען ניט געשטרויבעלט ווערן, פאלען, און זיך קאלעטשען.

דיא סוחרטע מיינט כלאמר—אזוי צו זאגען:—

"אין דריים האבען דיא עסענעס גאט א תם, נאר אָטאָדאָדער־טהאָ קען זיא אַפּנימאָנעס ניט אריינעמען א לעפעל געקעכטס אין איהרע לעפּצען. דיא אבילעס אָטאָדאָדערטהאָ קען איינעם פערטי־לינגען, וואָרעם זיי האבען דא א תם וויא געקאכטע שטיוועל: און—און דער עסק איז צוקראבען!

אט דאס מיינט די פּלוניתטע.

דוכט זיך יעצט איז עס שוין קלאהר וויא דער טאג.

אצונד האף איך זיינען שוין איהרע ווערטער ענטפּלעקט בע־שיינפערלאך געגוג, און קיינער דארף שוין איצטער ניט געשטרוי־בעלט ווערען. נור אויב איינער וועט נאך יעצט אויך—נאכהער וויא איך האב עס שוין אזוי דייטליך ענטפּלעקט, דאך געשטרויבעלט ווערען. דאן זאל ער מיר מוחל זיין, מוז ער זיין א פּראסטער לעמאך—אבער טאקע גאר א פּראסטער; און מען דארף פאר איהם האבען—ניט א טייטעל, אדער א זילבערנעם יד, זאנדערן—א בייטש, א כפול־שמונה־דיגען בייטש. און איך וואלט איהם א עצה געבען ער זאל זיך זעהן היטען דאס מען זאל איהם ניט, ווען עס איז, גאר אין גאנצען צו לאבערן. איבערהויפּט זאל ער זיך היטען פאר באלטערמאנצער. און איך מיין אן אזא חברה־מאן בעדארף מאכען א גוטער „קאמיטע־מאן" אדער א 25טער־וויים־פּרעזידענט.

זאגט מיר, איך בעט אייך, איהר האט עפּעס א בעגריף פון דעם נייעם צוגאב צו דיא צרות—פון א עטליכע־און־דרייסיגסטען וויים־פּרעזידענט? איך ניט—האב קיין בעגריף און בין דערויף קיין מבין. קירצליך האט אויסגעבראכען אַיין עפּידעמיע—א מין איבער־

גאנג—א מאדע צו ערוועהלען, אדער צו ערנעננען, אפשר א מילליאן וויים־פּרעזידענטען אויף יעדער בעוועגונג און צו יעדער מיטינג. אויף אזא מין סחורה בין איך שוין גאר קיין מבין. און אין דער שטיל פרעג איך אפט דיא פראגע צו וואס מען דארף דיזען נייען זארט אנשיקעניש. איך פרעג דאס נאטירליך ווען קיינער הערט—ווארום זאנסט איז אזא פראגע געפעהרליך. קוים קריכט איהר ניט מיט אין בלאָטע, דאן זיינט איהר א ,,קריינק", און דאן וועה צו אייך. מען שליסט אייך דאן אוים פון אלעס. נור ווען קיינער הערט, אין מיטען דער נאכט, נאכהער וויא איך פערשלים טהיר און טויער, און קריך אריין אין סייף, און פערשלים זיך דארט פעסט, און בין גאנץ זיכער אז קיינער וועט הערען, דערלאנג איך דאן צו זיך אליין א קלייניגקען בורטשעלע, און פערטרוי זיך גאנץ שטיל אליין א סוד, און פרעג זיך דיא פאלגענדע 4 קשיות:—

צו וואס דארף מען א 13טען וויים־פּרעזידענט—וואס איז זיין אויפגאבע—וואס טוהט ער אויף—און וואס וועט זיין דער סוף פון איהם?

דער תירוץ איז:—עבדים היינו לפרעה במצרים—ועבדים אנחנו היום שבעתים. און גענוג גערעדט!

וועגען דעם איין אנדער מאהל. דערווייל וועלען מיר זיך אומקעהרען צו אונזער ענין.

דיא בעהויפּטונג פון יענע צוטרין־זאלץ פלוניתטע וועגען דיא געקעכטס וואס זיא קען ,,אָטאָדאָדערטהאָ" ניט אריינגנעהמען אין איהרע לעפּצען, איז אבער נאך אלעמען קיין איינבילדונג. דיא אבילות דארטען אין ,,דריים" זיינען טאקע געשמאק; ווייל די לייט דארטען זיינען נאך ניט אזוי קלוג און פערשטעהן ניט וויא צו מעלקען דיא ערד, און פון איהר טרייבען פּראָדוקטען מיט געוואלד. נור ,,אָטאָ־דאָדערטהאָ" טרייבען זייא פּראדוקטען אוננאטירליך אונד דיא "עסענעס" האבען דא טאקע א טעם וויא געקאכטע שטיוועל.

עס וועט נאך אמאהל קומען א צייט ווען מענשען וועלען ענדליך פערשטעהן דיא חכמה פון אגריקולטור, און וועלען דערגעהן דעם סוד אז דיא ערד פערשטעהט איהר געשעפט אליין און קען עס פיהרען אהנע דיא מיטהילפע פון מענשען. דאמאלס וועט מען פריהער

עקזאמענירען דיא ערד און מען וועט פריהער פאר אלעס דערגעהן פאר וואס עס איז מסוגל, און מען וועט דאן ניט פערזעהען קאר־טאָפעל אין דעם אָרט וואו עס פּאסט פאר טרויבען. מען וועט פער־זייען אין דיא ערד נור אזעלכע זאכען וואס זיינען פּאסענד פאר איהר. דאן וועט מען פערשפּאָרען דיא ערד צו מעלקען מיט געוואלד— מען וועט דאן קיין הילפע דארפען וויא יעצט, ווען ליאד א חאמולע פארזייט אין זיין ערד וואס איהם פאלט איין, אדער וואס עס לוינט בעסער פאר זיין געשעפט.

קאַפּיטעל 5.

״——אויב מען זאל נעהמען א בעוויז פון דיא וועגעטעריאנער״, שרייבט נאך א שלאק פון זיין ליעבען נאמען,״ האלט עפּעס אייער טהעאָריע ניט אזוי שטארק אוים. ווארום וויפיעל וועגעטעריאנער איך קען, זיינען זיי כמעט אלע דינע, שוואכע, צוקראַכענע בריות. קוים וואס דער לעבען האלט זיך אין זייא. נור וואס איז דער וואונ־דער? אזוי וויא מתים עסען אזא פנים האבען זייא.——״

ענטפער:——דיזעס דערמאהנט מיר אן דיאביידע ״קוני־לעמעלס״ פון גאלדפאדען. ווער עס האט דיזע קאמעדיע גע־זעהען וועט זיך ערוינערען וויא דער ריכטיגער קאליקע, וויא דער העכטער בלינדער, וויא דער ווירקליכער שטאמעלדינער קוני־לעמעל קוקט ניט אויף זיך וויא ער אליין זעהט אוים, זאנדערן ער בע־טראכט דעם נאכגעמאכטען קוני־לעמעל און זאגט אויף איהם מיט בעדויערונג:—

״א־א־ב־ב־ביט־ט־טערער ר־ר־רחמ־מנות נ־נ־עב־יך.— א־נ־גרוים־ער ק־ק־קאליקע נ־נ־עב־ביך. א־און ב־ב־בלינד א־א־אויך. און א מאק־ק־ק־ק־קעקע א שר־שרעק!״

נור דאס איז א קוסטשפּיעל און איך האב אזא פאל אליין אין ווירקליכען לעבען בייגעוואהנט.

זיץ קירצליך אין מיין קאבינעט און וויא געוועהנליך א אידישער שרייבער, זיץ איך מסתמא זעהר ברייטלאך אויסגעשפּרייט תחת גפני ותחת תאנתי—אין מיין וויינגארטען אונטער א פייגענבוים; און בין מסתמא זעהר אויפגעלעגט, שטארק פרעהלאך, אהן א בראק עגמת נפש, אהן א טראפּען זארג, אלע חובות בעצאהלט אין פול, און מזומן פלייצט פון אלע זייטען. און וויא איך זיץ אזוי ברייטלאך אויסגע־שפּרייט מיט דיא פים אויף דער פיאנא—כמנהג סאנט־פּאטריק וכל בת דלהון, קומט פּלוצלונג אריין מיין קאמער־דיענער, און פערבייגט

זיך ביז איך האב געמיינט ער צוברעכט זיך איבער העלפט. און אז איך האב אויסגעצווינגען צו איהם מיין גאלדערנע רוטה אלס סימן אז ער האט געפונען לייטזעליגקייט אין מיינע אויגען, און דאס ער מעג בעטען פון מיינטוועגען וואס ער וויל—ביז א העלפט פון מיין קעניגרייך, און ער וועט עס דיא מינוט קריגען—ער דארף נור מעהר ניט זאגען וויא ער וויל דאס האבען, אין סטעמפס אדער זילבער, דערלאנגט מיר דער בחור א טעלעגראמע פון מיינע א נאהענטע קרובה, וועלכע מעלדעט אז איהר קינד, אין וועלכען איך בין שטארק פעראינטערעסירט, איז געווארען געגריפען מיט "אפפענדיסיטיס"—א געפעהרליכע קראנקהייט, און פון וועלכע אגב אורחא, נור פלייש עסער ליידען. עס האט נאך ניעמאלס געטראפען דאס א וועגעטעריאנער איז ווען אנידער געפאלען פון דיזע געפעהרליכע קראנקהייט.

איך קום דעם חולה בעזוכען, און געפין אז א חוץ איהם ליעגט אויך זיין טאטע אויסגעצווינגען פלאך וויא א לאקס און בורטשעט—איז נעביך שטארק שלאף. פון א צווייטען צימער הער איך נאך א קול —ניט א קול גבורה, ניט א קול חלושה, נור גלאט אזוי א חלשות־דיגער קול, וואס האט זיך געלאזט הערען פון נאך א געבראכענעם מעמבער אין דער משפחה, וואס ליעגט אויך און בורטשעט—אויך נעביך שלאף. איך בעטראכט דיא איבעריגע פון דער פאמיליע און זעה אז זייא שיינען אויך ניט צו זיין בקו־הבריאה—שיינען צו זיין ערב־קראנק—אבער טאקע שוין רעכט שפעטליך ערב־קראנק—טאקע נור וואס פאר ליכט בענטשען.

און אין שטוב איז תהו, און בהו, און חשך, און אומעטיג, און שטיל גראדע וויא בי איוב'ן אין הויז—ווארום דער וועהטאג איז נעביך זעהר גרויס.

ענדליך פאהרט מיין קרובה ארויס און פרעגט מיר אויף שלום און אז איך פערענטפער איהר דיזע פראגע מיט א פערשטיקטען טאן, דערלאנגט זיא מיר א שטרענגען פרעגע:—

"נו, נאך אלס אזוי משוגע—נאך אימער קיין פלייש?"

„ניין", גיב איך א זאג אין דער שטיל און קוק מיט נייגיערדע אויף דער טיהר דורך וועלכע איך זאל קענען אנטרונען ווערן בשלום פאלס זיא וועט אויף מיר אנפאנגען צו באמבארדירען מיט עצות און

מיט מוסר, וויא איהר געוועהנליכער שטייגער איז צו טאהן.

„נו, און וואס וועט עס זיין דער סוף מיט אזא פיהרונג ?״ לאזט זיך מיין קרובה ווייטער פערנאנדער. „איך שטים איין אז א מענש דארף ניט זיין א יעלה ויבא (זיא האט משמעות געמוזט מיינען א „זולל וסבא״) נור צו אלעס דארף דאך זיין א גרענעץ. זעהט וויא ער זעהט שוין נעביך אויס—א קלאָג צו מיר א גרויסער!״

איך הער איהרע ווערטער און דערקען אין זיי אונזער פריינד—דעם ריכטיגען „קוני־לעמעל״. איך זעה אויס שלעכט, און זיי אלע דארטען אין הויז, גרויסארטיג. עס איז טאקע אמת אז איך קוק ניט אויס וויא א נדיארקער פּאָליסמאן, וואס לויט נאך זיין אָנ־בליק, און לויט נאך דיא פוריע וואס אזא חברה־מאן מאכט זיך, דארף ער וועגען, רעכען איך, אפשר א טאָן; און עס איז אויך א פאקט אז איך בעזיץ ניט דעם כח וויא דוד אנצונעהמען א לייב אדער א בער ביין באָרד און איהם ממית׳ן אויף דער שטעלע ווען ער קומט אין מיינע סטאדעס און וויל פון דארטען לאבערן א שעפּס. אדרבא, פערקעהרט, ווען אזא פּאַל פּאַסירט, אנטלויף איך נאך במחילה. זאל איהם כאפּען דיא קלאָג, טראכט איך בשעת איך מאך פּליטה, ער וויל לאבערן א שעפּס פון מיינע סטאדעס, זאל ער לאבערן—האב איהם א שווארץ יאָהר. האב טאקע ניט וואס אנדערש צו טאהן וויא נור אויף אזא אָרט צו פערברייננגען דיא צייט—א שעהנער עסק פאר מיר. טאקע אמת, זאג איך, אז איך בין ניט אזא גבור וויא אין פסוק שטעהט, נור איך בורטשע ניט. בין א דאנק זיין ליבען נאמען בקו הבריאה—דאס נעהמליכע פון אייך און פון אייערע קינדערלאך צו הערען אין גיבען אין א גוטען הארצען, צוזאמען מיט ישועות ונחמות אויף אונז און אויף אלע אידען—אמן! צווייטענס שרייב איך אייך—וואו בין איך דא פערקראָכען? האב מורא אויב איך בין ניט אוועק פון ריכטיגען וועג. האב געמיינט איך שרייב שוין ווידער א „ידידי בריוועל״.

איך זאג, דאס עס איז אפשר מעגליך דאס איך בעזיץ ניט דעם כח פון א האָלץ העקער און דעם הימפּעט פון א וואש־גויע, און בין ניט גע־בויט אויף דעם שניט פון דעם טורעם פון בבל, נור איך קען מיין

שטעטיל בעשטעהן. און דא פערפאהר איך אין א הויז פון כלנו חלאים, פון כלנו שלאפע. פון כלנו וואס זיינען מקיים דעם פסוק פון „וילונו"—און זיי האבען געטאהן בורטשען; אין א הויז וואו אלע קרעבצען—א וואהרער האספיטאל, און געקומען איז עס נור פון עסען הערינג און נאך אזעלבע געריכטען. פון דעסטוועגען קוקט ניט דער ריכטיגער קוני־לעמעל וויא ער אליין זעהט אויס, זאנדערן ער בעדויערט א צווייטען און זאגט אויף איהם:—

„א ק־ק־קאליקע נ־נ־נעביך!"

* * *

אייער ארגומענט דאס אלע וועגעטעריאנער זיינען שוואכע איז אזוי לעבערליך וויא איהר וואלט געהאט בעהויפטעט אז אלע דיא וואס עסען פלייש זיינען קרעפטיג און געזונד. דערווייל, אויף דער אונטערשטער שורה, זעהט מען א סך־הכל דאס אלע קראנקע מיט וועלכע דיא האספיטעלער זיינען פערפאקט זיינען דוקא פלייש עסער, און ניט וועגעטעריאנער. ווער וועט וואגען צו פערלייקענען דעם פאקט דאס נור נעצעהלטע פלייש עסער זיינען פאלשטענדיג געזונד? דער גרעסטער טהייל פון זיי אבער טראגען זיך פאסט אלע ארום מיט פעהלערען און וועהטאגען פון אלערליי זארטען. דיא געדיכטע בעלי־בתים, דיא כפול־שמונה׳דיגע טרעמבעס, דיא יעניגע ברייטע מחותנים וואס האבען אויף זיך אויפגעבויט א טורעם פון בבל אין דער נאכבארשאפט פון דיא אונטערשטע קנעפלאך אין וועסט; דיא יעניגע חברה־קדישא לייט וואס האבען פון זיך געמאכט א בית־עולם וואו זיי זיינען מקבר דיא פעטס פון אלערליי חיות, בהמות און עופות—דיזע „אנדערטייקערס" וועלבע איהר מיינט אז זיי זיינען ניט שוואך, צוקראכען און קרענקליך, זיינען יעצט דיא ריכטיגסטע וואס ליידען. איהר מאכט א מיסטייק אויב איהר דיינקט אז דיזע זיינען געזונדע מענשען. אפיקורסים ווילען נאר האבען אז דיא גע־זונדעסטע מענשען אויף דער וועלט זיינען אם מייסטענס נור דיא מאגערע. דיזע, זאגען דיא אפיקורסים, קענען יעצט אויסהאלטען אנשטרענגונג, און עס זיינען נור דיזע וואס לעבען לאנג. אזוי זאגען יענע ימח־שמם׳ניקעס, און אז אפיקורסים שפארען זיך איין אין א זאך איז א מיאוסער עסק.

שטארקייט האט אזו פיעל צו טוהן מיט פלייש עסען, וויא שוואכקייט מיט וועגעטעריאניזם. דער וואס איז שוואך אוים דער נאטור מעג אפילו אויפעסען א גאנצען לעבער צו יעדער מיטאג און עס וועט איהם ניט מאכען שטארקער. דאגעגען אויב איינער איז א שטארקער, האט נאך ניט געטראפען דאס א געוויסער זארט שפייז פון דער וועגעטעריאנישער קעניגרייך, זאל אונטער־גראבען זיין שטארקייט. דיא שטארקסטע חיות אויף דער וועלט, אזעלכע וויא דער עלעפאנט, דיא חיה בעקאנט מיט דעם נאמען ״נאז הארן״ (*Rhinoceros*), וויא אויך דער אקס, און דער פערד, און דער קאמעל ערנעהרען זיך אלע בלויז נור פון פלאנצונגען. דיא שטארקסטע מענשען אויף דער וועלט עסען אדער גאר קיין פלייש אדער בלויז זעהר וועניג. דיא בויערן פון אלע לענדער עסען זעהר וועניג פלייש—וויא איך וועל בעווייזען מיט פאקטען אין דעם 5טען טהייל פון דיזע ווערקע. איהר אליין עסט אויף 75 פראצענט תבואה. ווארום אם מייסטענס בעשטעהט דאך אייער עסען דריי־פירטעל פון אנדערע זאכען וויא פלייש און פיש.

דיא אורזאכע וואס מאנכע וועגעטעריאנער זעהען אוים שלעכט איז דערפאר וואס זיי האבען אפשר אנגעפאנגען זיך אזוי צו פיהרען צו שפעט אין לעבען. און ווען זייא זיינען געווארען וועגעטעריאנער זיינען זיי שוין געווען שוואך און קריינקליך. און ווואלטען שוין אפשר יעצט אויסגעזעהן פיעל ערגער פאלס זיי וואלטען זיך ניט אנגעפאנגען צו היטען אין צייט. און עס קען זיין דאס זיי זיינען וועגעטעריאנער און לעבען דאך ניט ריכ־טיג. א וועגעטעריאנער דארף לעבען א געלאסענעם, ארדענט־ליכען לעבען. מאנכע פון זיי האבען צו פיעל צרות—מוזען צושטע־לען א געוויסע צאהל ציגעל אין צייט, און מיט שטרוי בעזארגט מען זיי פונדעסטוועגען ניט. דער לעבען פון א פלייש־עסער איז ניט א נאטירליכער, און א וועגעטעריאנער מוז לעבען נאטירליך.

עס גיבט קיין צווייפעל דאס א העכטער וועגעטעריאנער וואס האט זיין גאנצען לעבען זיך געפיהרט ריכטיג, און האנדעלט ניט מיט יין־שרף וועלכע ער פערקויפט ביין בארעל און קויפט עס נאכהער צוריק אב ביין גלעזעל, און רויכט קיין טרונע־טשוועקעס

נאָכאנאַנד וויא א קוימען, און פיהרט זיך ניט אויף וויא זמרי, דאס אזא איינער מוז אויסזעהן גוט. עס מעגען קומען כל מלכי מזרח ומעריב, און זיך שטעלען מיטן קאפ אראב און מיט דיא פיס ארויף, און זיך שווערען מיט טויטע שבועות—אפילו פאר א נאטאריוס, וואס דארפט איהר מעהר? און זיך איינשפארען און זאגען אז דיזע בעהויפטונג איז ניט א ריכטיגע, און זיי וועלען ניט אויספיהרען בשום אופן, ווארום עס איז א פאקט—א שטרענגער אמת—און א סוף דערפון!

קאַפּיטעל 6.

״——ווער וועט זיין דעם מענשען״, שרייבט נאָך א פלאָג, ,,אויב ער זאל זיך אנפאנגען צו פיהרען אויף אייער שניט. א זיסער טעם קען אזא מין לעבען האבען. א שעהנע הנאה קען מען פון לעבען האבען אז מען זאל נאכאנאנד עסען לינזען, בעבלאך און רעטאך. איך וויים מעהר ניט אז ווען איך עס א גוט שטיקעל געפילטע פיש, א געבראטען גענזעל. און פערטרינק נאכהער א בוטעלקעלע יין־גפן, פיהל איך נאכהער נישקשה—געזונד זאלט איהר פרעגען. אזא עסען האט א טעם, און עס מאכט אויף מיר א גוטע ווירקונג. ניט אבער אזוי אז איך זאל זיך אנעסען מיט קארטאָפלעס און אוגערקעס. איבעריגענס זעה איך דערווײלע אז א גאנצע וועלט עסט פלייש, און אלע זיינען דאך ניט משוגע. איך וויים אפילו אז עס איז אומזיסט מיין שרייבען ווייל איהר וועט מיר געוויס ניט ענטפערען, ווארום וואס עס טויג ניט פאר אייך וועט איהר געוויס ניט דרוקען; און עס איז גאר אומזיסט וואס איך מאך זיך נאריש און שרייב, נור איך וועל בכיון ארויס ווארפען א סטעמפ, און אייך שרייבען מיין מיינונג, ווייל——״

ענטפער:——כאפט ניט—איך שלאָג אייך איבער די רייד. כאפט ניט—קאכט זיך ניט פערנאנדער—צופלעבט ניט אייערע געפיהלען—עפענט ניט אזוי ברייט אייערע לעפצען ווארום איהר קענט נאך געשטרויכעלט ווערען. א חוץ דעם קען זיך נאך ביי אייך אויסגיסען די גאנצע ניין מאָס רייד מיט איין קלאפּ, און דאן וועט איהר האבען א עסק איינצוקויפען א גאנצען צעבער נייע רייד.

אייער ארגומענט דאס א געבראָטען גענזעל איז זייער געשמאק, איז אפשר ריכטיג, נור א געבראָטען ב י י ב י איז אויך געשמאק—טענהן די קאַניבאלען. יעצט ענטשטעהט די פראגע אויב דיזע אורזאכע אליין איז גענוג פערטהיידיגונג צו מערדערן א לעבעדיגע

בעשעפענים מיט אלע חושים פון געפיהל און עס אויפעסען? אפשר וויל דיא קעלבעל, א קאַטלעט פון וועלכע איהר עסט מיט נייגירדע — אפשר וויל דיזע קעלבעל נאך אויך לעבען—אפשר וויל זיא אויך געניסען פון דיא פריווילעגיומס אין דער נאטור?

עס איז א פראגע—א גרויסע פראגע, אויב דער מענש האט א רעכט צוליעב געשמאק, מאָדע אדער אירגענד וועלכען א קאפריז— אויב ער האט א רעכט צו מערדערען, פערדערבען, פערניכטען און פערצעהרען געפיהלפאלע בעשעפניסע אהן רחמנות; און דערצו נאך שטעלען מענשען אין געפאהר, און זיי פערקניפלען אין קנעכטשאפט. וויא דער בילד וואס איך וועל אייך דא פארשטעלען וועט אייך איבערצייגען. דיזען בילד וויל איך דאס איהר זאלט לאנגזאם בעטראכטען—גוט אריינגעהמען אין זינען, און נאכהער זאלט איהר דעריבער אליין אורטהיילען.

* * *

בין קירצליך געווען געלאדען צו א זעהר רייכען טיש. אלעס וואס קען פערנעהמען און פערינטערעסירען דיא אויג, דעם אטעם און געשמאק—אלעס וואס קען צו רייצען דעם אפעטיט אפילו פון איינעם וואס האט עס שוין לאנג פערלארען, איז געווען סערווירט מיט גרויס חן און געשמאק אויף דיזען טיש. דיא איידעלסטע בלומען, דיא פרעכטיגסטע פרוכט, דיא פיינסטע קאנפעקטען, דיא רייכסטע געווירצטע דעלעקאטען, דיא טהייערסטע וויין און ליקער פון אלע גאטונגען, אלערליי מיני צושפייז פערפערטיגט און אימפארטירט פון אלע קלימאטען אין דער וועלט, זיינען געגרייט אויף דיזען טיש. און דיזע אלע דעלעקאטען זיינען געווען סערווירט אין געשיהר פון דעם איידעלסטען זארט פאַרצעליי, געשליפענע גלאז, זילבער און גאלד, אלעס רייך דעקארירט און קינסטליך גראווירט. אין קורץ, דאס בעסטע, דאס שעהנסטע, דאס איידעלסטע, דאס געשמאקסטע, דאס טהייערסטע, וואס דיא ערד, דיא עלעמענטען, און דאס מענשליכע קונסט קען פארברענגען, זיינען דארטען געווען צו זעהן אויפ׳ן טיש.

ביי דיזען טיש האבען זיך אוועק געזעצט א גאנצע כנופיא פאַמפעס. דיזע לייט האבען אפילו געשיינט אויבערפלעכליך צו זיין רייך, ווארום זיי זיינען געווען זעהר שעהן אויסמעבלירט—שטארק פערפוצט, רויט פערפארבט, געדיכט בעקאלכט, אויסגעשמירט—

ניט מיט פעך פון אינעווייניג און אויסווייניג ווי נח׳ס תיבה, זאנדערן מיט פאמאדע, מיט פארפיומע און מיט אנדערע קרייטאכער; נור לויט וויא איך האב פערשטאנען האבען זיי דאך געמוזט זיין אויף גרויסע צרות. ווארום דיא קליידער וואס זיי האבען געטראגען זיינען ניט געוועזען גאנץ. דיא פרעק פון דיא מענער זיינען געוועזען משונה-ווילד פערשניטען פון מעריב-זייט; און דיא פון דיא ווייבער זיינען בלויז געוועזען „נא״—אלב געבראטען. האבען עפעס ניט דערלעבט אויף צו וואכסען—זיינען פון דיא אויבערשטע העלפט געוועזען אפען וויא א פאסט-אפיס. וואהרשיינליך האט ניט געמוזט קלעקען מזומן גענוג צו מאכען א גאנצע קלייד, און זייא האבען זיך געמוזט אבשטעלען אין מיטען דערינען—און באסטא! עס טרעפט אפט ביי לייטען אז מען אונטערנעהמט עפעס און אין מיטען דערינען מוז מען זיך אב-שטעלען. הלואי זאל עס אזוי ניט טרעפען ווי עס טרעפט. פון דעם בכור פון דער דיענסטמאד ביז א פילאדעלפיער קהל׳שע-קליאמקע איז קיינער זיכער אז איהם זאל אזא פאל ניט טרעפען. און מסתמא האט עס ביי דיזע רייך-אויסמעבלירטע חברה ביין טיש אויך געטראפען.

און אפשר קען זיין אז דיזע „אלב-פערחתמעטע״ פלוניתטעס זיינען נאר אין דעם אליין געוועזען שולדיג. ווארום עס גיבען מאנכע ווייבער וואס האבען ניט א בראק איבערלייגונג—ווייסען ניט וואו איין וואו אויס. פלוצלונג ווערען זיי אמאהל איינשפארערקעס—פון דער העלער-הויט ווערען זיי אפטמאהל עקאנאמיש. און מסתמא האבען דיא ווייבער אין דיא אלבע קליידער געוואלט איינשפארען א יארד שטאף. און עס איז דערפאר ארויס געקומען פון אויבען פוסט—אבגעשניטען איבער העלפט וויא מיט א האק-מעסער—אבגעזעגט אין מיטען העלען מיטוואך וויא מיט א זעג. נאכהער שלעפען זייא זיך נאך ארום אין דיזע אלבע קליידער, און אזוי הויל און אלב-נאקעט נעביך כאפען זיי מסתמא א קאלט—דורך א צוג וואס קריכט ביי זיי אריין דורך צפון זייט פון אזעלכע אלב-געבראטענע קליידער; און נאכהער לויפען זיי צום דאקטאר, און דיזער בחור מאכט שוין מסתמא נאכהער א רעכענונג וואס טרעפט אן מעהר וויא עס קען אנטרעפען א יארד שטאף וואס זייא האבען געוואלט איינשפארען. ווארום וואו

דען מיינט איהר נעהמען דיא דאקטוירים אזוי פיעל דיאמאנטען צו פערזעצען אויב ניט פון אזעלכע ווייבער וואס ווילען זיין פערשפאַ־רערקעס? וואס האט איהר געמיינט אז דיא קאמישיאן פון דיא חברה־קדישא, און דיא פראצענט וואס דיא קרקע־קאמפאניע צאהלט דאקטוירים, איז פאר זיי געננג? עס איז נור אזעלכע „אלב־פערזינעל־טע" ווייבער וואס בעזארגען זיי מיט פערד פאר זייערע קארעטעס.

דער מיטאג האט זיך אנגעפאנגען ערשטענס מיט איסטערס, און דאן האט מען דערלאנגט לעבעדיג־געבראטענע לאבסטערס.

ווען זייא האבען זיך משמח געווען מיט זייערע מאדנע מאכלים, בין איך געזעסען און געקלעהרט. מיר איז פארגעקומען קאמיש צו זעהן ווארום אזעלכע מיני בארבארישע געריכטען זיינען געווארען סערווירט מיט אזא פאראד און מיט אזא גלאנץ. צו וואס נאך אזא שנעע־ווייסער טישטוך? צו וואס דארף מען נאך אלעס אזוי זויבער און אזוי ריין, אז דיא שפייז גופא איז אויף דעם שרעקליכסטען ארט שמוציג און בארבאריש? נאך מיין איינפאכען שכל דארף איינער, וואס וויל עסען לעבעדיג־געבראטענע לאבסטערס, זיך פערקלייבען נאך אלדע שווארץ יאהר—אין א וויסטען מדבר ערגעץ; און דארטען דארף ער עס עסען אין דער פינסטער, און ניט אין דער עפענטליכקייט פאר עלעקטרישע ליכט; און ער דארף עס עסען פון א ליימענעם טאפ אדער פון א ברעט, וויא דיא רומעניער עסען „פלייקע" פון וועלכע עס יושעט־בלוט וויא פון א געקוילעטען חזיר, און ניט פון דעם פיינ־סטען זארט פארצעליי; און דארף עס עסען מיט א הילצערנע לעפעל וועלכע מען דארף נאכהער פערברענען אין חמץ, און ניט מיט זיל־בערנע גאפעל און מעסער; און נאכהער אז אזא איינער איז שוין מיט זיינע אכילות זאט, דארף ער אריין קריכען אין א קעלער, אדער אין א טיפע גרוב, און זיך דארטען בעגראבען פאר שאנדע אם וועניג־סטענס 7 טעג לאנג—גראדע „וויא א טאכטער וואס דער טאטע שפייט איהר אן אין געזיכט." אזוי רעכן איך דארף מען טאהן. ווארום עס איז בעזאנדערס לעבערליך צו מאכען א פאראד און עסען בעזאנדערס שמוציגע שפייז אין בעזאנדערס ריינע געפעס.

יענע מחותנים האבען דערוויילע גענענדיגט זייער געריכט, און איך זיץ פערקלעהרט און טראכט. אין מיטען דערינען ווערט מיטאמאהל, פלוצלונג, פינסטער אין זאל, און אויף דער וואנט געגענאיבער דעם טיש האט זיך געצייגט א בילד וואס א „קינעטאגראף"—איינע פון

יענע נייע פאטאגראפישע מאשינעס וואס ווייזט א זאך און איהר בעוועגונג גראדע וויא עס לעבט—האט פארגעשטעלט דיא פאלגענ־דע פאנאראמא:—

* * *

עס שטעלט פאר א סצענע ביי דער קיסטע פון ים. עס איז קאלט—קעלטער נאך וויא טשאריטי. עס איז פינסטער, אומעטיג, טרויעריג, דער הימעל איז וויא מיט בלייי בעדעקט. דער ווינד קלאגט, וויינט, בורטשעט, שווישצעט, און פון מינוט צו מינוט שיינט עס צו ווערן מעהר ערגערליך, מעהר צורייצט, שטארקער, העפטיגער, ווילדער. דער ים צייגט זיינע גבורות—דער חברה־מאן האט זיך פערנאנדער געלאזען אויף זיין שטייגער און ווייזט וואס ער קען. דא—וואו ער אליין איז בעל־הבית; דא—וואו ער האט פרייען לויף און איז ניט בע־גרענעצט, צייגט ער זיין קראפט. דא בעווייזט ער בערג און דא צייגט ער טאהלען, און רוהט ניט אויף א מינוט—וויא א רשע האט עס קיין שלום. עס פליהט, עס רוישט, עס מאכט געוואלדעס, עס שטורעמט און פערקעהרט וועלטען. עס ווערט איהם אייגג ווען ער ווערט שטארק צוקאכט, און וויל ניט ליידען דיא ברעגעס וואס בע־גרענעצען איהם און לאזען איהם ניט פרייען לויף, און יעדער זעץ וואס ער דערלאנגט דיזע ברעגעס מיט דעם שרעקליכסטען הימפעט קען ברעכען בערג—נור ער קען ניט אויספיהרען, אומזיסט זיין מיהע—דיא ברעגעס לאזען איהם ניט געהן איין שריט ווייטער. און אז ער איבערצייגט זיך אין דיזעס, ווערט דאך מסתמא דער קערל נאך מעהר צוקאכט, און לאזט זיך מיט א שרעקליכען כעס נאך מעהר פאר־נאנדער, ביז עס געהט איהם אזש שוים פון מויל—מעער שוים. און ער זעהט דאן אוים וויא ער וואלט משוגע געווארען פאר גרוים צארן.

און גראדע דאן—אין דיזער שרעקליכער זאווערוכע, בעווייזט זיך אויפן ים א קליינע שיפעל, אין וועלכע עס געפינען זיך פישער־לייט וועלכע ראנגלען זיך מיט א סטאירדשען—א מין געפעהרליכער רויב־פיש, וואס לאזשירט און עסט קעסט אין שווארצען ים, וויא אויך אין דיא וואסערן פון נארד־אמעריקא אין א געוויסע צייט פון יאהר. אבוואהל דיזער פיש איז א געפערליכע ים־חיה, ווערט עס פונדעסטוועגען ביין עולם בעטראכט אלס אזעהר דעליקאטנער לעקערביסען. דיא איקרע

פון דיזען רויב־פיש, איז דאס דיא בעוואוסטע שווארצע בלאָטע, בע־קאנט מיט דעם נאמען „קאוויאר‟. און אבוואהל תורת־משה פער־ביטעט דיזען גיפטיגען פיש, און עס איז אלזא טריף וויא חזיר, ווערט עס פונדעסטוועגען ביי א גרויסען טהייל חיים׳לאך געגעסען מיט גרויס פרישקייט. אין מצרים־סטריט ווערט עס פערקויפט אין פיעלע גראָסעריס. פאסט אלע דעליקאטעסען־סטאָרס, וואס נעהמען זיך דיא פרעכע ערלויבנים צו בענוצען דעם ווארט „בשר‟ דערמיט צו פערבלענדען דעם עולם דיא אויגען, פערקויפען דיזע טריפה פיש און קאָוויאר.

אויס דער יאטור איז דיזער פיש זעהר שטארק, און לאזט זיך ניט כאפען אזוי גרינג וויא א סטינקע. און דער קינעטאָגראף ווייזט דיא שרעקליכע מלחמה וואס געהט פאר צווישען דיא פישערלייט און דעם סטאָירדשען, וועלכען זיי האלטען שוין אפילו פעסט מיט א גרויסע אייזערנע וואָנדקע, נור יענער בחור שיינט ניט צופרידען זיין פון גאנ־צען עסק—ער וויל נאך ניט. ער וויל ניט לידען דיא איינלאדונג און ארבייט מעשים און קעהרט דיא וועלט. נור ווען ער דערזעהט ענד־ליך דעם סוף טוהט זיך דיזער ריז א ווארף מיט דיא לעצטע כחות אן דער שיפעל, אום וואהרשיינליך מקיים צו זיין דעם פסוק „תמת נפשי עם פלשתים,‟ און זיין שרעקליכער הימפעט קעהרט דיא שיפעל באלד איבער.

צו דיא צרות א צוגאָב, ארבייטען יעצט דיא כוואליעס פון ים נאך מעהר מעשים וויא פריהער. יעצט שוין צורייצט ביז צו דער העכסטער אקטאווע, דערפאר וואס זייא קענען גאר ניט אויספיהרען מיט דיא ברעגעס פון ים וואס ווילען זייא בשום אופן ניט געבען פרייען לויף, גיבען זייזיך א ציה אהינטער און דערלאנגען זיך א נעהם צו דער אונגליקליכער שיפעל. נור איידער זייא פערשלינגען איהר אין גאנצען—וויא זייא סטראשען צו טאהן, קלייבען זיי זיך פריהער ארום איהר, און זיינען זיך מיט איהר שטארק משמח—שיינען שטארק אנצוקוועלען פון דיא צוקראכענע בריות—פון דיא כלומרשטיגע העלדען אין דער שיפעל, וועלכע צאפ־לען זיך, און וועהרען זיך און האלטען מלחמה מיט אזעלכע ריזען. און וויא לאָבוסעס אז זייא דערטאפען עפעס א יאָלד, הויבען זייא אן צו

טרייבען קאטאָוועס מיט דיא קליינינקע חיים׳לאך אין דער שיפעל. איין מינוט כאפּען זיך ארויס א פּאר ווייסע חברה׳ניקעס פון דיא כוואליעס און שיקען דיא שיפעל ארויף אזוי הויך וויא דער 7טער הימעל, און אין דער צווייטער שיינען זייא צו ווערן אויסגעטריקענט—מאכען פּליטה, און דיא שיפעל קריגט איין הקפה צו געהן ניין איילען אין דרערד. וויא שרעקליך! וואס פאר א גרויזאמע לאגע!

פון דער ווייטען—אויף דער יבשה, שטעהען א גאנצע כנופיא מענשען, וואהרשיינליך פריינד אונד בעקאנטע פון דיזע אין דער שי־פעל. צווישען זיי אַלטע און יונגע, פרויען און מענער, און וויא זייא דערזעהען וויא זייערע טהייער׳ע דארטען אויפ׳ן ים צאפּלען זיך אזוי ביטערליך צווישען לעבען און טויט, חלשן זייא, ברעכען דיא הענט, קניען זיך און בעטען דעם אב הרחמים דאס ער זאל רחמנות האבען—דאס ער זאל זייערע בעשיצער דאַרטען, זייערע ברויט־געבער, זייערע טאטעס, ברידער, זיהן, ראטעווען ווען עס איז נאך צייט.

דיא סצענע וויא עס ווערט פארגעשטעלט אויפן בילד איז הארץ־ברעכענד—עס פערקלעהמט אין ברוסט—עס הויבט אן צו שטיקען אין האלדז און עס ווילט זיך וויינען און מיט בעטען מיט יענע אונגליק־ליכע. נור פּלוצלונג ווערט ליכטיג אין זאל. דיא סצענע פערשווינדעט, און דיא דיענער סערווירען דיא געסט מיט א פּאָרציע סטאָירדזשען, זעהר נעט סערווירט, אונטער געבעט—ניט מיט א פערענע, זאנדערן מיט קאוויאר, און בעגאסען פון אויבען מיט א געלבע זופּע, און בעשפּרינקעלט מיט דין צוהאקטע גרינסען, אלעס פערפערטיגט מיט גרויס חן.

* * *

און אזוי שנעל וויא דיא געסט ווערן מיט דיא פיש און קאוויאר פערטיג, און ערוואַרטען דיא נעכסטע פּאָרציע פון דער רייכער שפּייז־קאַרטע, ווערט מיטאמאהל ווידער פינסטער, און דער קינעמאַגראַף שטעלט ווייטער פאַר אַ בילד. עס שטעלט פאַר א סצענע אין א גרויסע שלאכטהויז, וויא אזוי א גאנצע האָפטע חברה־לייט פון שרעק־ליכען אויסזעהן, געקליידעט שמוציג, אין גרויסע שטיוועל פערשמירט מיט בלוט און מיט בלאטע, וויא אזוי דיזע לייט האלטען מלחמה מיט איין אקס, וועלכען זיי ווילען בייקומען—נור ער לאזט זיך ניט—איז ניט צופרידען, וויא עס ווייזט אויס, און ער וועהרט און צאַ־פּעלט זיך און וויל ניט נאכגעבען. דיזעם צורייצט דיא מלאכי־חבלה,

און זיי פערלירען געדולד. און דער אקס קריגט געשמיסען—מען שלאגט איהם מכות אכזריות. ביז ענדליך ער קריגט איין שרעקליכען קלאפּ, און א צווייטען און א דריטען, ביז וועו זיינע קניע גיבען זיך פּלוצלונג א בייג ריקווערטס, און ער פאלט, און ער סאָפּעט, און קען קוים דעם אטהעם אבציהען. דאן קומט איהם א צדיק צו חלום, און פערגלאצענדיג זיינע אויגען צום הימעל, מאכט דער תנא־ברא א ברכה—גאט האט איהם געהייליגט מיט דער מצוה צו מערדערן, זאגט דער ליגנער פאר אלעמען אין דיא אויגען, און שעמט זיך גאר ניט—גראדע וויא יענע בחור׳טע. מיטן קופּערנעם שטערן. דאן פאנגט ער אן צו קיצלען דעם אקס איבערן האלדז, ביז א שטראם בלוט דערלאנגט פּלוצלינג א יאָג; און באלד—עס נעהמט נאך ניט א רגע, חאפּען זיך ארויף אויף איהם א באנדע שינדערס, און מען שינדעט איהם וועהרענד ער גוסה׳ט נאך. דאן צוהאקט מען איהם, צו פיער־טעלט איהם, צוגלידערט איהם און מען מאכט פון איהם א תל, וועהרענד עס געהט נאך א פּארע פון זיין בלוט. ער פאלט נאכהער אריין אין פערשיעדענע הענד, יעדער פון זיי טהוט איין אנדער זאך, און אזוי געהט עס בסדר פון האנד צו האנד ביז אין א קורצע צייט שפּעטער איז שוין פון אקס קיין זכר דא. ער איז שוין יעצט מאַ־רענירטע צונג, געפּיקעלטע פיס, וואורשט, שמאלץ, שטיוועל—אלעס. און איז שוין פערפּאקט, פערטיג אוועק געשיקט צו ווערן אין דיא מארקעטס פארן מענשליכען געברויך.

קיין זאך, צייגט דער קינעטאגראף, געהט פון דער בהמה אין ניוועץ. זאגאר דיא בלוט דערפון ווערט פערברויכט. דערפון ווערט געמאכט פרוכט־בוטער, אדער „דזשעלי״—וועלכע אויך אחינו פער־צעהרען אין גרויסע קוואנטיטיס. אלע דזשעליס און פרוכט בוטער וואס ווערט פערקויפט אין דיא גראסעריס ווערט געמאכט און געמישט מיט דיא בלוט פון בהמות און חזרים—דאס איז א פאקט.

דער מאשין פאהרט ווייטער און שטעלט פאר וויא דיזע פלייש פאלט ענדליך אריין אין דיא הענד פון א קוצב; וויא דיזער קאס־טימער איז דאס מטהר—איז עס מכבד מיט א באד; וויא ער בעזאלצט און בעפּעפּערט עס, וויא ער געווירצט עס נאכהער מיט אלע מיני געווירצען—אקוראט וויא עס וואלט געהאט געוועזען א בר־מנן פון מצרים; וויא ער בראָט עס נאכהער, און וויא ער פערפערטיגט עס

ענדליך; און וויא עס קומט דערפון ארויס—ניט א גאָלדערנע קאלב, זאנדערן, א גערינבט וועלכע מען האט טאקע תיכף דערלאנגט צום טיש אין דעם זעלבען פארמאט וויא דער קינעטאגראף האט גע־צייגט.

* * *

און אזוי שנעל וויא דיא געסט ווערן אויך דערמיט פערטיג, ווערט ווידער פינסטער, און דער מאשין טהוט זיין ארבייט ווייטער און שטעלט ווידער פאר א בילד—נור דעם מאהל פון איין אנדער זארט.

עס שטעלט פאר א סצענע פון איין ארימען געגענד אין א גרויסע שטאדט. עס ווייזט וויא עס געהען אַרום מענשען פון אלער־ליי זארטען און צושטענדע, איינער שיינט אויס צו זעהן ערגער פארן צווייטען. אלע פערמאָרעט, פערצרה'ט, שווארץ וויא דיא ערד, דיא באקען איינגעצויגען, דיא ברוסט איינגעפאלען—קוים וואס זייא געהען ארום. עס צייגט אויך וויא זייא וואהנען, וויא זייא עסען, וויא זייא לעבען—נור אז אך און וועה איז זייא! שלאפען צוזאמען מיט דער פעסעלע אונערקעס אויפן פייער־עסקייפ. עסען ברויט ביין וואג—נור וואסער האבען זייא לרוב—וואס אמת איז אמת, נור ניט גענוג פונדעסט־וועגען אריין צו קריכען דערין און צו נעהמען א באָד. אויב שוין יא פלייש איז עס פון דעם ערגסטען זאָרט. מילך געפעלשט, קעזלאך מיט גרינע בערדלאך וואס קריכען אליין ארום, ווורשט פון פערד, זאגאר בעבלאך, הארבעס, גריץ און מעהל איז אלעס אלט און געפעלשט—פול מיט ווערים און צוגעפוילט.

דיא הויפט בעשעפטיגונג פון דיזע אונגליקליכע שיינט צו זיין איינ־ער ביין צווייטען ארום צו געהן אין דיא הייזער און איינער ביין אנדערן צו „עסען טעג.“ זאנסט שיינען זיי צו האבען קיינע אנדערען בעשעפטיגונג—אויסער דיא אונגעהייער גרויסע און ריעזיגע „ביזמעסן“ מיט וועלכע דער גאנצער געגענד שיינט צו זיין בעלאגערט.

איינע פון דיזע ריזיגע געשעפטען איז א „דעפאַרטמענט סטאָר“, וואו עס ווערט פערקויפט אלטע שטיוועל מיט זויער־מילך. אין איין פענסטער פון דיזע גרויסע „ביזמעס“ ליעגט ברייטלאך אויסגעשפרייט א גרויסער קעז, וועלכער שיינט צו האַ־האבען געזעהן בעסערע טעג, נור יעצט זעהט ער נעביך אויס צו זיי

אויף גרויסע צרות. אין זיין יוגענד איז ער משמעות געווען וויים, נור יעצט טראגט ער, לא־עלינו, א גרינע בארד מיט געלבע קווייטען. ארום און ארום דיזען זקן ליגען גרויסע בויגענס פאפיער גערדיכט בעלאגערט מיט געשטרויכעלטע און צונעקלעפטע פליגען. דיזע פליגען זיינען נים צו פערקויפען. ליגען דארט אויך נים אלס צירונג. דאס ליגען זייא נעביך אין געהאקטע וואונדען דערפאר וואס זיי זיינען געווען נאשערס. האבען זיך אנגעטשעפעט אן יענעם קעז און האבען איהם געצופט פארן בערדעל נאכאנאנד, נור זיי האבען נים געוואוסט ווען אויפצוהערען, האט מען זיי דערפאר אונטערגעלעגט א קוויטעל, און יעצט ליגען זיי אין דר׳ערד.

אן א זייט פון דיזען קליינעם בית־עולם׳ל שטעהט א קליינע מצבה׳לע וואס דערצעהלט אין שלעכטע עברי דאס מען קען דאר־טען אין סטאר קריגען דיא בעסטע זוויער־מילך פאר 2 סענט א קווארט.

אין דער צווייטער אבטהיילונג פון דיזער „דעפארטמענט־סטאר‟, פערריכט מען שיך. וואהרשיינליך איז דער אייגענטהימער פון דיא זוויער־מילך אויך א שוסטער. א גרויסער שילד דערצעהלט אז דארטען איז דער בעסטער און ביליגסטער מקום וואו צו פער־ריכטען שטיוועל—פון מאכען נייע שטעהט נים דערמאהנט. משמעות טראגט מען אין דעם גענענד קיין נייע שיך.

נעכסט צו דיזער דעפארטמענט סטאר, געפינט זיך נאך א ריזיגע „ביזמעס‟. אין פענסטער פון דיזע ליגען אויך אויף פאפירען אנגעקלעפט אפשר 40 מיליאן געשטרויכעלטע פליגען, נור דיזע זיינען אויך נים צו פערקויפען. הויפטזעכליך שיינט דארט פערקויפט צו ווערען דעליקאטעסען. מען קען זיך אבלערנען אזא מוסר, און אזוי מיינען פון דיא פאר בלעכענע קעסטלאך סטינקעס וואס ליגען דארט אין פענסטער; און פון דיא שיסעל איינמארענירטע הערינג; און פון דיא פאר יארד ווורשטלאך וואס היינגען דארט אויף טשוועקעס. דער אויסזעהן פון דיא הערינג אין דער שיסעל איז ניטא וואס מקנא צו זיין. זיי זיינען נעביך שטארק בלאס, דיא קעפלאך פעריסען, און זעהען אויס אין אלגעמיין ווי געפגר׳ט. דיא ווורשטלאך שיינען אויך נים צו זיין בעזאנדערס פרעהלאך. זיינען חשך וויא דיא ערד, און דיא ווייסע בערדלאך וואס זיינען אויף

זיי אנגעוואכסען גיבט זיי אויך ניט צו פיעל חן מיט לייטזעליגקייט.

נעכסט צו דיזע „ביזמעס“ שטעהט א באנק געשעפט. אין פענסטער פון דיזע ליגט א אונגעהייער גרויסע סומע מיט געלד. זעבס קופערנע פיעטאקעס ליגען דארט אויסגעשפרייט מיט גרויס פריישקייט, און ארום דיזע ליגען דארט געדיכט בעלאגערט—אויסער פליגען, אפשר א מיליאן טאהלער פאפיער געלד. נור דיזע זיינען דיא ״קאָנפעדעראטסקי״ מזומן וואס מען קריגט צו קויפען מיט 2 סענט א פונט—דיזעלבע סחורה מיט וועלכע דיא אקטיאָרען האנדלען אזוי ליבעראל אויף דער ביהנע.

און אזוי געהען אוועק געשעפטען אין דעם גאנצען געגענד, איינס גרעסער פארן אנדערן, און אלע זיינען דיא בעסטע, דיא גרעסטע, דיא ביליגסטע, און דיא פערטרויענסווערטעסטע אין דער גאנצער וועלט.

אין אלגעמיין צייגט דער קינעטאגראף, איז דער ארעמאן פיר זיך אליין א נוצלאזע כלי. קען פיר זיך אליין גאר ניט טאהן און טהוט אויך גאר ניט. ער איז ביי זיך אליין און ביי אלעמען גענצליך איבעריג. אין גאנצען וואס מען דארף איהם איז נור צו בעדינען א קלענערען ארעמאן, און דיזען דארף מען צו בעדינען נאך א קלענערן ארעמאן, און דיזען צו בעדינען נאך א קלענערען, ביז עס קומט צו דעם ארעמאן וואס בעדינט דעם רייכען. גראדע וויא יענע כהנים פון וועלכע א מגיד האט א מאהל געמאכט אזא שעהנעם סך־הכל.

איהר האט שוין געוויס געהערט פון יענעם מגיד וואס האט זיך ארומגעזעהן אויף דער בימה אז ער האט פערלוירען זיין דרשה, און אום ניט צו פערבלייבען אין א פערלעגענהייט ביז ער וועט עס געפינען, האט ער דערווייל פערטייטשט דעם פסוק „אמר אל הכהנים בני אהרן“, בזה הנוסח אונגעפעהר:—

„——עס שטעהט „אמר אל הכהנים בני אהרן“, האט דער מגיד אנגעפאנגען און האט פערטראכטערהייט דערווייל געזוכט אין זיינע קעשענעס דיא פערפאלענע דרשה. ״איז דאך אין פלוג דיא קשיא ווארום שטעהט עס עפעס גראדע אזוי, האט דאך בעסער געדארפט שטעהן פונקט קאפויר?—און עס איז דאך ווירקליך א גרויסע קשיא פארוואס זאל עפעס א זאך שטעהן גראד און ניט

קאפויר? נור דער תירוץ איז, מאכט רש״י, אז די גרויסע כהנים האבען געדארפט זאגען צו די קליינע כהנים, און־און־און די קליי־נע כהנים זאלען זאגען צו די קלענערע, און־און־און דיזע קלענערע כהנים זאלען זאגען צו די נאך קלענערע כהנים, און־און־און דיזע נאך קלענערע זאלען זאגען צו די קלייניגקע כהנים, און־און־און דיזע קלייניגקע כהנים׳לאך זאלען זאגען צו די פיטשינקע כהנים׳לאך, און־און־און דיזע פיטשינקע כהנים׳לאך זאלען זאגען צו די ברעקע־לאך, און־און־און דיזע ברעקעלאך זאלען זאגען צו די פיצעלאך, און־און דיזע פיצעלאך זאלען זאגען צו די מאַנעלאך—און אויף אזא שטייגער האט ער אלס אזוי פערקלענערט די כהנים׳לאך פערטראכטערהייט זובענדיג זיין דרשה, ביז ער האט פון זיי גע־מאכט מילבעלאך.

און גראדע אזא מין ראָלע וויא יענע ,,כהנים׳לאך״ שפּילען די ארימע לייט, צייגט דער מאשין. ,,ורב יעבד צעיר״—דער גרעס־ערער ארימאן דיענט דעם קלענערען ארעמאן. און אלע טרעטען אויף איינאנדער—איינער אונטערדריקט דעם צווייטען. אללע דריקען דעם וואס איז נידעריגער פאר זיי; און דער וואס האט שוין נעביך גאר קיינעם צו דערלאנגען א בריק, לאזט אויס כל חמתו צום הונד, און דערלאנגט איהם א בריק.

עס פענגט אן, צייגט דער מאשין, ביי א רייכען טיש, וועל־כער איז בעדעקט מיט אלס דאס גוטס—מיט אלע דעלעקאטען פון וועלכע מען קען גאר האבען א בעגריף; און דערביי זיצען א פּאַר פאלק, דער מאן פון וועלכע איז א אבגעפרעסענער פעמפיק, וועלכער זיצט ביים טיש א צוקאכטער—עפּעס שיינט איהם א געריכט ניט צו געפעלען, און איז מכבד דערפאר זיין פלונית׳טע מיט א פּאַרציע. זיא קריגט די גאַב מיט א שטייגער. זיין כעס שטייגט פון מינוט צו מינוט ביז ער ווערט ענדליך אזוי אויפגערעגט דאס ער ברעכט טעלער, און טראַסקעט מיטן פויסט אין טיש און ווערט אזש משוגע פאר גרימצארן.

ואתא כלבא ונשך לשונרא—און דיזע מאדאם כאפּט זיך באלד אריין אין קיך און איז דארטען מכבד די דיענערשאפט מיט א פּאַרציע אז זיי דערזעהן שטערן.

ואתא חוטרא והכי לכלבא—און יענע מחותנים פון זייער צד פאלען אן אויף דיזע אונטער זיי, און ז׳י קריגען דיא גאָב וויא עס בעדארף צו זיין.

ואתא נורא ושרף לחוטרא—און דיזע חברה געהען ווייטער אלס כסדר ביז עס קומט ענדליך אן צום הונד—חד־גדיא! חד־גדיא!

דיזע שרעקליכע פאנאָראמא פערשווינדעט, און ויהי ערב ויהי בקר—עס ווערט ווידער ליכטיג אין זאל, און דיא געסט געפינען פיר זיך געגרייט אלערליי זארטען געפליגעל, געקאכט, געשמאָרט, גע־בראָטען, געפילט, פארפומירט, און פערפערטיגט אויף אלערליי ארטען.

* * *

נאך אייניגע מערקווירדיגע סצענעס שטעלט דער מאשין פאר, נאך פערשידענע געריכטען ווערן דערלאנגט, און דער מאהלצייט ענדיגט זיך מיט א פאנאָראמא אין קיך.

עס שטעלט פאָר א סצענע שפעט נאך אלבע נאכט. וויא דיא דינערשאפט אונטען ווארטען אלע מיט דעם גרעסטען אונגע־דולד אז דיא געסט דארטען אויבען זאלען שוין אמאהל ענדיגען—זאלען זיך שוין אבטראגען נאך אלדע שווארץ יאהר—זאלען שוין געהן אין זייער רוה אריין און מאכען א סוף, זיי זאלען שוין קענען אויפרוימען און אלעס בריינגען אין ארדנונג, און זאלען שוין אויך קענען געהן אהיים זיך אויסרוהען פון א גאנצען טאג שווערע ארבייט.

צווישען דיזע דינערשאפט צייגען זיך אלערליי מיני זארטען פארשוינען. בם—צווישען זיי געפינען זיך קרענקליכע, שוואכע, מאנכע פרויען אין א מוטערליכען צושטאנד; און דיזע אלע פאלען איינפאך פון דיא פיס פאר גרויס מידיגקייט. און דיא פערצווייפלונג וואס איז אויסגעגאסען אויף דאס געזיכט פון יעדען קען ערוועקען רחמנות אפילו אין דער מערשטיינערטער ברוסט פון א פראָפעסיאנעלען פי־לאנטראָפ.

ענדליך פאנגט מען אן ארונטער צו בריינגען דאס איבערגע־בליבענע פון דעם מאהלצייט. און דיא דינער ווארפען אלעס צו־זאמען. מישען אין איינעם דיא אלב־איבערגעבליבענע כוסות מיט

משקה, דיא אלב צושמאַלצענע אייז־קרים, דאס איבערגעבליבענע פון די סאַלאַד, פון די געפלינעל, פון דיא בראטען, פון דיא פרוכט, פון דיא קאָמפּאָט, פון אלעם וואס איז איבערגעבליבען אויפן טיש; און דיזע אלע מישען זיי צוזאמען און דערפון ווערט א געדיכטע, קלעב־פּעדיגע, מיתה־משונה קאָליערטע בלאָטע, וועלכע אויב איינער זאל עסען קען ער קריגען דיא חאלעריע אויף דער שטעלע, און קען אלזא איינשפּארען עקספּענסעס און מיה צו פאהרען נאך אינדיא דאס צו קריגען.

און דאס האבען יענע מחותנים—יענע געלאַדענע געסט אלעס אויף איינמאהל געגעסען, און אין מאגען איז עס געראדע אזוי צוזאמען גע־מישט געווארען וויא יענע מיתה־משונה קאָלירטע בלאטע איז צור־מישט געווארען ביי דער דיענערשאפט.

* * *

יעצט אז איך האב אייך שוין מכבד געוועזן מיט אזא רייכען מיטאג—יעצט ווען איהר זיינט שוין ניט אזוי צוקאכט וויא איהר האט זיך געצייגט אנפאנגס פון אייער בריעף, בעט איך אייך איהר זאלט נאכדענקען, און נאכהער אורטהיילען, און ענטפערן אויב דער מענש האט א רעכט צו אפּפערן אזוי פיעל צוליעב דיא אביקה, און נור דערום ווייל עס איז געשמאק און עס קיצעלט דעם גוימען.

ענטפערט—ענטשיידעט איהר אליין. און אויב איהר זיינט א עהר־ליכער מאן און פערשטעהט דעם אונטערשיעד צווישען רעכט אונד אונרעכט, אונד צווישען שלעכט אונד גוט, וויס איך אונגעפעהר וואס אייער אורטהייל וועט זיין.

קאַפּיטעל 7.

„——זייט איך האב אייערע שריפטען געלעזען" שרייבט נאך א קארעספאָנדענט, "בעדאנק איך מיר זעהר שעהן פון די סחורה וואס איהר רופט "בר־מנן"—עס מעהר קיין פלייש; און בין נתפעל פון דיא גוטע ווירקונג וואס וועגעטעריאנישע שפּייז מאכט אויף מיר. בין געווארען גאר א נייער מענש. פיהל עפּעס גאר בעסער און האב א גאנץ אנדער בעגריף פון לעבען—איין אנגענעהמען בעגריף. שטים גענצליך מיט אייך איין דאס דער שלאכטען פון לעבעדיגע בעשעפּעניסע פערדערבט דיא איידעלע געפיהלען אין מענשען און מאכט איהם אונערבארעמליך. אייער שילדערונג וויא גרויזאם מענשען בעהאנד־לען דיא ארימע ברואים, האט מיר דערמאנט אן מיינע אייגענע ערפאהרונג ווען איך האב זיך אנגעפאנגען צו לערנען שחיטה. קען זיך ערשטען מאהל אריין אין שלאכט־הויז, און וויא מיר איז פינסטער געווארען אין דיא אויגען ווען איך האב דערזעהן וויא דיא „גיט גוטע" לייט דארטען האבען דאַ־מאלס געקוילעט א בהמה וואס איז געוועזען מעוברת. דיא בהמה האט זיך נאטירליך מיט איהר גוטען ווילען ניט געוואלט לעגען צו דער שחיטה, האבען איהר דיא דארטיגע פיינע בריות פריהער געשלאגען מכות־רצח ביז זיי האבען איהר פערמאטערט; און אזוי שנעל וויא דער שוחט האט איהר פערטיג געמאכט, האבען זיך תיכף אויף איהר א לאז געטאהן דיא מלאכי־חבלה—דיא באנדע שינדערס, און האבען איהר אויף גיך אויפגעשניטען, און האבען דיא "בן־פקועה" ארויסגענומען. זיי האבען זיך דאן מיט דיזע גרויזאמע שפּיעל־צייג ארום געשפּיעלט נאהענט פון א פּאָר שעה, און עס האט נאך אלס געהאט אין זיך לעבען. דיזע מערדערישע סצענע האט אויף מיר גע־מאכט דיא שרעקליכסטע ווירקונג, און בין געווארען אוים שוחט אויף דער שטעלע.

יעצט, זייט איך האב אייערע ווערקע געלעזען בין איך געוואָ־רען װוּנגעטעריאַנער. פיהל זיך זעהר גוט. דענק אז עס האט מיר פיעל גוטעס געטאהן, ווארום אויס דער נאטור בין איך א זעהר שוואכער און קרענקליכער, און דיא אידעלע שפייז האט אויף מיר געווירקט דאס איך בין ניט מעהר אזוי ליידענד וויא פריהער. אין גייסט שטעה איך געוויס העכער וויא פריהער. קען עפּעס יעצט זיך צוריק האלטען פון פיעל זאכען וועלכע איך האב פריהער ניט געקענט בעהויפּטען. האב אויך יעצט מעהר געדולד. בין מעהר געלאסען און ווער ניט אזוי גיך צוקאכט און אין כעס וויא פריהער. בין ניט מעהר אזוי צוקראַכען און פאר מרה־שחורה׳ט, און קוק ניט מעהר אויף דעם שאטען פון בערג וויא ריכטיגע בערג. פיהל זיך יעצט מוטהיג, און בין אין אלגעמיין זעהר צופרידען פון זיך. מיין עסען בעשטעהט הויפּטזעכליך פון פרוכט, ניס און פערשידענע גאטונגען תבואה וויא אויך גרינוואַרג. בענוץ אבער אויך מילך, אייער און קעז. ביטע ענטפערט מיר ווארום איהר פּרעדיגט געגען דעם גענוס פון דיזע לעצטערע זאכען?——״

ענטפער:——בין געגען דעם גענוס פון מילך, ווייל ערשטענס בעטראכט איך עס אלס בלוט אין ווייסען פאָרמאט; און צווייטענס, ווייל ״דער עפּעל פאלט ניט ווייט פון בוים״. איינס פון דיא ביידע, מאכט מילך קיין ווירקונג אויפן עסער דאן איז עס דאך ניט נעהטיג, מאכט עס יא א ווירקונג, דאן איז דיא ווירקונג קיין גוטע. ווארום עס גיבט קיין צווייפעל דאס דער מענש ערווערבט דיא אייגענשאַפ־טען פון דער חיה דורך איהרע מילך וואס ער טרינקט.

א מערקווירדיגער פאקט ווערט דערציילט פון א צווילינג וועלכע זיינען באלד נאך זייער געבורט פערבליבען אהן א נאטיר־ליכע ערנעהרערין. מען האט דיזע ערנעהרט—איינס אויף דיא מילך פון א ציג, דאס צווייטע אויף דיא מילך פון א חזיר. דער קאסטימער פון דיא ציג איז אויפגעוואכסען משונה ווילד—וויא א ציג. נאכאנאנד האט עס גערן געהאט צו קלעטערן אויף גלייכע ווענט און ארום צו־שפּרינגען. ווען ער איז געווארען גרויס, פלעגט ער נאכאנאנד זיין א ״קאמיטע־מאן״, און פלעגט האלטען אין איין ארום שמייעויען, און אין איין אריין שטעקען דיא מאָרדע אין פרעמדע עסקים. דער צווייטער תכשיט האט שוין אזעלכע משונה׳דיגע הויות ניט געמאַכט,

נור ער איז געווען שרעקליך שמוציג. נאכאנאנד פלעגט ער זיך וואל־ גערן אין בלאָטע, ער פלעגט זיך מחיה זיין ווען ער פלעגט האבען א געלעגענהייט אריין צו קריכען ערגעץ אין א רינשטאק. פלעגט פשוט אנקוועלען—איינפאך אבלעבען, ווען ער פלעגט קריגען א גע־ לעגענהייט צו פערברייגגען דיא צייט מיט חזרים. ווען ער איז גרויס געווארען, האט ער זיך אויסגעקליבען א פרנסה צו האנדלען מיט חזיר־האָר. האט זיך אפילו ענדליך שעהן ארויף געארבייט, נור ער איז געווען, זאל ער מיר מוחל זיין, א גרויסער חזיר—אבער טאקע גאר א גרויסער. ער איז צום סוף געווארען א קהל׳שער מאכער אין א געוויסע שטאדט וואס איך וויל ניט פורש־בשמה זיין—נור דאס איז שוין א בעליידיגונג פאר חזרים.

עס איז אונמעגליך ארויסצוציהען ריינעם פון אונריינעם—"מי יתן טהור מטמא לא אחד", זאגט איוב. דער וואס עסט און טרינקט אונריינעס, ביי דעם מוז זיך ענטוויקלען אזעלכע אייגענשאפטען. א הויכער פערשטאנד, א געדאנק וואס איז ריין, און אמת, און ריכטיג, און לאגיש אויף א האָר, און האט א שייכות מיט דיא בעסטע גע־ פיהלען; גוטסקייט, פריינדליכקייט, ליעבע און אלע אידעלע מידות ענטוויקלען זיך ניע ביי איינעם וואס עסט אדער טרינקט אונריינעס, דאס איז א פאקט—א אמת וואס ניעמאנד קען פערלייקענען.

דער איינציגער שטיקעל גליק איז נאך וואס דיא מילך וואס ווערט פערקויפט אין דיא גרויסע שטעדט, ענטהאלט אין זיך אריבער 90 פראָצענט וואסער, און אין דיזען מבול ווערען נאטירליך דערטרונקען דיא מעהרסטע שלעכטע אייגענשאפטען פון דער בהמה. פאר דיזען חסד דארפען מיר דיא מילך־לייט זעהר דאנקבאר זיין. זאלען זיי אלע זוכה זיין צו האבען א ליכטיגע גן־עדן—במהרה! וואס שנעלער איז בעסער. זאלען זיי נעביך אויך לעבען א גוטען טאג —טוהען דאך דער וועלט א טובה, אבוואהל עס איז פיעל אנדערש וויא זיי מיינען. ווארום אויב דיזע חברה וואלטען דיא מילך ניט דערטרונקען אין דיא וואסער וואס זיי גיסען אריין, וואלטען מיר געטראָ־ פען קיה, און אכסען, און ציגען, און חזרים, אויף יעדער שריט און טריט.

ווייסט איהר פון דעם סוד דאס מאמעס וואס פערשטעהען זייער פאך—גוטע, פרומע מאמעס, גיבען אכטונג אז זייערע ער־

וואכסענע טעכטער זאלען ניט טרינקען פיעל מילך און פיעל וויין?
פראסטיטוטקעס טרינקען פיעל מילך און וויין.

אויב דיא תורה רעדט וועגען "א לאנד פון מילך און האניג", מיינט זיא ניט דערמיט דיזע צו רעקאמאנדירען אלס שפייז. זיא בעצייכענט בלויז דערמיט דיא גוטע אייגענשאפטען פון ארץ־ישראל. א לאנד וואס האט פיעל פאשע, דארט איז דיא ערד רייך. ארימע ערד קען מעהר ניט ארויס געבען וויא קראפעווע, און פון קראפעווע קען זיך ניט ענטוויקלען מילך. דאס זעלבע איזט אויך מיט האניג. וואו דיא לופט איז גוט און ריין, דארט וואכסען בלומען, און נאטירליך האלטען זיך דארט אויף בינען, און ווען דיזע האבען פיעל בלומען גיבען זיי ארויס פיעל האניג. אין א שלעכטען קלימאט האלטען זיך קיינע בינען אויף. וואו דיא לופט איז פערדארבען האלטען זיך בלויז אויף מאסקיטאס. בלומען פאר מאסקיטאס זיינען אזוי וויא לאקשען מיט יוך פאר א ליטווישען פויער—עס פערסם'ט איהם אויף טוידט—צו איידעל. פומפערניקעל מיט זייף, קאשע געשמארט מיט חלב'דיגע ליכט, דאס איז סחורה פאר איהם, און דערפון לעבט ער אב. און אזויא איז אויך גוטע לופט פאר מאסקיטאס—צו איידעל פאר זיי. דאס וואס נאטור־פארשער ווילען יעצט בעווייזען אז נור מאסקיטאס פער־שפרייטען קדחות איז איין אירטהום. מאלאריא אדער קדחות געפינט זיך נור אין געגענדען וואו דיא לופט איז שלעכט. און דארטען פרוכפערן זיך מאסקיטאס. קדחות אלזא קומט פון שלעכטע לופט, און דארטען געפינען זיך אויך מאסקיטאס. אבער דאס דיזע חברה זיינען דיא איינציגע אורזאכע פון מאלאריא איז לעבערליך. דער בעסטער בעוויין אלזא אויב א קלימאט איז גוט איז נור אויב דארטען געפינען זיך פיעל בינען.

ווען דיא תורה רעדט אלזא פון "א לאנד וואס פליסט מיט מילך און האניג" מיינט זיא דערמיט נור אבצולויבען דיא לאנד. און עס איז ווירקליך מערקווירדיג שעהן און טיפזיניג, און קורץ, און שארף אבגעלויבט—טאקע וויא נור דיא תורה אליין איז פעהיג צו טאהן.

עס איז אויך א בעוואוסטער פאקט דאס דיא וואס טרינקען מילך זיינען ניט געשיצט פון דיא זעלבע קראנקהייטען וועלבע אונ־געזונדע בהמות זיינען אונטערוואורפען. עס האט שוין פאסירט מעהר

וויא איין מאהל דאס נאכהער וויא עס האט אויסגעבראכען איין עפידעמיע פון א געוויסע קראנקהייט, האט מען דעם אורשפרונג פון דיזע איבערגאנג כמעט אימער געפונען אין אנשטעקענדע מילך. קירצליך האט מען געמאכט דיא אונאנגענעהמע ערפינדונג דאס אין פענסילוויינא סטייט געפינען זיך 7 פראצענט קראנקע בהמות. דיא פארמערס זיינען ניט אלע "למדן־וואר'ניקעס". מאנכע פון זיי טראגען אפילו לאנגע כפול־שמונה'דיגע בערד, וועלכע מען קען פערפלעכטען אין צעפ און מיט זיי זיך ארום גארטלען וויא מיט א קראיקע, נור דיא מילך פון זייערע קראנקע קיה וועלען זיי פאר מזומן דאך פער־קויפען—איהר קענט ניט דיזע חברה. זיי וואלטען זיך שמד'ן פאר מזומן. איבעריגענס טרעפט אפט אז זיי אליין ווייסען אויך ניט אז א קוה איז קראנק. און דיא מילך פון אזא חולה איז נאטירליך קיין פאסענדע שפייז.

* * *

און וואס אנבעלאנגט אייער פראגע וועגען אייער, זיינען דיזע ערשטענס לעבעדיגע זאכען—בלויז 21 טעג אינגער וויא א הון; און צווייטענס געפעהלען זיי מיר עפעס גלאט ניט. אויב אידען וואלטען ניט געוועזען ערלויבט צו עסען אייער וואלטען זייא דיזע סחורה אבגעשפאט און אבגעלאכט בזה הנוסח אונגעפעהר:—

"זעהט וויא דאס זעהט עפעס אויס—וויא דאס צוקריכט—וויא דאס צו רינט. מאקע ניט מעהר וויא חאמולעס—גוים, קענען עסען אזעלכע געריכטען."

א איי איז בלויז פריש א קורצע צייט, און דאן פענגט עס אן צו פוילען; און ווען א איי פענגט אן צו פוילען—דאן מיינט עס ביזנעס! בעהיט און בעשירעמט—ניט בעשמירט—זאל מען ווערען פון צו מאכען דיא בעקאנטשאפט מיט אזא ביטערען קערל. איך האלט ביין אוועק חלשן אפילו שרייבענדיג וועגען דעם. פע! גע־פעהרליך! נאך אמאהל ווען איהר שרייבט צו מיר זאלט איהר דאס גאר ניט דערמאנען. א שעהנע מעהמא—איך האב פיינט צו זאגען, דער געדאנקען אליין קען איינעם פעריאגען נאך תרשיש.

אייער עסען זיך אויך ניך צו. קיין זאך ווערט ניט אזויא ניך ווידעריג וויא אייער נאכהער ווען מען עסט זיי כסדר א געוויסע

צייט. דיא יעניגע אידען וואס עסען קיין טריפות, און פאהרען ארום און קענען אויפן וועג נים קריגען כשרה׳ם צו עסען, און זיינען געצוואונגען צו עסען בלויז אייער, קענען עס נים אויסהאלטען לענגער וויא א פאר וואכען. נאכהער קענען זיי דערויף נים קוקען. אזא זאך קען ניעמאלס פאסירען מיט מאלינעס, למשל, אדער מיט אירגענד איין אנדער גאטונג פון פרוכט אדער תבואה. עס האט נאך ניעמאלס פאסירט דאס ברויט זאל זיך האבען צוגעגעסען, און עס זאל ווערן אזוי ווידעריג אז מען זאל דערויף נים קענען א קוק טאהן.

דאס איז דיא אורזאכע ווארום אזוי פיעל פון אונזערע מענשען וואס ווערן וועגעטעריאנער פעגגען אן אין א קורצע צייט ווידער צו עסען פלייש. אנשטאט אנצופאנגען מיט פרוכט, מיט ניס, וועלכעס וואלט זיך זיי ניעמאלס צוגעגעסען, פענגען זיי אן באלד מיט אייער, מילך און קעז. דיזע עסען זיי מיט גרויס פרישקייט כסדר א פאר וואכען—אין דער פריה, צו מיטאג, און אבענדס. נאטירליך קען עס לענגער וויא צעהען טעג נים אויסהאלטען; און דאן באסטא! אוים וועגעטעריאנער! דערווייזען נאך נאכהער בעשיינפערלאך אז עס איז אונמעגליך צו לעבען אהן פלייש.

איך מיין נים צו זאגען און צו בעווייזען אז אייער זיינען נים נעהטיג. אדרבא, פערקעהרט, זייא זיינען נעביך זעהר נעהטיג—אבער נים צום עסען. מען דארף זיי האלטען—האלטען אזוי לאנג ביז עפעס א שונא, א בלעם קומט שילטען, אנצוגרייפען, דאן זיינען זיי זייער נעהטיג—צו באמבארדירען אויפן שונא. און וואו איז נאך דא א שרעקליכערער וואפען ווי אזעלכע „פאליטנע׳׳ זקנים?

אדער מען דארף זיי בעהאנדלען וויא יענער פלעגט טאהן מיט מרור. אמאהל איז געווען—נים א רב מיט א רעביצין, זאנדערן—א חברה־מאן וואס האט זעהר פיינט געהאט מרור. נור אזוי וויא צום סדר מוז מען דאך דיזען געריכט אבזאלוט האבען, פלעגט ער אויף שטעהן ערב יום־טוב בלחוך השור—פאר טאג, און פלעגט עס מיט גרויס פרישקייט פערפערטיגען. פלעגט עס דאן צורייבען, און נאכהער פלעגט ער דאס אויסשפרייטען אויף א פלאכע טעלער, און עס דעם גאנצען טאג נאכהער לאזען אבגעדעקט, בכדי דיא גאנצע ביטערקייט זאל דערפון ארויס. אזוי פלעגט עס ליגען ברייטלאך אויסגעשפרייט, ביז ענדליך עס איז געקומען צו „שפוך־חמתך׳׳, ווען

ער האט גנעפענט דיא טיהר, און האט דיא מרור מיט דעם גרעסטען הימפעט ארויס געווארפען. אבער עסען דערפון—חס־ושלום! און אזוי דארף מען, און עס איז א מצוה צו טאהן מיט אייער—פאשאָל און וואָן—נאך אלדע שווארץ יאָהר—סלה!

* * *

און וואס אנבעלאנגט אייער פראגע וועגען קעז, מוז איך פריהער, איידער איך וועל עס אייך פערענטווערן, וויסען אויף קלאהר וואס פאר קעז איהר האט אין זינען—וועלכע קעז אייגענטליך מיינט איהר? האף דאס איהר מיינט ניט לימבורגער קעז. גלויב ניט אויב איהר מיינט דיא מצרים־סטריטער קעזלאך מיט דיא גרינע בערדלאך וואס קריבען ארום שפאצירען ווען עס ווערט זיי צוווארעם. האב צוטרוען צו אייך דאס איהר מיינט געוויס ניט יענע אימפאָרטירטע קעז פול אנגעפאקט מיט ווערים, פון וועלכע דיא דייטשען שלעפען ארויס הויפען־ווייס, אוןווארפען זייא איינציגווייס אין מויל און שלינגען זיי וויא פילען. איך פערשטעה אויך דאס איהר מוזט אודאי ניט מיינען דיא איטאליענישע קעז, וואס זעהן אויס וויא גרויסע רעדער, געבויט פון פימפסענהאלץ אויסגעשמירט מיט פעך פון אינעווייניג און פון אויסוועניג. איך פערהאף אז איהר מוזט געוויס גיט מיינען אט דיזע זארטען קעז.

נור אזוי וויא אלע זאָרטען קעז זיינען לייבליבע פריינד—נאהענטע מחותנים—האבען כמעט אלע דיא זעלבע אייגענשאפטען—קענען אלע אליין ארום קריבען—און זעהען אלע אויס שטארק בע׳חן׳ט—אלע בענאסען מיט לייטזעליגקייט, וויא דיזע וועלכע איך בין דא מזכיר נשמות, וועל איך אייך דערפאר דערצעהלען א מעשה וואס האט אנומאָלטען געטראפען—פון א אבשניט וואס איינער האט דא ניט לאנג געהאט, מיט א בענעגעניש פון לימבורגער קעז, דערפון וועט איהר שוין נאכהער אליין אבלערנען א מוסר—וועט שוין בעשיינפערלאך דאן אליין זעהן אהן א שפעקטיוו ווארום איך בין שעגען דעם געגוס פון קעז.

מעשה—עס איז פערלאָפען א מעשה, וויא אזוי א בנופיא יונגעלייט זיינען אנומאָלטען געזעסען, און האבען פערבראכט דיא צייט אין דערצעהלען דיא וואונדער פון יציאת־מצרים—וואס דען זאלען נעביך

יונגע לייט טאהן? האבען דיספוטירט און זיך שטארק געדונגען וועגען דיא מכות—א טהייל האבען געהאלטען אז עס איז בלויז גע־ווען צעהן מכות, און אנדערע ווידער, וואס דיא וועלט איז זיי קנאפּ, האבען זיך איינגעשפּארט, און בעוויזען מיט רעיות אז עס איז געווען 250 מכות. צווישען זייא איז געווען א לץ וואס האט דיא גאנצע צייט גאר געשוויגען, נור ענדליך איז ער ארוים מיטן לשון, און האט געמאכט דיא בעהויפּטונג אז דיא אלע מכות זיינען גאר אין גאנצען געווען איבעריג; און דאס לימבורגער קעז, אויב מען וואלט דאמאלס פערשפּרייט איבער דער מדינה, וואלט געקענט סעטלען דיא גאנצע ביזנעס איז א פיעל קירצערע צייט און מיט וועניגער נסים.

מילא א ווארט פאר א ווארט, און דער עולם איז פערקראַ־כען אין הויכע דרכים. איינער א געוויסער דייטש האט ניט געוואלט נאכגעבען, האט פּראָטעסטירט און האט געטענה׳ט אז לימבורגער קעז איז קיין מכה. דערפאר האבען איהם חברה אבגעטאהן א שפּיצעל אז ער וועט עס האבען צו געדיינקען.

אזוי וויא דער דייטש האט געהאלטען אין דרשה׳נען וועגען זיינע קעז, האט זיך איינער פון דער כנופיא ארויסגעכאפּט אין סטריט, און האט געבראכט צו שלעפּען שטילערהייט א פּעקעל דיך־צושניטענע לימבורגער קעז, און האט דיא סחורה אריין געלייגט אין דיא אונטערשלאק פון דייטש׳ס קאפּעלוש.

אין שטוב איז באלד געווארען איינג—דיא קעז האט זיך פערנאנדער געלאזען און האט זיך פערשפּרייט אין אלע ווינקעלאך. אלע ביז איינעם האבען בחפזון באלד געמאכט פּליטה, און האבען דעם דייטש איבערגעלאזען אין דער קאמפּאניע פון זיינע צרות.

אזוי האט ער שוין אויך נעביך געפיהלט אונאנגענעהם געגוג נור אז ער האט נאך אנגעטאהן זיין קאפּעלוש איז איהם פון דארטען אנגעקומען א גערוס, וואס האט איהם דערלאנגט אזא טראַסק אין נאז דאס ער האט זיך איינגעדרעהט אין דרייען און איז באלד אומגעפאלען.

דער עסק איז איהם ניט שטארק געפעהלען. ער האט גע־שפּירט אז עס איז עפּעס ניט גלאטקע מיט איהם. נור אזוי וויא ער האט ניט געוואוסט פון וואנען דער קלאפּ קומט, האט ער בע־

שלאסען ניט צו מאכען פיעל שהיות, און זיך אבטראגען אין דער היים.

״בין עפעס ניט מיט אלעמען,״ האט ער אלע ווײלע געזאגט צו זיך אין דער שטיל. ער האט גענומען א קאר צו פאהרען נאך הויזע, נור אזוי שנעל וויא ער איז דארט ארויף און האט זיך אוועקגעזעצט—עס האט נאך ניט גענומען א מינוט, האבען זיך זיינע שכנים אויפגעהויבען, אלע וויא איין מאן, און האבען זיך אבגעטראגען פון דער אנדער זייט ירדן. יעדערער פון זיי האט ארויס גענומען זיין טאשענטוך און האט עפעס געבורטשעט אין דער שטיל. ענדליך זיינען זייא אלע ארויס אויפן פלאטפארם, און האבען דעם קאנדוקטאר פערטרויט עפעס א סוד, וואס דער מאבער פון קאפעלוש האט געשפירט אז עס האנדעלט זיך וועגען איהם, ווייל אלע האבען געטייטעלט מיט דיא פינגער אויף איהם.

דער קאנדוקטאר מיט פייער אין זיינע אויגען איז באלד אריין אין קאר, איז צוגעגאנגען צום דייטש, האט פערמאכט דעם נאז מיט דעם פויסט, האט עפעס געזאגט פאנפעוואטע וועלכעס האט געשיינט צו לויטען אז ער איז איהם מכבד צו הולך׳ן פון קאר פער שנעל־צוג, אויב ניט, האט ער געסטראשעט, אנטלויפט ער, ווייל פאר זיי ביידען אין איינעם אויף דער קאר איז איינג, האט ער איהם געגעבען צו פערשטעהן.

אראבגעהענדיג פון קאר האט נאך דער קאנדוקטאר נאכגעשריען בקול רם, און האט איהם געהייסען זיך צו פערקלייבען ערגעץ אין א וויסטען מדבר, און האט איהם אנגעזאגט אז פאלס ער וועט איהם פאקען אויף זיין קאר נאכאמאהל פעדלענדיג מיט דער חאלעריע וועט ער איהם צוברעכען רוקען און לענד.

„וואס איז מיט מיר פלוצלונג געווארען?״ האט דער דייטש געפרעגט ביי זיך ווערענדיג רויט, טויט און צוקראכען. ער האט ארונטער גענומען זיין היטעל אב צו ווישען דעם קאלטען שוויים וואס האט איהם בעדעקט, ווען פלוצלונג האט איהם דערלאנגט א יאג א שטורעם־ווינד פון דיא גאנצע געשמאקע פארפיומע אין היטעל מיט אזא שרעקליכען הימפעט דאס ער איז באלד אין חלשות אריינגעפאלען.

„מוז זיין שטארק קראנק,'' האט ער געבורטשעט פערצווייפעלט. ''עפּעס שיינט עס מיר צו קומען פון קאפּ. עס איז גאר קיין פרעהליכער עסק.''

ווען ער איז ענדליך געקומען צו פוס נאך הויזע, און האט דארטען אויסגעטהון זיין קאפּעלוש, און אין שטוב איז געווארען פרעהלאך, לעבעדיג—דער ריח האט זיך פערשפּרייט וויא ביין טאטען אין וויינגארטען, איז זיין פרוי געווארען א פערצאפּעלטע און א צוקאָכטע.

„דער קלאָג וויים וואס פאר א פינסטער מזל איך האב,'' האט זיא געשריען.'' עס טרעפט אין דער וועלט אז א מענש ווערט קראנק—אבער ניט מיט אזא מגפה. אויב דיזע קריינק זאל לאנג אנהאלטען וועל איך דאס ניט אויסהאלטען. איך געה צו דער מאַמען.''

„קען ניט פערשטעהן ווארום דיא קראנקהייט שיינט מיר צו קומען עפּעס גראדע פון קאפּ. עס מוז עפּעס זיין א נייע־מאדנע קראנקהייט,'' האט דער דייטש געטענה'ט.

''אזא ריח קומט ניט פון קאפּ,'' האט זיין בחורטע געענטפערט צוקאכט. „דוא פאלג מיך און נעהם איין א פּאָר קווארט ריצענאייל. נור דוא וועסט דאך מסתמא ניט פאלגען, טאָ ליג אין דרערד, איך וועל דערווייל לויפען רופען א דאקטאר, און אין איין גאנג וועל איך שוין כאפּען א ביסעל פרישע לופט. מיר דארפסטו ניט ערווארטען אזוי גיך. וועל דיר דא שיקען דיין מאמען,'' האט זיא געזאגט שטארק פערקרימענדיג זיך, „זאל זיא אויך וויסען וואס פאר א זיסען לעבען איך האב. בין ניט מחויב אליין צו ליידען.'' ביי דיזע ווערטער האט זיא געעפענט אלע פענסטער און דיא טהירען, און איז באלד אנטרונען געווארען נאך א דאקטאר.

אין א ווייל ארום איז א דאקטאר געקומען, האט בעטראכט דעם פּאציענט, האט געקלעהרט, געקלעהרט, און האט בשום אופן ניט געקענט קלוג ווערן און דערגעהן וואס דאס איז פאר א קראנקהייט. דערווייל האט ער פערשריבען א רעצעפּט, און האט איהם אויף גיך אנגעזאגט וויא זיך צו פיהרען; און האט זיך באלד ארויסגעכאפּט פון הויז—האט שוין דעם ריח ניט מעהר געקענט פערטראגען.

גראדע האט געדארפט פאסירען אז דער קאפעלוש פון דאקטאר מיט יענעם פון דעם דייטש, זיינען ביידע געווען גלייכע, און ווען דער דאקטאר האט זיך מיט גרויס היילעניש ארויסגעכאפט פון הויז, האט ער מעשה־שטן דערטאפט ניט זיינעם, נור יענעם׳ס קאפעלוש.

אין שטוב איז דערווייל געווארען פרייער. דער קראנקער האט זיך געפיהלט בעסער, נור דיא גאנצע נאכט האט מען איהם פונ־דעסטוועגען דאך געלעגט קאלטע קאמפרעסען, און מען האט איהם געקארמעט מיט פילען גרויס וויא קעלבער, און מיט ביטערע פראָשקעס, פון וועלכע ער איז יעצט רעכט טאקע גוט קראנק געווארען—וויא דער געוועהנליכער שטייגער איז.

איהר וועט עס שוין פיעלייכט אויך האבען בעמערקט, דאס מען ווערט דאך ניע קראנק ביז מען רופט א דאקטאר. ביז דאַן פיהלט מען בלויז ניט גוט—מען פיהלט שלעכט—מען פיהלט ערגער, אבער קראנק ניעמאלס ביז מען רופט א דאקטאר, און דאן איז נאך אלעמען! וואַ־רום אזוי גיך וויא דיזער מאכער קומט, דערלאנגט ער שוין עפעס א בורטשע, אין „רברביא׳׳ לשון, און מאכט שוין א פראָטאָקאָל—גראדע וויא ער וואלט געהאט דערטאפט ביי א גניבה—פערשרייבט שוין עפעס א מגילה, אדער „רעצעפט׳׳ וויא ער רופט עס, אין א שפראך וואס מען גנבט פערד; און הייסט אריינקריכען אין בעט, און מאכט אן א מורא ביז מען ווערט א פערצאפעלטער—פון נאמען אליין; און דאן ווערט מען שוין אין דער ווירקליכקייט קראנק, און עס איז שוין אָבגעדאַוונט—און מען מעג שוין געהן בעשטעלען קאריאדזשעס.

פאַרן דאקטאר דערוויילע האט זיך אנגעהויבען א לעבעדיגע וועלט נאכהער וויא ער האט אנגעטאהן דעם מילכיגען קאפעלוש. ווען ער איז אריינגעקומען אין אָפיס פון דער חברה־קדישא, דארטען צו מעלדען וועגען דעם נייעם קאנדידאט וואס ער האט פאר זיי דערטאפט, און דערווייל צו ציהען אויף דעם רעכענונג פון דיא קאמישיאן א פאַר טאָהלער, האבען דארט תיכף אלע ארויסגעכאפט זייערע טאשענטיכער, עפעס אקוראט וויא דער דאקטאר וואלט גע־האט געזווען א שיף וואס האלט ביין אברייזען, און זיי בעגריסען דיזע שיף איידער עס פאהרט אב אויף דער געפעהרליכער נסיעה, אויפ׳ן ים. דער איינציגער אונטערשיעד איז נור געווען, דאס אנשטאט וואס

מען שאקעלט נעוועהנליך אזעלכע טאשענטיכער אין דער לופטען, האבען עס דיא לייט דארט צוגעדריקט שטארק צום נאז. דיזעס האט בעאונרוהיגט דעם דאקטאר ניט אביסעל.

„האב מורא אויב איך האב זיך ניט אנגענומען דיא קראנקהייט פון יענעם סוחר דארטען,‟ האט דער דאקטאר, געזאגט צו זיך אין דער שטיל, שטארק דערשראקען. „און עס שיינט צו זיין א מערקווירדיגע קריינק. האב שטארק מורא אויב עס איז אפטמאהל ניט דיא בובאָנישע מגפה.‟

ער האט דערפאר קיין פיעל שיהות געמאכט און האט באלד גענומען דיא קאר צו פאהרען נאך הויזע.

גראדע האט געדארפט פאסירען אז ער האט געטראפען דיא זעלבע קאר פון וועלכע דער קאנדוקטאר האט דעם דייטש ארונטערגעווארפען. און אז דיזער חברה־מאן האט יעצט ווידער דערשפירט דעם זעלבען ריח, איז ער מסתמא באלד געווארען א אנגעצונדענער, און האט דעם בעל־דבר אָהנע צערעמאָניעס ארונטער געטריבען פון קאר.

‟נאך אלדע שווארץ יאהר!‟ האט נאכגעשריען דער קאנדוקטאר בלשון סאנט־פאטריק. „א קלאָג נאך אייך, וואס האט איהר זיך היינט אלע מיט אמאהל פערנאנדער געלאזען? איהר וועט דאך פערפעסטען דיא שטאדט. נור איך זאג אייך אן, פאלס איך וועל ווידער כאפען איינעם פון אייערע חברה, וועט ער טרוקען דעם מאהל ניט אָבשניידען. וועל איהם ממיתן—מוז איהם דערווערגען ווען איך זאל אפילו וויסען דאס מיין טויט מעג דא זיין אויפן ארט. דעם לעבען האבען זיי מיר היינט פערביטערט מיט זייער ריח.‟

דער דאקטאר איז געבליבען שטעהן אבהענדיג, אהן לשון וויא דערווארגען, און האט אויסגעזעהן עפעס אזוי תמ׳עוואטע, חאטש גאר נעהם און מעלק איהם אויס. איז שוין יעצט געווען גאנץ זיכער אז ער האט זיך יענעם׳ס קראנקהייט אנגענומען, און אזוי וויא ביי איהם איז אויסגעקומען אז עס איז געוויס א ניי־מאדנע מגפה, האט ער געוואלט זיין דער ערשטער דיזעס בעקאנט צו מאכען, בכדי זיך דאדורך קונה־שם צו זיין. ער איז דערפאר בחפזון באלד געלאפען אין הויפט קווארטיער פון דער פאָליציי וואו ער האט אויסגעפלאצט וויא א פענכער, און האט אין איין אטהעם גערעדט דערציילט אז ער האט

דערטאפט א נייע מגפה וואס איז אנגעקומען אין שטאדט, און דאס ער האט עס מיט געבראכט מיט זיך אלס סאמפעל.

ויתר הדברים—און דאס איבעריגע פון דיזע אומעדיגע גע־שיכטע, וויא אזוי אלע פאליסלייט דארט זיינען באלד צולאפען—און וויא אזוי דער דאקטאר האט געמוזט ענדיגען ריידען דורך א טעלעפאן—און וויא אזוי עס האט אנגעמאכט א שרעקליכען רעש אין שטאדט—און וויא אזוי מען האט באלד אוועק געטראסקעט דעם דאקטאר און זיין פאציענט אויף איין אינזעל וואו מען האט זיי קוואראנטירט, פערשפארט איינזאם און אליין אויף א רעכטע פאר וואכען—און וויא אזוי מען האט פערברענט זייערע קליידער און דיא בעטגעוואנט—און דיא אונבעשרייבליכע צרות און יסורים וואס זיי זיינען דורך געגאנגען—הלא הם כתובים—זיינען דאך פערשריבען אויף די כראני־קעס לזכר עולם.

* * *

יעצט, האף איך, אז איך פערשפאר אייך שוין צו זאגען ווארום איך בין געגען דעם געגוס פון קעז.

ענדע פון צווייטען טהייל.

* * *

דער דריטער, פיערטער און פינפטער טהייל זיינען שוין פערטיג און וועלען אין קורצען געדרוקט ווערען.

זיך צו ווענדען מיט אנפראגען וועגען דיא וועגע־טעריאנישער פראגע, אדער וועגען אנדערע אויסקינפ־טע, צום פערפאסער

A. H. FRANKEL,

939 North Fifth St.

Philadelphia, Pa.

בריעף פון אידישע ליטעראטען

מיינונגען פון דיא בעסטע אידישע ליטעראטען איבער איינעם פון זייערע פּאַבלישער.

האָכגעשעצטער לעזער!

איך ערלויב מיר דיא פרייהייט צו פערעפענטליכען אין דיעזען בוך, אייניגע בריעף פון דיא בעסטע אידישע ליטעראטען, וועלכע זיינען געוועזען אזוי פריינדליך צו געבען מיר זייער ברכה ביי דער ערעפנונג פון מיין פּאַבלישינג הויז און אויסצודריקען זייער מיינונג איבער מיין פערזענליכקייט.

עס איז מיר גאַנץ גוט בעקאַנט אז א פּאַבלישער איז קיין שטיקעל זייף און קיין פּאַטענט מעדיצין וואס דארף הסכמות פון בעקאַנטע פערזאָנען. דיא ווערקע וועלכע איך גיב דעם געערטהען פובליקום, דיא זיינען מיין הויפט רעקאָמענדאציאָן. דעם לעזער געהט ווייניג אָן דיא פערזענליכע מעלות פון דעם פערלעגער און זיין יחוס אויפ'ן בית הקברות. עס וואָלט מיר קיין מאָל ניט איינגעפאַלען צו בעטען דיא ליטעראטען זיי זאָלען מיר שרייבען א הסכמה, און איך וואלט אויך ניט בעצאָהלט א ציימונג פאר א נאָטיץ וועגען מיין עלטער זיידען און עלטער באָבע וועלכע שטאַמט ניט נור פון דעם אידישען קעניג פון פוילען נור פון אברהם יצחק ויעקב אליין. אָבער דיא געעהערטע אידישע שריפטשטעלער, האָבען מיך בעעהערט מיט זייערע בריעף און איך געפין פיר נעטהיג צו פערעפענטליכען דיעזע בריעף אויס פאָלגענדע 3 אורזאַכען:

1) דיא העפליכקייט פאָדערט פון מיר איך זאָל ניט אונטערדריקען אין מיין סייף וואס דיא געעהרטע שרייבער האָבען בעאַבזיכטיגט עס זאל קומען אין דער עפענטליכקייט.

2) דיא שרייבער פון דיעזע בריעף זיינען אלע אזוי פּראָמינענט אין דער אידישער ליטעראטור. דאס יעדענס בריעף איז א טהייל פון דער געשיכטע פון אונזער ליטעראטור. כמעט יעדער בריעף איז א שטיק ליטעראטור פאר זיך אליין. דען אבוואהל אלע שרייבער ריידען צו איין ציעל דאך דריקט זיך יעדער אויס אין זיין ארט מיט זיין פּאָעזיע, מיט זיין וויטץ און זיין שאַרפזין.

3) איך וויל מיט דיעזע בריעף בעווייזען אז ניט אלע שרייבער און ניט אלע פּאַבלישער לעבען צווישען זיך וויא שעפּסען מיט וועלף. דיא אלגעמיינע מיינונג אז יעדער ליטעראַט איז פערטיג צו ווארפען א שטיין אויף א פּאַבלישער, און אז אונזערע שרייבער זיינען אייניג נור דאַן ווען זיי דארפען זיך זידלען—איז פאַלש. דיעזע בריעף בעווייזען דעם לעזער אז אונזערע שריפטשטעלער זיינען צו יעדער צייט בערייט צו זאָגען א גוט ווארט און צו פעראייניגען זיך אין א שבח ווען מען פערדיענט עס ביי זיי און ביי דער ליטעראַטור.

איך האָפּפע אז דער לעזער וועט נעהמען דיעזע בריעף אין דעם זעלבען גייסט וויא זיי זיינען געשריעבען און געדרוקט.

אכטונגספאָלל

ב. ראבינאָוויטץ.

פּובלישער.

א בריעף

פון דעם בעריהמטען אידישען שרייבער

א. טאנענבוים

אן העררן ב. ראבינאוויטץ, 398 גרענד סטריט, ניו יארק.

עס פרעהט מיך זעהר צו הערען אז איהר האט ערעפענט א בוכהאנדלונג און ווילט בעגרינדען א פערלאג-געשעפט, פאבלישינג הויז, נאך דעם מוסטער פון בעריהמטע אייראפעאישע און אמעריקאנישע געשעפטען דיזער ארט.

איך ווינשע איהנען פון גאנצען הערצען גליק און אלעס גוטע, איך ווינש עס אייך פון גאנצען הערצען און פון מיין גאנצער זעעלע, ווייל איך פיהל דאס בעדירפ־ניס, יא דיא נאטהווענדיגקייט פון אזא אונטערנעהמען. לא אלמן ישראל, איזראעל איז קיין מאל ניט געוועזען אזוי ווייט פערוויטוועט, אז עס זאלען זיך ניט געפינען צווישען איהם מענער וועלכע זאלען זיין אימשטאנד צו שאפען עטוואס נייעס, עטוואס גוטעס אויף דעם פעלד פון ליטעראטור און שעהנע קינסטע.

דאס פערלאג געשעפט בייא אידען איז נאך אזוי נייא אז די פערלעגער און הערויסגעבער האבען קיינע אידעע וואס פאר א שווערע פעראנטווארטליכקייט א פערלעגער, א פאבלישער, נעהמט אויף זיך ווען ער גיט ארויס אונפאסענדע ווערקע אדער ווען ער פערברייטעט שמוץ ווערקע און פערדומונג צווישען זיינע בריעדער.

איהר אבער, פריינד ראבינאוויץ, איהר פערשטעהט אייער אויפגאבע איהר זייט א מאנן פון דער לעצטען צייט פון 19 יאהר הונדערט און דארום פיהלט איהר און פערשטעהט וויא נאטהווענדיג עס איז אויפצוהייבען דאס פאלק צו זיך. ניט זיך ארונטערצולאזען צום פאלק, איהר ווייסט און פערשטעהט אז דורך די פרעססע, דורך גוטע ליטערארישע ווערקע קען מען אויפהויבען א פאלק פערבעססערן, פער־עדעלערן א פאלק און דארום האף איך און ערווארטע פון אייך אז איהר וועט אויסברעבען א נייעם וועג, א בעססערן וועג אין דעם פערלאג געשעפט.

איך רוף צו אייך, פריינד ראבינאוויטץ, און צו אלע אידישע פובלישערס דיא ווערטער פון דעם גרעסטען דייטשען דיכטער פריעדריך שיללער:

דער מענשהייט ווירדע איזט אין אייערע הענדע גענעבען!\
בעוואהרט זיא!\
זיא זינקט מיט אייך, איהר קענט זיא העבען!

יא איהר קענט זיא הויבען און איהר מוזט זיא הויבען. אין אייערע הענד איז גענעבען דיא ווירדע, דיא עהרע פון אידישען פאלק. בעוואהרט זיא! היט זיא אפ און איהר וועט ברענגען נוצען זיך און דעם יודענטהום.

איך האף און ערווארטע אז איהר, פריינד ראבינאוויטץ, וועט בעוואהרען דיא ווירדע דעם אידישען פאלקעס און וועט זיא העבען דורך אייערע אויסגאבען פון גוטע ביכער און גוטע מוזיק.

אין דיעזער האפנונג פערבלייב איך אייער פריינד.

א. טאנענבוים.

א בריעף

פון דעם בעריהמטען אידישען שריפטשטעלער און זשורנאליסט

יאהאן פאלייא.

א נייער מאנן, א נייע צייט.

געעהרטער פריינד ב. ראבינאוויטץ, 398 גרענד סטריט, ניו יארק.

ערלויבט מיר, איך זאל אייך גראטולירען צו אייער זעלבסטשטענדיגקייט אין ביזנעס און צו דער ערעפנונג פון אייער פאבלישינג הויז אין 398 גרענד סטריט. עס פרעהט יעדען ווען טאלאנט, ענערגיע און קענטניסע ערהייבען דעם ערפ זלג וואס איז פאר זיי פארבערייט. אונזער ליטעראטור האט זעהר פיעל געוואונען מיט דעם נייען מאנן אין מארק. איך רוף אייך נייער מאנן, אבוואהל איהר האט שוין בעוויזען אז איהר זייט בעקאנט מיט אלע בעדירפניסע פון אונזער ליטעראטור, וועלכע מיר אלע שטרעבען אויפצוהויבען צו א הויכער און עהרענהאפטער שטופע; איך וויס, אז איהר קענט שעצען דעם ווערטה פון א בוך און דיא פערדיענסט פון זיין פערפאסער; אונזער אידישע ביבליאטהעק איז רייכער מיט פיעלע גוטע ווערק פון אייער ענערגיע; איהר האט שוין לאנג בעוויזען אז איהר פערשטעהט וואס צו פובליצירען, פונקט וויא איהר פערשטעהט וויא צו פובליצירען. דאך רוף איך אייך נייער מאנן, ווייל איהר האט נייע קרעפטען, נייע געלעגענהייטען און נייע מיטלען, וועלכע איהר וועט געוויס בענוצען צו ברענגען א נייע צייט אין אונזער ליטעראטור. א בעסערע צייט ערווארטעט יעצט דער אידיש-דייטשער שפראכע. איך בין איבערצייגט, אז אייער ערשיינונג אלס זעלבסטשטענדיגער הערויסגעבער וועט זיין א פראפיט פיר דעם אידישען לעזער, וועלכער זוכט גוטע זאכען צו לעזען זיין דורסט נאך וויסענשאפט און פאר דעם אידישען שרייבער, וועלכער נעטהיגט זיך אין א פובלישער וואס זאל איהם געבען מוטה און זאל זעהן אז נור גוטע ווערקע זאלען ארויס פון דיא גוטע אידישע קעפ.

מיט דער האפנונג צו זעהן אייך ערפאלג-רייך וויא איהר פערדינט און וויא אייערע פריינדע ערווארטען,

פערבלייב איך אויך אייער ערגעבענער

יאהאן פאלייא.

א בריעף

פון דעם גרויסען אידישען געלעהרטען און היסטאָריקער

פ. וויערניק.

מר. בארנעט ראבינאוויטץ, 398 גרענד סטריט, ניויארק.

געעהרטער הערר!

אייער בעשלוס אריינצוטרעטען אין דיא פעלד פון ביזנעס אלס אונאבהענגיגער פאבלישער פון אידישע ווערקע, דארף זיין א פרעהליכע נייעס פאר דעם לעזע פובליקום אזוי גוט וויא פאר דיא שרייבער. אידישע ליטעראטור איז ניט מעהר דיא שנאָרערשע ביזנעס וועלכע איז אונז אמאָל בעקאנט געווען דורך דעם באסקעט אָדער פעקעל מעשה-ביכלאך מיט לוחות וואס דער פעדלער-מוכר-ספרים פלעגט ארומטראָגען פון טיר צו טיר. עס איז יעצט א לעבעדיגע, בליהענדע ביזנעס וועלכע קען ברענגען נוצען פאר דעם עולם און פערדיענסט פאר דעם וואס פיהרט איהר ריכטיג. אייער ערפאהרונג אין דעם געשעפט און דיא אלטע בעקאנטשאפט וואס עקזיסטירט צווישען אייך און דיא לייטע מיט וועמען איהר דארפט האנדלען, זיינען אליין א טהייערער קאפיטאל פאר א „סטארט", און פעראייניגט מיט יוגענד, ענערגיע און אמת'ע קאפיטאל מוזען זיי בריינגען אייך ערפאָלג. דיא אידישע ליטעראטור אין אמעריקא קען פיעלעס אויפטהאָן פאר דעם יעצטיגען דור און אייערע פעהיגקייטען בערעכטיגען דיא האָפנונג אז איהר וועט שפיעלען א וויכטיגע ראָלע אין איהר פערברייטונג, און אין איהר פערבעסערונג. מיט דער האָפנונג אז איהר וועט געווינען דיא סימפאטהיע פון פובליקום און צוטרעפען זיין געשמאק און מיט דיא פערזיכערונג דאס There's allways room enough on top שיק איך אייך מיינע גליקווינשונגען און פערבלייב

ערגעבענסט

פ. וויערניק.

א בריעף

פון דעם גרויסען אידישען ראָמאניסט און דראמאטורג

נ. מ. שייקעוויטש, (שמ"ר).

ווערטהער הערר ב. ראַבינאָוויטץ, 398 גרענד סטריט, ניו יאָרק.

דיא נאכריכט פון דעם וואס איהר האט ערעפענט א בוכהאנדלונג און פּאַבלישינג ביזנעס האט מיך שטארק ערפרעהט, וויל איך האָף, דאס איהר ווייסט און פערשטעהט וואס פאר ווערקע דאס פּובליקום פארלאנגט. ריכטיגער געזאגט, וואס פאר ווערקע דיא צייט פערלאנגט מען זאל געבען דעם אידישען פּובליקום.

איך רעכען ניט פאר איבריג אייך הערר ראבינאוויטץ אויפמערקזאם צו מאכען אויף דיא נאטהווענדיגקייט יעצט פאר דיא אידישע לעזער צו געבען איג־טערעסאנטע נאָוועלען פון דער אידישער געשיכטע. זאלכע ווערקע זיינען פאר אלע קלאסען אידישע לעזער זעהר וויכטיג, ערשטענס איז זעהר אנגענעהם צו לעזען אזא נאָוועלע וואס איז געגרינדעט אויף וואהרע ערא[י]יגניסע, צווייטענס ווערט דורך זאלכע נאָוועלען דער לעזער בעקאנט מיט דער פערגאנגענהייט פון זיין פאָלק.

איבריגענס דארף מען אייך ניט לערנען וואס צו טהאָן, אייער פיעליעהריגע פּראַקטיק. גלויב איך, האט אייך שוין גוט אויסגעלערנט צו פארשטעהן וואס פאר דיא אידישע לעזער איז וויכטיג און ניצליך.

נעבענדיג אייך מיין הערצליכען זעגען צו אייער גרויסער אונטערנעהמונג, פערבלייבע איך אכטונגספאָל,

אייער ערגעבענסטער

נ. מ. שייקעוויטש.

א בריעף

פון דעם בעריהמטען אידישען ליטעראַט

מ. זייפּערט.

גערהרטער הערר אונד פריינד ב. ראַבינאָוויטץ,
398 גרענד סטריט, ניו יאָרק.

איך בין מיר פאַר אייך מודה ומתודה, וויא דער חוטא פאַר דעם כהן גדול, אז ביז היינטיגען טאג האב איך נאָך ניט געמאַכט דיא ברכה „שהחיינו“ מכמה וכמה טעמים. די וויכטיגסטע פון דיזע טעמים, זיינען פאָלגענדע צוויי: ערסטענס, האב איך פיינט פירות, פונקט וויא א נויאָרקער אידישער ליטעראַט האט פיינט א צווייטען ליטעראַט. היינט וויא מאַכט מען א ברכה איבער א זאַך, פון וועלכע מען האט קיין הנאה ניט? צווייטענס, נעפין איך דאס פאַר גאַנץ איבערפליססיג א ברכה צו מאַכען איבער א זאַך, וואס מיר האבען דאס תמיד, וואס הערט קיינמאָל ניט אויף צו וואַקסען, וואס איז פאַר אונז קיין נייעס ניט.

ווען איך האב אבער דערהערט, אז איהר האט אויפגעעפענט א גרויסען פּאַבלישינג געשעפט און איהר האט מיר בעקאַנט געמאַכט מיט דיא גרויסאַרטיגע פּלאַנען, וועלכע איהר האט אויסגעאַרבייט, אום אונזער אידישע ליטעראַטור א פּנים חדשות צו געבען — האב איך מיר ביי זיך געקלערט: ראה זה פרי חדש! דאס איז א גאַנץ נייע פרוכט, וואס איז עד היום הזה נאָך ניט געוועזען, און זיא פערדיענט ווירקליך, דאס יעדער ליטעראַטור-פריינד זאָל איבער איהר א ברכה מאַכען!

איהר זייט יונג, איהר האט מעהר ענערגיע אונד אויך מעהר אינטעללינענץ פון אלע אייערע חברים, דארום קענט איהר מעהר, פיעל מעהר פון זיי שאַפען און ווירקען. איהר האט דעם ווילען, אויך די מעגליכקייט אונזער אידישע ליטעראַטור פון דעם אלטען פערראָסטעטען שמעלצטיגעל ארויסצונעהמען און איהר געבען דעם פרישען לעבעדיגען כאַראַקטער פון דער וועלט-ליטעראַטור. איהר וועט געוויס אבשאַפען די שטרענגע צענזור, וואס היינגט וויא דער להט החרב המתהפכת איבער אונזערע אידישע שרייבער, און וואס דערשטיקט אין זיי זייערע בעסטע געדאַנקען און אידעען. ווען איהר וועט דאס אלעס ווירקליך טהאָן, וועלען מיר אלע, דיא מאַמינים און דיא אפּיקורסים, בשמחה רבה מאַכען דיא ברכה „שהחיינו“!

און עס איז שוין ווירקליך צייט! מיר האבען דא אין אמעריקא אלע מיטלען א גוטע אידישע ליטעראַטור צו שאַפען. מיר האבען דא א גרויסען קאָנטינגענט גוטע שרייבער, וואס זיינען אים שטאַנד אונזער פאָלק צו אונטערהאַלטען און צו

בעלעהרען. מיר האבען דא אויך א גרויסען לעזע-פובליקום, וואס ערוואַרטעט מיט דער גרעסטער אונגעדולד דיא פריכטע פון אונזער פעדער. אבער וואס האבען מיר ביז יעצט פאר אונזערע לעזער געטהאָן? מיט וואס האבען מיר זיי ביז יעצט גע־טראַקטירט? האבען מיר פאר זייא בעשאַפען א פאָלקס-ליטעראַטור, וויא דיא שרייבער פון דיא אומות העולם? אין אנפאַנג האבען מיר זייא געקאָרמעט מיט שונד און מיר האבען ביי זיי דעם געשמאַק פערדאָרבען. זיי האבען פון אונז בע־קומען מעשיות פון א פרינצעסין איין עקרה, וואס איהר עלטעסטער זוהן איז, בעונותינו הרבים, געוואָרען א גזלן און האט מיט דעם כח פון שם-המפורש אויס־גע'הרג'עט אלע בני שכם. מיט איינמאָל האבען מיר א שפרונג געטהאַן אין זיעבענ־טען הימעל און מיר האבען פאר זייא אנגעהויבען איבערצוזעטצען (איבערצופיהרען בלע"ז) דיא ווערק פון דיא גרעסטע אויטאָריטעטען און דענקער. מאַנכע פון דיזע ווערקע האט מען אזוי מקצר ימים געווען אז ניט מיר שרייבער, ניט דיא פּאָבלי־שערס פון יענע צוקאָליעטשעטע ווערק און ניט דיא לעזער האבען פון זייא וועלכע נייסטיגען און מאַטעריעלען נוטצען געהאט *).

איהר ווערטהער הערר ראבינאָוויטץ, איהר וועט האפענטליך אויף דעמזעל־בינען קרומען וועג ניכט געהן. איהר וועט אונזערע לעזער געבען יענע שפייז, וואס פּאַסט פאר זייער מאַגען, וואס האַרמאָנירט מיט זייער פערשטאַנד און וואס קען זיי אי אַמוזירען, אי אויפקלעהרען, אי בעלעהרען. ראשית וועט איהר זיי שאַפען א פאָלקס-ליטעראַטור. איהר וועט זיי געבען בילדער פון דעם פערגאַנגענעם און פון דעם געגענווערטיגען אידישען לעבען, און שפּעטער, ווען אונזערע לעזער וועלען שוין בעקומען א פיינערן געשמאַק, ווען זיי וועלען שוין פערשטעהן וויא צו לעזען און וואס צו לעזען — וועט איהר ביסלעכווייז פאר זיי עפענען דיא טהויערן פון דער גרויסער וועלט-ליטעראַטור און איהר וועט זייא בעקאַנט מאכען מיט דיא גרויסע זשעניעען פון קונסט און ליטעראַטור, נאַטירליך, אין גוטע איבערזעטצונגען און אין עהרליכע אויסגאַבען.

וויא איהר האט מיר מיטגעטהיילט, איז דאס אייער פּלאַן. אויב איהר וועט דיעזען פּלאַןווירקליך אויספיהרען, וועלען מיר אלע — ניט נאר מיר שרייבער — אויך אלע לעזער, איבער אייך מאַכען דיא ברכה: שהחיינו וקימנו לזמן הזה!

אַכטונגספאָלל,

אייער בעסטער פריינד מ. זייפערט.

*) איך מאַך חלילה ניט שולדיג דיא שרייבער, אָדער דיא איבערזעצער פון יענע ווערק, זיי זיינען אלע ביי מיר כולם אהובים, כולם ברורים, זייא האבען אבער קיין רשות ניט געהאט איבער זייער ארבייט און האבען געמוזט טהאָן נאר דאס, וואס זייערע פּאָבלישערס האבען פון זייא, אין זייער אונוויסענהייט, פערלאַנגט. איהר, הערר ראבינאָוויטץ, איהר זייט פיעל אינטע־ליגענטער פון יענע פּאָבלישערס. איהר וועט פון אייערע שרייבערס געוויס ניט פערלאַנגען, אז זיי זאלען פאר אייך מאכען קריפּעלס פון לעבעדיגע ברואים. מ. זייפערט.

א בריעף

פון דעם בעריהמטען אידישען שרייבער און דראמאטורג

ד. מ. הערמאלין,

אן הערן ב. ראבינאוויטץ 398 גרענד סטריט, ניו יארק.

ווערטהער פריינד.

אייער זעלבסטשטענדיגער איינטריט אין פאבלישען אידישע ביכער, איז אהנע צווייפעל, א גוטע בשורה פיר דיא ליעבהאבער פון דער אידישער ליטעראטור.

עס איז געווען צייטען ווען דיא אידישע פערלעגער האבען געהאט נור איין אבזיכט צו מאכען געלד. עס האט זיי ניט געקימערט מיט וואס מען האט געקארמעט דעם אידישען עולם; זאל זיין מיט שטרוי, אבי געלד. אין דער וואהרהייט געשפּראָכען אבער האט מען דיא פערלעגער פון יענע צייטען אויך ניט געהאט וואס פעראיבעל צו האבען. זיי זיינען אריין אין פאבלישינג געשעפט גראדע וויא איינער געהט אריין אין דריי־גודס ביזנעס, סטיישיאנערי אדער ליקער טרייד. דיא הויפטזאך איז געווען צו געבען סחורה און נעהמען געלד. זיי אליין, דאס הייסט דיא פערלעגער האבען זעהר וועניג געוואוסט אויף וויא וויט זייא פערדארבען דעם געשמאק פון פובליקום, ווייל בעוונותינו הרבים האבען מיר זעלטען א אידישען פערלעגער וואס זאל זיין א מבין אויף ליטעראטור.

דיא ערשיינונג פון אן אינטעליגענטען פערלעגער, איז ווירקליך א פרעהליכע ערשיינונג. דאס אויפטרעטען פון א פערלעגער וואס וויים אליין דיא גרונד־פּרינציפּען פון ניצליכער ליטעראטור מעג מען זאגען איז זאגאר ניצליכער פון א ליטעראט זעלבסט. צום בעדויערן זיינען פיעלע פון אונזערע ליטעראטען און זאגאר דיא פעהיגסטע אונטער זיי, ניט מעהר וויא ווערקצייגען אין דיא הענד פון דעם פערלעגער. דער פערלעגער הייסט שרייבען „עפּעס א געשיכטע פון א בת־מלכה, וויא אזוי זיא איז לעבעדיג געווארען 3 יאהר נאכ'ן טויט“. און דער ארימער ליטעראט שרייבט.

וואס זאל ער טאהן? א ברירה האט ער? דער פערלעגער דערצעהלט איהם, אז דאס איז דיא ליטעראטור וואס ער קען פערקויפען. און קיין אנדערע ניט.

איהר, הערר ראבינאוויטץ, האט שוין אבער דיא לעצטע עטליכע יאהר בעוויזען אז מען קען שוין פאבלישען בעסערע ליטעראטור פאר דעם אידישען פובליקום איהר האט פאראויסגעזעהן אז דער עולם פאדערט עטוואס גוטעס אויף דעם ליטעראַרישען מארק, איהר האט עס מיט אייער ענערגיע אזוי וויט געבראכט אז פיעלע זעהר גוטע ווערקע האבען געהאט א גרויסען ערפאלג. און דערפאר רעכען איך אז אייער זעלבסטשטענדיגער אויפטריט אלס פערלעגער וועט פעראורזאכען א רעוואלוציאן אין דער אידישער ליטעראטור. איהר זייט א מאן מיט א ליטערארישען געשמאק. וואס וויים וויא צו שעצען דעם טאלענטפאלען ליטעראט און הייסט איהם ליפערן ליטעראטור צום בעלעהרען, אויסבילדען, אויפקלעהרען און אמוזירען. איך צווייפעל ניט אז איהר וועט פיהרען דערצו וואס אונזער ליטעראטור זאל בערייכערט ווערן מיט דיא שעהנסטע פערל אין בעלעטריסטיק. געשיכטע, וויסענשאפט און דראמא, וועלכע זיינען דיא גרונד זיילען פון אמת'ע ליטעראטור.

און איך? יא, מיין וויינינקייט וועט אויך אנווענדען אלעס מעגליכע פאר אייך צו ליפערן וואס זאל זיין פאסענד צו אייער גרויסער אונטערנעהמונג.

אכטונגספאלל, ד. מ. הערמאלין.

א בריעף

פון דעם בעריהמטען אידישען מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר

ה. א. רוססאטטא.

געעהרטער הערר ראבינאוויטץ, 398 גרענד סטריט, ניו יארק.

מיין וואונש איז ענדליך ערפיללט געווארען ווען איך בין געוועזען אין אייער נ־אָסאָרטינגען פערלאג-געשעפט אין 398 גרענד סטריט. איך מוז אָפען געשטעהען אז אייער געשעפט איז דער שעהנסטער און גרעסטער אין דעם ליין פון אללער האנד ביכער און אידישע מוזיק. איך האב נאך פאראוים בערעכענט אז איהר הערר ראבינאָוויטץ וועט עס נאך וייט ברייננען. איהר זייט א יונגער מאן זעהר טהעטיג מיט א גרויסען אונטערנעהמונגס-גייסט און זייט איבערגעבען אייער געשעפט מיט פיעל מוטה און ענערגיע.

ווען איהר האט אנגעפאנגען מיט אייער געוועזענעם פּאַרטנער ה' קאצענעלענבאָגען ארויסצוגעבען אידישע מוזיק בין איך געווען אין צווייפעל אויב א אידישער פערלעגער קען אימשטאנדע זיין דורכצוברעכען א וועג פיר אידישע קאָמפּאָזיציאָנען אין מארקעט. אבער נאכדעם וויא א י ה ר האט זיך גענומען ענערגיש צו בעטרייבען דיעזען געשעפט האב איך מיך ארומגעזעהען אז אונזערע ברידער זיינען זעהר דאנקבאר פיר דיעזער אונטערנעהמונג טראָצדעם וואס מאנכע פּראָפעסיאָנעלע מוזיקער האבען געזוכט מיטלען צו בעזייטיגען דיא אידישע מוזיק. איך האבע ערהאלטען און בעקום יעצט מאססען דאנק-בריעף און אויפ־פאָדערונגען פון אנגעזעהענע לייטע פון ניוארק און קאָנטרי איך זאל וויעדער שאפען נייע אידישע קאָמפּאזיציאָנען.

יא, איהר הערר ראבינאָוויטץ מיט אייער אונאויפהערליכען מוטה און דרייסט האט זא פיעל גענוירקט, אז אידישע מוזיק פערנעהמט יעצט א פּראָמינענטען פּלאץ ביים אידישען פאָלק. אנפאנגס פלעגען דיא זאָגענאנטע אינטעליגענציע שפּיעלען די מוזיק בעהאלטענערהייט אום צו שטילען זייער דורשט נאך א אידישע

מעלאדיע, א סקארבאָוועז נגון ווייל זיי האבען זיך נעשעהמט מיט דיא טיטעל־בלעטער אויף וועלכע עס איז געדרוקט מיט גרויסע אידישע בוכשטאבען שולמית, בר כוכבא, כל נדרי א. ז. וו. איהר האט אבער אזוי וויט געארבייט און גע־שטרעבט זייא שעהן ארויסצוגעבען אז יעצט אין דיא שעהנסטע געזעלשאפטען, פערלאנגט מען דורכאוים מען זאָל שפּיעלען א אידישע קאָמפּאָזיציאָן וויא „כל נדרי", „מן המצר", „ראָזענקעס מיט מאנדלען" א. ז. וו.

איהר הערר ראבינאָוויטץ האט פיעל מיטגעווירקט אז מיינע אייגענע קאָמ־פּאָזיציאָנען און דיא אָפּערן וועלכע איך האב פאר אייך אררא‎נזשירט זיינען אזוי פּאָפּולער געוואָרען ביי אלע אידען און איך דיינק אז דאס איז א גוטער בעווייז אז איהר מאכט גוטע געשעפטען.

איך שיק אייך דיא נייע אפּערא „חורבן ירושלים" און מיין „ציון מארטש" וועלכען איך האבע ספּעציעל קאָמפּאָנירט און געווידמעט דער יעצטיגער ציוניסטישער בעוועגונג און איך האָפּע אז איהר וועט מאכען דערמיט א גרויסען ערפאָלג.

מיט דיא בעסטע ווינשע פערבלייבע איך

אייער בעסטער פריינד

H. A. Russotto.

א בריעף

אין רייםען, פון דעם פאָלקס-דיכטער און זינגער

שלמה שמואלעוויטץ.

אן דעם גרויסען אידישען פּאַבלישער פון אידישע ביכער און אידישע מוזיק

ב. ראבינאוויטץ, 398 גרענד סטריט, ניויארק.

בעגריסען, גראַטולירען און געבען א ברכה
ראבינאָוויצעס אונטערנעהמונג זאל זיין מיט הצלחה
וועט יעדער פערנינפטיגער געבען עס גערן
כמעט יעדען אידען וועט עס פרעהען צו הערן
ראבינאָוויץ דער פּאַבלישער האט ערעפענט א קוועלע,
אין גרענד סטריט א בוך סטאָר, פאר דער אידישער זעעלע.
ברוך ראבינאוויטץ איז פעהיג און מוטהיג,
יונג, און האט פיעל שוין געלייסטעט טהעטיג.
נאטירליך יעצט וועט ער געווים נים שווייגען
און דיא אידישע ליטעראטור וועט האלטען אין שטייגע
וועט בריינגען דעם אידען פריידע און עהרע,
וויסענשאפט, נוצבארקייט, ליכטיגקייט, לעהרע.
יא, איך גראטולירע אייך הערר ראבינאָוויטץ
צוא אייער אונטערנעהמונג —

שלמה שמואלעוויטץ.

דיא נייעסטע ווערק פון
טאַנענבוים'ס פעדער

דאס בעסטע מייסטערווערק
פון דעם גרויסען שריפטשטעלער

דיא געלונגענסטע ערצעהלונג וואָס טאַנענבוים האט געשריעבען

חאַרשי סטאַוורא

דער רויבער הויפטמאַן

א וואהרע געשיכטע וואָס האָט פּאַסירט פאַריגען יאהרהונדערט אין גריעכענלאַנד, און האָט געמאַכט שטורמען דיא גאַנצע ציוויליזירטע וועלט.

חאַרשי סטאַווראס אדער „דער ניט-געקרוינטער קעניג" — וויא דער פּראָפעססאָר רופט איהם, האט מיט זיינע מערקווירדיגע רויבערייען אויפגערייצט אייניגע רעגיע-רונגען געגען זיך. עס האט געקאָכט איבער איהם אייניגע יאהר אין גאַנץ אייראָפּא

חאַרשי סטאַוורא

איז איינע פון דיא אינטערעסאַנטעסטע ערצעהלונגען מייסטערהאַפט געשילדערט, זעהר בעלעהרענד, און העכסט אַמוזאַנט.

דער פּראָפעססאָר פון דיעזעס ווערק פיהרט אייך אוועק אין א גאַנץ אנדער וועל מיט אנדערע מענשען, אנדערע טיפּען, אנדערע כאַראַקטערע און ער שטעלט איי פאָר אזעלכע אינטערעסאַנטע בילדער און סצענען פון וועלכע אייער גייסט ווע רייכער אייער דיינקונגס-קראַפט טיעפער און אייער פערשטאַנד לאַגישער.

דאס גאַנצע ווערק קאָסט בלויז 10 סענט מיט פּאָרטא 12 סענט.

פערלאַג פון

ב. ראַבינאָוויטץ,

398 גרענד סטריט, **ניו יאָרק.**

מאדאם באבעטא

איז דאס בעסטע ווערק פון אלע וועלכע זיינען דיא גאנצע צייט ערשיענען.

מאדאם באבעטא

איז געשריעבען פון גרויסען איטאליענישען קלאססיקער

באקאטשיא

וועלכער האט זיך אונשטערבליך געמאכט אין דער וועלט ליטעראטור.

באקאטשיאס ווערק זיינען פערבאטען אין אללע שפראכען,

ווייל זיי זיינען געשריעבען מיט דעם גרעסטען פייער פון

ליעבע, אייפערזוכט און מארד.

ד. מ. הערמאלין

דער גרויסער אידישער שריפטשטעלער און דראמאטורג האט בעארבייטעט דיעזעס ווערק אין אידיש און האט זיך דיא גרעסטע מיהע געגעבען אז עס זאל געפעלען אלע קלאססען לעזער

איהר וועט פאזיטיוו הנאה האבען

צו לעזען „מאדאם באבעטא" אין אידיש און זעהן מאדאם באבעטאס בילד **אויפ'ן קאווער.**

מאדאם באבעטא'ס בילד

איז א קונסט בילד געצייכנעט פון א גרויסען קינסטלער, וועלכער האט בעקומען צעהן טויזענד דאללאר פיר דיעזען בילד.

דאס גאנצע ווערק מיט'ן בילד קאסט 10 ס. מיט פארטא **12 סענט.**

פערלאג פון

ב. ראבינאוויטץ,

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

ספרים

— אין —

גרענד סטריט

פון דעם קלענסטען ביז דעם גרעסטען ארטיקעל אללעס צו דיא

בילליגסטע פרייזען

אלע ארטען סדורים, מחזורים, חומשים, ש״ס, עין יעקב, שו״ת
ספרי מוסר ודרוש, ספרי השכלה ומחקר.

אימפארטיר איך זעלבסט פון אייראפא

און דארום בין איך אימשטאנדע צו פערקויפען אללעס צו דיא
ביליגסטע פרייזען.

טלתים

זיידענע און וואלענע דובראוונער, יעראסלאווער, בערלי-
נער, דיא בעסטע קוואליטים. א ריעזען־סטאק פון לאנדאנער
סילקענע טלתים מיט דיקע פרענזשעס און עכט גוטער סילק.

ב. ראבינאוויטץ מוכר ספרים

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

אוריאל

אקאסטא

א היסטארישער ראמאן

בעארבייטעט נאך דיא בעסטע היסטארישע קוועלען פון

יאהאן פאלייא.

אוריאל אקאסטא

איז איינער פון דיא גרעסטע מענער וואס אידען האבען געהאט.

אוריאל אקאסטא

איז איינער פון דיא גרעסטע דענקער און פהילאזאפען.

אוריאל אקאסטא

איז געוועזן דער ערסטער און גרעסטער קעמפפער פון פאנאטיזמוס און אבערגלויבען.

אוריאל אקאסטא

איז דיא גרעסטע דראמא וועלכע ווערט געשפיעלט אין דיא יודישע טהעאטערע.

אוריאל אקאסטא

איז בעארבייטעט אין א ראמאן און איז דאס גרעסטע מייסטערווערק אין דער אידישער ליטעראטור.

אוריאל אקאסטא

איז בעארבייטעט נאך דיא בעסטע היסטארישע קוועלען פון דעם בעריהמטען אידישען זשורנאליסט יאהאן פאלייא.

דאס גאנצע ווערק קאסט 10 סענט, מיט פארטא 12 סענט.

פערלאג פון

ב. ראבינאוויטץ,

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

פרייז 25 סענט

לא תרצח

שוחט השור מכה איש
(ישעיה ס״ו 3)

איין אבהאנדלונג
איבער „וועגעטאריאניזם“

איבערזעצט פון זיין ווערק אין ענגליש ביי

א. ה. פריינקעל

AUTHOR OF

"THOU SHALT NOT KILL"—a treatise on vegetarianism.
"IN GOLD WE TRUST"—a tale of the Ghetto, etc.

BY
A. H. FRANKEL.

דריטער טהייל.

Copyrighted 1903 by A. H. Frankel.
All rights reserved.

דריטער טהייל „לא תרצח“

א פּאָאר ווערטער צום דריטען מאָהל — צו דיא לעזער פון דריטען טהייל „לא־תרצח“.

דיא אויפגאבע צו נעהמען א שפּאָגעל נייע אידעע — א פראגע גענצליך אונבעוואוסט, און פון וועלכע קיינער וויל זאָגאר הערען, און דיעזע צו פערהאנדלען אויף איין ארט ניט נור דאָס עס זאָל געפינען חן ביין לעזער, זאָנדערן עס זאָל נאָך אויך אוועק לייגען א פעסט געזעצטען פונדאמענט אין דעם זינען און ווירקען אזוי, אז עס זאָל זיך גאָר אָנהויבען צו דענקען אנדערש — אזא אויפגאבע פאר א שרייבער דורך צו פיהרען בשלום, איז ניט א לייכטע.

עס איז א שווערער עסק—זעהר שווער; און גראדע אזא אונטערנעהמונג איז געווען מיינע. נור אין טראָץ פון אלע שטערונגען, און דיא פיעלע הינדערניסע וועלכע איך האָב געטראָפען אין וועג, האָב איך דיעזע אויפגאבע דאָך דורך געזעצט — און מיט ערפאָלג!

און מי מלל—ווער וואָלט עס גאָר ווען געגלויבט? ווער וואָלט גאָר געדענקט דאָס אזא ווערק וויא „לא תרצח“, אויף וועלכע קיינער האָט אָנפאנגס געוואָלט א קוק טאָהן — וועלכע קיין פובלישער האָט אין דער האנד געוואָלט אריין נעהמען — ווער וואָלט עס גאָר ווען געגלויבט דאָס אזא ווערק זאָלל ענדליך דאָך דורך האקען פאר זיך א וועג, און ווערען בעזאָנדערס פּאָפּולער אין א צייט ווען נור שונד ראָמאנען האָבען רעגיערט דעם גייסט פון דעם אלגעמיינעם אידישען לעזער? אין א צייט ווען נור אזעלכע ערהאבענע ווערקע וויא „דיא געהיימניסע פון טירקישען הויף“ האָבען פעראינטערעסירט זיין געשמאק —אין א צייט ווען כאראקטערלאָזע פובלישערס און נאָך ערגערע שרייבערס — א גאנצע חאלאסטרע לצים, האָבען גערדיכט געקאָרמעט דעם עסטעטישען געפיהל פון אידישען לעזער מיט דיא שמוציגסטע מאטעריאל — אין אזא טרויעריגע צייט, האָב איך געדארפט פיהרען א פּראָצעס

— ערשטענס מיט א געדאנקען שוין צימליך גוט פערקריפעלט דורך פוילע ליטעראטור אזוי דאס קיין איידלעס האט עס שוין כמעט גאר ניט געקענט פערדייען; און צווייטענס מיט'ן מאגען פון מענ־שען וואס האט קיינע אויערן און וויל ניט ניט הערען פון ויכוחים ווען עס וויל עסען.

דער פראצעס איז געוועזן א העפטיגער. נור „ודברך אמת, וקים לעד" — אויב דיינע ווערטער זיינען אמתה, וועלען זיי שוין איי־ביג עקזיסטירען. קיין ריכטיג אמת'ער ווארט געהט ווען פערפאלען. עס האט אירגענד וואו איין אבקלאנג; און וויא ניט פאפולער איין אמת'ע זאך מעג זיין פון אנפאנג, גראבט עס דאך דורך לאנג־זאם פאר זיך א וועג און עס געפינט דאך ענדליך איין ארט ביין מזרח־וואנד. פונקט אזוי וויא דאס וואס איז פאלש און ניט לאָ־גיש מוז אין דער פינסטערנים דאך ענדליך שטארבען, טראָץ דעם וואס באלד פון אנפאנג פערשפרייט עס זיך מיט א אימפעט וויא א חאלעריע. „שמחת חנף עדי רגע" און „אמת מארץ תצמח". דיעזע זיינען רעגעלען וואס אונזערע גרעסטע האבען אוועק געלעגט — און עס איז אזוי!

און א אבקלאנג האבען מיינע ווערטער און דיא ווערק „לא תרצח" געהאט — א גרויסען אבקלאנג. עס זיינען געווארען פיעלע און פיעלע בעאיינפלוסט פון דיעזע ווערקע, און עס האט אנגעצונ־דען א „נר־תמיד" וואס וועט זיך שוין ניט פערלעשען.

דיא ווערקע „לא תרצח" האט דערלעבט דעם זכות פערקויפט צו ווערען און איבעראנייעס געדרוקט צו ווערען אין א גאנץ קורצע צייט — א פאל וואס פאסירט זעלטען אדער ניעמאלס. דיא חסידים אדער אנהענגער פון דיא אידעען דערין געשריעבען צעהלען זיך יעצט אין דיא טויזענדער. און דיא התפעלות און דיא בעגייס־טערונג, און דיא פריינדליכקייט און דעם גוטען ווילען וואס דיא לעזער האבען ערצייגט איןביידע וועלט־טהיילען, האט מיר איבער־ראשט, און האט מיר בעצאהלט פאר מיין אונגעהויער גרויסער מיה, און פאר מיין פערלוסט וואס איך האב ערליטען דאדורך וואס איך האב אבגעגעבען מיינע בעסטע יאהרען, מיינע אלע געדאנקען, מיין גאנצע טהעטיגקייט, מיין געזונד זאגאר, אין דער אויפגאבע דיא

ווערק צו פערפאסען. דיעזע ווערק קאָסט מיר זעהר טהייער—נור זעהר טהייער איז מיר אָבער דיעזע ווערק.

* * *

גראדע דאָ וועל איך נעהמען די געלעגענהייט צו קאָפּירען איין בריעף פון פיעלע אנדערע עהנליכע אזעלכע וואָס איך האָב ערהאלטען פון דעם גרויסען אידישען פילאזאָף הרה"ה ר' א. ד. דובזעוויץ, זצ"ל, וואָס ער האָט צו מיר געשריעבען א קורצע צייט קודם פטירתו :—

יקירי — א. ה. פריינקעל.

„חמרה למריה ויטיבותא לשקייה", זאָגט אונז דיא גמרא. דאָס הייסט דאָס וויין איז טאקי דעם ווירטה'ס, נור א דאנק קומט אָבער דאָך איהם דעם וואָס סערווירט דעם וויין. אייער פּובלישער האָט מיר אייער ווערק „לא-תרצח" געגעבען, און ווען איך האָב עס געלעזען און האָב דערפון געהאט גרויס פערגעניגען—האָב איך איהם געדאנקט; נור אייך, וועמען דאָס טהייערע וויין געהער, נעהם איך דיא געלעגענהייט א חוץ צו געבען א דאָפּעלטענעם דאנק. דיעזעס קומט אייך מיט רעכט; ווארום דער וואָס מאכט אנגענעהם דאָס וואָס עס איז נעטהיג, דער פערדיענט א דאָבעלען דאנק. און איהר, טהייערער פריינד פערפאסער, האָט עס געטאָהן. אייער ווערק איז ניט נור בעזאָנדערס נעטהיג, זאָנדערן אויך בעזאָנדערס אינטערע־סאנט און אנגענעהם.

דער אראבער זאָגט א ווערטעל : „דער וואָס וויים ניט, נור ער גיבט צו דאָס ער וויים ניט, דער איז אן איינפאכער מענש — לערנט איהם ; דער וואָס וויים, און וויים ניט דאָס ער וויים, דער שלאָפט — וועקט איהם". דיעזע אויפגאבע שיינט צו זיין אייערע — און וויא עהרליך, אָרענטליך און וויא אנגענעהם האָט איהר דיעזע אויפ־גאבע אויסגעפיהרט".

איך גראטוליר אייך פאר דעם גליקליכען איינפאל צו פרעדיגען אזא נאָבעלע לעהרע — דיא לעהרע פון לא תרצח. ווארום איך בין זיכער דאָס איהר וועט אויפוועקען דעם געדאנקען פון פיעלע איינ־פאכע, אונשולדיגע מענשען וואָס שלאָפען נעבאך געשמאק און אין אזא צושטאנד פיהלען זיי גאָר ניט אין וואָס פאר א לאנגע זיי גע־

פינען זיך. איהר וועט זיי העלפען און זיי וועלען זיך אָנהויבען פיה־
רען אויף א בעסערען, ריכטיגערען ארט, און דאָס וועט פיהרען ניט
נור צו זייער אייגענעם וואָהלשטאנד, זאָנדערן צו דעם פון דער
אלגעמיינער מענשהייט. איך וויים, אז מיר אליין האָבען אייערע
רייד דיא אויגען געעפענט. איך וואונדער זיך מעהר ניט וויא אזוי
עס קומט דאָס איך האָב ביז יעצט אזא אָפענע וואהרהייט אליין ניט
געזעהן ? ביז איך האָב געלעזען אייערע שריפטען איז מיר גאָר ניט
פאָרגעקומען אז דער מענש קען יא אויסקומען אָהן פלייש. און אָב־
וואָהל איך עס נאָך יא ליידער דיעזע גרויזאמע „בר־מנן" — וויא
איהר רופט עס, איז עס שוין אָבער עפּעס אנדערש וויא א מאָהל.
איך ערווארט שוין יעצט מיט דער גרעסטער אונגעדולד דיא געלע־
גענהייט ווען איך זאָל לויז ווערען פון דיעזער אונגליקליכער
מידה. מיינע קינדער לעהרען איך שוין צו עסען ווייניגער פון דיע־
זער גרויזאמער שפּייז, און אין אלגעמיין טהו איך מיין בעסטעס אין
זיי צו פערפלאנצען דיא מידה, דעם געפיהל דיעזע געוואָהנהייט
לויז צו ווערען. איך בין יעצט איבערצייגט דאָס עס איז טאקע
וויא איהר זאָגט, בלויז א געוואָהנהייט, און וועלכע אומשטענדען
העלפען אונטער. אין קורץ, אזוי וויט וויא איך וויים, האָבען אייע־
רע רייד געווירקט — זיי האָבען א אָבקלאנג איבעראל אין יעדער
אמת'ע הארץ. און איך בין זיכער אז זיי מוזען ענדליך ווירקען. זיי
זיינען צו ריכטיג —צו אמת, צו טהייער פערלאָרען צו געהן. איך
בעטראכט אייער אויפגאבע פאר דיא בעסטע, שעהנסטע רעפאָרם.
און וואָס אנבעטרעפט מיין ווייניגקייט, דאנק איך אייך מסתמא פון
טיעפסטען הארצען. האָב אלע אייערע ווערקע געלעזען, און האָב פון
זיי גרויס הנאה געהאט. עפּעס געפעלט מיר אייער וועג, אייער גאנ־
צער סטיל שרייבען. דוכט זיך אזוי אָפען, אזוי דרייסט, אזוי שארף
וויא איהר טרעט ארוים,און דאָך עפּעס אזוי מילד,אזוי זעהר זאנפט.
אלעס ווערט בעריהרט, און ניעמאנד אָנגעריהרט. אלעס אוועק גע־
שטעלט וויא עס שטעהט און געהט, פאָטאָגראפיש ריכטיג, און דאָך
ציהט זיך דורך דעם א שנור פון חסד. דוכט זיך עס רעדט גאָר ארום
איין טהעמא, און א דאָזען אנדערע ווערען אגב אורחא דערמאָנט,
אָהנע פון דעסטוועגען ארונטער צו געהן פון וועג, און אָהנע איינס

מיט דאָס צווייטע זאָלען קומען אין בעצוג פון א קאמפף. אלעס פאסט גראדע דאָרטען וואו עס שטעהט, אלעס נעהטיג צום רומפעל. פון דער טהעמא אליין ווער וואָלט געקענט ארויסדריקען איין טראָ־פען הומאָר — דוכט זיך טרוקען וויא א מצבה, און דאָך וויא ווי־ציג, וויא שטעכעדיג, וויא בייסענד, וויא סאטיריש עס קומט עפּעס ביי אייך ארויס. און וואָס אָנבעלאנגט אייערע ארגומענטען, דאן ווייס איך ווירקליך ניט ווי מען קען דאָס גאָר אָבשוואכען אין דאָס מינדעסטע. האָב בכיון פּרובירט צו זוכען דיא שוואכע זייטע, און האָב ניט געקענט געפינען איין געדאנקען, איין ארגומענט אין גאנ־צען בוך וואָס זאָל סותר זיין א צווייטען. האָב ניט געפונען איין אויסדריק וואָס זאָל הינקען אויף דער לאָגיק און וואָס זאָל ניט זיין הארמאָניש צוזאמען געזעצט — א גאָטעס גאבע בעזיצט איהר!

„יישר כוחך, פריינד פּערפּאסער. לך והצלח! הלואי זאָלען אייך אלע פערשטעהן, און מיר זאָלען אין גיכען קומען צו דער געווינש־טער מדרגה צו בעגרייפען ישעה'ס נבואה פון „לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים".

מכבדו ומוקירו

א. ד. דובזעוויץ.

* * *

מיט דער האָפנונג דאָס אויף דיעזער דריטער טהייל פון מיין ווערק וועט געפינען חן מיט לייטזעליגקייט אין דיא אויגען פון מיי־נע לעזער, פערבלייב איך, מיט גרויס רעספּעקט, אייער פריינד,

דער פּערפּאסער.

קאפיטעל 1.

"— אלס פראקטיצירענדער ארצט, קען איך מיט אייך אין דעם ענין פון וועגעטאריאניזם ניט איינשטימען", פאהרט ארויס א גע־וויסער דאקטאר אין א לאנגע, געדיכט בעשריבענע מגילה: „אורזאכע, ווייל ביז יעצט האב איך זיך נאך ניט איבערצייגט דאס פלייש איז ניט פאסענד אלס שפייז פירן מענשען. אין דער מעדיצינישער וועלט האב איך מורא וועט איהר געפינען בלויז זעהר ווייניג אנהענגער. לויט וויא איך וויים האבען זיך דאק־טוירים זעהר ווייניג איבערגעשראקען פון אייערע רייד, און זיי וועלען וויא געוועהנליך וואהרשיינליך ווייטער אנהאלטען צו ראטהען זייערע שלאפע און שוואכע פאציענטען צו עסען פלייש — און אפט נאך רויהע, אום צוריק זייערע קראנקע און שוואכע געביידעם אויף צו בויען. וואס האט איהר געמיינט — מיר וועלען פילייכט פער־שרייבען א קראנקען און שוואכען ער זאל עסען לינזען אדער בעב־לאך? פלייש איז דער איינציגער מיטעל וואס קען צוריק א שוואכען אויף בויען — און פלייש פערשרייבען אלע וואס פערשטייען זייער פאך, און אזוי טהו איך אויך".

ענטפער: —

עס שטימען יעצט איין די גרעסטע אוטאריטעטען אין דער מע־דיצינישער וועלט, דאס פאסט אלע קראנקהייטען אין דער מענש־ליכער געביידע שטאמען כמעט אלע פון פלייש עסען. א בעוויי: דאס אלע ליידענדע, אלע קראנקע מיט וועלכע אלע האספיטעלער זיינען געדיכט בעלאגערט, זיינען קיינע לינזען אדער בעבלאך עסער, זאנדערן דיא חברה־קדישא לייט וואס זיינען נאך אנאנד מקבר מתים אין זיך; און איהר רעקאמאנדירט פלייש — אפט נאך רויע צו שלאפע און צו שוואכע! איז שוין א וואונדער וואס קרקע האלט אזוי אן אין איין שטייגען? מיינט איהר ווירקליך צו בעהויפטען

דאָס פלייש — אָפט נאָך רויע, ווירקט בעסער אויף א שלאָפען וויא א שפּייז פון געבראָטענע עפּעל, למשל, אָדער אפילו רייז, אנדערע קערנער און פרוכט, וועלכע זיינען אַזוי זעהר לייכט צו פערדייען, און וועלכע מאכען אזא זאנפטע, אזא רוהיגע, אזא גוטע ווירקונג אויף א שוואכען? ווייסט איהר ניט פון דעם סוד דאָס האלב־רויע ביף־סטייק וועלכע איז אזוי שווער צו פערדייען, וואָס צורייצט אזוי דיא געבליטען, וואָס בעלעסיגט אזוי דעם מאָגען, הרג׳עט אוים מעהר מענשען א יאָהר וויא שווארצע פּאָקען? און דענקט איהר ניט דאָס אזא שווערע אכילה וויא פלייש — אָפט נאָך רויע, וויא איהר רעקאָמענדירט צו אייערע פּאציענטען, איז אָפטמאָהל ניט דיא אורזאכע ווארום אייער טהייל אויף דעם בית־עולם איז אזוי גרויס?

אלע גיבען יעצט צו דאָס פלייש בעלעסטיגט דעם מאָגען, און מאכט דעם מענשען ערגערליך, אין כעס און קרענקליך; וועהרענד פרוכט, נים און קערנער ענטהאלטען דיא נעטהיגע נאהרונגס־קראפט וואָס דיא מענשליכע געביידע פאָרדערט צום עקזיסטענץ און בעלעסטיג ניט דעם מאָגען, און ווירקען זאנפט אויף די נערוועז.

אויסער דעם איז גאָר גלאט געפעהרליך פאר א שלאָפען מענ־שען צו עסען פלייש. ווארום די בהמה פון וועלכע דאָס פלייש קומט איז אָפט גאָר אליין אָנגעשטעקט מיט אירגענד וועלכע א קראנק־הייט. דיעזע בהמות ליידען אויך אָפט פון אזעלכע קראנקהייטען ווי דער מענש. זיי האָבען אויך מעהר וויא אָפט קאטארה. זיי ליידען אויך אָפט פון שווינדזוכט, פון אנדערע שמערצליכע קראנקהייטען; און אויב א קראנקער מענש זאָל עסען פלייש פון אזא קרענקליכע בעשעפענים, ווערט ער גאָר אונטערוואָרפען אונטער נאָך מעהר גע־פאהר.

צו קאָרמענען א קראנקען און שוואכען מיט פלייש איז איין איינפאכע משוגעת. ווארום דער מאָגען אפילו ביי א געזונדען מענ־שען האָט שוין אויך גענוג וואָס צו טאָהן צו פערדייען אזא שווע־רע שפּייז וויא פלייש, איבערהויפּט נאָך ביי א קראנקען. עס נעהמט אונגעפעהר 10 מאָהל אזוי לאנג צו פערדייען פלייש וויא א שפּייז פון פרוכט אָדער קערנער. עס מאכט אויך אָן אנדערע צרות אין מאָ־גען, געפעהרליך פאר א קראנקען; און אויב עס פּאסירט דאָס דיא

בהמה אָדער עוף איז גאָר אליין געווען קראנק, און אויב מען זאָל עס נאָך ניט קאָכען, וויא דאָקטוירים רעקאָמאנדירען קראנקע און שלאַפּע זאָלען עס עסען, דאן איז דאָך דער געפאהר אָהן א שיעור גרויס. דער איינפאכסטער שכל דיקטירט דאָס פלייש פאר א קראנקען איז א אומגעלומפערטע שפייז, און אויב איהר רעקאָמענדירט עס צו אייערע שלאַפע און שוואכע פאציענטען איז עס ניט דער איין פעהלער וואָס איהר האָט שוין געמאכט. פּרובירט פון יעצט אָן אויפצובויען אייערע שוואכע פאציענטען אויף איידעלע פרוכט און קערנער. קיין צווייפעל איהר וועט האָבען מעהר ערפאָלג.

* * *

"— ווער קען צווייפלען אין דיא גרויסע נוצען וואָס לעבערטראָהן ברענגט דיא יעניגע וואָס ליידען פון אויסצעהרונג? און איז לעבערטראָהן ניט פון א לעבעדיגע בעשעפענים?" פרעגט דער דאָקטאָר ווייטער. "און ווער קען צווייפלען דעם פאקט דאָס ביף-טהע איז ניט בעזאָנדערס גוט פיר שוואכע, און איז ביף טהע ניט דער עסענץ ארויסגעצויגען און פערפערטיגט פון דאָס בלוט פון פלייש?"

ענטפער :— עס איז בעוואוסט צו אללע דאָקטוירים פון איין עק וועלט ביז צו דער צווייטער, דאָס ביז דאטע ווייס מען נאָך דערווייל ניט פון איין מיטעל אזעלכער וואָס זאָל קורירען דיא אונגליקליכע קראנקהייט — שווינדזוכט. מען האָט שוין אפילו פּרובירט מיטלען אהן א צאָהל, נור דיא מעדיצינישע וויסענשאפט טאפּט נאָך דערווייל אלס אין דער פינסטער צו דערגעהן דעם ריכטיגען סוד וויא אזוי דיעזע גרויזאמע קראנקהייט צו היילען. דערווייל קען מען דאָס קורירען — ניט מיט לעבערטראָהן און ניט דורך שאר־ירקות. אָבוואָהל מיט מעדיצין וואָס קומט פון פלאנצונגען, אָדער פון מינעראלען, קורירט מען, אָדער וועניגסטענס מען פערלינדערט, פאסט אלע קראנקהייטען. כמעט אלע צרות, אלע וועהטאָגען און קראנקהייטען שטאמען נור פון פלייש; און אלע מיטלען דיעזע צו קורירען געפינט מען נור אָדער אין דער מינעראלישער אָדער אין דער וועגעטאריאנישער וועלט. ערצייגט, איך בעט אייך, איין מעדיצין וואָס ווערט היינט געמאכט פון פלייש אָדער פיש — אויסער דיא באר־

בארישע לעבערטראַהן; און דיזע עקעלהאפטע אייל אויסער דעם דאָס עס איז אזוי שרעקליך אונאנגענעהם, מאכט עס גאָר אָן צרות פיעל און פערשיעדען אין דער מענשליכער געביידע. פעטס פון איר־גענד וועלכע זאָרט ברענגט דיא מענשליכע סיסטעמע גרויס שאַ־דען. עס פערדארבט ערשטענס דעם מאָגען און צווייטענס ווייס מען דאָס דיא אלע געשווירען און אויסשלעגע אויף דעם מענשענס קער־פער ענטוויקלען זיך נור פון פעטע שפייז.

אויב פעטס אָדער אייל וואָלט געקענט קורירען אָדער אפילו פערלינדערען אירגענד וועלכע א קראנקהייט, דאן דענקט איהר ניט דאָס דיא זאפט פון ניס, דיא אייל פון אָליוועז, פון מאנדלען, פון קאקא־ניס, אָדער דיא פיעלע פערשיעדענע גאטונגען אייל פון קערנער, וואָלט געווען בעסער, אנגענעהמער צו נוצען פיר דיזען צוועק, וויא דיא זאפט אָדער אייל פון א גע׳פגר׳טען פיש וואָס איז שוין אפשר אזוי אלט וויא מיין וואש־גויע? לעגט צו קאָפּ, הערר דאָקטאָר. טהוט א מאָהל א קלעהר — טראַכטעט אביסעל — עס קען דאָך נאָך אָנוואקסען מאָך, שפּין־געוועבס קען דאָך נאָך אָנוואק־סען אויף דעם געדאנקען פון ניט קלעהרען צייטענווייס.

מען ווייס שוין יעצט לײדער צו גוט — און איהר הערר דאָק־טאָר ווייסט עס שוין אויך גוט גענוג — און אויב ניט, האָט איהר עס שוין געדארפט וויסען — דאָס לעבערטראַהן העלפט ניט, קו־רירט ניט דיא וואָס ליידען פון אויסצעהרונג. א בעוויז האָט איהר דאָס אלע ליידענדע פון שווינדזוכט ווערען אלע געקאָרמעט מיט דיזע עקעלהאפטע לעבערטראַהן ביז זיי ווערען איינפאך דורך־געווייקט דערמיט — און דאָך פאָהרען זיי אלע נעבאך פון דעסט־וועגען אוועק אהיים — און ליידער ניט קורירט.

בכל דור ודור — כמעט אלע ווײלע שפּרינגט ארויס איינער מיט גרויס פרישקייט און בעהויפּטעט דאָס ער האָט געפונען א מי־טעל צו קורירען אויסצעהרונג און וויא געוועהנליך לאָזט זיך מסתמא אויס דערפון א טייך. מיר געדענקען נאָך אלע וויא א געווי־סער דייטשער ארצט האָט געמאכט דיא ערפינדונג פון א געוויסע „לימפּע" מיט וועלכע ער האָט בעהויפּטעט אויף געוויס שווינדזוכט צו קורירען. דיא ערפינדונג האָט דאן פאראורזאכט א שטורם. א

צימליך רעכטע צייט האָט דער דאָזיגער שטורם געהערשט. ענדליך איז געוואָרען שטיל. זייט דאן הערט מען שוין ניט מעהר — ניט פון דאָקטאָר און ניט פון זיין „לימפע“. מוזען שוין מסתמאביידע זיין טוידט.

און אין דער צייט פון יענער בהלה, האָט געמאכט דיא בעהויפּטונג נאָך א דאָקטאָר דאָס ער האָט אויך געפונען א מיטעל צו היילען אויסצעהרונג אין דיא ערשטע גראַדען ביי יונגע מענשען. דיעזער מיטעל איז שוין דוקא געוועזן א שכל'דיגער. ער האָט בעוויעזען מיט רעיות—מיט אייזערנע פאקטען—האָט זיך געשוואָרען מיט טוידטע שבועות, דאָס אויב א יונגער מענש געגריפען מיט דיעזער שרעקליכער קראנקהייט זאָל הייראטען מוז ער קורירט ווערען. דאָס איז דער איינציגער מיטעל וואָס קען ראטעווען. דיעזע בעהויפּטונג האָט דאן פעראורזאכט נאָך א שטורם — דעם מאָהל צווישען דיא לצני הדור. דיעזע לצים האָבען דאמאָלס געהאט וואָס צו טאָהן. דיא חברה האָבען זיך דאן געוויצעלט און האָבען געזאָגט דאָס דעם דאָקטאָר'ס ערפינדונג שטימט איין מיט דער לאָגיק. ווארום איינער וואָס קען אריבער לעבען א פערהייראטעטען לעבען, מיט א שווער און שוויגער ביי דער זייט, דער קען שוין לייכט אריבערטראָגען אלעס. מען דערצעהלט דאָס דער דאָקטאָר האָט פאר זיין „ערפינדונג“ געקריגען געשמיסען פון זיין ווייב און האָט געחאפּט א הייסע פּאָרציע פון זיין שוויגער — נור דאָס איז שוין דוקא ניט אונזער עסק.

ניין, ליידער ווייס מען נאָך דערווייל ניט פון איין מיטעל אזעלכער וואָס זאָל דיעזע שרעקליכע קראנקהייט קורירען — און ליידער ווייס מען נאָך ניט פיעל פון מיטלען אזעלכע וואָס זאָלען אנדערע קראנקהייטען קורירען. דיא חכמה פון דאָקטאָריע איז נאָך ליידער גערדיכט פערוואָלקענט. דיא „ארצעניי“ קונסט אָדער כירורגיע איז שוין אפילו זעהר הויך געשטיגען אין דיא לעצטע צייטען, נור וואָס אָנבעלאנגט מעדיצין און איהרע נוצען ווייס מען נאָך דערפון בלויז זעהר ווייניג. דאָקטוירים קענען דאָך נאָך אפילו א קאטארה ניט קורירען! און דאָס איז דאָך א פאקט וואָס אלע ווייסען. דער ערפאהרנסטער און דער עהרליכסטער פון זיי וועט בלויז געבען מיטלען

וויא אזוי דיא סיסטעמע צו רייניגען. נאכהער פערלאָזען זיי זיך אויף דער הילפע פון דער נאטור. אָדער צו קורירען א קראנקהייט איז ניט איינער פון זיי פערמעגליך. מיט רעכט האָט א מאָהל א גרויסער דאָקטאָר און א עהרליכער מאן געזאָגט אויף זיין שטערבע בעט: „ווען איך בין געוואָרען דאָקטאָר האָב איך געמיינט איך האָב א טויזענד מיטלען צו היילען יעדער קראנקהייט; יעצט אָבער נאָך מיין לאנגע ערפאהרונג, שטארב איך און לאָז איבער טויזענדער קראנקהייטען אָהנע צו וויסען פון איין מיטעל וויא דיעזע צו קורירען".

איין יעדער עהרליכער דאָקטאָר אויב ער וועט וועלען ריידען אָפען וועט אייך זאָגען דאָס מעדיצין היילט ניעמאלס.מעגליך אפשר דאָס עס בערוהיגט אפטמאָהלס און עס טרייסט פיעלייכט מאנכעס מאָהל—אָבער היילען, ניעמאלס! „אם ה׳ לא ישמור עיר שוא שקד שומר"— פאלס דיא נאטור העלפט ניט אויס, וועט עס א דאָקטאָר געוויס ניט אויספיהרען.עס שטימט אויך ניט איין מיט דעם גראדען פערשטאנד דאָס מעדיצין זאָל יא קורירען. די מעדיצין מיט וועלכע מען קאָרמעט יעצט קראנקע קען אפילו א שטארק געבויטען געזונדטען מענשען קראנק מאכען אין בלויז א קורצע צייט. פּרובירט איינצוגעבען אפילו א ריעז עטליכע מאָהל א טאָג לעבערטראָהן, קוועקזילבער, אייזען, מינעראלען פון פערשיעדענע זאָרטען, מאָרפין, קווינין און נאָך פערשיעדענע גאטונגען גיפט, וועלכע ווערט היינט געברויכט אלס מעדיצין — פּרובירט דיעזע סם המות איינצוגעבען עטליכע מאָהל א טאָג אפילו א ליטווישען פויער און ער מוז דערפון קראנק ווערען, איבערהויפּט נאָך אויב מען גיבט איין אזעלכע סם־המות צו א הילפלאָזען שוועכלינג, א קראנקען.

און איהר מעגט זאָגען וואָס איהר ווילט, דיא אלטע סיסטעמע אין מצרים ווען א דאָקטאָר האָט בלויז געקריגען בעצאָהלט דיא ערשטע 3 טעג, און נאכהער אויב דער קראנקער איז ניט געוואָרען געזונד האָט דער דאָקטאָר יעדען טאָג געמוזט צו צאָהלען ביז יענער איז געזונד געוואָרען, איז דאָך געווען א ריכטיגע. אויב דיעזע סיסטעמע וואָלט אויך היינט געווען איינגעפיהרט, וואָלטען דיא בית־עולם'ס ניט געווען אזוי גערדיכט פערפלאנצט; און בעלי־עגלות וואָל־

טען ניט געווען אזוי פריש און פרעך ווי זיי זיינען היינט — ווייל זיי וואָלטען ניט געווען בני־יחידים — ווייל פיעלע און פיעלע פון דיא היינטיגע דאָקטוירים וואָלטען אוועקגעוואָרפען זייערע שנייד־מעסערס און וואָלטען זיך גענומען צו וואָס זיי פאסען — צו דער בייטש!

* * *

און וואָס אָנבעלאַנגט אייער בעהויפּטונג וועגען ביף־טהע, מוז איך אייך זאָגען דאָס איהר זיינט נעבאך געקומען צו שפּעט. מען האָט זיך שוין לאנג איבערצייגט דאָס ביף־טהע ברענגט דעם מענ־שען פיעל מעהר שאדען וויא גוטעס. מיט א פּאָאר יאָהר צוריק האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכען דיא משוגעת — דיא בעטריבליכע בעטוי־שונג, דאָס ביף־טהע איז גוט פאר שוואכע און קראַנקע. דער עולם האָט זיך באלד א לאָז געטאָהן צו דיעזע גרויזאמע ביף־טהע, אָדער דאָס בלוט פון א בהמה פערפערטיג מיט פערשיעדענע מיטלען, און חברה האָבען דאָס געזופט גיך און אָפט. האָבען זיך שטארק געלאָבט דערמיט, ווארום נאָך אלעמען איז דיעזע ביף־טהע ניט אונאנגענעהם צו טרינקען — געשמאקער וויא לעבערטראָהן און לייכטער אראָב־צו שלינגען וויא מצה־שמורה. ענדליך אָבער, אין מיטען דער שמחה — דער עולם האָט נאָך געהאלטען אין מיטען זופּען, האָבען גרויסע אוטאָריטעטען בעוויעזען דאָס ביף־טהע איז גאָר געפעהרליך. דאָס עס ווירקט שרעקליך אויף דער מענשליכער געביידע. ווארום וועה־רענד עס איז טאקי אמת דאָס ביף־טהע ברענגט א גיכע ווירקונג, ווירקט אָבער דיעזע גיכע צוקאָכעניש אזוי זעהר האסטיג אויף דיא נערוועז, דאָס עס נוצט זיי אוים צו גיך און פאר דער צייט. עס ניצט דאדורך אוים דעם לעבען פון מענשען צו שנעל און עס מאכט איהם אויך צו ליידענשאפטליך. און מען האָט בעוויעזען דאָס א קינד גע־באָרען פון אזעלכע וואָס ציהען זייער חיונה פון ביף־טהע, מוז ארויסקומען אומגעלומפּערט געבויט, ניט נאטירליך און דום—א וואהרע בהמה אין געשטאלט פון א מענשען.

און אז מיר ריידען שוין פון בלוט אָדער „ביף־טהע“ — וואָס דאָס איז בלוט ארויסגעצויגען פון פרישע פלייש, וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה וואָס איך אליין האָב א מאָהל בייגעוואָהנט—

א מעשה וואָס פאסט צום רומפעל, וואָס פאסט גראדע דאָ צו דער־צעהלען: —

ויהי היום — איין מאָהל האָט געדארפט פאסירען דאָס דיא גע־לעגענהייט זאָל מיר פערשלעפען אין א שלאכט־הויז. קום דאָרט אריין און דערזעה די געוועהנליכע גרויליכע פאַנאראמא וואָס דאָרט איז צו זעהן. ביין מזרח־וואנד פון דיעזען מזבח, זעה איך וויא עס הענגט א אָכס אויף אייזערנע קייטען מיט'ן קאָפּ אראָב, און נעבען איהם שטעהט א חברה־מאן אין גרויסע שטיוועל בעשמירט געדיכט מיט בלוט, א יארמעלקע אויפ'ן קאָפּ, אין האנד א גרויסען חלף, און ער שטעהט און ווארט מיט אונגעדולד ביז דיא בני־משחיתים דאָרטען, דיא משרתים, זאָלען שוין דעם אָכס א מאָהל קריגען אין דער ריכטיגער פאָזיציאָן, ווען ער וועט עס פערטיג מאכען מיט איין חיטקע פון זיין גרויסען חלף.

ענדליך איז דער אָכס געבראכט געוואָרען אין דער ריכטיגער אָרדנונג און אין א מינוט שפעטער האָט יענער מאכער מיט דער יארמעלקע אָנגעפאנגען צו קיצלען דעם אָכס מיט זיין חלף און באלד האָט אָנגעהויבען צו פלייצען א שטראָם בלוט.

שטעה א דערשלאָגענער און בעטראכט דיא שוידערהאפטע סצענע, און דערזעה פעראיינס נאָך א גרויליכע סצענע. איך דערזעה וויא נעבען דעם פריש געקוילעטען אָכס שטעהט א יונגער מאן מיט א בלאסעם געזיכט, און אזוי שנעל וויא עס האָט אָנגעהויבען צו פלייצען דאָס בלוט פון האלדז, שטעלט ער אונטער אויף גיך א גלאָז און צאפט אָן דערין דיא פרישע בלוט וואָס פלייצט פון וואונד און דאָס טרינקט ער נייגעריג, גיך און געשווינד—איין גלאָז נאָך דאָס צווייטע.

דיא סצענע האָט מיר שרעקליך צוגרוילט. בין דערפאר געוועזן נייגעריג צו דערגעהן געגויערעס וועגען דיעזע שרעקליכע און זאָנ־דערבארע בענעהמונג פון דיעזען הברה־מאן.

„איך לייד פון אויסצעהרונג", ענטפערט מיר דער בלוטיגער פארשוין אויף מיין פראגע ווארום ער טהוט אזא גרויליכע זאך, "און א דאָקטאָר האָט מיר געהייסען טרינקען דאָס בלוט פון פריש געשלאכטעטע פיהע".

„און וויא פיהלט איהר זיך נאָך דעם ?“ פרעג איך ווייטער, ווייל איך וויים געווים דאָס בלוט טרינקען מוז ווירקען וויא סם־המות אויף דער מענשליכער געביידע. ווארום קוים האָט עס תורת משה פערבאָטען, דאן קענט איהר שוין גאנץ געווים זיכער זיין דאָס דער מענש דארף עס ניט געניסען.

„נעהם עס שוין איבער א וואָך און פיהל זיך פיעל בעסער וויא פריהער,“ ענטפערט מיר יענער.

דער קערל האָט מיר צוואר שרעקליך צועקעלט, נור איך בין דאָך געוועזען א בעלן צו שליסען א בעקאנטשאפט מיט איהם אום דיא זאכע געגוי נאָכצופאָרשען. האָב געוואָלט ריכטיג דערגעהן וואָס דער סוף וועט זיין פון זיין בעזאָנדערע, גרויזאמע אונטערנעהמונג.

אין א וואָך שפעטער בין איך איהם געגאנגען בעזוכען. האָב איהם געטראָפען דעם מאָהל— ניט אין שלאכט־הויז, זאָנדערן — אין בעט, שטערבליך קראנק; און אין א פּאָאר טעג שפּעטער ווען איך בין איהם ווידער געקומען זעהן, איז ער שוין געהאט געוועזען אָבגעפּאָהרען אהיים — זיינע פריינד און בעקאנטע האָבען שוין יעצט גערעדט גוטעס אויף איהם — א זאך וואָס פּאסירט היינטי־גע צייטען זעהר זעלטען ווען איינער לעבט נאָך. ווארום וואָס פיר איין אנדער צוועק האָבען היינטיגע פריינד אויב ניט צו זיין שונאים — אויב ניט צו בערייזען ? ווילט איהר האָבען א שלעכטע מיינונג פון איינעם, דאן זוכט אויף זיינע בעסטע פריינד. דיעזע חברה ווע־לען אייך שוין בעזאָרגען מיט דעם געגויסטען אלס־דאָס־בייז־רע־פּאָרט וועגען יענעם. איהר וועט הערען זאכען פון איהם וואָס ער האָט נאָך נעבאָך גאָר ניט בדעה צו טאָהן. איהר וועט קריגען א גאנ־צע ליסטע חטאים ארויסגענומען דירעקט פון „אל־חטא“. געוועהנ־ליך נעהמען דיעזע גוטע בריעדער ניעמאלס אריין א סידור אין האנד, נור ווען איהר וועט קומען פרעגען אויף זייער בעסטען פריינד, וועלן זיי ניט שפּארען דיא מיהע און וועלען ארונטערקריכען אין קעלער, און וועלען אויפזוכען דעם סידור, איהם גוט ארום פּו־לען פון דעם שווערען שטויב, און אויפזוכען דעם „אשמנו“ און ווע־לען כסדר פאר אייך פּאָרלעזען דעם גאנצען צעטעל זינד; און אלס צוגאָב וועלען זיי נאָך צולעגען א גאנצע שטיק פון „לאנג והו רחום“,

וואו עסווערט דערמאָהנט גרויליכע חטאים, און דאָס אלעס וועלען זיי צו רעכענען אויף דעם רעכנונג פון זייער פריינד. בעהיטען זאָל־סטו אונז גאָט פון גוטע פריינד, פון שלעכטע וועלען מיר זיך שוין אליין היטען, איז א ווערטעל וואָס איז מעהר ווינשענסווערטה וויא לאַגיש.

בין יעצט געוואָרען א בעלן אויפצווזוכען דעם דאָקטאָר וואָס האָט בעהאנדעלט דעם יעצטיגען נייען צדיק — דעם נייען קדוש — דעם בעסטען מענשען וואָס האָט נאָך ווען געלעבט — דעם פער־שטאָרבענעם וואָס אלע האָבען שוין יעצט אזוי שעהן געלויבט; און פון דיעזען דאָקטאָר האָב איך געוואָלט דערגעהן דיא ווירקונג וואָס דאָס בלוט האָט געהאט אויף דעם קראַנקען אין זיינע לעצטע טעג.

דיעזער דאָקטאָר האָט מיר דערצעהלט דאָס געשטאָרבען איז יענער קראַנקער — ניט פון אויסצעהרונג, זאָנדערן, פון א עקעל־האפטע, שוידערהאפטע אונגליקליכע קראנקהייט וועלכע איז געווען בעזאָנדערס שרעקליך.

דאָס בלוט וואָס ער פלעגט לעצטענס טרינקען, פלעגט ניט ווע־רען פערדייעט אין זיין מאָגען — קען ניט פערדייעט ווערען, ווא־רום בלוט איז צו רייך פאר דעם מענשליכען מאָגען; און אַנשטאָט צו ברענגען נוצען, האָט זיך עס גאָר ענטוויקעלט אין ווערים. און ווען זיין געביידע אינוועניג האָט שוין איינפאך געשווירבעלט און גע־גריבעלט מיט עקעלהאפטע פאראזיטען, וועלכע האָבען שוין יעצט גענאָגט זיין בלוט צו עקזיסטירען, איז דער אונגליקליכער מיט דיא גרעסטע שמערצען געשטאָרבען.

דאָ האָט איהר, הערר דאָקטאָר, א פאקט פון טרינקען בלוט, אָדער ביף־טהע וואָס דאָס איז בלוט!

דיא תורה פערביטעט זעהר שטרענג צו עסען פעטעס און צו געניסען בלוט — „חקת עולם לדרתכם בכל משבתיכם כל חלב וכל דם לא תאכלו“ — א געזעץ אויף אייביג, פיר אלע נאָכקומענ־דע דורות, וואו איהר וועט זיך בעזעצען: — איהר זאָלט ניט עסען אירגענד וועלכע פעטעס אָדער אירגענד וועלכע בלוט; און וויא גע־וועהנליך האָט מסתמא דיא תורה גערעכט!

קאפיטעל 2.

„—ווי וועט דער וועגעטעריאנער טאָהן מיט א זייגעדיג קינד?" פרעגט ווייטער דער דאָקטאָר. „וועט ער עם פילייכט קאָרמענען אויף רעטאך און זויער־קרויט אָנשטאָט מוטער־מילך?" און איז ניט מוטער־מילך איין ארטיקעל וואָס קומט פון א לעבעדיגע מא־מע?".

ענטפער:— א בריליאנטענע פראגע! און סאטיריש — א שרעק, וויא סאטיריש! איהר זעהט כאָטש וויא שטעכעדיג די ווער־טער זיינען? וועט דער וועגעטעריאנער קאָרמענען א זייגלינג מיט זויער־קרויט און רעטאך? האָב שטארק מורא אויב דער דאָקטאָר מיינט דאָ ניט אָפט מאָהל א ביסעל אָבצוויעקען—א קשיא אויף א מעשה!

געווים מיין איך צו קאָרמענען א ניי־געבאָרענעם קינד מיט רע־טאך און זויער־קרויט — וויא דען האָט איהר געמיינט? אזוי שנעל וויא ביי מיר וועט געבאָרען א קינד, חאפ איך זיך מסתמא באלד ארויס אין מצרים סטריט און האנדעל איין א פּאָאר פעסלאך זוי־ערע אוגערקעס, א גרויסע בארעל זויער־קרויט; האנדעל אויך איין פעראיינס א וואָגען רעטאך, ציבעלעס ושאר ירקות; און מיט א קאָך לעפעל פענג איך מסתמא באלד אָן צו שטופּען אין קינדס מויל זויער קרויט מיט רעטאך און שטופ דאָס אלעס אראָפּ מיט א וואלגערהאָלץ און באָמבארדיר אין קינד אזוי לאנג אויף אזא ארט, ביז עס ווערט פול אָנגעפּאקט און זאט. וויא דען האָט איהר געמיינט איז זיך א וועגעטעריאנער נוהג מיט א זייגעדיג קינד? איהר מוזט אפשר מיינען אז א וועגעטעריאנער קאָרמעט זיינס א ניי־געבאָרען קינד מיט געשמארטע לעבער און מיט געפּרעגעלטע סטינקעס — א קשיא אויף אייך!

ווען, מיין הערר, האָב איך אין מיינע שריפטען גערעדט געגען דעם געגנוס פון נאטירליכע שפּייז? בין דאגעגען אוננאטירליכע שפּייז — אזעלכע וויא פלייש, פיש, אייער און מילך — מילך וואָס קומט פון א שטיף־מאמע פון איין אנדער בעשעפעניש; אָבער ניט געגען מוטערס מילך וואָס דאָס איז נאַטירליכע נאהרונג. בין דאגע־גען „שטיף־מוטער מילך", ווייל עס גיבט ביי מיר קיין צווייפעל

דאָס אויב א הירשעלע זאָל זויגען דאָס מילך פון א חזיר, דאן מוז דיעזע איידעלע בעשעפענים דאדורך ערווערבען דיא אייגענשאפטען פון א חזיר און מוז זיך ענדליך ענטוויקלען א חזיר אין געשטאלט פון א הירש—און דערפאר, האָב איך געזאָגט, טרעפען מיר אָפט אזוי פיעל בהמות צווישען מענשען, ווייל זיי טרינקען זייער מילך. איך האָב אָבער ניע גערעדט גענען דעם גענוס פון מוטער מילך צו וועל־כע א זייגלינג איז בערעכטיגט אויס דער נאטור.

און אז שעפּסעלאך, קעלבעלאך, ציגעלאך, הירשעלאך, און אנ־דערע מילדע בעשעפעניסע זויגען יא מוטער־מילך און ווערען באלד ניט געקאָרמעט מיט רעטאך און זויער־קרויט, איז דען דערפאר גע־דרונגען דאָס דיעזע דארפען נאכהער עסען געפּרעגעלטע מארך, האלב רויע ביף־סטייק, געשמארטע לעבער און געפילטע פיש; און מוזען זיך נאכהער קורירען מיט לעבער־טראָהן און זיך קוויקען מיט ביף־טהע?

דיא שפּין־געוועבס — א קלאָג נאָך דיא שפּין געוועבס! ווער ווייסט וואָס פאר א געדיכטע באָרד שפּין־וועבס עס וועט נאָך אָנ־וואכסען אויף דעם געדאנקען פון ניט קלעהרען?

* * *

„—עס איז גוט בעוואוסט דאָס דיא „עסקימאָזען" וועלכע לע־בען אונאויסנעהמליך אויף טהירישע שפּייז, האָבען ווענינער קראנק־הייט און לעבען לענגער וויא אירגענד איין אנדער פאָלק", פאָהרט ווייטער דער דאָקטאָר און פרעגט. „אָדער נעהמט דעם אמעריקא־נער אינדיאנער וואָס לעבט נור אויף לעבעדיגע זאכען. געפינט מיר א נאָבעלערען, שעהנערען, קרעפטיגערען מענשען וויא איין אינדי־אנער".

ענטפער:— דיעזע בעהויפּטונג איז א שטיק נייעס פאר מיר. פּראָפעסאָר „לאָרענס" — א גוט־בעוואוסטער נאטור־פאָרשער און גרויסער רייזענדער, האָט אפילו אליין פליש יא גענעסען; נור ער גיבט פון דעסטוועגען צו דאָס די אורזאכע ווארום די לאפּלאנדער, דיא טאנגוזען, דיא סאמאידען, דיא „עסקימאָסען" און דיא אלע איינוואָהנער פון דיא ניט סיוויליזירטע געגענדען — דאָס דיא אור־זאכע ווארום דיעזע אלע זיינען אזוי קליין אין געוואוכס, אזוי אומ־

געלומפערט אין אויסזעהן, אזוי דום און אידיאָטיש, איז נור דער־פאר ווייל זייער הויפט עסען בעשטייט אוים פלייש און הויפטזעכליך פיש. דיא איינוואָהנער פון דיא „אינדעמען" אינזלען וועלכע ליגען נעבען דעם פאסיפיק מעער, שרייבט דאָקטאָר „לאמב" — אויך א גרויסער נאטור־פאָרשער, אקערן און זייען ניט צומאָהל. זייער גאנ־צע חיונה ציהען זיי נור פון פיש. עס איז שוידערהאפט אויף דיעזע לייט א קוק צו טאָהן. זיי וואכסען ניט העכער וויא 5 פוס. זייערע פים זיינען געוועהנליך דין און אָפט צודרעהט. א גרויסער טהייל פון זיי זיינען קריפּעלס און אידיאָטען. זיי שטעהען אזוי ניעדריג אין יעדער בעציהונג דאָס מען קען זיי קוים אָנרופען מענשען.

דיא „עסקימאָסען", וועלכע דער דאָקטאָר לויבט אָב אזוי שעהן, זיינען א ראסע וואָס בעוואָהנען דיא נאָרד־מעריב זייט פון נאָרד אמעריקא. זייער אָבשטאמונג איז ניט געניי בעוואוסט. זיי אליין האָבען יחוס־בריעף דאָס זיי שטאמען פון דיא טארטארען. וועגען זייער שטאנד אין סיוויליזאציאָן, איז גאָר לעכערליך אז מען זאָל ריידען. זיי זיינען אין אלגעמיין א מיאוסע, עקעלהאפטע ראסע און עכטע בארבארען. וואָס דער דאָקטאָר האָט אין דיעזע חברה דערזעהן זיי פאָרצושטעלען אלס בילד און מוסטער פון דער מענשליכער משפחה, וועט שוין מסתמא אויף אייביג פערבלייבען א פינסטערע געהיימנים. מען דארף האָבען א געשמאק געבויט פון צוטרין־זאלץ אויסצוקלייבען אזא שמוציגע געזינדעל, אזא עקעלהאפטע ראסע און זיי נאָך לויבען אין איין ארגומענט, ווי דער דאָקטאָר טהוט יעצט.

און וואָס אָנבעלאנגט דעם אמעריקאנער אינדיאנער וועלכען דער דאָקטאָר שטעלט אויף פאָר אלס מוסטער, מוז איך זאָגען, דאָס אויב איך וואָלט ניט געהאט א בעסערען געפיהל וויא זיך צו פער־ליעבען אין אזא חיה, וואָלט איך אזא געפיהל אָדער געשמאק פער־זעצט—וואָלט אריין אין דיא ערשטע, בעסטע „פאון־שאפּ" און וואָלט געצוויגען דערויף וויא פיעל מזומן יענער מאכער וואָלט דערויף געוואָלט לייהען, און נאכהער וואָלט איך עס שוין מעהר ניט אויסגעלייזט — וואָלט זיך געמאכט ניט וויסענדיג און וואָלט עס געלאָזען פערפאלען געהן — און א סוף! דאָס וואָלט איך געהאט

געטאָהן — וואָלט זיך ניט געהאט ארומגעטראָגען א שטונדע מיט אזא אונגליקליכען געפיהל אָדער געשמאק, און דאָס וואָלט איך אויך ראטהען דעם דאָקטאָר צו טאָהן.

אויב איהר האָט ניט א בעסערען עקזאמפעל, עפּעס א שעה־נערען פאָרבילד, פאָרצושטעלען, וויא נור דיעזע שווארץ־חן'עור־דיגע, שווארץ־הערציגע באנדיטען — דיא אמעריקאנער אינדיאנער, דאן האָט איהר אייער „קיים" פערשפּיעלט. קענט מעהר אין אייער ארגומענט ניט געווינען. ווארום איהר רעדט, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, וויא א וואש־גויע—וויא א ווארטס־פרוי טהוט איהר טאָהן זאָגען אייערע ווערטער. איהר רעדט גלאט אזוי אין דער וועלט אריין —אָהן איבערלייגונג, אָהן ערפאהרונג, אָהן לאָגיק, אָהן אור־זאכע, גלאט אזוי אבי גערעדט. אויב איך וואָלט אויך געקענט אזוי פיעל פלאפּלען און ניט וויסען וואָס איך רייד, וואָלט איך שוין בעסער געוואָרען א מגיד — א לאַדזשען ברודער וואָלט איך שוין בעסער געוואָרען, און וואָלט ארומגעגאנגען צווישען שונאים און וואָלט באָמבארדירט רעבטס און לינקס און וואָלט זיי אזוי פער־גלושעט דיא קעפּ, ביז איך וואָלט זיי פערטיליגט.

הערט,רבתי, און שטוינט ווענען מען שטעלט דאָ פאָר אלס פאָר־בילד פון פלייש עסער — איין ווילדען אינדיאנער! אם מייסטען זיינען שוין דיעזע ווילדע ברואים, דיעזע רויטע באנדיטען, טויט, אָדער אזוי גוט וויא טוידט. זיינען צימליך גוט פערקניפּעלט און פערצוימט אין פּלעצער וואו זיי קענען שוין ניט מעהר אָבטאָהן זייערע שעהנע שטיקלאך, וויא זיי פלעגען אָבטאָהן אזוי אָפט. און אויב עס האָט נאָך ווער אויף דער וועלט א מאָהל פערדינט אזא פינסטערע ענדע וויא דיעזע באנדיטען האָבען געהאט, האָבען עס פערדיענט דיא רויט־הויטיגע, שווארץ־הארציגע גזלנים. עס גיבען נאָך מאנכע אידיאָטען וואָס בעדויערן און בעווייינען דעם סוף פון דיעזע לייט, נור זיי מוזען וואהרשיינליך ניט זיין בעקאנט מיט דיא נאָבעלע טהאטען פון דיעזע זמזומים—פון דיעזע מערדער.

דיעזע צדיקים — דיעזע שעהנע פּארשוינען אין וועלכע דער דאָקטאָר האָט זיך אזוי פערליעבט און וועלכע ער שטעלט פאָר אלס מוסטער אין זיין ארגומענט, פלעגען אָפט פערברענגען זייערע איב־

ריגע צייט אין פלוצלונג בעפאלען א דארף, מיט דיא איינוואה־נער פון וועלכע דיעזע חברה פלעגען דוכט זיך לעבען גאנץ פריד־ליך; און פלעגען די. איינוואהנער אלע ביז איינעם אויסמארדען. דיא טאטעס און מאמעס פלעגען דיעזע באנדיטען צובינדען צו בוי־מער, און פאר זיי אין דיא אויגען פלעגען זיי בויען א מין מזבח און פלעגען דערויף פערברענען לעבעדיגערהייד אלע קינדער וואס זיי האבען געפונען.

נעכסט אויף דער פראגראמע פלעגען קומען דיא פרויען. קיין פייניגונג איז ניט געווען גענוג צופריעדען צו שטעלען דיעזע מער־דער. נאכהער פלעגט מען זיי אנצינדען און פערברענען. נור דאס איז שוין געווען דיא קלענסטע פייניגונג פון דיעזע מאמעס אין פערגלייך צו דעם גרויסען צער וואס זיי זיינען דורך געגאנגען ווען זיי האבען געזעהן וויא מען פלאגט און וויא מען פערברענט זייערע קינדער.

נעכסטענס פלעגען זיך דיעזע גזלנים נעהמען צו דיא מענער. דיעזע פלעגען גרויזאם ערמארדעט ווערען. מען פלעגט פריהער פאר אלעם ארונטער רייסען זייערע שיידלען פון קאפ פאר דיא האר — א פערגעניגענד אין וועלכע דיא שמוציגע אינדיאנער פלעגען אפט פערברענגען זייער צייט. נאכהער פלעגט מען דיעזע אונגליקליכע צו פיערטלען, צושניידען אין שטיקלאך.

און דאס האט פאסירט מעהר וויא איין מאהל; און דאס האט פאסירט ניט מיט פינף טויזענד יאהר צוריק, זאנדערן אין דעם לעצטען יאהר־הונדערט; און דאס זיינען קיין אויסגעטראכטע בבא־מעשיות, זאנדערן שטרענג ריכטיגע פאקטען — היסטאריש בעשרי־בען.

ענדליך קומט דער דאקטאר און שטעלט נאך זיי יאהרצייט— איז זיי „מזכיר נשמות" און בעווייזט בעשיינפערליך אז קיין שעה־נערער, נאבעלערער און געזונדטערער מענש וויא אזא אינדיאנער איז גאר ניטא — א זיסער געשמאק, איך האב פיינד צו זאגען!

איך זעה ניט ווארום דער דאקטאר האט שוין פעראיינס ניט פארגעשטעלט אלס פארבילד פון שטארקייט און קראפט דיא „קי־שענעווער" קאצאפעס וועלכע האבען זיך אזוי שעהן אויסגעציי־

בענט מיט זייער האנדלונג געגען דיא אידען אין דעם חורבן וואס זיי האבען אנגעמאכט אחרון של פסח 1903, און וועלכער האט כמעט קיין גלייכען אין דער וועלט'ס היסטאריע. אויך דיעזע גזלנים, דיעזע שמוציגע קאצאפעס האבען דער וועלט געצייגט דאס זיי זיינען שטארק און קרעפטיג און געזונד — פיעל שטארקער און קרעפטיגער און געזינדטער וויא יענע דערשלאגענע נעביך וועלכע זיי האבען אזוי ברוטאליש געשענדעט און ערמארדעט. און פאר וואס אלזא האט שוין דער דאקטאר פאראיינס דיעזע חברה ניט פארגעשטעלט אלס מוסטער פון פלייש עסער ?

איך וויים ניט אויב מען קען אנרופען א מענשען „געזונד" ווען זיין פערשטאנד איז צודרעהט און זיין הארץ איז שווארץ. ברוטאלי־שע קראפט בעזיצט אפילו צוואר יא דער אינדיאנער, נור איך זעה ניט וואצו מען בעדארף אזא קראפט—אויסער צו קענען טרינקען שארפע שנאפס און נאכהער געהן און אבטאהן אלעס אין דער וועלט וואס איז ניט פאסיג. טיגערס, לעמפערטען אדער וועלף זיינען אויך משונה קרעפטיג. אויב דער דאקטאר זוכט צו בעווייזען אז פון פלייש ווערט מען זעהר קרעפטיג, האט ער בעסער דיזע געשליפענע אדעל לייט — דיעזע פערצוקענדע טהיערע, געדארפט דערמאהנען און פארשטעלען אלס מוסטער. דיעזע בעזיצען דיזעלבע ווילדע קראפט וויא אינדיאנער, נור דיזע קראפט נוצט אבער צו קיין אנדער זאך וויא נור צו פערצוקען, צו פערניכטען. זאנסט האט עס אבזא־לוט קיין ווערדע. האט איהר שוין ווען יעמאנד געזעהן דאס א טיגער זאל דעם מענשען מיטהעלפען מיט זיין קראפט אין דער ארבייט, וויא עס טהוט געוועהנליך איין איידעלע בעשעפענים וואס עסט קיין פלייש ?

איבערהויפט איז גאר דיעזעס וואס דער דאקטאר רופט אן געזונד און קראפט אין אינדיאנער גאר ווילדקייט. ווארום קראפט און געזונד בעזיצען אכסען און פערד וואס לעבען נור אויף צמחים, גראדע אזוי פיעל וויא טיגערס און לעמפערטען. נור זייער געלאסענהייט מאכט דיעזע פאר ניט געפעהרליך. א בעווייז קענט איהר נעהמען פון דעם עלעפאנט נאכהער וויא ער איז שוין ניט מעהר ווילד. דיעזער סוחר וואס לעבט נור אויף געוויכסע, קען אין

זיין ווילדען צושטאנד דער'הרגע'נען א לייב מיט איין קלאפ פון זיין נאָז. קוים אָבער ווערט ער איינגעצוימט און אָבגעוואָהנט פון זיין ווילדקייט,ווערט ער געלאסען און מילד און הערט אויף געפעהר־ליך צו זיין. דיעזע מידה האָבען אָבער ניט דיא פלייש־פרעסענדע חיות וועלכע פערבלייבען געפעהרליך און ווילד ביז טוידט. אזא מין ווילדקייט אָדער געלאסענהייט הערשט אויך צווישען מענשען; און דאָס איז דיא אורזאכע וואָס מאכט דעם אינדיאנער שטארקער וויא דעם געלאסענעם וויסען — ווייל יענער איז מעהר ווילד. אָבער זאָנסט איז דער אינדיאנער ניט שטארקער, געזונדטער, נאָבעלער אלס דער וויסער, וויא דער דאָקטאָר וויל עס האָבען.

קאפיטעל 3.

דער דאָקטאָר פאָהרט ווייטער און באָמבארדירט מיט נאָך א פראגע:—

„—נעהמט און פערגלייכט דיא מאָרגענלענדער וואָס לעבען נור אויף תבואה מיט אירגענד וועלכע א פלייש עסענדע ראסע. נעהמט א צוקראָכענעם אָריענטאל און פערגלייכט איהם מיט א ביף־עסענדען ענגלענדער. מיט איין בלאָז קען ער יענעם פעריאָגען נאָך תרשיש. וויא קליין, וויא שוואך, וויא ניעדעריג אין פערשטאנד זיינען יענע לייט פון דער מזרח זייט.

ענטפער:— דער דאָקטאָר שעפט דיעזע בעהויפטונגען פון א מערקווירדיגע קוועלע — א קוועלע גענצליך אונבעוואוסט. קיין אנדערער אויסער דער דאָקטאָר וויים ניט דערפון. האָב שטארק מורא אויב עס איז אָפט מאָל ניט „אייגענע געדאנקען“. עפעס שיינט דיעזע נייע טהעאָריע ארויסצוקריכען פון זיין ארבעל — א בויך סברה, רחמנא לצלן.

כמעט אריבער א העלפט פון דער מענשליכע משפחה — מיליאָנען און מיליאָנען מאָרגענלענדער; אין אלע טהיילען פון אינדיא, יאווא, חינא, יאפאן; כמעט אין אלע ווינקלען אין אָריענט ווערט פלייש אָדער גאָר ניט געגעסען, אָדער בלויז זעהר וועניג. זייער הויפט עסען דאָרט בעשטעהט אויס תבואה און פרוכט; און פון דעסטוועגען ווער וועט וואגען צו מאכען דיא בעהויפטונג אז יענע

מענשען שטעהען ניעדעריגער אין געזונד, אָדער אין פערשטאנד ? עס איז אמת אז דיא סיוויליזאציאָן האָט נאָך אין יענע ערטער קיין פעסטגעזעצטען פונדאמענט, נור דאָס זעלבע קען מען אָבער אויך זאָגען אויף דיא קליינע שטעדלאך אין רוסלאנד וועלכע ליגען בלויז א דאָזען שפּרונג פון פאריז אָדער בערלין, וועלכע זיינען כלומרשט דיא הויפּטזיצע פון סיוויליזאציאָן. פון דעסטוועגען קען מען אויף די איינוואָהנער פון יענע קליינע שטעדלאך ניט זאָגען דאָס זיי שטעהען ניעדעריג אין פערשטאנד. מעגליך אפשר איז זייער פערשטאנד ניט ענטוויקעלט, זיי האָבען קיין בילדונג גענאָסען און זיי זיינען פי־לייכט ניט געלעהרענט. פּרובירט אָבער דעם פערשטאנד פון דיעזע לייטע צו קולטיווירען און זיי וועלען זיך ענטוויקלען צו זיין אזוי שארף־זיניג און פערשטענדיג וויא דיא וואָס געניסען א קלאסישע ערציהונג. א בעוויז האָט איהר דאָס קוים האָט איינגעבראָכען דיא סיוויליזאציאָן אין יאפּאן, האָט זיך דיעזע מדינה ענטוויקעלט אין בלויז א קורצע צייט, ביז זיא איז געוואָרען איינע פון דיא גרעסטע מעכטע אין דער וועלט.

שוואך זיינען דיא דאָרטיגע מענשען אויך ניט — ניט טהע־טיג פיללייכט, אָבער ניט שוואך. דיא אורזאכע ווארום זיי זיינען ניט טהעטיג איז ווייל דער קלימאט וואָס איז דאָרטען אזוי ווארים, לאָזט זיי ניט זיין טהעטיג.איהר געפינט דעם זעלבען צושטאנד אויך אין פיעלע ערטער אין דיעזער לאנד. געהט אריין טיעף אין דער סויטה און איהר וועט ערשטוינט ווערען צו זעהן וויא ניט טהעטיג און פויל דיא לייטע דאָרטען זיינען.

וואָס אָנבעלאנגט דיא שלעכטע קראנקהייטען וואָס קומען פון דאָרטען איז אויך נור שולדיג דער קלימאט. איהר געפינט דעם זעל־בען צושטאנד אויך אין דיא ווארימע געגענדען פון דיעזער לאנד. געלע פיבער קומט נור פון דיא געגענדען וואו עס איז ווארעם ; און ביז דיא רעגיערונג וועט ניט אָבשאפען דיא גרויסע זומפּען, קען מען אלע יאָהר איין עפּידעמיע ערוואַרטען.

צו מאכען דיא בעהויפּטונג אז דער עסען פון דיא דאָרטיגע מענשען וועלכעס בעשטעהט אוים תבואה מיט פרוכט איז פעראנט־וואָרטליך פאר דעם צושטאנד וואָס רעגיערט אין אָריענט איז בע־

זאנדערם לעבערליך. טויזענדער יאהרען זיינען יענע לענדער געווען רעגיערט פון געצענדינעריי, פון פאנאטיזם און דאס האט זיי דער־שלאגען.

* * *

דער דאקטאר פערקירצט דיא יאהרען מיט נאך א פראגע— מיט נאך א כלומרשט'דיגען ארגומענט, וועלכער איז אפילו צו גרוי־זאם צו קאפירען, נור ווייל ער איז ניט איינער וואס האט געמאכט דיעזע בעהויפטונג וועל איך דערויף ענטפערן :—

„—דער נאטירליכער געזעץ פארדערט דאס איינער א צווייטען זאל פערניכטען. איין זאך זאל דיא צווייטע צערשטערען. נור דאן קען דיא וועלט עקסיסטירען", איז דיא אונערבארימליכע טענה פון דאקטאר.

ענטפער :— עס איז א חרפה—א שאנדע פאר איין אינטע־ליגענטען מענשען זיך אויסצודריקען אויף אזא ניעדעריגען ארט. צו מאכען אזא בעהויפטונג דארף איינער אדער ניט וויסען וואס ער רעדט, אדער ער איז אונערבארעמליך און האט ניט א פונק פון יושר אין זיין ברוסט. ביי שפינען זאגט מען, רעגיערט אזא ארדנונג. ביי דיעזע גיפטיגע ברואים דערצעהלט מען, פאסירט דאס ווען מען פערפאקט א צוואנציג פון זיי אין א פלאש, און מען באזארגט זיי ניט מיט עסען, פאנגט זיך באלד אן צווישען זיי א ביטערע מלחמה; און איינס א צווייטע גרייפט אן, ביז ענדליך עס פערבלייבט בלויז איין איינציגער אבגעפרעסענער שפין. די אלע אנדערע ווערען דער־הרג'ט און אויפגעפרעסען פון איינאנדער. דער דאקטאר האט זעהר וועניג רעספעקט פאר דער מענשליכער משפחה און פאר זיך אליין אויב ער דענקט דאס מענשען דארפען זיך אויך אזוי פיהרען וויא דיא שפינען.

דער נאטירליכער געזעץ פארדערט ניט פון מענשען דאס ער זאל א צווייטע בעשעפעניש פערניכטען אום אליין צו עקזעסטירען. עס גיבען מאנכע מערדער און גזלנים וואס פאלגען נאך דיא שפאגעל־נייע סיסטעמע פון דאקטאר, דיעזע אבער בילדען אין דער מענש־ליכער משפחה בלויז איין אויסנאהם. זאנסט איז עס דעם מענשען אבזאלוט ניט נעטהיג, ווארום ערשטענס בעזארגט איהם די נא־

טור מיט געגוג פלאנצונגען און פרוכט; צווייטענס איז גאָר דער מענש אויס דער נאטור אן אדעלמאן — בעשאפען „בצלמו בצלם אלהים“, מיט א געפיהל וואָס איז א נאָהענטער קרוב מיט יענעם גרויסען „אחד“, און מיט אזא געפיהל קען גאָר דער מענש אינס־טינקט מעסיג ניט אויספיהרען יענע קלאָגעדיגע סיסטעמע פון דאָק־טאָר. מיט דעם כאראקטער וואָס גאָט האָט פערפלאנצט אין דער מענשליכער ברוסט בענקט גאָר דער מענש אינערליך נאָך דאָס איי־דעלע, און דאָס שעהנע און דאָס שטילע אין דער נאטור. ער זוכט אינסטינקט מעסיג נור יושר, גערעכטיגקייט, רחמנות. מיט דעם גע־פיהל וואָס דער מענש בעזיצט וואָלט ער זיך ניע ערלויבט צו מאכען א לעבען „משוד עניים ומאנקת אביונים“—פון מאָרד און פון וועהטאָג און פון יענעם'ס לעבען. עס זיינען נור אומשטענדען וואָס זיינען פעראנטוואָרטליך ווארום דער מענש טרעט אזוי אָפט אָב פון ריכטיגען וועג.דעם מענשען וואָלט גאָר אויף געגרוילט דער געדאנ־קען אויפצועסען דעם לעבער, למשל, פון א מיטבעשעפענים. דארף אָבער פאסירען דאָס עס ברעכט אויס א גרויסער הונגער, למשל, אָדער ער ווערט פערוואָגעלט אין דער ווילדערניס און ווערט הילפ־לאָז; אָדער וויא דיא תורה געהט נאָך ווייטער און זאָגט „דאָס ווען עס ווערט ברייטליך אויפ'ן הארצען און מען ווערט פעט און מען הויבט אָן צו בריקען, און דיא „תאוה“ לאָזט זיך פערנאנדער און פאנגט אָן צו פאָדערען זאכען וועלכע נור א צולאָזענער צושטאנד קען זיך ערלויבען. אונטער אזעלכע אומשטענדען טהוט דער מענש אָב זאכען וואָס וואָלט איהם געגרוילט אויב ער וואָלט עס זיך ער־לויבט אין א נאָרמאלישען, רוהיגען צושטאנד. און דאָס מערקוויר־דיגסטע דערביי איז דאָס אין אזעלכע פעלע זיינען אזעלכע גרויליכע טהאטען ערלויבט אפילו ביי דער תורה — וויא דער פאקט פון „כי תצא למלחמה על איביך“ צייגט, ווען דיא תורה ערלויבט צו נעהמען אין פעלען איין „אשת יפת תאר“ און אונטער פערשיעדענע בעדינ־גונגען איהר צו נעהמען פאר א פרוי, מעג זיא האָבען אפילו געווען אן „אשת איש“ — און וויא שטרענג דיא תורה איז אין דער פראגע פון איין אשת איש! מיט סקילה איז אזא פאל שטראפבאר. דאָך אין דער צייט פון מלחמה איז עס ערלויבט. אורזאכע, ווייל „אין

מלחמה און אין ליעבע איז אלעס ערלויבט", זאָגט זיך אָב דער פּראָס־טער עולם א ווערטעל; און דיא תורה וויס גאנץ גוט דאָס אין אזא פאל איז עס אונמעגליך איינצוצוימען דיא ליידענשאפט פון א פּראָסטען חברה מאן. ער וועט ניט פאָלגען און וועט נאָך ווערען פרעך אויך און הפקר אויך און וועט עס טאָהן אָהן ערלויבנים — און דאן וועט שוין דער קערל פערקריכען נאָך אלדע שווארצע יאָהר. ווארום קוים ווערט איינער הפקר דאן ווערט ער געפעהרליך. איז דערפאר גלייכער דאָס מען זאָל שוין בעסער נאָכגעבען אזא זאַך, אונטער געוויסע בעדינגונגען; און דער גרענעץ פערצוימט איהם נאכהער דיא וועג ער זאָל ניט ארויסשפּרינגען פון דיא האלאַבלעס אין גאנצען און זאָל אין אזא פאל ווערען פרעך און הפקר.

שטעלט זיך פאָר! די זעלבע תורה וואָס פּרעדיגט ריינטליכקייט אָהן אויפהער; און זאָגט אָן נאָך א מאָהל און נאָך א מאָהל דאָס מען זאָל זיך ניט וואגען צו פערשמוצען דיא זעעלע מיט עסען אונ־ריינע בעשעפעניסע — די זעלבע תורה וואָס פערהאנדעלט דיא פּראגע פון ריינע שפּייז אזוי ברייטליך און אזוי שטרענג און אזוי וויסענשאפטליך דאָס עס איז דער וואונדער פון דיא גרעסטע פי־לאָזאָפען אין דער היינטיגער געלעהרטער וועלט — דיזעלבע תורה קומט ארוים אויף איין אָרט און „ערלויבט" צו עסען אזעלבע גרוי־ליבע בעשעפעניסע וויא „הארבה למינהו ואת הסלעם למינהו ואת החרגל למניהו ואת החגב למניהו!"

איך בין זיכער דאָס עס וועט זיך ניט געפינען איינער צווישען א מיליאָן אידען וואָס וועט עסען אזעלבע זאכען. נור דיא תורה מיינט אָבער אויך ניט דאָס דער מענש זאָל דיעזע העסליבע זאכען עסען. עס ווערט נור בלויז ערלויבט אונטער שטרענגע אומשטענ־דען און עס פערזאָרגט פאר א צופאל. עס קען א מאָהל פאסירען דאָס איינער ווערט פערפאלען אין דער ווילדערניס. ער געהט אויס פון הונגער און קען קיין זאך געפינען צו עסען אויסער דיעזע בע־שעפעניסע; און דיא תורה ביי וועלכע דער לעבען פון מענשען איז טהייער, ערלויבט איהם אונטער דיא אומשטענדען, אין זיין הילפ־לאָזען צושטאנד, דיעזע בעשעפענים יא צו געניסען. אורזאכע, ווייל דיא תורה וויים, דאָס וועהרענד דיעזע בעשעפעניסע זיינען העסליך,

בעזיצען זיי אָבער ניט גיפט אזעלכע וואָס זאָל דעם מענשען שאדען. שרצים און פערשיעדענע פייגלאָך דאגעגען ערלויבט איהם שוין אָבער ניט דיא תורה אום קיין פאל—ער מעג אפילו אויסגעהן פון הונגער. ווארום דיעזע בעזיצען יא גיפט וואָס קען דעם מענשען ברענגען גרויס שאדען; און עס איז דערפאר פיעל גלייכער דאָס ער זאָל זיין שטארק אין כאראקטער און בעסער אויסגעהן פון הונגער, וויא צו פערשמוצען זיין זעעלע און זיין קערפער און עסען אזעלכע גיפטיגע ברואים וואָס ווען זיכער פון זיין געזונד און פון זיין כא־ראקטער מאכען א תל.

אומשטענדען זיינען פאר פיעלעס פאראנטוואָרטליך. הונגער, תאוה, אנדערע אורזאכען, האָבען געצוואונגען דעם מענשען ער זאָל זיך ערלויבען פריהער צו מערדערן און נאכהער צו עסען דאָס פלייש פון זיין קרבן * אין א רוהיגען צושטאנד אָבער, ווען עס איז ניט נעטהיג צו בעגעהן אזא פערברעכען, איז עס בעזאָנדערס אומ־געלומפערט צו בעהויפטען דאָס דער מענש דארף פערניכטען אנדע־רע בעשעפעניסע אום אליין צו עקזיסטירען. אין רוהיגע אומשטענ־דען צו מערדערען אונטער דער פרעטענזיע דאָס עס איז נעטהיג צום עקזיסטענץ, איז א פערברעכען. עס איז א פערברעכען פאר וועלכען איהר געפינט קיין פערטהיידיגונג — ניט אין דער נאטור'ס הארמאָנישער פיהרונג — ניט אין דיא הייליגע שריפטען — און

---

* און דאָס וואָס די תורה מיינט ווען זיא זאָגט „וינחם ה' כי עשה את האדם" און „נחמתי כי עשיתם". דיא בעדייטונג וויא עס ווערט געוועהנליך אָנגעגעבען און איבערזעצט איז ניט א ריכטיגע. גאָט האָט ניט „פערדראָסען" וואָס ער האָט דעם מענשען בעשאפען, וויא דער עולם מיינט און וויא דער פסוק ווערט פערטייטשט. ווארום דיא בעדייטונג פון „נחמה" איז ניט פערדרוס, זאָנדערן סימפאטיע, טרייסט. גאָט האָט געזעהן אונטער וועלכע אומשטענדען דער מענש געפינט זיך אזוי אָפט, און ער זאָגט מיט רחמנות „נחמתי כי עשיתם"—איך האָב סימפאטיע מיט זיי וואָס איך האָב זיי גאָר אין גאנצען בעשאפען — א אונגליקליכע געזינדעל נעבאך וואָס מוז אָפט דורך אומשטענדען אָבטרעטען פון ריכטיגען וועג.

ניט אין דער פילאָזאָפיע פון אירגענד וועלכען רעכט דענקענדען מענשען.

דיא בעהויפּטונג אלזאָ דאָס דעם מענשען איז נעטהיג צו פער־צוקען און צו פערניכטען אום צו עקזיסטירען, איז אלזאָ א רחמנות־לאָזע און א בארבארישע, און עס איז ווערט פערדאמט צו ווערען — און דאָס טהו איך יעצט מיט מיין גאנצען הארצען.

* * *

דער דאָקטאָר בעמערקט ווייטער און פרעגט וויא פאָלגט :—

„—דיא פיער שארפע ציין וואָס דער מענש בעזיצט צייגט אָפען געננוג דאָס דיא נאטור האָט דעם מענשען געמאכט פאר א פלייש עסער. ווארום טהוט א קוק אין מויל פון א חיה וואָס עסט קיין פלייש, וועט איהר אזעלכע שארפע ציין ניט געפינען. אזעלכע ציין איז נור אין בעזיץ פון חיות וואָס עסען פלייש".

ענטפער :— דאָס דעם מענשען'ס ציין, זיין מאָגען, זיין גאנ־צע אנאטאָמיע צייגען דאָס ער איז ניט געבאָרען צו עסען פלייש, גיבען יעצט אלע נאָך. א בעוויז דאָס דיא 4שארפע ציין ביין מענ־שען האָבען קיין שייכות מיט פלייש עסען, איז דער פאקט דאָס דיא „גאָרילאָ", אָדער „אוראנג־אוטאנג", וועלכער איז געבויט גראדע אזוי ווי דער מענש, האָט אויך עבענפאלס גראדע אזעלכע 4 שארפע ציין — נאָך פיעל שארפער, שפּיציגער און לענגער. פון דעסטוועגען ווייסען אלע דאָס דיזע לייט זיינען נאטירליכע נים און פרוכט עסער. ביף־סטייק צו עסען קען מען זיי צוואר אויסלעהרנען, און זיי לעהר־נען זיך דאָס אוים ווען מען ברענגט זיי צו גאסט אין דיא סיוויליזיר־טע לענדער, נור עס טהוט זיי טאקע קיין גוטעס—א פאקט בעוויע־זען געוואָרען שוין ניט איין מאָהל.

דיא גרעסטע אוטאָריטעטען ווילען האָבען אז אין דער מענש־ליכער געביידע געפינט זיך ניט איין אָרגאן אזעלכער וואָס זאָל פאָ־דערען פלייש צור חיונה. דער מאָגען איז ניט אזעלכער וויא ביי פערצוקענדע חיות. דער מענש האָט ניט אזעלכע ציין וויא ווילדע חיות, וויא דער דאָקטאָר וויל עס האָבען. ער האָט אויך קיין קלאָען מיט שארפע נעגעל צו רייסען און דורך צו שטעכען. ער האָט בלויז איידעלע הענד פון וועלכע מען קען פון אויבען אויף זעהן דאָס זיי

זיינען בעשאפען — ניט צו פערצוקען, וויא דיא לאפעס פון א בייזע היה, וואס איז געבארען צו רייסען, צו שטעכען און צו פערניכטען. דעם מענשען'ס הענד זיינען בעשאפען ווי מען קען דאס אפען זעהן, צו קלייבען פרוכט און צו דער ארבייט. ווען דער מענש געהט פער־צוקען קען ער זיינע הענד דערצו ניט געברויכען — ער מוז האבען א מעסער, א חלף, צו שטעכען, צו שעכטען, צו רייסען און צו פער־ניכטען. אינסטינקט מעסיג האט אויך דער מענש קיין נייגונג צו עסען פלייש. איהר ועט ניט אריין געהן אין א שלאכט־הויז וויא אין א ווייך גארטען און דארטען נעהמען דאס ערשטע בעסטע שטיק פלייש און עס עסען אויף דער שטעלע, וויא איהר וועט טאהן מיט פרוכט אין א פרוכט סטאר. עס האט נאך ניט פאסירט צווישען סי־וויליזירטע מענשען דאס איינער זאל אריין אין א בוטשער סטאר און דארטען האפען א רויע שטיק לעבער, א שטיק צונג, אדער א שטיק רויע פלייש און עס עסען אויף דער שטעלע. דיעזער פאקט אליין בעווייזט אפען גענוג דאס פלייש איז ניט נאטירליכע שפייז פאר דעם מענשען.

און וואס אנבעלאנגט אונערבארימליכקייט, הארט־הערציגקייט און נייגונג וואס ווילדע חיות האבען, בעזיצט אויך ניט דער מענש. עס איז נור א שוחט, א בוטשער, וואס קען גלייכגילטיג צוזעהן דיא קאנוואלסיע, דעם וועהטאג און דיא פייניגונג פון איין ארימע בעשע־ניס וואס עטהעמט אויס איהר לעבען. זאנסט געפינט איהר ניט איי־נעם פון טויזענד וואס זאל ניט אויף געגרוילט ווערען פון דער שרעקליכער סצענע וואס מען קען זעהן אין א שלאכט־הויז.

דיעזע אלע פאקטען בעווייזען דאס דער מענש האט קיין נא־טירליכע נייגונג אין איז ניט געבארען צו עסען פלייש. עס איז נור אומשטענדען אין נויט וואס האבען איהם געבראכט ער זאל עס אנ־הייבען צו עסען, אין נאכהער איז דאס געווארען זיין צווייטע נא־טור.

* * *

דער דאקטאר ענדיגט זיין מגילה מיט דער פאלגענדער טענה: —

„— דיא נאטור האט אזוי איינגעארדענט דאס דער מענש זאל וואהנען אין אלע קלימאטען, אין אלע טהיילען פון דער וועלט.

וואָס וועלען אלזאָ מענשען טאָהן וואָס וואָהנען אין דיא קאַלטע געגענדען וואו דיא ערד איז בעדעקט מיט אייז און מיט שנעע א גאנץ יאָהר, און מען קען ניט זייען? וואָס וועט דער מענש פון דאָרט טען טאָהן אום צו קריגען שפייז פיר זיין עקזיסטענץ אויב ניט פלייש? וואָס מיינט איהר דאָס זיי קענען דאָרטען לעבען אויף אייז־קרים?"

ענטפער:— איהר מאַכט שוין ווידער א מיסטייק. דיא נאַטור האָט גאָר ניט איינגעאָרדענט דאָס דער מענש זאָל וואָהנען אין אונפּאַסענדע געגענדען. גראדע אזוי וויא דיא נאַטור האָט ניט איינגעאָרדענט דאָס דער מענש זאָל לעבען אין וואסער. וואו עס איז אנגענעהם, גראדע דאָרט דאַרף דער מענש וואָהנען — דאָס איז זיין ערשטע פפליכט וואָס ער איז זיך אליין שולדיג. דיא ערשטע אויפגאבע פון יעדער מענשען איז נור אויסצוקלייבען מיט גרויס פאָרזיכט א קלימאַט און א געגענד פאסענד פאר זיין כאַראַקטער, פאר זיין געזונד, פאר זיין נאַנצען וואָהלשטאַנד. גאָט האָט דעם ערשטע'ן מענשען ניט בעזעצען אין „נאָרד־פּאָל"—ער האָט איהם ניט פערשיקט נאָך סיביריא. אין גן־עדן איז געווען די ערשטע וואָהנונג וואָס ער האָט אויסגעקליבען פאַרן מענשען—אין א פראַכטפאָלען גאַרטען, וואו דער קלימאַט איז געווען בעזאָנדערס גינסטיג און אנגענעהם, האָט איהם גאָט אריינגעשטעלט אין לאָזשי. און אויב עס געפינט זיך היינט א מטורף וואָס וויל דוקא פערקריכען וואָהנען וואו עס איז וויסט און אומעטיג און קאַלט און ניט פרוכטבאַר, דאַן זאָל ער גיר דאָרטען געהן — און געהן גיך, פער שנעל־צוג; ווארום אזא קאָסטימער האָט א פערדרעהטען קאָפּ און איז ניט נעטהיג אין דער סיוויליזירטער וועלט. ער געהט דאָך דאָרטען מיט דעם צוועק פאָרויס צו פערצוקען, און א פערצוקענדע חיה איז ער, און עס איז ניטאָ וועגען וועמען זיך צו קימערן. מיינערטוועגען קען ער עסען אייז קרים—און זיך פער'סם'ן דערמיט צו אלע שווארצע יאָהר—מיין לעצטע דאגה!

א בעוויז דאָס דיא אלע קאַלטע געגענדען זיינען ניט פאסיג פאר דעם מענשען צו וואָהנען, קענט איהר נעהמען דערפון, דאָס די אלע וואָס וואָהנען דאָרטען זיינען ניט ענטוויקעלט, ניט סיוויליזירט

טהוען ניכטס אויף פיר זיך, און ניט פאר דעם וואָהלפארט פון דער וועלט און איהרע מענשען. זיי זיינען איינפאכע חיות און שטעהען ניעדעריגער אין שכל און אין יעדער הינזיכט וויא מענשען וואָס וואָהנען אין גינסטיגע קלימאטען. דאָס איז א פאקט וואָס איהר ווייסט גאנץ גוט, און אייער ארגומענט דאָס דיא נאטור האָט איינגעאָרדענט דאָס מענשען זאָלען בעוואָהנען אלע טהיילען פון דער וועלט, פאלט אלזאָ דורך.

קאפיטעל 4.

„—וויא קומט עס", פרעגט נאָך א לעזער, „דאָס אויב וועגעטעריאניזם איז ווירקליך אזוי וויכטיג פאר דעם מענשען וויא איהר בעהויפטעט; און וויא איהר אליין זאָגט, האָבען דיעזע לעהרע געפרעדיגט דיא גרעסטע מענשען בכל דור ודור — וויא קומט עס אלזאָ, פרעג איך, ווארום מענשען האָבען עס שוין ביז יעצט ניט אנגענומען? וואהרשיינליך מוז דאָך דערין עפעס פעהלען א קלעפקע. זאָגסט וויא קען עס זיין אין דער מעגליכקייט דאָס מענשען זאָלען אזא וויכטיגע זאך אליין ניט פערשטעהן און זאָלען עס ניט וועלען אנערקענען?

ענטפער:— און זאָגסט — אויסער דיעזע לעהרע — און דיא אלע וויכטיגע לעהרעס וואָס דיא גרעסטע מענשען האָבען פערטהיידיגט בכל דור ודור, האָט מען שוין דען אלעס אָנגענומען? איז שוין אלעס וואָס איז רעכט און פאסענד אָנגענומען געוואָרען ביי דער מענשליכער משפחה, נור דיא וועגעטעריאנישע פראגע איז דיא איינציגע פראגע וואָס איז ניט ווערט אפילו צו נעהמען אין אנבעטראכט? האָב שטארק מורא דאָס אויב איהר זאָלט זיך נעהמען די מיהע און ארומגעהן מיט א וועכסענע ליכטעל צו זוכען חמץ אין אנדערע ערטער, וועט איהר דאָרט, רעכען איך, געפינען פון דיזע סחורה, פיעל מעהר וויא איהר קענט אָנפילען אין א הילצערנע לעפעל — דאָס גאנצע שטאאט דענעמארק איזט פערפוילט!

ביז דאטע האָבען מענשען אָנגענומען בלויז זעהר ווענינ וואָס איז ריכטיג און וויכטיג פאר זיי. זיי זיינען מחלל פאסט אלע געזעצע וועלכע גרויסע מענשען האָבען פיר זיי אוועק געלייגט — און

דער געבאָט „לא תרצח“ בילדעט נאַטירליך קיין אויסנאַהם. דיא אַלע אַנדערע נײַן פון דיא צעהן געבאָט ווערען אויך ניט אָבגעהיט און ווערן פערלעצט — און אומגליקליך איז ער און אונגליקליך וועט דער מענש זיין, ביז וויא לאַנג ער וועט דיעזע געבאָט ניט פערשטעהן און אָבהיטען פאַר זיין אייגענע טובה.

דיא פראַגע אויב דער מענש קען לעבען אויף פרוכט און פלאַנצונגען איז שוין פערענטפערט געוואָרען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק. דיא הייליגע שריפטען, היסטאָריע, דיא וויסענשאַפט, דיא ערפאַהרונג פון גרויסע מענשען, פון גאַנצע לענדער אין אַלטע און מאָדערנע צייטען, האָבען אַלע פערטהיידיגט דיא פראַגע פון וועגעטעריאַניזם, און אַלע האָבען בעוויעזען דאָס דער מענש אונטער געוועהנליכע אומשטענדען—ניט אָנגעשטרענגטע—קען וואַכסען און קוועלען און לעבען צופריעדען און גליקליך אויף תבואה און פרוכט.

נור דער מענש איז אַ רעטענים און פול מיט קאָנטראַסטען. ער האָט אפילו יאָ דעם געפיהל דאָס מען דאַרף פאָלגען און אָבהיטען אַ געבאָט, נור אָנשטאָדט דאָס אָבצוהיטען, זוכט ער נור נאָכאַנאַנד מיטלען וויא אַזוי — דאָס ניט אָבצוהיטען. זוכט נור תירוצים נאָכאַנאַנד וויא אַזוי זיך צו פערטהיידיגען און ביי זיך פועלן דאָס ער האָט רעכט וואָרום ער היט ניט אָב אַ געוויסען געזעץ. אָפט געלינגט עס איהם—וויא, למשל, קרבנות און שחיטה אין בעצוג פון דעם געבאָט „לא-תרצח“. ער וויים דאָך דוכט זיך גאַנץ גוט דאָס מען דאַרף ניט, מען טאָהר ניט מערדערן, דאַרף זיך אָבער מאַכען אַ צופאַל דאָס מען הייסט איהם אונטער געוויסע בעדינגונגען ברענגען אַ קרבן; און עס שטעהט בפירוש „וזבחת“. יעצט האָט ער שוין אַ נייעם עסק — ביי איהם איז שוין יעצט אַ „מצוה“ צו מערדערן. יעצט איז עס שוין לשם-שמים'דיג—די שמד-שטיק האָט ער שוין יעצט אריין גערוקט אין דער יראה און ער מערדערט שוין יעצט אין גאָטעס נאָמען — און האָט שוין גערעכט אויך!

עס איז דאָ, למשל, אַ געבאָט אין דער תורה דאָס מען דאַרף רחמנות האָבען אויף אַ בהמה. דער מענש דאַרף איהר לאָזען רוהען אום שבת — דאַרף איהר ניט איינשפּאַנען אין דער ארבייט מיט איין אַנדערע בעשעפענים וואָס איז ניט איהר גלייכען אום עס זאָל

איהר ניט פאלען צו שווער דיא ארבייט—דארף איהר ניט אָנטאָהן א קארב אויפ'ן מויל ווען זיא ארבייט אין זיין פעלד אום זיא זאָל ניט קענען דערוויילע עסען; און נאָך אנדערע אזעלכע געבאָט וועל־כע פערפלאַנצען אין דעם מענשענס ברוסט א סימפּאַטיע צו א מיט־בעשעפענים. דיעזער געבאָט האָט א אבקלאנג מיט זיינע אייגענע געפיהלען, ווארום ער אליין בעזיצט אויך אינסטינקטמעסיג דיא מידה פון רחמנות און דיעזער געבאָט געפעהלט איהם. אלזאָ יעצט וויים ער שוין דאָס ער דארף רחמנות האָבען אויף א בעשעפענים. פאר גרויס בעגייסטערונג פון רחמנות, כאפט ער זיך איין מאָהל ארוים מיט גרויס אימפּעט, און בילדעט א חברה צו בעשיצען בעשע־פעניסע אזעלכע וואָס קענען זיך אליין ניט פערטהיידיגען. מילא אזוי ווייט אזוי גוט. נור וויא לעבערליך קומט עס אָבער ביי איהם ענדליך ארוים! דיעזער, זיין אַיידעלער געפיהל, גרייכט נור בלויז ביז קעץ — ביז פערד! ער פאנגט אָן שטרענג אכטונג צו גע־בען דאָס פערד זאָלען ניט קריעגען געשמיסען און דאָס קעץ זאָלען האָבען וואו צו שלאָפען; און אז דער זעלבער צער־בעלי־חיים'ל זעהט פון דעסטוועגען וויא מען נעהמט איין אנדער בעשעפענים — אבי עס איז נור ניט א קאַץ אָדער א פערד; און דיעזע בריאה זעהט ער וויא מען הרג'ט פריהער מכות־רצח איידער זיא ווערט ערמאָר־דעט; און נאכהער ווען זיא איז נאָךווארים, וויא מען שינדעט איהר, און מען צו זעגט איהר, און מען צושניידט איהר און מען צוגלידערט איהר אין שטיקלאך, עסט עס פון דעסטוועגען דיעזער זעלבער „חיים'ל" נאכהער. „נא־ובשל מבושל במים, צלי אש, ראשו על כרעיו ועל קרבו" — ער עסט עס האלב געבראָטען אָדער געקאָכט אין וואסער, אָדער געבראָטען אויפ'ן פייער, דיא קאָפּ ביז די קניע ביז דיא אינגעווייד עסט ער אויף און לאָזט ניט איבער א ביסען ביז מאָרגען. ער עסט דיא דאָזיגע אלע זאכען בחפזון, גיך און געשווינד, אין א טעלער בלוט; און ער עסט עס מיט א בלוט־דורשטיגע נייגירדע; און זאָל עס נור זיין פלונית'טע ניט האָבען פערפערטיגט לויט וויא עס שמעקט זיין פארדאָרבענעם געשמאק, דאן קריגט זיא מסתמא א פּאָרציע פון איהם וואָס א פערד און א קאַץ וועלען עס געוויס פון איהם ניט קריגען. פונדעסטעוועגען קען

פועלן ביי זיך דיעזער חברה־מאן צו מיינען דאָס ער האָט דעם גע־באָט פון רחמנות אויסגעפיהרט — א בעוויין דאָס היינט אליין האָט ער געלאָזט ארעסטירען א בעל־עגלה דערפאר וואָס ער האָט זיין פערד געשמיסען!

אין דיא לעצטע יאָהרען האָט אויסגעבראָכען איין עפידעמיע — א מין איבערגאנג, צו בויען רחמנות־קלייזלאך —· בארמהערציגע חברות. ליאד איינער איז געוואָרען א קאָמיטע מאן פון דיזע רחמנות חברה'לעך. מען האָט מעהר ניט געזעהן וויא הימעל, ערד און קאָמי־טע־לייט! אפילו קינדער זיינען געוואָרען קליינע קאָמיטעלאך. ויהי היום, דארף פאסירען דאָס דיזע אלע בארמהערציגע חיים'לאך, האָבען זיך אין א מיטען העלען מיטוואָך דערוואוסט דאָס דיא וועכ־טער פון דיא טהירישע גערטנער וואָס געפינען זיך אין דיא גרויסע שטעדט, קאָרמענען דיא גרויסע שלאנגען דאָרטען, מיט לעבעדיגע טויבען. ווארום שלאנגען, וויא מאנכע שלעכטע מאנסבילען, געפינען פרעטענזיעס אז מען דערלאנגט זיי קאלטע שפייז. זיי בורטשען — א קלאָג נאָך זיי! נון מוז מען דיעזע שלאנגען בעזאָרגען מיט ווארי־מע שפייז און קיין אנדערע זאך געפעהלט ניט דיעזע חברה וויא נור לעבעדיגע טויבען.

דיא צער־בעלי־חיים'לעך אז זיי האָבען דערפון געקריעגען צו הערען האָבען זיי זיך מיט רעכט פערנאנדער געקאָכט. האָבען זיך שרעקליך געבייזערט; און זיי האָבען גערעכט געהאט אויך. ווארום עס איז שוידערהאפט ביז דער העכסטער אָקטאווא צו קאָרמענען שלאנגען מיט לעבעדיגע טויבען; און עס איז ווירקליך שעהן דאָס די־זע חיים'לאך האָבען זיך אָנגענומען דיא קריוודע פון יענע ליעבליכע אונשולדיגע, גוטע טויבען און האָבען זיי געוואָלט בעשיצען דאָס זיי זאָלען ניט קומען צו אזא פינסטערע ענדע. נור וויא קומט עס פונדעסטוועגען, דאָס דיזע זעלבע בארמהערציגע חיים'לעך בילדען ניט חברות און בעשיצען ניט אנדערע ליעבליכע, אונשולדיגע טוי־בען וואָס פאלען אריין אין דיא הענד פון אנדערע שלאנגען, בייזע חיות, טאָג טעגליך, נאכט נעכטליך, יאָהר איין יאָהר אויס, און פערצעהרען דיעזע אונשולדיגע טויבען לאלפים ולרבבות?

דער נביא הושע דריקט זיך אויס איראָניש מיט רעכט אויף

אזעלכע בארעמהערציגע חיים'לאך:— „זבחי אדם עגלים ישקון"— קוילענען מענשען און קושען קעלבער, זאָגט ער. פערהיטען קעץ און הינט און פערד און אפילו טויבען, און בעהאנדלען זייערע ווייבער שלעכט.

דערפאר זאָג איך דער מענש איז א רעטענים און פול מיט קאָנטראסטען, און מען קען זיך אויף איהם ניט פערלאָזען. ער האָט צוואר יא געפיהל און סימפאטיע און וויל דוכט זיך אָבהיטען א געזעץ, נור אָדער עס קומט ביי איהם ארוים קאפריר, אָדער וויא א לאָיער זוכט ער נור צו געפינען פונקטען וויא אזוי ער זאָל עס ניט דארפען אָבהיטען. און דאָס איז אן ענטפער אויף אייער פראגעווארום מענשען האָבען שוין ביז יעצט ניט איינגעזעהן אין דעם אמת און אין דער וויכטיגקייט פון „לא־תרצח". עס איז ניט דארום ווייל עס פעהלט דערין א קלעפּקע, וויא איהר דריקט זיך אויס, זאָנ־דערן דערום ווייל דער מענש איז אין יעדער בעציהונג ווידער־שפּרעכענד און איז איין אדוואָקאט — זוכט נור נאָכאנאנד פונקטען און מיטלען וויא א געזעץ ניט אָבצוהיטען.

א מערקווירדיגע זאך איז צו בעמערקען וויא יעדער זאך האָט איהר בעזאָנדערן מזל. עס וועט ניעמאנד וואגען צו פערלייקענען דאָס דיא פראגע פון „לא־תרצח" איז דיא וויכטיגסטע פון אלע פראַ־געס וואָס ווערען נאָכאנאנד פערטהיידיגט. ווארום עס איז א פראגע וואָס גרייפט אייך אָן דירעקט. איהר אליין עסט א גאטונג שפּייז וואָס איז גרוייזאם, שרעקליך, עקעלהאפט און ניט ריין. איהר וועט ווילענ־דיג ניט שלאָפען אין איין בעט מיט א נעגער, און מיט א זייטל פלייש געווים ניט, און מיט א באריִלקע הערינג אויך ניט, ווארום איהר בע־טראכטעט עס פאר ניט ריין געגוג, און צום סוף נעהמט איהר אריין אלס באָרדער אין זיך א הערינג אלס פאָרשפּייז און אלס צוגאָב א פונט בלוטיגע ביף־סטעק! עס איז אויך א פראגע פון געזונד—עס פיהרט אויך אין דער וועג פון אויסגעלאסענהייט—עס קאָסט אויך זעהר טהייער אוים דעם עקאָנאָמישען שטאנדפונקט—און עס מאכט פון דעם מענשען'ם געפיהלען א תל. ציינט מיר נאָך עפּעס וואָס זאָל אָנמאכען אזא שרעקליכען חורבן און מאכען פון דעם מענשען א חיה־טורפת, וויא פלייש עסען? אפילו שארפע געטרענקע, וואָס

ברענגט אויך דעם מענשען שאדען אָהן א שיעור, ווענדעט זיך אויך געניצליך נור אָן דער פראגע פון פלייש עסען. עסט קיין פלייש און איהר קענט קיין שארפע געטרענקע געניסען; און וויא פיעל צרות מאכען אָן דיעזע צוויי חברה פלייש מיט משקה ווען זיי קומען זיך צוזאמען אין איינעם. זיי צורייצען דיא געבליטען געפעהרליך. עס האָט נאָך ניע פאסירט דאָס איינער זאָל שלאָגען זיין וויב און מער־דערן זיינס א קינד נאכהער ווי ער האָט געגעסען געבראָטענע עפּעל, און נאָך א געריכט פון א בלוטיגען ביף־סטעק מיט ביהר, האָט שוין אזא אונגליק פאסירט ניט איין מאָהל. און דיא פראגע פון טרינקען ווענדעט זיך געניצליך אָן נור אָן דיא פראגע פון פלייש. פון דעסט־וועגען בעטראכטעט וויא פיעל עס ווערט געפּרעדיגט און גערעדט און וויא פיעל געלד עס ווערט פערספּענדעט צו אגיטירען וועגען דיא פראגע פון שכרות, און וועגען דיא פראגע פון „לא־תרצח“ —דיא הויפּט פראגע וואָס גרייפט אָן אזוי נאָהענט, אויב מען זאָל גאָר אפילו ריידען, לאכט מען נאָך גאָר אָב. „משוגע איש הרוח וכל סר מרע משתולל“—דער אלטער געשריי ווען מען זעהט איינעם מיט א העבערען גייסט.

וואָס איז דיא אורזאכע, פרעגט איהר, ווארום מענשען האָבען עס שוין לאנג ניט אָנגענומען אויב עס איז אזא גוטע אָרדנונג? דיא אורזאכע איז איינפאך. ענטוועדער איינער איז דער כפול־שמונה׳דיגער פרעסער, און וועט גיכער אָפּפערן זיין געזונד, זיין מאָראלישען צושטאנד, זיין רוהע און זיין גאנצען וואהלפארט איי־דער ער זאָל פערבייגען דעם פערגעניגענד אפילו פון איין געשמאַ־קען מיטאג—און פון דיעזען זאָרט געפינט איהר אָהן א שיעור פיעל. אָדער ער איז אזוי ארייגגעטאָהן אין פערשיעדענע אונטערנעהמונ־גען וואָס פארנעהמען זיין גאנצען געדאנקען און אומשטענדען לאָזען איהם איינפאך ניט אפילו נאָכצודענקען וועגען דעם, און ער לאָזט זיך געלאסען פיהרען פון זיין געוואָהנהייט און פון זיין „יצר־לב־רע מנעוריו“. אנדערע ווידער טענה׳ן, יענע אלע פריהערדיגע האָבען אזוי לאנג אָבגעלעבט דיא וועלט, טאָ פארוואָס זאָלען זיי יעצט ווע־רען קליגער וויא „תרח“. דיא לשם־שמים׳דיגע אכלער׳ס האָבען זיך זייער איינענעם תירוץ — זייער רעליגיאָן ערלויבט עס זיי, בעהויפּ־

טען זיי. איי דיא זעלבע רעליגיאָן הייסט אויך טאָהן אנדערע זאכען וויכטעגערע, וועלכע זיי זיינען מחלל יעדען טאָג—דאָס גראדע הארט זיי ניט. אבי עס האָט זיי צוגעטראָפען וויא זיי מיינען—פאלש, מיט דער אכילה, האלטען זיי דאָס הייליג—און זיא צוהרגעט א לעבעדיגען פיש און זיא זאָגט זיא „מאכט שבת"! און ער מאכט קידוש אויף א רוב כוס און עסט „בשר ודגים וכל מטעמים" און איז שוין אויך יוצא—האָט שוין אויך אָבגעהיט שבת גענוג!

אויסער דעם מוז מען מודה זיין דאָס נאָך אלעמען איז דיא שרעקליכע געוואָהנהייט פון עסען פלייש, ניט אזוי לייכט אָבצו־ברעכען וויא מאנכע קענען אויבערפלעכליך מיינען—איבערהויפט נאָך ווען דער כאראקטער און ווילען זיינען שוואך, און פון דעם צוקראָכענעם זאָרט. ווארום דיא ארומיגע מענשען, יעדערער מיט א דעה, יעדרער מיט א מיינונג, יעדערער מיט א וויץ פארווארפען מיט עצות. קענען זיך אליין ניט העלפען מיט א עצה, נור וויא דיא געלעגענהייט ערלויבט זיי, פאנגען זיי באלד אָן אָן צו באָמבארדירען מיט עצות אויף אנדערע. לאכען אָב, מאכען דעם טויט און לעגען אוים א ניט גוטען סוף. זיי אליין האָבען א מאָהל איינעם געקענט, זאָגען זיי, וואָס איז געשטאָרבען פון ניט עסען פלייש. אי, טויזענ דער שטארבען אלע טאָג פון יא עסען פלייש — דאָס דערצעהלען זיי דוקא ניט.

און מען מוז אויך מודה זיין דאָס צו לעבען וועגעטעריאניש איז נאָך דערווייל ניט איבריגענס בעקוועם. מען געפינט זיך גע־הינדערט אויף יעדער שריט און טריט. אין דער פרעמד איז גאָר שלעכט — און אין דערהיים איז עס אויך ניט איבריגענס אנגע־נעהם. ווארום מייסטענס שטימען ניט איין דיא הויז־לייט, און אלע טאָג געפינט איהר צו מיטאָג בעבלאך, צו סאפער בעבלאך — הימעל ערד און בעבלאך! ביז עס ווערט איינפאך מיאוס פארן לעבען. אָט געהט מען גאָר אויף א שמחה, למשל. אלע ארום און ארום לעבען א גוטען טאָג, און דער איין וועגעטעריאנער אויסערדעם וואָס ע־ קען גאָר ניט געניסען, ווערען נאָך זיינע יאָהרען פערקירצט מיט דיא „חאָמכעס" וואָס דער עולם באָמבארדירט אויף זיין רעכנונג. חברה פאנגען אָן צו קלעהרן וואָס דער וועגעטעריאנער קען עסען. נאָך פיל

קלעהרען, נאָך פיעל צוקראָכענע, צופוילטע וויצען, פערבלייבט ענדליך ביין גאנצען עולם אז עס איז ניטאָ וואָס צו עסען פאר דעם וועגעטעריאנער אויסער שוה־וואכס, טשור־טאָבעקא און טשוועקעס.

„און אויך שטרוי און היי“, וויצעלט זיך נאָך א חכם און פלאצט אזש פון געלעכטער.

באלד דערלאנגט מען צום טיש געריכטען וואָס פארנעהמען זיין אָטהעם, און ער פאלט באלד אריין אין חלשות אוים זיסקייט ווען ער שמעקט דעם אנגענעהמען ריך פון דיא מאכלים מיט וועלכע ער איז איינגעוואָהנט פון דער יוגענד, און וועלכע צו רייצען ניט איין מאָהל זיין אפעטיט ביז עס וו ערט אונערטרעגליך. ווארום דיא אראָמא פון פריש געבראָטענע פליישיגע מאכלים, ווירקט מערק־ווירדיג אנגענעהם אויף דעם מענשען׳ס חושהריח. מען מוז ווירק־ליך האָבען א זעהר פעסטען כאראקטער צו בעזיעגען דיא קראפט פון דיעזען ריח * דיעזע און אנדערע אזעלכע אורזאכען לאָזען איינ־פאך ניט צו אז דיא וואהרהייט פון דער וועגעטעריאנישע לעהרע זאָל אזוי לייכט זיעגען.

א זעהר לאנגע צייט מוז נאָך דערפאר נעהמען, און אומשטענ־דען מוזען ענדליך ברענגען דערצו דאָס דיעזע בארמהערציגע וואהר־הייט זאָל אָנפאנגען צו טראָגען פרוכט.

א פעסטער — ניט צוקראָכענער כאראקטער פאָרדערט היינט צו ווערען א וועגעטעריאנער, נור איך האָף דאָס אזעלכע געפינען זיך נאָך צווישען דעם „עם קשי־עורף;“ און דיעזע וועלען מסתמא זיין דיא ערשטע —וויא געוועהנליך אין אלעס, איינצוזעהן דעם אמת

---

* איך רעכען אז דער אנגענעהמער ריח פון געבראָטענע פלייש איז טאקי דיא אורזאכע וואָס האט דיא ערשטע מענשען בעוואָגען אין גאנצען אָנצופאנגען צו עסען פלייש. „ותמלא הארץ חמס“— און דיא וועלט איז געוואָרען אָנגעפילט מיט רויב, דערצעהלט דער פסוק. קיין צווייפעל האָט עס פערארורזאכט וואָס מענשען האָבען אָנגעפאנגען פלייש צו עסען. אויב איך מאך ניט א מיסטייק געפינט זיך אירגענדוואו א מדרש וואָס מאכט דיא זעלבע בעהויפטונג. דיע־זער גרויזאמער טהאט האָט אויפגערייצט דיא נאטור, און דער מבול

פון דיעזער נאָבעלער לעהרע—דיא לעהרע פון „לא־תרצח". זיי וועלען מסתמא פריהער פאר אלעמען אָננעהמען דיא ערהאבענע סיסטעמע—דיא סיסטעמע פון „לעב און לאָז לעבען"; און דאן— און ניט ביז דאן, וועט דיא לאגע פון דער מענשהייט, וואָס אָנבעלאנגט געזונד, צופריעדענהייט, א גלייכער פערשטאנד און א לאנגען לעבען, זיין געזיכערט.

קאפיטעל 5.

„—באלד נאָך דעם וויא איך האָב געלעזען אייערע שריפטען, בין איך תיכף געוואָרען א וועגעטעריאנער", שרייבט נאָך א שלאק. „האָב איך אָבער א פלונית'טע וועלכע איז א געפעהרליכע שטיקעל סחורה—א כלאפטע 18 דיא פראָבע—זיא וואכסט א שוויגער; און דיעזע בחור'טע—זאָל איהר חאפען דער רוח, האָט מיר אָנגעהויבען אויסצוטהיילען צרות דערמיט וואָס זיא פלעגט פאר מיר בכיון נאָכאנאנד קאָכען האָבער גריץ—האָבער גריץ איז ניט מעהר וויא האָבער־גריץ. איך האָב אָנגעהייבען צו בורטשען, שטארק צו פראָ־

איז געקומען. נאָך דעם מבול, ווען נח האָט געבראכט א קרבן, דערצעהלט דיא תורה פאָלגענדעס:

„וירח ה' את ריח הנחח"—און גאָט האָט געשמעקט דעם אנגענעהמען ריח—און ער האָט בעשלאָסען ניט מעהר צו פערדאמען דיא ערד וועגען דיא שלעכטע אויפפיהרונג פון מענשען. דאָס הייסט גאָט האָט זיך איבערצייגט דאָס דער ריח פון געבראָטענע פלייש האָט אזא רייצענדע ווירקונג אויף דעם „יצר לב האדם רע"—אויף דיא ניעדעריגע נייגונג פון מענשען, דאָס עס איז איינפאך שווער פאר איהם פון פלייש עסען זיך צוריק צו האלטען. ווארום טאקע באלד נאָך דעם, זוכט שוין גאָר דיא תורה אליין מיטלען וויא אזוי דיזע גרויזאמע שפייז מתיר צו מאכען. ווארום נאָך אלעמען איז דאָך דיא תורה געגעבען געוואָרען פאָר מענשען, ניט פיר מלאכים. עס ערלויבט שוין פלייש נאכהער, נור וועניגסטענס עסט שוין חאָטש דאָס בלוט ניט „אך בשר בנפשו דמו לא תאכלו", בעט זיך שוין נאכהער דיא תורה.

טעססירען און זיא האָט מיר איין מאָהל צוליעב געטאָהן און האָט פאר מיר איין מאָהל געקאָכט עפּעס א מין געריכט צוזאמען געמישט פון ציבעלעס, קרויט און ברוק—אייערע מאכלים. נור וויא איך בין אין שטוב אריין האָט מיר דער ריח פון דיעזען מאכל דערלאנגט אזא זעץ אין נאָז דאָס איך בין באלד אומגעפאלען. יעצט וויים איך שוין גאָר ניט וואָס צו טאָהן. קען מעהר קיין פלייש עסען, און קיין אנדער זאך וויא האָבער גריץ און יענעם מאכל פון דיא ציבעלעס קען איך ניט פועלן ביי מיין בחור'טע צו מאכען. בין דאדורך אוים מענש. ביטע געפעליגסט מיר צו געבען א עצה וויא זיך ארוים צו העלפען פון דער קלאָגעדיגער בלאָטע וואו איהר האָט מיר געלאדען צו פערקריכען. הויפּזעכליך זאָלט איהר מוחל זיין צו זעהן דאָס אין אייער עצה זאָל זיך ניט געפינען האָבען גריץ מיט ציבעלעס, ווארום איך האָב ניט נור זיי אליין פיינט, נור אפילו דעם זאק וואו זיי קומען פערפאקט קען איך שוין אויך ניט אָנזעהען פאר דיא אויגען; און דעם פארמער וואָס פּראָדוצירט זיי בין איך אויך א דם שונא; און איך וואָלט געוואונשען איך זאָל איהם ווען עס איז קריעגען אליין אין א ווינקעל ערגעץ נעבען דעם ים. איך וואָלט איהם פריהער אלס א פּאָרשפּייז געקיצעלט ביז צום טוידט, און נאכהער וואָלט איך איהם אריין געוואָרפען אין ים אָהנע זיך פיעל מיישב צו זיין; און אויב מען וואָלט מיר נאכהער וועגען דעם פּאָרגעהאלטען וואָלט איך אָבגעשוואָרען מיט טוידטע שבועות און וואָלט געזאָגט דאָס איך וויים גאָר ניט פון וואָס צו זאָגען—דאָס וואָלט איך געהאט געטאָהן, און אויב איהר וואָלט מיטגעשפּיערט מיינע צרות וואָס איך האָב פון דיא פערדאמטע האָבער גריץ מיט דיא ציבעלעס וואָלט איהר אליין געזאָגט דאָס איך האָב רעכט, און וואָלט מיר נאָך אליין מיטגעהאָל־פען צו קיצלען דעם פארמער—"

ענטפער:— פון אייזען דארף מען זיין אויסצוהאלטען פון אלעמען. מען דארף האָבען מיט דיא לייט געדולד פון א מלמד. „לא חמור אחד מהם נשאתי"—ניט איין אייזעל פון זיי האָב איך אריבער געטראָגען, אָהנע זיך צו בעקלאָגען; נור לעצטענס האָבען זיך חברה צו־לאָזען און קומען מיט פראגעס און מיט פרעטענזי־עס אזוי געדיכט וויא צרות. נור ענטפערן מוז מען, ווייל דיא טענות

אין אזעלכע פראגעס זיינען גערעכטע. איך פיהל און שפיהר דיא פערלעגענהייט פון אלע אזעלכע וועלכע האָבען יא דיא קראפט צו דענקען און דעם אינסטינקט צו פיהלען וואָס עס איז רעכט און וואָס ניט, נור זייער תאוה נאָך טהירישע שפייז, אָדער זייער געוואָהנהייט ברעכט איבער יענע קראפט פון דענקען און פערניכטעט יענעם אינ־סטינקט צו פיהלען. וועל דערפאר יענעם לץ ענטפערן :—

ערשטענס קום איך אייך מודיע צו זיין דאָס אייער פאָרשלאַג מכח אייער בחור'טע, אין אָנפאנג פון אייער בריעף דאָס דער רוח זאָל איהר נעהמען, אונטערשטיץ איך מיט'ן גאנצען הארצען. האָף נור דאָס עס זאָל געשעהן אין גיכען, אום רשעים זאָלען זעהן אז א וועלט איז נאָך אלעמען ניט הפקר.

והשנית קום איך אייך מודיע צו זיין דאָס איך האָב געווארט אויף אייך—גוט וואָס איהר זיינט אָנגעקומען. האָב זעהר גערן זיך צו בעגעגנען מיט אזא חברה מאן וויא איהר זיינט. קוועל פשוט אָן, ווארום איך האָב זעהר ליעב דיא פאנטאָפעל חברה וואָס ציטערן און פלאטערן פאר א ספּאָדניצע—חאלש נאָך זיי—געה איינפאך אוים נאָך זיי. א ליכטיגען גן עדן זאָלען נור אזעלכע לייט האָבען—במהרה אמן!

אין דיא אלטע צייטען איז א מאן געווען א מאן—א וואָרט הייליג—א בעשלום פעסט. קוים האָט נור עפּעס איינער בעשלאָסען—קוים האָט ער נור עפּעס ארויסגערעדט א וואָרט, דאן האָט עס זיך זאָגאר געמעגט האנדלען אפילו וועגען אָפּפערן א קינד, און ער האָט זיין וואָרט ניט געצווינגען צוריק—און יפתח האָט אויך געהאט א ווייב! ווארום אלע מיינע לאנדסלייטע האָבען מאמעס און געווים האָט דאָך יפתח'ס טאָכטער, אויך געהאט א מאמען. היינט אָבער בעונתינו הרבים—אין היינטיגע צייטען פון צוקראָכענע העלדיש־קייט, ווען איינער בעטראכטעט זיך פאר א געוואלדיגען העלד—פאר א גרויסען וואָרטס־מאן, ווען ער קען אויסהאלטען אָ נדר פון ניט צו רויכען א לוילקע א גאנצע וואָך צייט—אין היינטיגע צייטען פון צוקראָכענע גבורים וועלכע לאָזען זיך פיהרען און רעגיערען ניט נור פון א ספּאָדניצע אליין, זאָנדערן אפילו פון דעם דאמסקען שניי־דער וואָס מאכט דיא ספּאָדניצע—אין היינטיגע צייטען פון קיט־

געב׳יטע העלדען מיט א כאראקטערעל אזוי גרויס וויא א מילבעלע, איז גאָר אייגענטליך אומזיסט דאָס מען רעדט גאָר ארום אזא טהע־מא וויא דיא וועגעטעריאנישע. ווארום קוים שטימט ניט איין דיא ספּאָ־ניצע, איז פערפאלען—און באסטא!

דערפאר קומט אויס צו ענטפערן אויף אייער פראגע וואָס איהר זאָלט יעצט עסען, דאָס איהר זאָלט מוחל זיין און עסען שטרוי, היי, ציימענוויין אויך א ביסעל האָבער— נור ניט צו פיעל, ווא־רום עס קען אייך נאָך שאדען, אזוי וויא אנדערע פערד. איבריגענס זאָגט איהר דאָך איהר ווילט קיין האָבער. טאָ עסט אלזאָ שטרוי אליין.

דער טיש געגרייט אין דער נאטור פאר דעם מענשען, איז בעלאדען מיט אלס דאָס גוטס, און בענעטהיגט זיך ניט אין דער היל־פע פון א ספּאָדניצע אזוי פיעל וויא איהר מיינט. אויב דער מענש וואָלט נור וויסען וויא קליין און פּראָסט ער קען מאכען זיינע בע־דירפניסע, און וויא לייכט און גרינג ער קען דיעזע בעהויפּטען, דאן וואָלט ער ניט געדארפט זיך אימער פערלאָזען אויף דיא קאפריזען פון א פלונית׳טע מיט א פערדרעהעטען קאָפּ וואָס וויל ניט נאָכגעבען —גלאט אזוי אין דער וועלט אריין אָהן א פארוואָס.

עס איז צוואר אמת דאָס דער ריח פון פריש געבראָטענע פלייש און פון פריש געקאָכטען פיש איז ווירקליך מעהר אנגענעהם און ווירקט בעזאָנדערס בעסער אויף דעם חוש־הריח וויא ברוט, ציבעלעס און קרויט. נור עס איז לעכערליך און איין עולה צו בעהויפּטען דאָס דערפאר וואָס א געוויסע זאך ריכט אנגענעהם דאָס מען דארף עס עסען. ווארום אויב אזא טענה וואָלט געוועזן א ריכטיגע, וואָלטען דאָך אויך דיא קאניבאלען געהאט רעכט. ווארום דיעזע חברה בע־הויפּטען דאָך אויך דאָס אפילו א מיסיאָנער מיט א בערדעל געקאָכט מיט קארטאָפּלעס איז א גאנץ געשמאקער מאכל. עס גיעבט פיעלעס וואָס ריכט בעזאָנדערס אנגענעהם וועןעס ווערט פערפערטיגט און דאָך איז עס פון דעסטוועגען ניט בעשטימט אלס שפּייז פארן מענ־שען. געשמארטע לעבער, למשל, ריכט אנגענעהם; קארשען דאגעגען ריכען גאָר ניט. פון דעסטוועגען וועט איין אידיאָט זיין דער יעניגער וואָס וועט וואגען צו מאכען דיא בעהויפּטונג דאָס דיא אומגעלומ־

פּערטע לעבער איז בעסער פאַרן מענשען אלס שפּייז וויא דיא איי־דעלע קארשען וואָס ווירקען אזוי ליעבליך, אזוי אנגענעהם און וואָס טהוען אויף אזוי פיעל גוטעס אין דער מענשליכער געביידע.

א געוויסע פּוילישע אקטריצע וויית און ברייט בעקאַנט, האָט קירצליך פאר א צייטונג געשילדערט אין וואָס עס בעשטעהט איהר שפּייז־קאַרטע. איינע פון איהרע ליעבלינגס דעליקאַטעסען וואָס איהר געפעהלט אם בעסטען איז זוּיער־קרויט געקאָכט צוזאַמען מיט דעם עק פון א שוויין.

דער עק פון א שוויין איז געבויט אויף דעם זעלבען שניט וויא דער עק פון א ראַטע. אייגענטליך איז גאָר טאַקי דער גאַנצער חזיר געבויט אויף דעם זעלבען שניט וויא א ראַטע. און דער עק פון אזא עקעלהאַפטע בריאה איז ביי איהר א ליעבלינג דעלעקאַט. אז מען האָט איהר געפרעגט וויא אזוי זיא קען עסען אזא מין זאָרט געריכט און נאָך מיט נייגיערדע דערצו, האָט זיא געענטפערט וויא יענער חברה־מאַן—יענער אידישער שרייבער גוט בעקאַנט אין דער לי־טעראַרישער פעלד ווען ער האָט א מאָהל געאָרדערט „פּאָרק־טשאַפּס", שוויין קאָטלעטען, אין מיין געגענוואַרט, וויא אויך אין דיעזע פון נאָך צוויי אנדערע אידען ; און ווען איינער פון אונז האָט איהם געמאַכט פאָרוואורפע און האָט איהם געפרעגט וויא אזוי א איד קען אזא עקעלהאַפטע שפּייז עסען, האָט ער געענטפערט מיט זיין רעכטע האַנד אויף דער ברוסט :—

„אזא יאָהר אויף מיר וויא געשמאַק עס איז".

* * *

נאָר דיא טענה איז איבערהויפּט גאָר אין גאַנצען א פאַלשע. דער ריח פון דיא מייסטע פרוכט איז גאָר פאַסט אימער אנגענעהם. איין יעדער זאָרט גיבט פון זיך ארוים א ליבליכע אראָמאַ. וואָס איז נאָך אזוי ליבליך און אזוי אנגענעהם וויא דער ריח פון געבראָטענע עפּעל ? אפילו דער ריח פון צוויבעל איז אויך אנגענעהם. עס ווערט דאָך בכיון דערפאַר בענוצט צו קאָכען פלייש. דער ריח פון קרויט איז אויך ניט ווידעריג און דער ריח פון ברוק איז אויך ניט אונאנגע־נעהם.

עסען פאר דעם מענשען איז אָבער ניט בעשאַפען געוואָרען

ווייל עס ריכט אנגענעהם, אָדער ווייל עס איז געשמאק, זאָנדערן דערפאר ווייל עס איז נעטהיג. חלה איז ניט געשמאק—וואסער איז ניט געשמאק— זיי זיינען אָבער נעטהיג. נור איך מיין אָבער דער־מיט ניט צו בעהויפּטען דאָס דער מענש זאָל ניט האָבען הנאה פון זיין עסען. אדרבה, וואָס געשמאקער און וואָס מעהר הנאה איינער קען האָבען פון עסען זאָל ער עס זעהן אויספיהרען. נור הערינג איז אָבער ניט געשמאקער וויא מאנדלען, און פון פיש קען מען ניט האָ־בען מעהר הנאה וויא פון איין פּאָמעראנץ. דיא צרה איז נור דאָ מענ־שען גיבען זיך יעצט ניט אָב מיט וועגעטעריאנישע שפּייז. זיי מיי־נען אלע דאָס נור אוים האָבער־גריץ, בעבלאך, קרויט, ציבעלע, ברוק, בעשטעהט דיא וועגעטעריאנישע שפּייז קארטע. אויב מענ־שען וואָלטען זיך אזוי אָבגעגעבען מיט וועגעטעריאנישע שפּייז וויא זיי גיבען זיך אָב מיט בר־מנן געריכטען, דאן וואָלטען זיי געקענט פערפערטיגען דיא געשמאקסטע מאכלים פון תבואה, פון ניס, פון פרוכט.

דיא אלגעמיינע מיינונג פון עולם דאָס אין וועגעטעריאנישע מאכלים געפינט זיך קיין טעם, איז ניט נור פאלש, זאָנדערן עס ליעגט דערין עפּעס אזא מין צולאָזענהייט, אזא מין פערדאמטע אויסגעלאסענהייט וועלכע איז אונפערצייליך. מיינט אין דער ווירק־ליכקייט אירגענד וועלכער א פרעסער צו בעהויפּטען דאָס דערפאר וואָס ער האָט שוין פערלאָרען זיין איידעלען געשמאק, און זיין גו־מען איז שוין פערקריפּעלט אזוי דאָס עס קען שוין פערטראָגען אפילו טשור־טאָבאקאָ — מיינט אזא איינער ווירקליך צו בעהויפּטען דאָס יאגדעס און מאלינעס, און קארשען און וויינפּערלעך, עפּעל און בארנעס, פּיטשעס און פלוימען, אפּעלצינען און אפּריקאטען, טרוי־בען און ראָזינען, טייטלען און פייגען, באנאנאס און פּאין־אפּעל, מאנדלען און אלערליי זאָרטען ניס, מעלאָנען און אלערליי זאָרטען קירבען, פערשיעדענע קערנער, אלערליי זאָרטען געטריידע און פער־שיעדענע גאטונגען גרינוואָרג—דאָס דיעזע אלע פערשיעדענע פרוכט און פיעלע אנדערע צו פיעל אויסצורעכנען, דאָס דיעזע אלע האָבען שוין גאָר קיין טעם, קיין געשמאק, קיין ווערדע אלס שפּייז, און דאָס נור געפּגר'טע פיש אָנגעפילט פול מיט זאלץ און מיט פּע־

פער, און געמערדערטע בר־מנן, הערינג, וואורשט און לימבורגער קעז — דאָס נור דיעזע און אזעלכע דעליקאטען מאכען דעם לעבען פון מענשען אנגענעהם און דאָס נור דיעזע אונגליקליכע שפייז האָט דיא נאטור פעראָרדענט אלס שפייז פאר דעם מענשען? טראכט, קלעהרט, דענקט, און נאכהער וועט איהר שוין אליין זעהן אָהן א שפעקטיוו דאָס דיא אורזאכע ווארום מען לאָזט אייך און אלע אנדערע וואָס דענקען אזוי ארום געהן פריי און פראנק אין דיא גאסען, איז וייל עס איז ניטאָ גענוג שטריק.

פליישיגע שפייז שפיעלט נור א ראָלע ביין עסער פארן עסען, נאָכ'ן עסען איז עס איהם פאסט אימער א לאסט. ווארום אבי נור דער הונגער איז געזעטיגט, דאן וואָס איינפאכער א מאכל, איז עס אלס בעסער פאר דער מענשליכער געביידע. ווארום קוים איז נור שפייז פערביי געפאָהרען דעם גוימען, דאן ווייסען ניט מעהר דיא אנדערע אָרגאנען וויא צו שעצען בכבוד אפילו דיא געשמאקסטע מאכלים. קוים האָט עס דער גוימען פערזוכט און האָט עס פון זיך אָבגעשיקט וואו עס בעלאנגט דאן ווערען אלע זאָרטען שפייז בעהאנדעלט אגאל. דער איינציגער אונטרשיעד איז נור, דאָס אָנשטאט וואָס אין דער מענשליכער לאבאראטאָריום, אין דער מענשליכער פעקטאָריע, ווערען איינפאכע מאכלים גיך און שנעל בעזאָרגט און טראנספאָרטירט וואו זיי בעלאנגען, ווערען דאגעגען רייכע צוזאמענגעמישטע שפייז אָבגעהאלטען ביין גרענעץ און גוט אונטערזוכט צו זעהן אויב עס איז ניט אָפּטמאָהל „טריפה סחורה“. א ספעציעלער „מאסענפערזאמלונג“ ווערט אָבגעהאלטען אין אזא פאל ביי דיא פערשיעדענע אָרגאנען אין מאָגען, אום זיך ערשטענס צו בעראטהען און צו דערגעהן וואָס דיא מערקווירדיגע ניט נאטירליכע צוזאמענמישענים איז; און צווייטענס פאר וואָס דאָס פאסט; און צו זאָרטירען און עס צושיקען וואו יעדער זאך בעלאנגט—ווארום יעדר זאך האָט איהר בעזונדערע אייגענשאפט און ווירקונג. דיעזע אללע זאכען אויסצוגעפינען איז ניט א גרינגע אויפגאבע—וויל אין מאָגען, וויא אייך איז פיליכט בעקאנט געפינען זיך קיינע פענסטער און עס איז דארטען דערפאר אימער פינסטער, און זיי קענען דאָרטען דערפאר ניט

דערגעהן אויף קלאָהר דיא אלע זאכען, און עס פאסירט דערפאר מעהר וויא אָפט דאָס זיי זיינען זיך פון דיעזע צוזאמען מישענים גאָר מייאש—גיבען עס אפילו אָפט קיין פאספאָרט—און דאן איז א מיאוסער עסק! דאָס איז אָפט די אורזאכע ווארום איהר זעהט אין דיא רייכע גאסען וויא עס פאָהרען ארום גיך און וויא עס פלי־הען געשווינד קארעטעס, אז איהר זעהט וויא דיעזע קארעטעס פליהען אין גרוים היילעניש, מיינט איהר דאָך געוויס דאָס דיא לייט וואָס זיצען זיך בדייטליך אויסגעשפרייט, פאָהרען מסתמא שפאציערען אין פארק—און איהר זייט זיי שוין געווים מקנא; און אייך פערדריסט שוין מסתמא פאר וואָס איהר זיצט נעבאך אויך ניט אזוי ברייטלאך אויסגעשפרייט אין א קארעטע און פליהט אויך ניט שפאצירען. נור עס איז אין גאנצען א מיסטייק—יענע לייט איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין—דאָס לויפען שוין נעבאך דיעזע חברה, ניט פאר אייך געדאכט, אויף גרויסע צרות — צו א דאָקטאָר נאָך א פאספאָרט פליהען זיי שוין נעבאך. אז אָך און וועה נעבאך צו זיי!

קאפיטעל 6.

„—דיא נייגונג וואָס דער מענש האָט צו פלייש, בעוויזט דאָס דער מענש איז געבאָרען צו עסען פלייש“, שרייבט נאָך איינער.

ענטפער:— אקוראט וויא מענשען וואָלטען ניט געהאט נאָך א שטארקערע נייגונג צו שנאפס, טשור־טאָבאקאָ און אלע אנדערע אזעלכע „נייגונגען“ וואָס זיינען מעהר וויא אָפט וואהרע סם המות פאר איהם. און קען מען אָנרופען אזא נייגונג א געבאָרענער און נאַ־טירליכער אינסטינקט?

דיא נייגונג צו עסען פלייש איז ביי מענשען ניט געבאָרען— עס ווערט שפעטער ענטוויקעלט דורך געוואָהנהייט. האָב א מאָהל ביינעוואָהנט אין דער הויז פון א בעקאנטען ווי מען האָט דערלאנגט צום טיש געבראָטענע הערינג פערפערטיגט במנהג אשכנז אין פו־טער און צוויבעל. דיא עלטערע מענשען האָבען פון דיעזען געריכט גענעסען מיט גרוים נייגירדע. דאָס אינגסטע קינד אָבער האָט זיך שטארק פערקרימט נאכהער וויא זיא האָט דערפון בלויז איין שטי־

קעל געגעסען און האָט עס אָהנע צערעמאָניעס פון זיך אָבגעשטופּט. דיא מאמע האָט עס דערזעהן און איז געוואָרען אין כעס.

„ווארום עסט עס ניט?" האָט זיא געשריען וויא א חזן.

„גליידך עס ניט", האָט דאָס קינד געענטפערט.

„גלייכסט עס ניט", האָט דיא מאמע געשריען בקול רם, „וואָס מיינסטו איך וועל דיר אפשר קאָרמענען אויף קענדי? עס דיא הערינג ווארום איך ממית דיר אויף דער שטעלע!"

„לאָז דאָס קינד צופריעדען", האָט דער טאטע זיך אריינגע־מישט. „דיא הערינג האָט טאקי ביכולת ארונטער צו ברענען דעם דאַך פון מויל, אזוי שרעקליך זאלציג און שארף געווירצט אין פע־פער איז עס":

„נו, איז שוין א וואונדער וואָס דיא קינדער זיינען צולאָזען?" האָט זיך דיא חזן'טע פערנאנדער געלאָזען אָבצוגעבען קאָנצערט, און האָט יעצט דעם מאן מכבד געווען מיט א פּאָרציע.דאָס קינד איז דעם מאָהל ניצול געוואָרען, נור וויא לאנג קען עס אָבער א קינד זיין אזוי דרייסט און ניט נאכגיביג אונטער דעם יאָך פון אזא קאפּ־ריזנע מאמע? נאָך א פּאָאר אזעלכע דרשות, וועט שוין דאָס קינד ניט וואגען אוועק צו שטופּען פון זיך מיט פעראכטונג א מאכל וואָס איהר איז נאטירליך ווידריג, און דער סוף ווערט דאָס עס געוואָהנט זיך ענדליך איין צו ווילדע שפּייז. עס האָט אלזאָ גאָר ניט צו טאָהן מיט אינסטינקט אָדער נאטירליכע נייגונג וויא איהר בעהויפּטעט.

נור דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, דאָס וועהרענד דיא גע־וואָהנהייט פון פליישׁ עסען איז דוכט זיך שוין געוואָרען דיא צווייטע נאטור; און מענשען מיינען דאָס אנדערש קען מען שוין גאָר ניט אויסקומען ווי צו עסען פליישׁ; און אין דער ווירקליכקייט ווערט טאקי יעדער אייגענשאפט, יעדער געוואָהנהייט וואָס געהט איבער פון עלטערן צו קינדער איין אייביגע ירושה; און עס האָט שוין טאקע געדארפט ווערען דאָס דער מענש זאָל שוין יעצט זיין אויס אינס־טינקט א נאטירליכער פליישׁ עסער—ביי אלעם דעם האָט דער מענש אויס אינסטינקט א נייגונג נור צו פרוכט און זיין ערשטער פערלאנג איז ניט פליישׁ. א קינד איידער עס געוואָהנט זיך איין, עסט פרוכט און זיסע זאכען מיט מעהר נייגירדע וויא פליישׁ; און ווען איינער

הערט אויף גענצליך צו עסען פלייש, אפילו שוין שפעט אין לעבען, און לעבט כסדר עטליכע יאָהר אויף נאטירליכע שפייז, קען ער זיך נאכהער ניט אבוואונדערן גענוג וויא אזוי ער האָט א מאָהל גאָר געפועלט ביי זיך צו עסען פון דעם טוידטען קערפער פון א געמערדע־טע בעשעפענים. דיא נאטירליכע נייגונג אונטער אזעלכע אומשטענ־דען קריעגט דיא אויבערמאכט איבער דיא געוואָהנהייט, און דער מענש אין איהם ערקלעהרט זיך ווידער און פערניכטעט אין זיך דיא חיה וועלכע ער האָט אין זיך ערצויגען דורך געוואָהנהייט.

ניין, עס איז פּאָזיטיוו ניט א נאטירליכע נייגונג, זאָנדערן א געוואָהנהייט. א נאטירליכע נייגונג צו עסען מויז, האָט נור דיא קאַץ; צו עסען שעפס האָט נור דער וואָלף. דער מענש אָבער האָט ניט אזא נאטירליכע נייגונג. דער מענש וועט ניט קוקען אויף א בהמה וועהרענד עס לעבט און זיך פארשטעלען אין זיין געדאנקען וואָס פאַר א גוטען ביף־סטעק ער קען דערפון האָבען; און וועט זיך אויף דער שטעלע צו כאפען דערצו מיט נייגירדע און עס פערצוקען—וויא א וואָלף וועט טאָהן מיט א שעפס. דער מענש האָט נור א נייגונג צו פלייש דאן ווען עס איז שעהן סערווירט און זעהט ניט מעהר אויס וויא פלייש—ווען עס איז געקאָכט, געשמארט, געבראָטען. פּרובירט אָבער איינעם אריינפיהרען אין א שלאכט הויז, און דאָר־טען אויף דער שטעלע וואו דיא בהמה איז ערמאָרדעט געוואָרען, פּרובירט איהם דאן צו געבען א שטיק פלייש דערפון און עס וועט זיך ניט געפינען איינער אין הונדערט טויזענד וואָס זאָל דאָס טאָהן —סיידען אויף א וועט, אָדער אויסצופיהרען איין אמביציע. זיין נאַ־טירליכע נייגונג, זיין מענשליכער אינסטינקט וועט איהם דיקטירען צו האָבען אבשיי צו טאָהן אזא זאך. וועהרענד אין א וויינגאָרטען אָדער אין א פרוכט סטאָר וועט יא דער מענש אינסטינקט מעסיג פערזוכען און עסען פון דיא פרוכט אויף דער שטעלע.

* * *

„—וואָס וועט מען טאָהן אין א מלחמה — קאָרמענען סאָלדאַ־טען מיט אפּעלסינען און מאנדלען פיללייכט?“ פרעגט נאָך איינער. ענטפער:— געוויס, וויא דען? מיט וואָס מיין הארר האָט

איהר בדעה צו קאָרמענען סאָלדאטען אין א מלחמה — מיט געפּרע־געלטע קרעפּלאך און שאמפּאניער פּילייכט, א קשיא אויף א מעשה!

אין ליעבע און אין מלחמה איז אלעס ערלויבט, זאָגט דער עולם א ווערטעל. נור אויב „איינגעבאלזאמירטע“ בר־מנן איז נעט־היג פאר אזעלכע וואָס געהן אין מלחמה צו מאָרדען, אָדער ערמאָר־דעט צו ווערן, איז נאָך דערפאר ניט געדרונגען דאָס אזא ארט שפּייז איז אויך נעטהיג און פּאסיג פאר רוהיגע מענשען וועלכע פיהלען, דענקען און ווילען לעבען.

עס איז גאנץ מעגליך דאָס פליישׁ וועט דעם סאָלדאט בעזאָרגען מיט מעהר פון דיא ברוטאלישע קראפט נעטהיג אויף דער שלאכט פעלד, וויא א געבלעטערטער קוגעל, נור וואצו דארף דער געלאסענער מענש דיעזען ווילדען קוראזש, דיעזע אוננאטירליכע קראפט וואָס איז נעטהיג דעם סאָלדאט אין א מלחמה? עס איז גאנץ מעגליך דאָב ראָזשינקעס מיט מאנדלען איז קיין פּאסענדע שפּייז פאר פערד גנבים—נור מיינערטוועגען קענען זיך געפינען וועניגער פרע־זידענטען פון חברות.

* * *

„—וואצו אלזאָ זיינען אָכסען, שעפּסען, עופות, אין גאנצען בע־שאפען אויב ניט צוליעב שפּייז פארן מענשען?“ פרעגט שוין וויע־דער איינער.

ענטפער:—קיין מאָהל זעהט דער מענש אוים אזוי נאריש און לעכערליך וויא דאן ווען ער זאָגט דאָס אלעס אויף דער וועלט איז נור בעשאפען געוואָרען צוליעב איהם פאר זיין שפּייז, פאר זיין קליידונג, פאר זיין פערגעניגענד. עס עקזיסטירען פּלאנעטען אָהן א צאָהל, עס לעבען חיות, עופות און פיש אזעלכע וואָס דער מענש האָט נאָך מיט זיי אפילו קיין בעקאנטשאפט געמאכט; און אלעס, מיינט דער נארישער מענש, איז בלויז בעשאפען געוואָרען נור פאר זיין געברויך—אלס שכר, אלס בעלאָהנונג דערפאר וואָס ער קען פערקויפען קנעפּלאך און קען פאבריצירען „קניע פּענטס“.

לעבעדיגע בעשעפינסע ציהען לעבען פון דער זעלבער קוועלע וויא מיר אלע; און זיי האָבען דערפאר א רעכט צו לעבען וויא מיר

אלע. כל־זמן זיי שטעהען אונז ניט אין וועג און שאדען ניט אונ־זערע אינטערעסען, האָט ניעמאנד קיין שום רעכט אויף זייער לעבען.

„מי יודע רוח בני האדם העלה היא למעלה ורוח הבהמה הירדת למטה לארץ"—ווער וויים אויב דער גייסט פון מענשען שטייגט ארויף הויבען און אויב דער גייסט פון דער בהמה געהט ארונטער אינטער דער ערד, פרעגט דער גרויסער פילאָזאָף קהלת. דיעזער גייסטרייכער חכם האָט דיעזע וויכטיגע פראגע ניט געקענט ענטשיידען, און מאנכע קליינע חיים'לעך מיינען דאָס זיי זיינען שוין דעם סוד דערגאנגען. „החקר אלוה תמצא—אם עד תכלית שדי תמצא גבאי שמים כיה תפעל עמקה משאול מה תדע!" וואָס וויסען מיר נאָך אלעמען דאָס וואָס איז העכער פאר אונז? געוויס איז יעדער בעשעפעניב בעשאפען געוואָרען פאר א צוועק—יעדער זאך אין דער נאטור איז נעטהיג, האָט עפּעס א מין שליחות אויסצופיהרען. עס האָט א מאָהל איינער געפרעגט וואצו מען דארף פליי? מען דארף דיזע חברה פאר הינט, האָט ער געקראָגען איין ענטפער; וויל פליי בעשעפטיגען א הונט נאָכאנאנד און האלטען איהם אין א צושטאנד עס זאָל איהם ניט ליגען אין זינען נאָכצודענקען דאָס ער איז א הינט, אין זיין דערפאר ביי זיך געפאלען.

קיין צווייפעל דאָס יעדע זאך אין דער נאטור—פון א אינזעקט ביז דעם גרעסטען עלעפאנט האָט יעדערער איהר בעזאָנדערע אויפ־גאבע און איז בעשאפען פיר א העכערען צוועק וויא מיר קליינע חיים'לעך קענען גאָר אָנפאנגען צו פערשטעהן.

* * *

„--אזוי וויא אלע חיות מוזען דאָך ענדליך שטארבען, איז דאָך פאר דער וועלט פיעל גלייכער זיי זאָלען בעסער פערצעהרט ווערן אלס שפּייז", איז דיא מערקווירדיגע טענה פון נאָך איינעם.

ענטפער:— וויא וואָלט אייך געפעהלען אויב מען וואָלט דעם זעלבען ארגומענט אָנמעסטען אויף אייך אליין אין בעצוג מיט קאַ־ניבאלען? אזוי וויא דער מענש דארף דאָך ענדליך שטארבען, וואָלט אפשר געוועזן א סברה דאָס מען זאָל בעסער בעזאָרגען א ווילדען קאַ־ניבאל מיט א געשמאקען מיטאָג, איידער זיך לאָזען בעגראָבען,

קאפיטעל 7.

„—אויב אייער אידעע זאָל ווען ענדליך ווערען אויסגעפיהרט, אין מענשען וועלען אייפהערען צו עסען פלייש, וועלען דאָך בהמות זיך אזוי פערמעהרען ביז זיי וועלען אונז פערפלייצען און וועלען ענדליך פערצעהרען אלע פראָדוקטען וואָס דער מענש דאַרף פאר זיין געברויך. וויא אזוי קענט איהר אזא וויכטיגע פראגע פערטהייּ־ דיגען?“ פרעגט מיט גרוים שרעק נאָך איינער.

ענטפער:— א ריכטיגע טענה אפילו—א נעטער ארגומענט— א רעכטע מטבעה—א שעהנע ביסעל מזומן—נור דאָך ווייניג—זעהר ווייניג. דערלאַנגט, זייט מוחל עפּעס נאָך סחורה—בעסערע ארגומענ־ טען. דאן וועל איך פיליכט מיט אייך מאכען ביזנעס, זאָנסט איז דער עסק צו קראַבען. איך וויים ניט וואָס מען ענטפערט אייך סיי־ דען איך זאָל אייך זאָגען דאָס ווען אזא פאל וועט פאסירען און בהמות וועלען ווערען אזוי געדיכט וויא צרות, וועלען זיך שוין מסתמא דאן געפינען גנבים און וועלען דיא בהמות צו גנבענען—ווי עס פאסירט מיט פערד. וויא דען אנדערש האָט איהר געמיינט וועט זיין?

* * *

שוין דאָך געוויס געהערט פון יענע פויערן וועלכע האָבען בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן און דערגעהן דעם סוד וויא אזוי עס קומט דאָס בהמות וועלכע מען מערדערט אוים אזוי פיעל אלע יאָהר, זיינען פון דעסטוועגען ביליג און פיעל בנמצא,וועהרענד פערד וועל־ כע מען קוילעט ניט און מען בענוצט בלויז דיא אויסגעדינטע אל־ טע זקנים פאר „כשרה“ ווארשט, זיינען פון דעסטוועגען דאָ בלויז ווייניג און זיינען טהייער?

זיי האָבען דעם גאנצען עסק ניט געקענט פערשטעהן ביז ענד־ ליך איינער א גרויסער חכם האָט עס זיי נאַטירליך ערקלעהרט. „די אורזאכע ווארום פערד זיינען ניטאָ פיעל איז ווייל מען לאַבערט זיי צו אזוי אָפּט — ווייל מען גנב'עט זיי נאָכאנאנד“.

יעצט איז עס שוין גאנץ פערשטענדליך—קלאָהר ווי בלאָטע! אזוי האָט זיי יענער חכם ערקלעהרט און אזוי איז ביי יענע

פויערן פערבליעבען, און דיעזען שארף־זיניגען איינפאל מוז איך יעצט בענוצען אלס ענטפער אויף אייער פראגע.

אין פאל פון איבערפלוס פון בהמות אין דער וועלט וועלען זיך שוין געוויס געפינען גנבים און דיעזע וועלען דיא איבריגע בהמות צו לאבערן. עס וועלען פיעלע און פיעלע אוועקוואָרפען זייערע גע־וועהר—זייערע עמטע אלס וויים פּרעזידענטען און קאָמיטע לייט, פּאָליטישענס און ביליגע פילאַנטראָפּען און וועלען צוריק ווערען פערד גנבים, אָדער בעסער געזאָגט בהמות גנבים. אויף אזא ארט וועט אייער פראגע גענצליך געלעזט ווערן—פערשטאנדען מיין הערך ? יעצט דוכט זיך איז שוין אלעם דייטליך ערקלעהרט, און עס איז קלאָהר — וויא בלאָטע.

ווארום פאלט אייך ניט איין צו פרעגען וויא אזוי עס קומט דאָס דיא יעניגע חיות וועלכע זיינען פאר דעם מענשען ניט נעט־היג דאָס דיעזע ווערען אין פערלויף פון צייט גענצליך פערשוואונ־דען ? געפינט איהר פאר א ביישפּיעל עפּעס פיעל לעמפּערטען, וועלף, טיגערס אין דיא פּלעצער וואו מענשען וואָהנען ? אזוי שנעל וויא א געוויסע בעשעפּענים הערט אויף צו זיין נעטהיג אין א געווי־סען אָרט, זאָרגט שוין דיא נאטור אליין דאָס דיעזע בעשעפּענים זאָל פון יענעם ארט פערשווינדען, אָדער עס זאָל זיך אויפהערען צו פערמעהרען. יעדר זאך איז אין דער נאטור נעטהיג. אָדער זיא האָט פאר זיך אליין אן אויפגאבע, אָדער זיא איז עפּעס א מין פאָלגע פון א געוויסע אורזאכע. אין דיא ווילדע פּלעצער, למשל, וואו מענ־שען געפינען זיך ניט, געפינען זיך ווילדע טהירע. דיא נאטור מוז זיי האָבען צו בעוועגען דיא לופט. גראדע וויא א טייך דארף האָבען פיש דאָס זיי זאָלען בעוועגען דאָס וואסער עס זאָל לויפען אין א שטראָם, און ניט פערבלייבען שטעהענדיג נאָכאנאנד און אויף אזא ארט פערדאָרבען ווערן, אזוי דארף דיא נאטור אין איהרע רוהיגע גע־גענדען האָבען חיות אזעלכע וועלכע זאָלען זיך אין איהר בעוועגען מיט א ווילדען אימפּעט אום דיא לופט זאָל ניט פערגליווערט ווע־רען און אויף אזא ארט פערדאָרבען ווערען. אנדערע בעשעפּעניסע אין דער נאטור האָבען שוין ניט דיזע אויפגאבע, נור די נאטור מוז זיי אָבער האָבען זעהר נעטהיג—וויא אינזעקטען, למשל, וואו דיא

לופט איז פערדארבען. וואו דיא לופט איז ניט ריין ענטוויקלען זיך געוועהנליך אזעלכע ברואים. די וויסענשאפט ערקלעהרט דאס פאלס וואנצען וואלטען זיך ניט ענטוויקעלט דארטען וואו עס איז ענג און דיא לופט ווערט דאדורך פערדארבען, וואלט זיך אין אזא פאל דיא שלעכטע לופט ענטוויקעלט אין א געפעהרליכע פעסט.

„מה רבו מעשיך ה׳ כלם בחכמה עשות!“

דיא גאנצע ארדנונג אין דער נאטור איז פול מיט חכמה, און דאס וואס מען דענקט א מאהל דאס א געוויסע ארדנונג איז ניט ריכטיג און איז אונערבארעמליך, איז דיזע זעלבע איינריכטונג יעצט רעכט פול מיט שכל, מיט רחמנות און מיט דער גרעסטער פארזיכט.

אלעס איז אין דער נאטור נעטהיג—אלעס האט עפעס א שליחות אויסצופיהרען. קוים אבער האבען זיי דיא שליחות אויס גע־פיהרט, קריעגען זיי געוועהנליך א „מוה־צעטעל“ און מען הייסט זיי זיך אבטראגען. קוים בענעטהיגט זיך שוין ניט מעהר דיא נאטור אין דער בעשעפענים וואס זיא דארף האבען צו איהר צוועק; אדער קוים ווערט אבגעשאפט יענע אורזאכע וואס א געוויסע בעשעפענים איז דערפון א נאטירליכע פאלגע, דאן הערען זיי אויף צו עקזיסטי־רען.

אין דיא לעצטע צייטען, למשל, האט דיא רעגיערונג אנגעהוי־בען צו זוכען מיטלען וויא אזוי לויז צו ווערען פון דעם ביטערן שלאק —פון „מאסקיטאס“. פיעלע מיטלען זיינען געווארען אנגעווענדעט. עס איז אבער אין מיט׳ן געקומען דיא וויסענשאפט און האט פאק־טיש בעוויזען דאס פאלס מען וועט פערניכטען דיא מאסקיטאס אין דיא פלעצער איבערהויפט וואו עס איז זומפיג און וואו זיי פרוכפערן זיך, דאן קען מען ערווארטען א מגפה. ווארום קוים ווערט ווארעם און דיא זומפען דורך דיא שטראהלען פון דער זון לאזען זיך פערנאנדער און לאזען פון זיך הערען, פאנגען דאן אן דיא מאסקי־טאס זייער טהעטיגקייט און זאפען אין זיך אריין אלעס אונריינעס, וואס דיא זומפען גיבען פון זיך ארויס. ווארום דאס איז זייער לעבען—פון דיא פערפעסטעטע לופט ציהען זיי חיונה. מען האט עס פרובירט מיט 2 בארעלס וואסער, איינע פון וועלכע איז געווארען

פערדעקט מיט א טולענע דעקע וואו דיא לופט האָט געקענט אריין קומען, נור וואו מאָסקיטאָס האָבען דערצו ניט געקענט צוקומען; און דיא צווייטע האָט מען געלאָזט גענצליך אָפען.ביידע האָט מען אוועק געשטעלט אין דער ליכטיגקייט פון דער זון; און אין פערלויף פון צייט, איז דיא פערדעקטע בארעל געוואָרען שרעקליך פערפעס־טעט; דיא וואסער פון דיא צווייטע וואו דיא מאָסקיטאָס האָבען געקענט צו קומען איז אָבער געוועזן זיס און פריש. דיא מאָסקיטאָס האָבען געקענט צוקומען און אריינזאפען אין זיך דיא שלעכטע וויר־קונג וואָס האָט זיך אין דער בארעל וואסער ענטוויקעלט.

וויא מערקווירדיג וואונדערבאר דיא נאטור ארבייט איז ארויס־צוזעהן ווען עס שטארבט א געוויסע בעשעפענים אין א געגענד וואו עס זיינען ניטאָ מענשען וואָס זאָלען העלפען דיא נבלה אָבצוראמען. עס שטארבט, למשל, א פערד אין א וואלד. דיא נאטור קען ניט פער־טראָגען אויף דער ערד א טוידטע זאך—גיבט נאָך ניט איין טוידטע זאך וואָס דיא נאטור זאָל עס דולדען אין דער עפענטליכקייט פון דער זון. עס איז ניטאָ ווער עס זאָל דיא נבלה אוועק רוימען. עס וועט פערפוילט ווערען א פעסט פאלס דיעזע נבלה און נאָך אנדערע אזעלכע ווערען אין דער לופט לאנג פערבלייבען; און דיא נאטור שיקט א פאָר פון איהרע אמבאסאדאָרען—שיקט א פּאָאר פּאָלק פליעגען וועלכע נעהמען זיך צום עסק. לויט וויסענשאפטליכע בעווייזע פערמעהרען זיך דיעזע פּאָאר פּאָלק פליגען אזוי אונגעהייער פיעל, דאָס אין פערלויף פון 24 שטונדען קענען זיי אלע אליין פערצעהרען דעם גאנצען פערד. אויב דיעזע פליגען וואָלטען זיך בסדר אזוי געדיכט פערמעהרט, קען זיך א יעדער פאָרשטעלען וויא דיעזע וועלט וואָלט אויסגעזעהן אין בלויז אפילו ניט מעהר ווי אין איין מאָנאט. דארף אָבער פּאסירען דאָס עס געפינען זיך פערשידענע גאטונגען זשוקעס וואָס האָבען ליעב פליגען וויא מאנכע האָבען ליעב וואורשטלאך, און דיעזע ווערען פערצעהרט ביי דיא זשוקעס אין דיא מיליאָנען און בלויז אין א קורצע צייט. יעצט זיינען שוין דיעזע חברה אויפ'ן פלאָאר און זיי האָבען שוין דאָס וואָרט, דיעזע לייט קענען זיך אָבער אויך פערשפרייטען ברייטלאך וויא א חאָלע־ריע אין א קורצע צייט פאלס זיי זאָלען האָבען פרייען לויף. דארף

אָבער פּאסירען דאָס עס געפינט זיך א געוויסער זאָרט פעלד־מויז וואָס קען זיך ניט בעגעהן אָהן זשוקעס צו יעדער מאָהל ווען ער געהט עסען מיטאָג, און ער לעבט דערפאר א גוטען טאָג אויף זייער רעכנונג. דיעזע פעלד־מייז קענען אָבער אויך מאָנאָפּאָליזירען דיא וועלט פאלס זיי זאָלען ניט זיין געשטערט און דיא נאטור זאָל זיי זיך לאָזען פרוכפּערן, און דיא פעלד־מייז וואָלטען איבערפילט און פערוויסטעט אלעס אין זייער וועג. דארף אָבער פּאסירען דאָס א פוכס האָט קיין בעשטענדיגע ביזנעס און מוז מאכען א לעבען פון ווינד; און וויא ער געהט אזוי זוכען פרנסה און פליהט וואלד איין וואלד אוים, קומט ער אָפּט אין בעצוג מיט יענע פעלד מייז און אָהנע פיעל צערעמאָניעס לאדעט ער זיי ביי זיך אריין. ער אויך וואָלט געמאכט א סך־הכל פון דער וועלט אויב ער זאָל האָבען פרייען לויף, דארף אָבער פּאסירען דאָס נאכהער וויא ער איז געוואָרען פערטיג מיט זיין מיטאָג און ער פיהלט זיך זעהר בעקוועם, און לעגט זיך אוועק אויסרוהען, און ציהט אוים ברייטליך זיינע פיס אויף דער פיאנאָ, און פערויכט זיך געמיטליך א סיגאר — דארף פּאסירען דאָס א יעגער מיט מעהר געלד און מיט מעהר צייט וויא פערשטאנד, קומט גראדע אין בעצוג מיט יענעם פוכס, און איידער יענער חברה־מאן האָט נאָך צייט צו מאכען פליטה, ליגט ער שוין אויסגעצויגען שטייף און פלאך—און חאָטש געה רוף דיא חברה־קדישא! מעהר ווי אָפט פּאסירט אויך דאָס דער יעגער פאר גרוים היילעניש צו כאפּען דעם פוקס, פאלט פון זיין פערד און ברעכט זיין קארג,רוקען און לענד—און אויף אזא ארט ווערט אויך דערוויילע לויז דיא וועלט פון נאָך אן אָנשיקעניש, פון א פערדרעהטען קאָפּ וואָס קען ניט געפינען איין אנדער פערגעניגענד וויא נור זיך ארום צו טרייבען גאנצע טעג אויף דעם געיעג און שיסען און מערדערן.

„מה גדלו מעשיך ה׳ מאוד עמקו מחשבתיך! איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת“.

און דאָ האָט איהר דיא גאנצע טיעפע פילאָזאָפיע פון חד־גדיא.

„ואתא הקדוש ברוך הוא ושחט למלאך המות — דשחט לשוחט—דשחט לתורא—דשתא למיא—דכבה לנורא—דשרף

לחוטרא—דהכה לכלבא—דנשך לשונרא—דאכלל לגדיא דזבין אבא בתרי זוזי—חד גדיא! חד—גדיא!

און דאָ האָט איהר דיא גאנצע נאטור'ס אָרדנונג אין א פינ־גער הוט—און א רעכט נעטע אָרדנונג איז עס אויך! ווער מיט פערשטאנד וועט וואגען צו מאכען דיא בעהויפּטונג דאָס א גרויסע אונזיכטבארע קראפט רעגיערט ניט דער וועלט'ס אומשטענדען און דאָס א גרויסער גאָט איז ניט דער בעשעפער פון אלעם?

דערפאר זאָג איך, דאָס אזוי שנעל וויא בהמות וואָלטען אויפ־געהערט צו זיין נעטהיג, וואָלט ערשטענס דער מענש זיי אויפגע־הערט צו פּראָדוצירען אָדער צו פערמעהרען וויא ער טהוט יעצט; און צווייטענס וואָלט שוין דיא נאטור אליין דערויף אכטונג געגע־בען און וואָלט אויפגעזוכט א מיטעל וויא פון דיעזע לייט לויז צו ווערען. און עס איז גאנץ מעגליך דאָס נאָך אלעמען וואָלט אפשר גאָר ניט נעטהיג געווען דאָס דיא קהל'שע מאכערס, וויים פּרעזידענ־טען, קאָמיטע לייט, פּראָפעסיאָנעלע פּילאנטראָפּען, פּראָפעסיאָנעלע לאָדזשען ברידער וכל כת דלהון, זאָלען צערשטויסען זייערע אקער אייזענס און מאכען פון זיי געוועהר—דאָס זיי זאָלען אוועק ואר־פען זייערע עמטע און זיך צוריק אומקעהרען צו זייערע אמאָליגע פּרנסות—צו לאבערן פערד, אָדער בעסער געזאָגט צו גנב'ענען בהמות.

קאפּיטעל 7.

„—אויב בהמות זאָלען ניט מעהר בענוצט ווערען צור מענשלי־כען געברויך, טאָ פון וואנען וועט מען קריעגען שטיוועל?" פרעגט שוין ווידער נאָך איינער.

ענטפער:— שיך פון פעל וועלען שוין יעדענפאלס לאנג ניט געמאכט ווערען. מען מאכט יעצט נאָכאנאנד ערפינדונגען פון גע־וויסע מאטעריאלען אזעלכע וואָס זאָל גאָר אייגענטליך זיין בעסער. ביליגער און געזינטער וויא לעדער—געזינטער געווים, ווארום לויט דיא בעהויפּטונגען פון אויטאָריטעטען זאָל גאָר לעדער זיין זעהר אונגעזונד פאר דיא פיס און פאָלגליך פאר דיא גאנצע געביידע פון מענשען. לעדער פערשפּארט די לופט געגצליך פון די פיס און עס

מאכט דאדורך אַן גרויסע צרות. שוין ווערט געמאכט שיך פאר דיא וואָס היטען זיך שטארק אין געזונד און ווילען זיין בעזאָנדערס ריין, פון אנדערע מאטעריאל וויא פון לעדער. דיא חינעזישע שיך זיינען דיא בעסטע און דיא בעקוועמליכסטע וואָס דער מענש קען טראָגען, און דיעזע ווערען ניט געמאכט פון לעדער, זאָנדערן פון א מין געוועב אלס אויבערשלאג און אוים גומי אלס פונדאמענט. עס איז א פערגעניגענד אין אזעלכע שיך צו געהן. דער טריט אין זיי איז ווייך און איז ניט אזוי אומגעלומפערט וויא שטיוועל מיט חאָ־לאוועס, אָדער אפילו שיך מיט אבסאצען. אויסער דעם לאָזען זיי אריין לופט. די נארישע וועלט וויל ניט נאָכגעבען און אָננעהמען די חינעזישע שיך, נור מענשען ווייסען גאָר ניט וויא פיעל זיי פער־ליערען דאדורך.

א אידישער דין געפינט זיך אירגענד וואו וואָס פערביטעט דאָס מען זאָל צו ווינשעווען „תתחדש" ווען מען טהוט אָן נייע שיך —וויא עס איז געוועהנליך דיא מאָדע צו זאָגען ווען מען טהוט אָן א נייע קלייד. דיא אורזאכע דערפאר גיבט אָן דיעזער דין איז „משום צער בעלי חיים"—און א רעכט נעטער, שעהנער, געפיהלפאָלער דין איז עס אויך!

* * *

„—איז דען די לופט, וואסער און אלע מאכלים ניט אָנגעפילט מיט קליינע לעבעדיגע בעשעפעניסע, אָדער מיקראָבען? דאָס אליין בעווייזט דאָס דיא נאטור האָט דעם מענשען בעשטימט צו עסען זאכען וואָס ענטהאלטען לעבען", איז דיא טענה פון נאָך איינעם.

ענטפער:— אין דער לופט געפינען זיך צוואר קליינע בעשע־פעניסע, אָדער מיקראָבען, נור מיינט ניט דאָס דער מענש עטהעמט דיעזע אין זיך אריין. דער נאָז, דיא אויערן און דיא ליפען זיינען אזוי געבויט, דאָס זיי לאָזען אין זיך אריין ניכטס מעהר וויא בלויז ריינע לופט. די אלע אנדערע זאכען וואָס געפינען זיך אָבער אין דער לופט לאָזען דיזע אָרגאנען ניט אריין אין דער מענשליכער געביידע. אלעס וואָס איז ניט פאסיג אין דער לופט וואָס דער מענש עטהעמט אין זיך אריין קלעבט זיך צו אָן נאָז אָדער ביין אריינגאנג אין דיא אויערן און זיי קענען ניט אריין אינוועניג אין דער געביידע. אויב

חלילה דיעזע ברואים'לעך װאָלטען יא געקענט אריין, װאָלטען זיך דיעזע חברה אין בלויז א קורצע צייט דאָרטען אזוי געדיכט פער־נאנדער געלאָזען, און װאָלטען דאָרטען אָנגעמאכט אזוי פיעל צרות דאָס דער מענש װאָלט איין טאָג ניט געקענט עקזיסטירען.

עסען און טרינקען דארף טאקע זיין ריין—„על אלה אני בוכיה“, דערויף קלאָגט טאקע דער מקונן. מיין גאנצע טענה איז דאָך דאָס דער מענש דארף עסען בלויז זאכען װאָס זיינען ריין און ניט פערפּאַקט מיט מיקראָבען וויא פלייש און אנדערע בר־מנן און אפילו אנדערע זאכען; און דאָס קען מען נור אויספיהרען מיט א שפּייז פון פרוכט, ניס און קערנער. נאטירליכע שפּייז ענטהאלטען קיינע מיקראָבען. איהר געפינט קיינע מיקראָבען אין א מאנדעל װען עס איז אין דער שאָל, אין א געזונטען אפּעלציו, אָדער אין איין עפּעל; און קערנער אפילו זיינען אויך ריין נאכהער וויא מען װאַשט זיי ארום. פלייש דאגעגען איז אונמעגליך דאָס עס זאָל ניט ענטהאלטען מיק־ראָבען.

* * *

„—איהר אליין בעהויפּטעט דאָס יעדער פלאנצונג ענטהאלט לעבען, וויא אזוי קומט עס אלזאָ דאָס איהר הייסט עס מענשען עסען?“ פאָהרט ארוים מיט א פרעטענזיע נאָך איינער.

ענטפער:—געוויס ענטהאלט יעדער פלאנצונג אין זיך לעבען. יעדער קערענדעל, יעדער זוים, שוואנגערט מיט לעבען. יעדער קער־ איז א קליינע בוטעלקעלע פול אָנגעפּאַקט מיט לעבען. פלאנצט עס און עס װאַכסט און עס לעבט און עס האָט קינדער און אייניקלאָך און קאָזענס—א גאנצע משפּחה, אויסער א שוויגער! נור ערשטענס איז עפּעס דאָ אן אונטערשיעד צווישען דעם לעבען פון א בעבעל און דעם לעבען פון א אכס. דיא האָאר אין א מענשען לעבט אויך, פונ־דעסטוועגען טהוט עס ניט וועה װען מען שניידט עס. דעם בעבעל טהוט ניט וועה װען איהר עסט עס; דער אָכס אָבער ליידעט אונ־בעשרייבליכע יסורים װען עס װערט ערמאָרדעט. צווייטענס פער־שטעהט איהר מיר דאָך גאָר אין גאנצען ניט. איך הייס דאָך דיא גאנצע צייט עסען נור לעבעדיגע זאכען. איך בין בלויז דאגעגען „בר־מנן“—מת, דער|הרג|עטע בעשעפעניסע. איך לעהרן מענשען

זיי זאָלען ניט עסען נבלה—טויטע, פערפוילטע זאכען. א עפּעל ווען עס איז פערפוילט איז אויך געפעהרליך אלס שפּייז. אויב דער מענש וואָלט עסען א טויב, למשל, לעבעדיגערהייד און ער וואָלט אויף אזא ארט געקענט אריין ציהען אין זיך איהר גאנצען לעבען, וואָלט דאן מעהר ניט געווען דיא פראגע פון רחמנות. דיא צרה איז דאָך אָבער דאָס דער מענש עסט א טויב ווען עס איז שוין טויט און אין אזא צושטאנד האָט עס אין זיך אזוי פיעל לעבען וויא א טשוואק. ווארום לויט קירצליכע ערפינדונגען זאָל דער לעבען אין אלעס גאָר זיין א נאָהענטער קרוב מיט עלעקטריציטעט—מאנכע ווילען גאָר האָבען דאָס ער איז טאקע ריינער עלעקטריציטעט; און אויב עס זאָל ריכ־טיג זיין, וויא דער שכל הישר וויל עס האָבען, דאן פליהט דאָך דיע־זער לעבען ארויס מיט דעם אימפּעט און מיט דער שנעליגקייט פון עלעקטריציטעט,באלד ווי נור א בעשעפענים ווערט ערמאָרדעט.דער עסען פון א טוידטע זאך ווערט אלזאָ אונטער אזעלכע אומשטענדען, ניט נור א פראגע פון רחמנות אליין, זאָנדערן אויך א געזונדהייטס פראגע; ווייל דער גענוס פון בר־מנן—פון א טוידטע זאך, מעג עס אפילו זיין א טוידטער אָדער צו פוילטער נוס, איז געפעהרליך אלס שפּייז פארן מענשען. דער מענש דארף בלויז עסען זאכען וואָס זיינען לעבעדיג און פאָלגליך שוין אויך ריין און געזונד—און דאָס קען מען נור אויספיהרען מיט געזונדטע, ניט פערפוילטע, פרוכט, ניס און קערנער.

יעדענפאלס איז דאָך אייער פראגע איבערהויפּט בעזאָנדערס לעכערליך. ביז יעצט איז אייך ניט פאָרגעקומען זאָנדערבאר צו ערמאָרדען א לעבעדיגע, געפיהלפאָלע בעשעפענים, און יעצט ווערט איהר פלוצלונג א רחמן און עס פאלט אייך איין א געדאנקען דאָס מען דארף רחמנות האָבען אויף א רעטאך ווייל עס איז נעביך א לעבעדיגע זאך—צוויי אָדער צוויי און צוואנציג! קיין מיטעל־פּונקט קיין איבערלעגונג.

קאפּיטעל 8.

„—דיא תורה איז געשריעבען אויף פּארמעט—א גט ווערט גע־שריעבען אויף פּארמעט—מזוזות ווערען געשריעבען אויף פּארמעט

—תפילין ווערט געמאכט פון פעל, דער אינהאלט ווערט געשריבען אויף פארמעט—איך בין א שטרענג אָרטהאָדאָקסישער איד. מיינט איהר מיר צו זאָגען דאָס איך זאָל דיעזע אלע זאכען ניט בענוצען ווייל עס איז געשריעבען און געמאכט פון דיא פעל פון א טוידטע בעשעפענים?" באָמבארדירט מיט גרויס גרימצאָרן נאָך א לעזער.

ענטפער :— נייז, מיין פריינד. מיין אייך אין דיעזען ענין גאר ניט צו זאָגען. אין אזא זאך מיש איך זיך ניע. יעדערער פער־שטעהט גאָט לויט נאָך זיין פערשטאנד און דיענט איהם לויט זיין שכל, און זיך אריין צו מישען ביי יענעם אין אזא זאך דארף איינער זיין פעהלבאר אָדער אין זינען אָדער אין כאראקטער. נור לויט וויא איך דענק, וויא איך פערשטעה און וויא מיין איינפאכער שכל דיק־טירט מיר, האָבען דיא אלע זאכען וואָס איהר דערמאָנט אבזאָלוט קיין שייכות מיט תורת משה — דאָס ריינע אידישע רעליגיאָן. דיא תורה איז אָריגינעל ניט געווען געשריבען אויף דיא פעל פון א גע־פגר'טע חיה—און איך וואָלט געהאט צו פיעל רעספעקט נאָך היינט צו שרייבען דיא הייליגע תורה אויף דיא פעל פון א געמערדערטע בעשעפענים. "וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך", מיינט ניט דוקא דאָס עס מוז געשריעבען ווערען אויף פארמעט. תפילין אין יעצטי־גען פארמאט, איז גאָר איין אָרעדנונג פון קירצליכע דאטע—רביני־תם און רשי ז"ל, האָבען דיעזע אָרדענונג אריין געבראכט אין דער מאָדע; און דאָס האָט פאסירט אין דעם עלפטען יאהר־הונדערט, און איך רעכען דאָס פאר זיי זיינען אויך געווען פרומע אידען.

ישעיה—דער געטליכער ישעיה, איז א גרויסער סאטיריק. קוים זעצט ער זיך אָן אויף א געוויסע זאך וואָס איהם געפעהלט ניט, האָט ער א שניט וויא דאָס צו קריטיזירען, אָבצולאכען און דאָס אָב־צושפאָטען ביז עס לאָזט ניט איבער איין וועג דאָס מען זאָל איהם קענען ווידערשפרעכען און איהם איינווייזען דאָס זיין אורטהייל און זיין בעהויפטונג איז ניט ריכטיג. אויף איין אָרט אין קאפיטעל 44 לאכט ער אָב פון געצענדינערייי, פון אָבגעטער, צו וועלכע מען דיענט נאָך ליידער ביז היינט—אין אירגענד וועלכען פארמאט. אויב עס איז ניט מעהר וויא אין דעם פארמאט פון א שטיק האָלץ און א ציגעל, אָדער א „טענעמענט הויז" ווי דיזעביידע ווערן ווען

זיי קומען זיך צוזאמען; אָדער אויב עס איז אין דער פארמאט פון „קיי־לעכדיגע קעלבלאַך“ געבויט אין דער מינץ פון גאָלד און פון זילבער —אין וועלכען פארמאט עס איז דיענט מען נאָך ליידער הערצו נאָך ביז היינטיגען טאָג. ישעיה לאכט אָב פון דעם פארמאט אָבגאָט צו וועלכען מען האָט דאן געדיענט — א גאָט פון האָלץ; און ער דריקט זיך אויס וועגען דעם קורץ און שארף בזה הנוסח:—

„חציו שרף במו אש על חציו בשר יאכל יצלה צלי וישבע ושאריתו לאל עשה לפסלו יסגוד לו וישתחו ויתפלל אליו ויאמר הצילנו כי אלי אתה“. איבערזעצט קלינגט עס אונגעפעהר אויף אזא ארט:—

איין העלפט (פון א שטיק האָלץ) האָט ער בענוצט צו מאכען פייער; אויף נאָך א טהייל האָט ער געבראָטען פלייש און האָט זיך דערמיט זאט געמאכט; און פון דאָס איבריגע האָט ער געמאכט פאר זיך אן אָבגאָט צו וועלעכען ער פאלט און בוקט זיך און בעט צו איהם און זאָגט: ראטעווע מיר ווארום דוא בינסט מיין גאָט!

וויא גרויסארטיג, וויא ערהאבען, וויא מערקווירדיג סאטי־ריש! וויא עס עפענט דעם מח מיט בלויז א פּאָאר ווערטער!

פון איין טהייל פון דיא פעל פון דער געמערדערטע בהמה, מאכט מען שטיוועל; פון נאָך א טהייל מאכט מען א בייטש פאר א בעל-עגלה און א קאנטשיק צו שלאָגען קינדער; און פון דאָס איבעריגע וואָס בלייבט איבער מאכט מען פארמעט—און מען דיענט גאָט דערמיט!

נור וואָס איז דער וואונדער זאָגט באלד וויטער דאָרטען ישעיה: —„לא ידעו ולא יבינו כי טח מראות עיניהם מהשכל לבותם“—זיי וויסען ניט, פערשטעהען ניט. דיא אויגען זיינען פערשמיערט מיט זייף, דיא קאָפּ אָנגעפּאקט מיט טשור-טאָבאקאָ. וועהרענד דיא תורה שטרעבט נור צו פערפיינערן דיא געפיהלען פון מענשען מיט שעהנע זיטען, מיט גערעכטע געזעצע, מיט איידעלע מאניערען וואָס פערפלאנצען אין דער מענשליכער ברוסט ליעבע.פרייהייט, א גלייכען פערשטאנד, טהוט דער מענש אלס נור וואָס ער אליין דענקט עס איז רעכט. ביי איהם איז רעכט צו מיינען דאָס מערדערען א לע־

בעדיגע בעשעפענים און אויף איהר פעל אָנשרייבען א גט איז רעכט און אנגענעהם אין דיא אויגען פון גאָט!

און ער פועלט נאָך ביי זיך צו זאָגען דאָס ער איז „איין אָרטהאָדאָקסישער איד!"

„און ברוטוס איז איין עהרענמאן!"

קאפיטעל 9.

„—וואָס איך בעט אייך האָט איהר זיך גראדע פארנומען מיטן „לא־תרצח"? „לא־תגנב" און „לא־תנאף" זיינען שוין אין גאנצען פערטהיידיגט, און ארום דיעזע איז שוין גאָר ניטאָ מעהר וואָס צוריידען? איך מיין דאָס דיעזע געבאָט וואָס מען איז מחלל אזוי אָפט און אזוי געדיכט, טהוט אונז מעהר שאדען, און פערדערבט אונזערע אינטערעסען און אונזער גאנצען וואָהלשטאנד פיעל מעהר וויא דיא פראגע פון „לא־תרצח" וועלכע נאָך אלעמען האנדעלט זיך דאָך בלויז ניט מעהר וויא וועגען בהמות, עופות און פיש", איז דיא פּרעטענזיע פון נאָך איינעם.

ענטפער:— „הך הכפתור וירעשו הספים" זאָגט דער נביא; „שלאָג דעם וואָרצעל און ניט דיא פרוכט", זאָגט דעם עולם'ס א ווערטעל. דיא פראגע פון „לא־תרצח" אויב עס זאָל ווען ווערען פער־טהיידיגט, וועט שוין ממילא אויך פערטהיידיגען דיא פראגעס פון „לא תנאף" און „לא תגנב". ווארום דער וואָס וויל דוקא לעבען אונ־מאָראליש און ליעדערליך קען דאָס לייכט ניט אויספיהרען אויף איידעלע שפייז; גראדע אזוי וויא דער וואָס עסט פלייש קען ניט אויפיהרען לייכט צו פיהרען א שטרענג מאָראלישען לעבען.

איך וויים אפילו אז דאָ וועלען זיך פיעלע אָבשטעלען ער־שטוינט, און מאנכע וועלען ווערען בעליידיגט, און וועלען דיעזע בע־הויפטונג פּרובירען צו פערלייקענען, און וועלען בעווייזען אז עס איז ניט אזוי. נור עס קענען קומען כל מלכי מזרח ומעריב און אָנ־ווענדען אלע מיטלען דיעזען שטרענגען אמת צו פערלייקענען און עס וועט זיי ניט געלינגען. עס איז אמת! עס איז א פאקט—און א סוף דערפון! דער וואָס עסט פלייש דער מוז לעבען אונמאָראליש

און ניט עהרליך. נור דאָס קען נור פערשטעהן יענער עהרליכער מענש וואָס פערשטייט די בעדייטונג פון „לא תנאף“, דאָס עס מיינט ניט „דוקא באשת איש“, וויא מאנכע האָבען זיך ניט מיט רעכט ער־לויבט דיזע וויכטיגע געבאָט צו דעפינירען; דאָס עס מיינט טאקע גראדע וויא אין פסוק שטעהט — אָהן אוננעטהיגע פרושים—אָהנע אונווירדיגע קאָמענטארען—און עס מיינט אפילו „באשתו!“ מען האָט קיין רעכט צו פערדערבען מיט א פערדאָרבענע פיהרונג אפילו א אייגענעם וויין־גאָרטען. דער וואָס פערניכטעט א בוים וואָס איז פרוכטבאר און פליקט דערפון ארום בכיון דיא בליהונג וואָס דארף טראָגען פרוכט, אפילו אין זיין אייגענעם גארטען, דער איז א געמייי־נער קערל. „ער“ און „אונן“, דיא קינדער פון יהודה האָבען פאר אזא זאך געקראָגען א מיאוסען אָבשניט, (בראשית 38—11—7).

* * *

א מערקווירדיגע זאך איז צו בעמערקען דאָס נאכהער וויא דער פסוק דערצעהלט אונז דאָס דיא שפייז וואָס שלמה המלך האָט פערברויכט ביי זיין טיש אין איין טאָג איז בעשטאנען אויס „שלשים כר סלת וששים כר קמח; עשרה בקר בראים ועשרים בקר רעי ומאה צאן לבד מאיל וצבי ויחמור וברבורים אבוסים (מלכים א. 5—3־2)—נאכהער ווי עס ווערט אונז דערצעהלט דאָס די שפייז פערברויכט אין איין טאָג איז בעשטאנען אויסער אנדערע עסענ־ווארג און משקה. פון 10 פעטע אָכסען, און 20 אכ־סען וואָס זיינען ספּעציעל געפאשעט געוואָרען, 100 שעפּסען, אויי־סער הירשען, און פערשידענע אנדערע חיות פון דעם זעלבען סאָרט, אזעלכע וויא „צבי“ און „יחמור“, א חוץ געשטאָפּטע געפליגעל—נאכהער וויא דער פסוק מאכט אונז בעקאנט מיט דעם ארט שפּייז וואָס שלמה האָט פערברויכט ביי זיין טיש אין איין טאָג, דערצעהלט באלד דערויף דער פסוק: „והמלך שלמה אהב נשים נכריות רבות“, —(מלכים 11—1).

נאָך אזא אומגעלומפּערטע שפּייז קארטע, מוז שוין שלמה ליעב האָבען „פיעל“ „פרעמדע“ ווייבער; און מוז שוין נאכהער געהן צו־ריק און צוריק ביז ער האָט מיט זיין פיהרונג ארויף געשלעפּט אויף זיך דעם צאָרן פון גאָט און פון לייט, און האָט געבראכט אויף אידען

אונגליק. וואָס דוד האָט אויפגעבויט האָט שלמה אין לויף פון זיין קורצען לעבען צערשטערט און צערשמעטערט צו אונזער גרויסען אונגליק פון זיין דינאסטי ביז היינטיגען טאָג. דוד—דער גרויסער דוד, האָט צוזאמען געקניפּט די אידען—שלמה האָט לידער מיט זיין פיהרונג אין זיינע לעצטע יאָהרען אזוי צוריצט און צו ערגערט די אידען דאָס זיי האָבען זיין הויז ניט מעהר געוואָלט אנערקענען. פון דאן אָן האָט שוין מעהר דער איד קיין רוהע געהאט. און זאָגט וואָס איהר ווילט דאָס נור די קלאָגעדיגע שפּייז־קארטע וואָס איז אזוי שווענדעריש פערברויכט געוואָרען האָט עס פעראורזאכט.

עס גיעבט קיין צווייפעל דאָס פיעל עסען פיהרט צום טרינקען און אזוי וויא עס איז גוט בעוואוסט דאָס נור די אָפּטע לחיים־מאַ־כערס זיינען דיא וואָס זיינען מעהר וויא אלע מקיים דעם פסוק פון „פרו ורבו“; און אזוי וויא סטאטיסטישע פאקטען בעווייזען דאָס נור פון אזעלכע פערבינדרונגען קומען ארויס פאסט אלע פער־ברעכער, בלייבט נאטירליך קיין אנדער וועג איבער וויא נור צו שלאָגען דעם ווארצעל און ניט דיא פרוכט.

און מערקווירדיג וויא דיא געבאָט שטעהען אין ריכטיגע אָרד־נונג—„לא־תרצח“—„לא תנאף“—„לא תגנב“!

מערדערט ניט און דער „לא תנאף“ מוז שוין פון זיך אליין אוועק פאלען, און דערמיט צוזאמען אויך דער „לא תגנב“; וואַ־רום צו פיהרען א מאָראלישען לעבען דארף מען ניט גנב'ענען; און פאָלגליך מוז שוין אזא איינער וואָס פערלעצט ניט דיא ערשטע געבאָט גרייכען דיא שטופע פון „לא־תתחמוד“—דיא העכסטע שטו־פע. אז דיא געבליטען זיינען ניט צוקאָכט פון שפּייז וואָס צורייצט און צוקאָכט, איז דער פערשטאנד ניט צודרעהט. אין אזא גלאָסע־נעם צושטאנד זיינען דיא פאָרדערונגען ניט גרויס און א מענש וועט דאן ניט געלוסטען דאָס וואָס בעלאנגט ניט צו איהם. דעם גראד פון „לא־תחמד“ ענדליך געגרייכט, קען דער מענש זיכער האָפען צו גרייכען דעם גראד פון א פריעדליכען לעבען.

אין היינטיגע צייטען אָבער ווען מען מערדערט און מען עסט פלייש, מוז מען שוין ממילא מאכען בעקאנטשאפט מיט יענער פלונית'טע — משקה; און קוים לאָזט מען זיך אריין אין אזעלכע

שלעכטע קאָמפּאַניע—מיטן „זולל“ און מיטן „סובא“, דאַן פיהרען זיי שוין ביסלעכוויז אוועק — ניט אין שוהל! און דאַן נאַטירליך פאַנגט אָן צו שפּיעלען דער „לא־תנאף“ א גרויסע ראָלע און ענדליך גרייכט עס מעהר וויא אָפט ביז צו דעם גראַד „לא־תגנב“. עבירה גוררת עבירה—אזוי וויא צרות, קומען פעהלערן ניט איינציגווייז. איין פעהלער פערשלעפּט צו א צווייטען.

אין אזא צושטאַנד וויא עס רעגיערט היינט, קען מען ניט ער־וואַרטען דאָס דיא פּראַגעס וואָס איהר בעריהרט זאָלען אזוי לייכט און אזוי געשווינד געלעזט ווערען.

„הך הכפתור וירעשו הספים“—„שלאָג דעם וואָרצעל און ניט דיא פּרוכט“!

צו בויען א הויז פון דאַך אַרונטער איז א זעהר אומגעלומפּער־טע אונטערנעהמונג. דיא טיעף־זיננינגע תורה פערשטעהט עס און דערפאַר זאָגט זיא פריהער „לא־תרצח“ און נאַכהער „לא תנאף“ און דאַן „לא תגנב“.

קאַפּיטעל 9.

„—לויט דיא קבלה איז דער מענש דער „בחיר כל היצורים“—דאָס ערהאַבענסטע פון אַלע בעשעפּעניסע“, שרייבט נאָך א קאָס־טומער אין תרגום לשון. „דיא אַנדערע אַלע בהמות און חיות האָבען פיר זיך אַליין קיין צוועק. זיי גרייכען יעצט א תכלית ווען דער מענש עסט זיי, דורך וועלכע ענטוויקלונג זיי ווערען ענדליך מתקן. עס איז דאַהער גאָר א גרויסע מצוה צו עסען פליישׁ בכדי דיא בעשעפּעניסע זאָלען „מתקן“ ווערען.—“

ענטפער:— פרעהט מיר זעהר צו הערען דאָס עס איז א גרויסע מצוה צו עסען א בהמה ווייל מען איז איהר דאַדורך „מתקן“. נור לויט וויא איך האָב דיא פראַגע שטודירט, איז זיא—די פּלונית־טע—דיא בהמה, מיין איך, שטאַרק ניט צופריעדען פון גאַנצען עסק. וויל ניט מתקן ווערען—און באַסטא! און דערפון קען מען זיך אראָב־נעהמען א מוסר אין אונדאַנקבאַרקייט. דאָ שטעהט דוכט זיך א צדיק פערטיג „מתקן“ צו זיין א בהמה — וועלכע האָט פיר זיך אַליין

קיין צוועק, קיין תכלית, און קומט נור יעצט דאן צו תכלית ווען מען מאכט פון איהר טשאָלענט, ביף־סטעק, געהאקטע לעבער, „פּע־טשא“, געקעכטס, שטיוועל—און וויל איהר טאָהן אזא טובה, אזוי פיעל גוטעס; און זיא — דיא נארישע בהמה, וויל נאָך ניט. בור־טשעט און וויל זיך ניט לאָזען קוילענען, און וויל זיך ניט לאָזען מתקן זיין. א בהמה בלייבט א בהמה—ניטאָ וואָס צו ריידען.

נור דיעזע קבלה טהעאָריע האָט שוין אָבער א באָרד—פּיהרט עס אָב, זייט מוחל, צו א בארבירער. אלע ווילדע אינדיאנער גלוי־בען שוין דערין פון לאנג—נור אביסעל אויף אן אנדער שניט, וויא איהר רב צדיק. יענע חברה מיינען אויך דאָס דערמיט וואָס זיי ווע־לען אויפעסען דאָס פליישׁ פון א בער, וועט דיא נשמה פון יענעם בער אריין קריכען אין זיי, און זיי וועלען דאדורך ערווערבען דיא שטארקייט פון דעם בער. מאנכע אנדערע פון דיעזע ווילדע חברה עסען אויך דאָס פליישׁ פון דעם לעמפּערט און טיגער—ניט ווייל עס איז געשמאק, זאָנדערן דארום ווייל זיי רעכענען צו ערווערבען דאדורך דיא נעשיקטקייט און קראפט וואָס דיעזע חיות בעזיצען. הונדס־לעבער איז ביי מאנכע בארבארישע שבטים א טהייערער דע־לעקאט, ווייל זיי גלויבען דאָס דיעזער ווילדער מאכל פערשאפט זיי מיט דיא געשווינדקייט פון א הונד און זיין דרייסטקייט. דיא אראבער עסען קעמעל פליישׁ אום צו קריגען דיא הארטנעקיגקייט וויא אויך דיא ליידענשאפט וואָס דיעזע חיה בעזיצט. דיא חינעזי־שע עסען „שארק“—דער געפעהרליכסטער רויב פיש אין ים, ווייל זיי גלויבען דאָס ווען מען עסט א גבור ווערט מען א גבור. דיא איינ־וואָהנער פון איסט אינדיא עסען גאָר קיין פליישׁ—ניט ווייל זיי סטרייקען וויא דיא ווייבער אין ניו יאָרק האָבען געטאָהן אין דער צייט פון דער בהלה אין דעם „פליישׁ ראיאָט“, זאָנדערן דערום ווייל זיי גלויבען דאָס דיא נשמה פון מענשען ווערט מגולגל נאָך'ן טויט און עס געהט אריין אין א חיה אָדער א בהמה אָדער א עוף וואָס האָט דיא זעלבע אייגענשאפטען, אָדער דיא שלעכטע מידות וואָס דער פערשטאָרבענער האָט געהאט ביי זיין לעבען. זיי עסען דערפאר קיין פליישׁ ווייל זיי פירכטען דאָס זיי קענען נאָך א מאָהל אויף אזא ארט אויפעסען זייערע א שוויגער — א קשיא אויף א מעשה! און

דאן קענען זיי האָבען א שעהנעם עסק. בעהיט און בעשירעמט זאָל מען טאקע ווערען פון אזא צופאַל.

הכלל, מיין פריינד, פאַהרט געזונטערהייד צוריק נאָך חעלעם מיט אייער קבלה טהעאָריע, ווארום ערשטענס האָט עס שוין א צימליך גרויסע באָרד; און צווייטענס איז גאָר אומזיסט דיא אלע רייד—דיא בחור'טע, דיא בהמה מיין איך, וויל ניט „מתקן" ווערן און עס איז אין גאנצען אומזיסט דיא מיהע.

קאַפּיטעל 10

„—אדרבא, פּערפּערטיגט עפּעס א שפּייז־קאַרטע פון וועגע־טעריאַנישע מאכלים", שרייבט שוין ווידער איינער, „פון מטעמים אזעלכע וואָס זאָלען זיין אנגענעהם; און אויב איהר וועט אונז אי־בערצייגען דאָס מען קען ווירקליך דערויף לעבען, דאן פאָלגען מיר אייך אלע וויא איין מאן."

ענטפער:— וואָס נאָך ווילט איהר זאָל איך טאָהן? וואָס אייגענטליך מיינט איהר בין איך—א קעכין? א וואַש־גויע פּיליכט? א וואָרטס־פרוי אפשר? וואָס ווייס איך פון קאָכען? וואָס פער־שטעה איך פון בעלאַבאַטישקייט? פרעגט אייער שוויגער וועגען דעם און זיא, בין איך זיכער, וועט פאר אייך פאַרגרייטען א פּאָרציע, דאָס איהר וועט איהר שוין האָבען צו געדענקען.

אָנפאַנגס האָב איך אפילו יא געהאַט בדעה זיך צו פערנעהמען מיט דער אויפגאַבע צו פערפערטיגען א שפּייז־קאַרטע, פון מאכלים וויא מיינע לייט האָבען ליעב; נור איך בין גיך געקומען צו דער איבערצייגונג דאָס אזא ארבייט איז ניט פאַר מיין כח און ניט פאר מיין מח. איבריגענס אז איך הייס ניט עסען הערינג מיט וואורשט־לאַך, ווייס איך ניט פון קיין אנדער זאַך וואָס קען א היינטוועל־טיגען עולם נעפעלען ווערען. נור אז מען האָט מיר וועגען דיעזע פראַגע אָנגעהויבען באָמבאַרדירען פון אלע זייטען, האָב איך זיך געווענדעט צו א פריינד—א חברה־מאַן טיעף אריין געטאָהן אין דעם ענין פון דער אכילה, א גרויסער מייסטער דערין; און איהם האָב איך געבעטען ער זאָל מוחל זיין אויף זיין כבוד, און זאָל אָנגורטען זיינע לענדען מיט א פאַרטוך און זאָל פיר מיר פערפער־

טיגען א שפייז צעטעל. ער האט מיר אפילו פערשפראכען אויסצו־פיהרען מיין בעגעהר, נור צו אלדע שווארצע יאהר איז ער מעשה שטן א דייטש—רעדט מיט א לשון דאס מען קען אזש חלעש'ן. ער רעדט ניט מיט דעם שעהנעם „איך'ל—דיכ'ל—מיך'ל" לשון ווי אונ־זערע חסידים—ער שפרעכט מיט א „פסח". ביי איהם קומט עפעס יעדער ווארט ארויס פלאך—זיין לשון בעגראבט איהם; און מיט אזא לשון האט עס דער תכשיט פאר מיר פערפערטיגט א שפייז־צעטעל. איך וועל דיעזען צעטעל בכיון דא איבערגעבען, מיט דיא שטיוועל מיט אלעמען, אום אונזערע מענשען זאלען זעהן וויא דיא דייטשען האבען פערדארבען אונזער שעהנעם „איך'ל־דיך'ל" לשון און האבען דערפון געמאכט א תל.

„דער וועגעטעריאנישער שפייז־צעטעל איזט וויא פאלגט". שרייבט דער דייטש ימח־שמו, בלשון אשכנז זעהר געדיכט: —

זאנטאג:—

שפארגעלזופע—שפינאט—גרינע ערבסען מיט מעהרען — שפארגעל—רייז מיט ראזינען—אפפעלטארטע. אבענדס: רהייני־שער סאלאט.

מאנטאג:—

פעטערסילענזופע—קאהלגעמיזע—גרינע ערבסען—ראהמענ־פלעקכען—אייערשפייזע מיט שפארגעל—זעמעל פודינג מיט פרוכט גוס. אבענדס: פריכטבראטען.

דיענסטאג:—

האגעבוטענזופע (וואס איז דאס עפעס פאר א לשון?) מילא האגעבוטענזופע—שפינאט—קרויט מיט בייערישען קניידעלן— קארטאפפעלגעמיזע—געלבע ערבסען—רייז פודינג—געמישטער אויפלויף. אבענדס: פריכטבראטען.

מיטוואך:—

הילזענפרוכטזופע — מילא הילזענפרוכטזופע — שווארץ־ווורצעל געמיזע — פאלנישע טונקע מיט קארטאפעלן—אפפעל־פודינג — קווארק שטרודעל—בראטארטע. אבענדס: געמיזע פלעצ־כען.

דאָנערשטאג :—

קראפטזופע—שפינאט—מעהרן —גרינע ערבסען—אפפעל־רייז —העלענטארטע. אבענדס : פרוכטבראטען.

פרייטאָג :—

האפערגריצענזופע מיט שוואמען — קיימכענגעמיזע — זא־גאָפודינג — נודעל אויפלויף — קארטאָפעלפופפער — כאפט עס דער רוח— געננג ! קען עס שוין ניט אויסהאלטען — זאָל זיין א סוף צו דיא צרות. אין בערלין משמעות מוזען זיך אויך געפינען א רעכטע ביסעל נאראָנים. נור מיט מיר איז דער דייטש אוים מחותן—איינער וואָס קען אזוי דיא יאָהרען פערקירצען, קען ניט זיין אין מיין קא־בינעט.

* * *

נור צוריק צו אונזער עסק. איהר פערלאַנגט ערנסט געננג איך זאָל פאר אייך פערפערטיגען א וועגעטעריאנישע שפייז־ליסטע פון אזעלכע מטעמים וויא איהר האָט ליעב. ווארום איהר ווילט פריהער וויסען אויב דער עסק וועט אייך לוינען. איהר ווילט ניט ספעקולי־רען און זיך פערנעהמען בלינדלינגס מיט א פראגע וואָס איז אזוי וויכטיג און וואָס גרייפט אָן יעדערן אזוי נאָהענט און אזוי דירעקט. ווארום וואו איז נאָך דאָ א פראגע וואָס זאָל אָנגרייפען אזוי דירעקט וויא דיא פראגע פון עסען ? זייט מען האָט געמאכט דיא ערפינדונג פון עסען — און דאָס האָט פאסירט א צימליך רעכטע צייט קודם מתן־תורה,, איז עס אזוי אריין אין דער מאָדע ביז עס איז געאָרען איין אלגעמיינער געברויך. אלע—אויסער סטרייקערס, בענוצען דיע־זע מאָדע ; און אלע זיינען דערין פעראינטערעסירט. וואָס דארפט איהר מעהר, אפילו אין רוסלאנד איז דיעזע מאָדע געזעצליך ניט פערבאָטען זאָגאר פאר אידען. און איהר האָט דערפאר רעכט וואָס איהר ווילט האָבען א שפייז־צעטעל, צו זעהן שווארץ אויף וויים אויב עס איז פראקטיש זיך צו פערנעהמען מיט דיעזער פראגע.

הערט אלזאָ מיט אלער ערנסט וואָס איך האָב אייך דעריבער צו זאָגען :—

עסען—צו וויסען וויא אזוי צו עסען איז א וויסענשאפט. צו פערלעצען דיעזע וויסענשאפט איז א קרימענעלער אקט. ניט צו עסען געננג איז אזא פעהלער וויא צו עסען צו ווענינ. ניט צו עסען ריכטי־

נע און פאסענדע שפייז איז אזא עולה וויא גאר ניט צו עסען. ניט צו עסען גענוג פיהרט מעהר וויא אפט צו פערברעכען, עסען צו פיעל פיהרט מעהר וויא זעלטען צו אויסגעלאסענהייט. זוכט דעם אור־שפרונג און דיא אורזאכע פון אלע געפאלענע מענשען און איהר וועט עס אימער געפינען אין קיך. צייגט מיר א געשמארטען ביף־סטעק פערפערטינט אין פעטס אין בלויז 10 מינוטען, און איך וועל אייך אנווייזען אויף דער שטעלע אויף איינעם וואס מוז טרינקען שארפע משקה, און מוז ענדליך ווערען א שכור פאלס ער וועט לאנג אנהאל־טען צו עסען אזא אומגעלומפערטע שפייז. מען קען עסען שפייז אזעלכע וואס מוז פיהרען צום טרינקען, און מען קען עסען אויף איין ארט דאס עס זאל גאר זיין אונמעגליך צו האבען א בעגעהר צו טרינ־קען. א צייט וועט ווען עס איז קומען דאס מען וועט דיעזען וויכטי־גען אמת דערגעהן, און מען וועט איינארדנען דיעזע וויכטיגע פראַ־גע—און דאן וועלען מיר אלע זיין פאַעטען!

נור וויא וויכטיג דיעזע פראגע מעג זיין, גיבט פונדעסט־וועגען ניט אב אלע אייערע געדאנקען און אייער הויפט שטרעבונג פאר דעם עסען. ווארום נאך אלעמען איז עסען ניט אונזער הויפט געשעפט אויף דער וועלט. „עסט נור איהר זאלט קענען לעבען, אבער לעבט ניט בלויז דאס איהר זאלט קענען עסען“, זאגט א גרויי־סער פילאזאף. דיא יעניגע חברה וואס האבען פאר זייער הויפט אויפגאבע אין דער וועלט נור עסען און תאות בשר—די וואס קענען ניט איינרוהען סיידען זיי מוזען האבען עפעס מיט וואס זיך צו אמו־זירען, און זיי אמוזירען זיך ניט סיידען זיי זיינען טיעף אריינגע־טאהן אין אירגענד עפעס א ענין פון א קאבעדיגע ליידענשאפט — אזעלכע לייט זיינען ניט אימער פון דיא גליקליכסטע אין דעם קור־ן לויף פון זייער עקזיסטענץ. לויט סטאטיסטישע פאקטען, ליידען אזעלכע מעהר פון אלע פון פערשיעדענע קראנקהייטען—אפט זעהר העסליכע. קינדער האבען אזעלכע וועניגער—„הזנו ולא יפרצו“. דער פערגעניגען פון א פריעדליכען, היימישען לעבען איז אזעלכע חברה פאסט אימער פערצוימט. שיידונגען גיבט עס ביי זיי מעהר ווי ביי געלאסענע מענשען—ווארום זיי זיינען פאסט אימער בעטראס־קעט, בערוישט פון צו גוט לעבען. אין אזא צושטאנד נאכאנאנד

זיינען דיא לייט אימער צוקאכט. דיא קלענסטע קלעניגקייט צורייצט זיי. מייסטענס בעשטעהט זייער פערהייראטעטער לעבען פון צאנ־קעריי. עס פאנגט זיך אן באלד נאך דער חתונה מיט סקאנדאלען און ענדיגט זיך אין גיכען מיט א גט. וכך המה מונים—און אזוי איז אונגעפעהר דער נוסח פון זייער לעבען :—

אויף מארגען נאך דער חתונה, פאנגט זיך געוועהנליך אן א סדרה פון זוכען פרעטענזיעס אויף איין אנדער—ביידע טענה'ן; זיי האבען זיך אבגענארט. זיי בורטשען, קריגען זיך און אזוי האלט עס אן ביז עס ווערט אונערטרעגליך אוז זיי געהען זיך פאנאנדער—„לוט" געהט אוועק אין סדום—און זיין פלונית'טע ווערט א שטיק זאלץ, ארום וועלכע ווילדע חיות און בהמות קלייבען זיך צונויף און לעקען. ווילדע חיות און בהמות האבען ליעב זאלץ, און לעקען אלעס וואס איז געזאלצען. אין קורץ, זיא ווערט א פרומע נשמה און פער־נעהמט זיך מיט וואהלטהעטיגע זאכען און טהוט אלעמען טובות—מען קען זיי דיעזע חברה. אזוי האלט עס געוועהנליך אן ביז ענד־ליך זיי קומען זיך וויעדער צונויף—עס לוינט בעסער צום עסק. עס פאסט בעסער פאר ביידע צדדים, מחמת טעמים בעקאנט צו אזעל־כע לייט. לאנג האלט עס אבער ניט אן. עס פאנגט זיך באלד אן א נייע סדרה פון פרעטענזיעס, בורטשען, סקאנדאלען, ביז ענדליך—לוט געהט וויעדער אוועק אין סדום—און דיא פלונית'טע ווערט ווייטער א שטיק זאלץ. ער ווערט א פרוש—זיא א צנועה. קומען שפעטער אהין וויעדער צונויף און באלד פאנגט זיך אן מיט גרויס פרישקייט איבעראנייעס איבער צו חזרן זייער שפיל. אזוי האלט עס אן ביז עס ווערט שוין גוט חזיר'יוואטע, ווען זיי שיידען זיך ענדליך. באלד דערויף האבען זיי באלד בעזונדער ווייטער חתונה—ביי זיי געהט עס צו פער שנעל צוג—ווארטען ניט ביז נאך שלושים. ביי זיי טרעפט אפט דאס ביידע צדדים האבען חתונה ווען דער גט איז נאך פייכט; און אז זיי האבען שוין ווייטער חתונה, פענגט זיך מסתמא אן באלד א שפאגעל נייע סדרה פון פרעטענזיעס—בורטשען—סקאנדאלען—ברוגז טענצלאך—ער ווערט א פרוש און געהט זאגען תהילים—זי טהוט טובות אויף וואס די וועלט שטייט—ווייטער גוט—וויעדער מלחמה—גט—חתונה—בורטשען—צוריק

אין סדום—ווידער א שטיק זאלץ—און אזוי האלט עס אָן ביז ענד־ליך זיי עקספּלאָדירען און — און באסטא!

ביי דיעזע לייט אז איהר געהט אריין אין שטוב, געפינט איהר אויפגעהאנגען אויף דיא וועגט—ניט בילדער פון סאנט־פּאט־ריק אָדער פון אנדערע אזעלכע הייליגע לייט, זאָנדערן שיידונגס־דאָקומענטען פון פארמעט רייך איינגעפאסט אין גילדערנע פראמען. דיעזע דאָקומענטען בעציערען געדיכט זייערע וועגד—וכל המרבה הרי זה משובח. דיזע חברה לייט רעכענען דאָך ניט דיא צייט וויא אונזערע חסידים טהוען. זיי האָבען א גאנץ אנדערע מאָדנע סיסטע־מע—זייערע אייגענע געדאנקען. ווען איינער פון זיי וויל בעצייכנען א געוויסע צייט, רעכענט ער דאָס ניט נאָך דעם לוח, זאָנדערן נאָך זייערע געוועזענע ווייבער. אָנשטאָדט, למשל, צו זאָגען מיט א 3 אָדער 4 יאָהר צוריק, זאָגט ער: „מיט א 4 אָדער 5 ווייבער צוריק“.

אין אלגעמיין איז נעבאך א גרויס צער אויף דיעזע חברה. א קלאָג נעבאך צו זיי וויא זיי זעהען אויס אין מיינע אויגען!

מערקווירדיג און ערשטוינענד איז צו בעמערקען וויא גיך און שנעל דיא לייט עקספּלאָדירען—זיי שטארבען דאָך ניט נאטיר־ליך כדרך כל האדם—זיי עקספּלאָדירען! דער לעבען פליהט פון זיי ארויס פּלוצלונג—וויא א פּראָפּען פון א פלאש שאמפּאניער. אויס — און א סוף! עס שטארבען מעהר רייכע לייט פּלוצלונג ביין טיש אין יעדער לאַנד א יאָהר, וויא עס ווערען דערשלאָגען פון דונער א יאָהר אין דער גאנצער וועלט. אורזאכע—צו פיעל און צו רייכע שפּייז. זייער עסען איז דאָך איבער נאטירליך, און עס איז נאָך א וואונדער זיי קענען מיט אזעלכע שפּייז גאָר אזוי לאנג לעבען ווי זיי לעבען.

* * *

אויף אייער פראגע פון „מה נאכל“—וואָס קען מען עסען אויב ניט פלייש? קען איך אייך זאָגען דאָס פיעל און פערשיעדען זיינען דיא גאטונגען פרוכט און תבואה וועלכע קענען פערשאפען חיונה—פון וועלכע מען קען מאכען א לעבען בכבוד. פון דעם קליינעם ני־סעל ביז דעם גרויסען קאָקאָא נוס, פון דיא קליינע יאגדע ביז צו דעם גרויסען פיין־אפּעל—זומער פרוכט, ווינטער פרוכט, זיסע פרוכט,

וויניגע פרוכט, אנגענעהם פאר דעם גוימען און צו זעטיגען דעם קערפער—דאס אלעס געפינט איהר אין דער וועגעטעריאנישער און פרוכטיאנישער וועלט און דיזע קענען לייכט זעטיגען און בעפרידי־גען דעם גייסט גראדע אזוי וויא דעם קערפער.

א וועגעטעריאנישע שפייז־קארטע פארדערט קיינע בעזאנדע־רע קונצען צו פערפערטיגען. איהר געפינט א שפייז־פראגראמע פאסיג פאר אלע מענשליכע בעדירפניסע קורץ און שארף געפאסט, אין דער ערד־אבענער פאעמא — „ברכי נפשי“.

„ויין ישמח לבב אנוש—להצהיל פנים משמן — ולחם לבב אנוש יסעד“—אבגעזעהן דעם כיטה, פרעהליכער מאכען דאס הארץ דארף מען וויין; אום דאס געזיכט זאל גלאנצען דארף מען אייל; און ברויט דארף מען אום אונטערצושפארען דאס הארץ.

דאס איז אלעס וואס דער מענש דארף פאר זיין געברויך. אלעס אנדערעס איז בלויז א לוקסוס. אויב דער מענש זאל נור אוועק ווער־פען דיא העסליכע מידה פון נאשעריי, און זאל נור עסען שפייז— ניט ווייל עס איז געשמאק, זאנדערן ווייל עס איז נעטהיג; אויב דער מענש זאל נור פערשטעהן דעם וויכטיגען אמת דאס קוים איז דער הונגער געזעטיגט, דאן האט דער איינפאכסטער מאכל גראדע אזא ווירקונג אויף דער מענשליכע געביידע וויא דער פיינסטער דעליע־קאט—און אדרבה וואס איינפאכער, וואס פראסטער דער מאכל איז גראדע בעסער און געזונדער איז עס—אויב דער מענש זאל ענד־ליך קומען צום שכל און נעהמען אין אנבעטראכט דיזען וויכטיגען אמת, דאן וואלט ער געווען געזינטער, שטארקער, און דיא ביטע־רע דאגת חיונה און קלעמעניש פון אלערליי זארטען וואלטען פער־שוואונדען וויא א רויך.

* * *

אויב איהר ווילט לעבען רוהיג און צופריעדען און הנאה הא־בען פון אייער לעבען, דאן עסט תבואה, פרוכט און פערשיעדענע פלאנצונגען. לעבט אויף דיזע געקאכטע איינפאך. טרינקט בלויז וואסער, און אייער געביידע מוז און וועט צופרידען זיין.

אם מייסטען זאלט איהר עסען פרוכט אזעלכע וואס איז רע־קאמענדירט אין דער תורה באלד אין ערשטען קאפיטאל—בראשית

א, 29; און דיעזע איזט נור פרוכט אזעלכע וואס וואכסט אויף דער ערד און וועלכע ענטהאלטען זוימען. פון אזעלכע פרוכט דארף אבער דער מענש עסען דאס פלומפע פלייש — אבער ניט דיא קערנער. ווארום צו דיא קערנער האט ניעמאנד א רעכט. דיעזע בעלאנגען צו דער נאטור—איהר מוזט מיט דיעזע קערנער אבצאהלען א חוב צו שפעטערע דורות. גיבט דיעזע קערנער אוועק צוריק צו דער נאטור— פערפלאנצט זיי און עס וועט פון זיי ארויס וואכסען פרוכט אזעלכע וועלכע שפעטערע דורות וועלען געניסען—מעגליך אפשר אייערע איינענע קינדער. אלס א עהרליכער מאן דארף איין יעדער מענש דיעזען פאקט אימער האבען אין זינען. דער וואס עסט פרוכט און פערדערבט במזיד אויך דיא קערנער, דער איז עובר אויף „בעל תשחית"—פערדערבט א זאך אין דער נאטור אויף וועלכע ער האט קיין רעכט, און ברענגט אויף אזא ארט א פערלוסט צו דיא שפעטע־רע דורות. איבערהויפט איז גאר קיין עהרליכער מענש דער יעניגער וואס פלאנצט ניט וועניגסטענס איין פרוכט־בוים אין זיין לעבען; וואס בויעט ניט וועניגסטענס איין הויז און דער וואס האט ניט וועניגסטענס איין קינד. עס איז א מערקווירדיגע שטרענגע בעהויפטונג —אבער אויך א שטרענג ריכטיגע. א מענש האט קיין רעכט אבצו־פאהרען פון דער וועלט אהנע זיינע שולדען צו האבען בעצאהלט דער נאטור און צו דער מענשהייט. דיא נאטור און די פריהערדיגע דורות האבען דיר פערזארגט, זיי עהרען מאן געננג אויף אזא ארט אבצו־צואהלען דיין חוב צו דער נאטור און צו דיא שפעטערע דורות. עס גיבען פיעלע וואס פערשטעהען דיעזע פפליכט און זיי איבען איהר אויס. נאכאנאנד זיי פלאנצען, נאכאנאנד זיי בויען, אדער זיי זעהן דערויף מען זאל בויען—בויען הייזער, בויען נעטהיגע אנשטאלטען, פערשפרייטען שלום איבער דער וועלט, טהוען אויף עפעס נאכאנאנד אום צו פערבעסערן דעם וואהלפארט פון דער אלגעמיינער מענש־הייט. עס גיבען אבער אנדערע פינסטערלינגע וואס זייער צוועק אין לעבען איז נור צו פערניכטען, נור אויסצורייסען, נור צו שפאל־טען וואו עס איז גאנץ, נור צו צוברעכען, נור צו צושניידען. וואו יענער שטימט יא מוז ער זיך איינשפארען און זאגען ניין. ער זאל אפילו איינגעהמען א מיתה־משונה מוז ער טאהן און שטימען און

ראטהען קאפויר. זיי זיינען געבאָרען צו פערניכטען. נאָך אלדע שווארצע יאָהר! זייער גאנצע געביידע איז געבויט צו דער געהן דיא יאָהרען. זייער איין מאך מיט דער האנד, זייער איין בליק פול אָנגעפאקט מיט להכעיס און אָבשפּאָטונג, זייער איין בורטשע קען מאכען קאליע דיא נאָבעלסטע אונטערנעהמונג. זיי בעלאנגען אפילו אויך אין לאָדזשעס, אין חברות, אין וואָהלטהעטיגע אנשטאלטען, נור זייער צוועק איז נור אכטונג צו געבען דאָס מען זאָל א ברודער אין נויט—ניט העלפען! אבי ער קען מאכען א „ספּיטש“ און אויס־ניצען א פּאָאר פון זיינע קלאָגעדיגע „חאָמכעס“ און אויסגיסען א צעבער פון זיינע פינסטערע מליצה, וועט ער וויא א חזיר אריינקריכען אין דעם שעהנסטען בלומען גאָרטען און דאָרטען צוטראמפּלען אלעס מיט זיינע גרויסע אומגעלומפּערטע שטיוועל און מאכען א תל פון אלעס וואָס קומט איהם אין וועג. וואָס הארט דיך אז יענער אונגליקליכער אָרעמאן וועט יא געהאָלפען ווערען? ניין, ער קען דאָס ניט פערטראָגען. ער וועט קריעגען דיא ניכפּה דערפון אויב ער זאָל זיין אמביציע ניט אויספיהרען. אזא איינער איז נאטירליך קיין עהר־ליכער מענש, מעג ער אפילו האָבען בעצאָהלט זיין מילך מאן און זיין בוטשער ווער ווייסט וויא פּינקטליך. אזא איינער וואָס אויסער דאָס ער אליין בויעט ניט און פלאנצט ניט און פערדערבט נאָך גאָר און צערשטערט נאָך גאָר אלעס וואָס קומט איהם אין וועג, פאָהרט אוועק פון דער וועלט אָהנע זיינע שולדען צו האָבען בעצאָהלט, און אָהנע צו האָבען פערדיענט וואָס ער האָט אין דער וועלט געגאָסען.

* * *

פון פרוכט זאָלט איהר עסען וויא פיעל איהר קענט בעהויפּטען. עסט פרוכט אין דער פריה—עסט פרוכט ביי טאָג—עסט פרוכט ביי נאכט. איהר וועט דאן גאָר אנדערש זעהן. אייערע געדאנקען וועלען אייך טראָגען אין א העכערען קרייז לויף ווי איהר קענט עד־ווארטען צו גרייכען כל זמן איהר וועט זיך אויפפיהרען ווי א חברה־קדישא מאן—וואָס זוכט נור נאָכאנאנד א פרישען מת מקבר צו זיין אין זיך.

עסט פרוכט אין איהר צייט—אין דער צייט ווען עס ווערט צייטיג. איך מיין דערמיט דאָס איהר זאָלט עסען קארשען, למשל,

ווען קארשען ווערען צייטיג, ווארום דאן—אין דער צייט פון יאָהר זיינען זיי דעם מענשען נעטהיג. אויב אָבער איהר וועט דיעזע קארשען בעהאלטען אויף שפּעטער אין איין איינגעמאראנירטען, אָדער „איינגעבאלזאמירטען" פארמאט און מאכען דערפון „איינגעמאכטס" און עס דאן עסען, דאן וועלען זיי אייך קיין נוצען ברענגען.

„וישן מפני חדש תוציאו"—עסט קיין אלטע תבואה אָדער פרוכט ווען מען קען שוין בעהויפּטען נייע צו קריגען. עסט קיין טויטע פרוכט. פּערזענליך בין איך קיין גלויביגער אין איינגעמארינירטע פרוכט אָדער אירגענד וועלכע גאטונג פלאנצונג וואָס קומט פּערפאקט אין בלעכענע קעסטלאך אָדער אין פלעשער. איך בעטראכט עפּעס דיעזע אלע „איינגעמאכטעס" אָדער איינגעבאלזאמירטע סחורה אויך אלס א מין זאָרט „בר־מנן"—נור פון איין אנדער גאטונג. איינגעמארינירטע פרוכט איז אויך מת מיט אלע מתים צוגלייך. דער איינציגער אונטערשיעד איז נור דאָס אָנשטאָט וואָס יענע זיינען בעגראָבען אין טרונעס און ליעגען אין דרערד, זיינען דיזע נעביך פערפאקט אין בלעכענע קעסטלאך אָדער פלעשער און שטעהען אויסגעשפּרייט ברייטלאך אין א גראָסערי. נור מתים זיינען זיי, ווארום אזעלכע איינגעמארינירטע אָדער איינבאלזאמירטע פרוכט קעז שויז מעהר ניט וואבסעז. און דערפאר וואָס עס האָט שוין מעהר קיין לעבען קען עס אויך קיין לעבען מעהר געבען. איך בין כמעט זיכער דאָס דער מענש קען דערפון קיינע נוצען ציהען.

און גיבט אכטונג דאָס ווען איהר עסט אירגענד א גאטונג פרוכט וואָס איז בעשטימט געוואָרען ביי דער נאטור צו עסען איינציגווייז, דאָס איהר זאָלט פון דיעזען גאטונג ניט עסען צו פיעל אויף איין מאָהל. איך מיין דערמיט דאָס קארשען, למשל, וועלכע זיינען ביי דער נאטור בעשטימט דאָס מען זאָל זיי עסען איינציגווייז, דאָס מען זאָל פון דיעזע ניעמאלס עסען א גאנצען הויפען אויף איין מאָל. נים, צום ביישפּיעל, דארף מען עסען איינציגווייז און געלאסען—גראדע אזוי לאנג וויא עס נעהמט צייט נים צו צוקנאקען אזוי לאנג דארף דויערן ביז מען זאָל זיי עסען. אויב איהר זאָלט אָבער נעהמען א הויפעז מאַנדלען און עס עסען אויף איין מאָהל, איז ביי מיר קיין

צווייפעל דאָס עס קען ברענגען דעם מאָגען שאדען. מאנכע פרוכט בעשיצט דיא נאטור אליין דאָס מען זאָל זיי ניט עסען צו פיעל אויף איין מאָהל—וויא פּאָמעגראנטען, למשל. איהר קענט פון דיעזער פרוכט ניט עסען פיעל קערנער מיט איין מאָהל. איהר מוזט עסען די קערנער איינציגוויין. נעהמט איהר אָבער אריין אין מויל א גאנצע שטיק פון דער פרוכט, ליעגט צווישען דיא שפּאלטען א מין ביטערע מאטעריע, וועלכע אויב מען זאָל עסען מאכט עס דיא גאנצע פרוכט זעהר אונאנגענעהם. קארשען קען מען אויך ניט עסען פיעלע אויף איין מאָהל. דיא נאטור וויים איהר געשעפט בעסער וויא מיר קליינע חיים'לאך, און זיא וויל דאָס דיא זאפט וואָס קומט פון אזעלכע פרוכט זאָל אָנקומען אין דער מענשליכער געביידע גלאָסען, ווען עס וועט ברענגען נוטצען. ניט אָבער אזוי ווען עס וועט קומען גיך און צו פיל מיט א מאָל ווען עס קען נאָך גאָר גאָר פיליייכט ברענגען שאדען.

* * *

היטעט אייך צו עסען אייניגע און פערשיעדענע צוזאמען גע־מישטע גאטונגען שפייז אויף איין מאָהל. עסט איין זאך אויף איין מאָהל. „שדך לא תזרע כלאים"—דיין פעלד זאָלסטו ניט בעזעען מיט פערשיעדענע גאטונגען געוויכסע מיט איינמאָהל, זאָגט אָן משה רבינו. אין דיעזען געבאָט ליעגט מעהר פילאָזאָפיע וויא דער עולם פערשטעהט. ווייל יעדער געוויכס האָט איהר אייגענע אייגענשאפט, און יעדערע פון זיי שטרעבט אויסצוניצען איהר אייגענשאפט. אז מען פערשפּארט אָבער א פּאָאר פון דיעזע געוויכסע, אויף איין מאָהל אין מאָגען, קענען זיי זייערע אייגענשאפטען ניט אויסאיבען. וואָ־רום דיא זאפט פון איין גאטונג פרוכט האָט איהר ווירקונג אויף איין אָרט, און דיא ווירקונג פון איין אנדער פרוכט ציהט גאָר אין איין אנדער וועג; און ווייל דיא ציהט אהין און דיא אהער, קומט עס אויס גראדע וויא עטליכע מענשען זאָלען אלע ריידען מיט איין מאָהל אין איין צימער—אָנשטאָדט וואָס אויב איינער וואָלט גערעדט, וואָלט מען איהם געקענט פערשטעהן, פערהילכען אָבער אלע ווען זיי ריידען מיט איין מאָהל אויף איין אָרט, דאָס זיי פערגלושען גאָר און צומישען דיא געדאנקען און מען הערט קיינעם פון זיי. מען הערט מעהר ניט וויא קולות. גראדע אזא מין ווירקונג מאכען פערשיעדענע

גאטונגען שפייז אין דער געבײדע פון מענשען אז מען עסט זיי מיט איין מאָהל—עס פערגלושעט דיא חושים און אָנשטאָדט נוצען ברענגען זיי גאָר שאדען. וועהרענד איין זאך אויף א מאָהל וואָלט ערשטענס ניט בעלעסטיגט דעם מאָגען, און צווייטענס וואָלט עס מיט איהר אייגענשאפט יא געבראכט נוצען.

„שדך לא תזרע כלאים"—פערזעע ניט דיין פעלד מיט פערשיערענע גאטונגען. וועניגסטענס 90 פראָצענט פון דער מענשהייט פאָהרען אוועק פון דער היים פאר דער צייט, ווייל זיי ווארפען אומגעלומפערט אריין אין זיך ציגעל מיט טשוועקעס און אנדערע אזעלכע מטלטלין—איך זאג ציגעל מיט טשוועקעס, ווייל רייכע שפייז אויף איין מאָהל צוזאמען געוואָרפען אין מאָגען האָט גראדע אזא ווירקונג וויא איהר זאָלט אריינוואָרפען אין אייער פיאנא ציגעל מיט טשוועקעס. נעהמט אין אנבעטראכט וואָס איהר עסט אויף איין מאָהלצייט אום א שבת אָדער יום־טוב, למשל, און זעהט אליין אויב איהר טהוט נאך ניט אן ערגערע זאך וויא אריין צו ווארפען שטיינדלאך אין אייער פיאנאָ.

נעהמט דיא אלע זאכען וואָס איהר עסט—פון דיא פיש ביז דיא פלייש, ביז דיא משקה, ביז אלעם וואָס איהר ווארפט צוזאמען אין זיך און לעגט עס אריין אין א ליימענעם טאָפּ און פערזוקט עס אין א אויוועז וואָס זאָל האָבען דיא זעלבע היץ און טעמפּעראטור וויא דער מענש בעזיצט, און עס וועט זיך אין לויף פון א פּאָאר שטונדען ענטוויקלען אין א גיפט שטארק גענוג צו פערסמ'ען—און עס פערסמ'ט אויך! מענשען מיינען דאָס דערפאר ווייל זיי ליידען ניט דערפון באלד אויפ'ן אָרט, טהוט עס זיי קיין שאדען. עס איז אָבער איין אירטהום. עס פערסמט—עס ברענגט שאדען ביסלעכווייז — איינס פּראָצענט היינט, נאך איינס מאָרגען, ביז ענדליך עס קלייבען זיך צוזאמען אלע הונדערט פּראָצענט און —און באסטא! זאָגט רבנא־קדיש!

שבת און יום טוב און רייכטהום זיינען מתנות פון גאָט. וואָהל דעם דער וואָס פערשטעהט וויא צו שעצען דיעזע געטליכע מתנות און בענוצט זיי וויא עס דארף בענוצט ווערען— צו פערפיינערן דעם כאראקטער און אום צו ווערען העכער, מעהר אידעאליס־

טיש. אם מייסטען ווערט אָבער שבת און יום־טוב און רייכטהום בענוצט זיך צו דערווערגען— זיך צו ממית'ן מיט צו רייכע שפייז אין איינעם צוזאמען געמישט. שבת יום טוב איז פאר זיי בעשאַפען צו עסען און צו טרינקען—ניין, צו פרעסען און צו זויפען, ריכטיגער געזאָגט.

מיט וואָס פאר איין אימפעט, וויא צוקאָכט דער אמעריקאנער פייערט עס דעם יום־טוב „טיינקס־גיווינג", און וויא געפגרט איז ביי איהם דער עסק דער 4טער דזשוליי. אויסער שיסען אין וועלכע דיא יונגוואָרג פערברענגען דיא צייט, האָט דיעזער וויכטיגסטער יום־טוב ביי איהם כמעט קיין ווערדע. אורזאכע—דער פרעס! אין יענעם טאָג—אויף טיינקס גיווינג מאכט מען הכנות וואָכען לאנג און מען גרייט צו אלע דעלעקאטען, און אין דעם טאָג מעהר ניט וויא שיסען —און וויא שרעקליך צור לאסט איז ביי אלעמען דיעזער טאָג! און דער 4טער יולי פאר דעם אמעריקאנער דארף דאָך טאקע זיין דער טאָג פון אלע טעג.

* * *

עסט ניט פריכטע אזעלכע וואָס זיינען פון דער נאטור ארויסגעצויגען ניט עהרליך—איך מיין דערמיט יענע פרוכט בעקאנט אלס „מורכבים"—צוזאמען געזעצט פון 2 פערשיעדענע מינים, אָדער בעארבייטעט אזוי דאָס זיי זאָלען ניט ענטהאלטען קערנער— וויא די אפעלצינען בעקאנט אלס „נאָפּעלס"; אָדער וויא זיי ווילען שוין יעצט פראָדוצירען מיט א מערקווירדיגע מעטאָדע וואסער־מעלאָנען אָהנע קערנער. אזעלכע פריכטע זיינען דיא נאטורס אונגעזעצליכע קינדער—זיינען ניט עהרליך. דיא נאטור קען זיי דערפאר ניט פערטראָגען און זיי קענען ניט מעהר וואכסען און מיט זיי ענדיגט זיך זייער קורצער עקזיסטענץ. בין כמעט זיכער דאָס אזעלכע פריכטע ברענגען דיא מענשליכע געביידע קיינע נוצען. אויב איינער זאָל זיך דורך אוים ערנעהרען אויף אזעלכע פריכטע, וועט ער פאָזיטיוו פערבלייבען אונפרוכטבאר; און איך גלויב אויך ניט אויב דיא געביידעקען פון אזעלכע פרוכט ציהען נענוג חיונה—חיונה פאר זיין געזונד אזוי ווי פאר זיין פערשטאנד. געוועהנליך זיינען אפילו אזעלכע אונגעזעצליכע פרוכט פיעל געשמאקער וויא דיא עהרליכע קינדער

פון דער נאטור—דער מויל־עזעל איז קליגער און קרעפטיגער וויא דער פערד; דער נאָפעל אפּעלצין איז געשמאקער און אנגענעהמער וויא דער נאטירליכער פּאמעראנץ—נור מיט זיי ענדיגט זיך אָבער זייער קורצע קאריערע. „לא יבא ממזר בקהל ה' גם דור עשירי לא יבא לו בקהל ה'“, דיא תורה מיינט דערמיט דאָס א ממזר דארף ניט נור אריינקומען אין א געטליכע געזעלשאפט, זאָנדערן דאָס ער וועט ניט אריין קומען בקהל ה'. „לא יבא“—ער וועט ניט אריינקומען אין א געטליכע געזעלשאפט. אורזאכע, וויל א ניט געזעצליכער קינד, געבאָרען פון געמיינהייט און אין אונרעכט קומט ארויס ניט נאטירליך, און ער קען ניע בעזיצען דיא אייגענשאפטען וואָס זאָלען איהם בערעכטיגען ער זאָל יא קענען אריין טרעטען אין א געטליכע —אָרדענטליכע געזעלשאפט. זיין געמיינער גייסט וואָס ער האָט ערוואָרבען פון זיינע זינדיגע עלטערן וועלען עס איהם ניע דערלאָזען. ער וועט פעהלען אָדער אין פערשטאנד אָדער אין זיין כאראקטער און דיעזע אורזאכע אליין וועט איהם פערצוימען דיא וועג פאר יע־דער געטליכע געזעלשאפט. עס גיעבען אזעלכע וואָס קענען א ממזר דערקענען אין זיין געזיכט, פון זיין פרעכהייט, פון זיין שוואכען פערשטאנד, פון זיין כאראקטערלאָזע בענעהמונג.

ווייכט אלזאָ פון פרוכט אזעלכע וואָס האָבען קיין זוימען אָדער דיא וואָס קענען ניט מעהר וואקסען. אלע געזעצליכע קינדער פון דער נאטור האָבען זוימען, און קענען וואכסען, בליהען, אליין לע־בען און אויך לאָזען לעבען. א ניט געזעצליכער קינד אָבער קען דאָס ניט בעהויפּטען.

דער „שדך לא תזרע כלאים“ בעציהט זיך אויך אויף דיעזע „מורכבים“ אָדער פרוכט צוזאמען געזעצט פון פערשיעדענע גאַ־טונגען.

* * *

דיא וואָס ארבייטען מיט'ן געדאנקען און מאכען א לעבען דורך טראכטען, זאָלען עסען נים און אפּעלצינען, וויא אויך אנדערע זאפ־טיגע פרוכט. דיעזע שפּייז בעזאָרגט דיא מארך מיט דיא נעטהיגע ערנעהרונג פאר איהר אנשטרענגונג.

מאנדלען און זאָגאר „פינאטס“ בעזאָרגען דעם וואָס גיבט זיך

אַב מיט איידעלע ארבייט, מיט די אלע נעטהיגע קראפט צור חיונה וואָס אזא מענש דארף האָבען. אפילו וועלישע נים און דיא פערשיע־דענע אנדערע זאָרטען האָט אויך יעדער גאטונג איהרע בעזאָנדערע אייגענשאפטען וועלכע זיינען דעם מענשען זעהר נעטהיג. דיא בראַזיליאנישע נים אָדער „פוטער“ נים, וויא אויך קאָקאָ־נים זיינען בע־זאָנדערס רייך אלס שפייז. דיא פעטקייט פון דיעזע נים בעזאָרגט ניט נור דעם מענשען מיט חיונה, זאָנדערן עס היילט אויך אין איהם אלע פעהלערען.

אין דיא לעצטע יאָהרען האָט מען אָנגעהויבען צו אנערקענען דיא גרויסע נוצען און דיא טהייערע אייגענשאפטען וואָס נים בעזיצען און דער געברויך פון זיי שטייגט פון טאָג צו טאָג. אין רייכע הייזער ווערן נים געברויכט אלס צוגאָב צו דיא פיינסטע שפייז. דיא געשמאקסטע טאָרט, דיא פיינסטע קוכען ענטהאלטען אין זיך יעצט פערשיעדענע גאטונגען נים. אלערליי זאָרטען קאָמפאָט ווערען יעצט פערפערטיגט מיט פערשיעדענע גאטונגען נים. געבאקטע און געזאלצענע מאנדלען ווערען בעטראכט אלס פרינצליכע דע־לעקאטען.אפילו געבאקטע פינאטס געבראָטען מיט זאלץ,אָדער אפילו געקאָכט נאכהער וויא מען האָט פון זיי דיא הויט ארונטער גענומען מיט הייסע וואסער, איז א בעזאָנדערס גוטע שפייז. קורץ, עס איז ניטאָ א בעסערע שפייז אלס נים וואָס זאָל אזוי זעטיגען און צופריע־דען שטעלען די געביידע פון מענשען. קיין צווייפעל דאָס אויב מענ־שען וואָלטען אויף נים אליין זיך ערנעהרט, וואָלט מען געזעהן וועני־גער זויערע געזיכטער און פערביטערטע, צאָרן'דיגע מענשען ארום זיך. אָפט הערט מען וויא איינער זאָגט דאָס ער קען ניט פערטראָגען נים. אזוי שנעל וויא ער עסט נור נים ליידעט ער באלד. דאָס איז אמת—אזוי שנעל וויא ער האָט נור „איין מאָהל“ געגעסען נים און דאָס נאָך אויף א „בן־זכר“, נאכהער וויא ער האָט שוין אין זיך אריינגעצימבעלט א גאנצען פוש־קארט מיט געפילטע פיש און נאָך אנדערע אזעלכע דעליקאטען און משקה. וואָס מען עסט און טרינקט געוועהנליך איידער מען קומט צו דיא נים, און וועלכע מען עסט געוועהנליך בלויז אוים צייט־פערטרייב—אזוי שנעל ווי ער האָט אויף אזא געלעגענהייט געגעסען נים, האָט עס איהם טאקע פערשאַ־

דעט—עס איז אמת, שטרענג אמת! נור ניט דיא ניס האט איהם געשאדעט. זאל ער מוחל זיין און מאכען א רעכנונג פון דיא מטעמים וואס ער האט אין זיך אריינגעציםבעלט, און זאל דיעזע נעהמען און פערפאקען אין א טאפ און זאל עס פערוקען אין א וואַרימען טעמפעראטור וויא דער מענש האט—וועט ער זיך שוין דאן איבערציייגען וואס עס האט איהם פערשאדט—דיא ניס זיכער ניט. נור נאטירליך ניס מיט געפילטע פיש זיינען קיינע מחותנים און עס איז מעגליך דאס דיא ניס ווען מען האט זיי פערוקט צווישען אזעלכע שלעכטע קאמפאניע האבען ניט געוואלט ליידען און זיי האבען א בורטשע געטאהן—בלויז א קליינעם בורטשעלע דערלאנגט—דאס קען זיין. אבער דאס ניס אליין קען שאדען איז בעזאנדערס לעכערליך.

מאכט ניט נאך א מאהל די לעכערליכע בעהויפטונג דאס ניס, אדער באנאנאס, אדער אנדערע פרוכט זיינען דעם מאגען שווער און האבען אייך פערשאדט. ווארום אויב איהר רעדט אזוי רעדט איהר וויא א ווארטס־פרוי. אזא בעהויפטונג איז פאלש, ניט לאַגיש, ניט שעהן און עס פאסט צו מאכען פאר א ליטווישען פויער. אזא חאמולע קען קיין איידעלעס פערטראגען— קען מעהר ניט פערדייען וויא זייף מיט פומפערניקעל אדער גראבע קאשע צוגעפרעגעלט מיט ליכט. איין מאהל האט פאסירט דאס מען האט אזא אדעלמאן טראקטירט מיט שאקאלאדע—פערסם|ט געווארען אויף דער שטעלע! געווען צו איידעל פאר איהם און ער האט זיך באלד דערפון אויסגעצויגען פלאך וויא א לאקס. יעצט טענה'ן אלע ליטווינישע חאמולעס דאס שאקאלאדע איז סם־המות!

דערפאר זאג איך און ראטה אייך וויא א פריינד נאך א מאל ניט צו מאכען דיא לעכערליכע בעהויפטונג דאס פרוכט און ניס זייַנען שעדליך דעם מאגען.

* * *

די יעניגע וואס ארבייטען קערפערליך אדער האנד־ארבייטער, זאלען עסען קערנער אזעלכע וויא לינזען, בעבלאך, ארבעס, רייז און די פערשידענע אנדערע מינים קערנער, ווי אויך פרוכט. דיזע שפייז קרעפטיגט דיא נערוועז, שטארקט דיא ביינער און מאכט דעם מעַנ־

שען טהעטיג. דניאל, חנניא, מישאל ועזריה, האבען געלעבט דערויף אין קעניגליכען הויף ביי נבוכדנצר אין בבל און זיי האבען אויסגע־זעהן בעסער און שעהנער און קרעפטיגער וויא דיא אלע אנדערע וואס האבען פלייש געגעסען.

די גרעסטע מענשען אויף דער וועלט, פילאזאפען, דענקער און אפילו צימליך שווערע ארבייטער, אין יעדער קלימאט אויסער אין די זעהר קאלטע, האבען צו יעדער צייט געלעבט אויף תבואה און עס האט זיי צופריעדען געשטעלט. נאטירליך, דיא וואס ארבייטען ניט נארמאליש מוזען אויך האבען שפייז וואס איז ניט נאטירליכע. איך קען ניט ערווארטען פון איין ארימען שניידער וואס ארבייט שווער 12 שטונדען א טאג דאס א איידעלע שפייז זאל איהם בע־זארגען מיט קראפט גענוג פאר זיין טייפלישע ארבייט. ער ארבייט טייפליש און מוז האבען טייפלישע שפייז איהם צו בעזארגען מיט קראפט גענוג ער זאל ווייטער קענען ארבייטען טייפליש.

* * *

דיא יעניגע וואס זיינען ליידענד, זאלען עסען דורך אויס נור פרוכט—און פון דעם איידעלסטען זארט. דיזעס וועט זיי ברענגען מעהר גוטעס וויא גאנצע פלעשער מעדיצין און גאנצע קעסטלאך פילען. ווארום פרוכט בעזיצט דיא אייגענשאפט צו בערוהיגען, צו קוויקען, צו טרייסטען, צו היילען. ווייל יעדער אפעלסין, יעדער פלוים, יעדע טרויב, יעדער יאגדע, יעדער קארש, איז פיר זיך אליין א קליינע בוטעלקעלע מעדיצין פערפערטיגט אין דער לאבאראטריום פון דער נאטור מיט דער געגויסטער פינקטליכקייט—און די נאטור פערשטעהט איהר פאך בעסער וויא שלעכטע דאקטוירים; און דער־פאר איז דיא ווירקונג פון פרוכט אויף שלאפע, שוואכע קראנקע בע־זאנדערס גינסטיג. דיא זאפט פון איידעלע פרוכט איז א וואהרער באלזאם פאר א שלאפען. מענשען פערשטעהען גאר ניט דיא וויכטיג־קייט פון פרוכט. עפעס קוקען זיי אויף פרוכט וויא אויף עפעס א מין נאשעריי וואס איז מעהר ניט ווערט מען זאל דערויף ספענדען בלויז א פאאר פענים, און דאס בלויז צו אמוזירען דיא קינדער. גרויסע מענשען בעטראכטען עפעס פרוכט פאר א מין אונפאסיגע זאך וואס עס פאסט גאר ניט פאר זיי זיך אבצוגעבען דערמיט און עסען—זיי

זיינען דאָך שוין מעהר קיינע קינדער. נור אויב זיי וואָלטען וויסען וואָס זיי פערליערען דאדורך וואָס זיי עסען קיינע פרוכט, וואָלטען זיי זיך דערמיט א רעכט ביסעל מעהר אָבגעבען. מיליאָנען און מיליאָנען ווערט פערספענדעט א יאָהר אויף ביטער־זאלץ, ריצען־אייל און אנדערע אזעלכע פארשוינענדיגע דעליקאטען. אויב מענשען וואָלטען אָבער פערשטאנען דיא אייגענשאפטען וואָס פרוכט בע־זיצט וואָלטען זיי פערשפּארט זיך צו פערקרימען אזוי אָפט ווען זיי זיינען זיך אזוי אָפט אליין מכבד מיט א כוסה ריצען־אייל.

גוטע, פּארטיגע און „געזונדטע" פרוכט—ניט צוגעפוילט. בעזיצען אין זיך באלזאם צו היילען אלע קראנקהייטען פאלס עס איז שוין ניט צו ווייט פערפאָהרען. דיא זאפט פון פרוכט רייניגט דאָס בלוט און האלט דעם מאָגען אין א גוטע אָרדנונג—און אלע ווייסען דאָס קוים איז דיא בלוט ריין און אלעס אין דער געביידע האָט פרייען לויף, דאן מוז מען זיין געזונד, מונטער און אויפגעלעגט. לעבער, סטינקעס, וואורשט, לימבורגער קעז קענען דאָס ניט בעווייזען, וועה־רענד יאגדעס, מאלינעס, טרויבען, אפּעלצינען, עפּעל און נאָך אנ־דערע אזעלכע פרוכט קענען עס יא אויספיהרען.

פרוכט האָט א דאָבעלע אויפגאבע—עס ערנעהרט ערשטענס און עס היילט אָדער וועניגסטענס עס פערלינדערט דעם שלאפען. אפּעלצינען, פייגען, פלוימען, דייטלען, קארשען, טרויבען, פיטשעס יאגדעס, מאלינעס, אגרעסען, וויינפערלאך, לעמאָנס, קרענבעריס, בלעקבעריס, פּאמאגראנטען און נאָך פיעלע אנדערע פערשיעדענע גאטונגען פון פרוכט, איז יעדער סאָרט פאר זיך אליין א מעדיצין. דאָקטוירים מוזען זיין אויסער ארדנונג אין זייער „טאפּ ־פלאָר" צו אלדע שווארצע יאָהר, ווען זיי פערשרייבען אָנשטאָט פרוכט— אייזען, קוועק־זילבער, קווינין, מאָרפין, און אנדערע מינעראלען וואָס מוז אָנמאכען צרות אין דער מענשליכער געביידע. אפשר לוינט זיי ניט דער עולם זאָל זיין געזונד און זיי האלטען דערפאר מענשען בכיון אין א ליידענדען צושטאנד? אין די אלטע צייטען פלעגט מען היילען אלע קראנקהייטען מיט פערשיעדענע גאטונגען פרוכט,פערשידענע קרייטיכער מיט בלומען.אז חזקיהו המלך איז גע־ווארען קראנק האָט ישעיה געהייסען צו לייגען א פלאסטער פון

פייגען און דער קעניג איז פון א געפעהרליכע אויסשלאָגענדע קראנק־הייט געזונד געוואָרן. דיא אייל פון קאַקאָא נים איז פּראכטפאָל פאר ברוסט ליידענדע. מאלינעס אלס שוויץ־מיטעל ארויסצוטרייבען פיבער איז בעזאָנדערס גוט. געבראָטענע עפּעל איז אויסגעצייכענט גוט פאר דיא וואָס ליידען אויף דעם מאָגען. אויף געבראָטענע פי־נאטס אביסעל בעזאלצען ווען עס ווערט געבאקט, אָדער אויף געבראָ־טענע מאנדלען האָט זיך קירצליך אונטערגענומען איינער צו קורי־רען שווינדזוכט—און איך בין זיכער דאָס עס קען אויסגעפיהרט ווע־רען. פאר רומאטיז זיינען צוטרינען א זעהר גוטער מיטעל. אלס רייניגונג מיטעל זיינען פלוימען און פייגען בעזאָנדערס גוט. און יעצט ליידער באָמבארדירען אויף אונז דאָקטוירים ווען מיר זיינען אין א ליידענדען צושטאנד, מיט אייזען, קוועק־זילבער, מינעראלען אזעלכע וויא ביטער זאלץ או אנדערע אזעלכע סם־המות וואָס פער־קירצט אונז דיא יאָהרען.

אפילו דיא פּראָסטע פלאנצונגען האָט אויך יעדער גאטונג איהר בעזונדערע אייגענשאפט וואָס ווירקט גינסטיג אויף דער מענשליכער סיסטעמע. דיא גוטע ווירקונג וואָס צוויבעל און קנאָ־בעל ברענגט דעם מענשען איז צו גוט בעוואוסט דאָס מען זאָל גאָר דעריבער ארגומענטירען. און אפילו דיא פערשיעדענע גאטונגען פון געמיזע און גרינוואַרג, פון מעהרען ביז סעלערי און טאָמייטאָס, קען אויך ניעמאנד עסען צו פיעל פון זיי. אלעס אונטער דער קא־טאגאָריע פון גרינוואַרג איז פּאָרטרעפליך גוט ניט נור אלס שפייז זאָנדערן אויך אלס מיטעל צו היילען אָדער צו פערלייכטערן א גע־וויסען פעהלער.

* * *

אויב יעמאנד ליידעט ווייל ער איז צו פעט, זאָל ער עסען פרוכט פון דעם וויינינגען זאָרט. קיין זאך נעהמט אוועק איבעריגע פעטקייט אין א מענשען וויא וויניגע און זאפטיגע פרוכט.

עסט ניט צו ווענינ—עסט ניט צו שנעל. דיא פרוכט אָדער דיא תבואה, דיא נים און דיא פלאנצונגען וואָס איהר עסט, זאָל ניט זיין צוגעפוילט. ווארום אויב פרוכט, למשל, איז צוגעפוילט איז עס קראנק און אויב עס איז אין גאנצען פערפוילט, דאן

איז עס טויט — פגר מיט אלע פגרים צו גלייך—בר־מנן וויא אין פסוק שטעהט. עסט אלזא קיין קראנקע—עסט קיין בר־מנן, מעג עס אפילו זיין א נבלה פון א עפעל, ווארום דער ווארט „נבלה" הייסט פערפוילט און אויב א עפעל איז פערפוילט איז עס אויך א נבלה.

עסט ניט וייל עס איז 12 א זייגער, אדער וייל עס איז שוין 6 אוהר. עסט בלויז ווען עס איז שוין צייט צו עסען — עסט נור דאן ווען איהר האט נור חשק צו עסען—ווען דער אפעטיט קלינגט מיט'ן גלעקעל און איז אייך מודיע אז אייער געביידע דארף נאהרונג.

* * *

פער געלעגענהייט וועל איך שוין פעראיינס אריינשמוגלען נאך א פאאר נעטהיגע פאקטען ניצליך אום צו לעבען ריכטיג.

נעהמט בעדער אזוי אפט וויא נור מעגליך. איהר קענט ניט נע־מען צו פיעל פון זיי. דיא תורה הייסט אונגעפעהר 72 מאהל צו וואשען זיך, און דיא קליידער, אונטער פערשיעדענע אומשטענדען.

„ורחץ במים את בשרו וטהר"—און ער זאל זיין קערפער וואשען אין וואסער אום ער זאל זיין ריין, זאגט אן דיא תורה אונטער פערשיעדענע אומשטענדען אונגעפעהר 35 מאהל.

„וכבסו בגדיהם והטהרו,—און זיי זאלען וואשען זייערע קליידער און זיי זאלען זיין ריין, זאגט אויך אן דיא תורה אונגעפעהר 37 מאהל.

און ענדליך גיבט דיא תורה ווארנונג אויף אזא ארט :—„ואם לא יכבס ובשרו לא ירחץ ונשא עונו"—פאלס אבער ער וועט זיך ניט וואשען, און וועט זיין קערפער ניט האלטען ריין, דאן וועט ער ליידען פאר זיין זינד, (ויקרא י"ז—16).

* * *

אייערע קליידער און בעט געוואנד דארפען זיין בעזאנדערס ריין. שלאפט ניט אויף בעט געוואנד אזעלכע וואס קריכען ארום בירושה פון דור צו דור. אין דיא קליידער און בעטגעוואנד האט מען מיט א פאאר יאהר צוריק פערשלעפט דיא חאלעריע אין האמבורג. עפעס א קלייניגקייט בעט געוואנד וואס געהט איבער בירושה פון דור צו דור! איהר שפיעלט זיך מיט א פערענע וואס איז שוין אלט גענוג צו האבען א גרויע בארד. אזא פערדאמטע פערענע האט

ביכולת צו פערשלעפּען דיא חאַלעריע ניט נור אין האמבורג אליין, זאָנדערן איבער דער גאנצער וועלט. ווארום אויף דיא זעלבע פערענע וואָס איהר שלאָפט, אויב איהר זייט א באלטרימאנצעשאַקער קען גאנץ מעגליך זיין דאָס עס האָבען שוין דערויף געשלאָפען אלע איי־ערע אור־אור־אור עלטערן ביז „עכן בן כרמי בן זבדי בן זרח“—וועל־כער האָט עס נאָך געמוזט גנב'ענען אין דער מלחמה.

טראָגט קיין „שעטנז“—קליידער געמאכט פון פערשיעדענע גאַ־טונגען שטאָף אזעלכע, למשל, וויא וואָל און פלאקס. ווארום יעדער גאטונג האָט איהר בעזונדערע אייגענשאפט און איהר בעזאָנדערע ווירקונג אויף דער מענשליכער געביידע. איינע צום ביישפּיעל וואָ־רעמט, דאָס צווייטע קיהלט; און דערפאר וואָס יעדער פון זיי שטרעבט אויסצופיהרען איהר ווירקונג, ברענגט דיעזע „שעטנז“ נאטירליך קיין גוטע ווירקונג אויף דיא איידעלע חושים און פעהיג־קייטען פון דעם מענשען.

קיין צווייפעל דאָס אויב דער מענש וואָלט געטראָגען נאטירלי־כע קליידער—קיין שעטנז, וואָלט ער געוועזן פיעל ווייניגער אונטער־וואָרפען אונטער פעשיעדענע קראנקהייטען, און זיין פערשטאנד וואָס פאָרדערט דיא צערטליכסטע ווירקונגען פון אלעס ארום און ארום זיך, וואָלט געווים געוועזן אין א בעסערע אָרדנונג. איך האלט דאָס וואָל און האָר און די געוועב פון ווערים און פעל איז ניט פּאַ־סענד אלס קליידונג פאר דעם מענשען. דיא ריכטיגע מאַטעריאל פּאַ־סיג איז פלאכס און בוימוואָל. דיעזע קען מען וואשען און האלטען ריין. ניט אָבער אזוי וואָל און האָר און פעל וואו מיקראָבען האָדעווען זיך געדיכט און געשווינד און וועלכע מען קען ניט בעקוועם וואַ־שען און ריין האלטען. לויט דיא געזעצע פון דער תורה קען גאָר א איד ניט טראָגען אזעלכע קליידער וואָס ער קען ניט אלע ווילע וואשען. „וכבסו בגדיכם וטהרו“—און איהר זאָלט וואשען אייערע קליידער און איהר זאָלט זיין ריין, זאָגט אָן די תורה.היינט געה און וואש א טהייערען אויבערראָק אָדער א סאמעטענעם מאנטעל אָדער א זיידענע קלייד, אלע ווילע! און וואָס איז נאָך אזוי אונריין וויא א קלייד פון וואָל אָדער פעל, אָדער האָר, וועלכעס מען טראָגט אָפט יאָהרען לאנג? ווען דיא חיה לעבט

און קען האלטען איהרע וואָל אָדער איהרע האָר ריין, איז עס אויך אונריין גענוג. איבערהויפּט נאָך נאכהער וויא מען האָט עס ארום געשאָרען אָדער איהר פעל געירשנט נאָך איהר טויט. מען האָט קירצליך מיקראָסקאָפּיש עקזאמינירט א וואָלענע זאָק, און מען האָט דערין געפונען ניט מעהר וויא בלויז 956 קאָלאָניעס פון מיקראָבען! דענקט דעריבער —קלעהרט וויא שרעקליך עס איז!

לויט תורת משה אָבער קען מען ניט טראָגען אזעלכע קליידער וואָס מען קען ניט וואשען נאכהער וויא מען האָט זיך אָנגעריהרט אן אן אונריינע זאך—און ווער פון אונז קומט ניט אָפט אין בעצוג מיט אונריינע געגענשטענדע?

„בזאת יבא אהרן אל הקדש—כתנת בד קדש ילבש ומכנסי בד יהיו על בשרו ובאבנט בד יחגר ובמצנפת בד יצנוף בגדי קדש הם"—אויף אזא ארט דארף אהרן אריין קומען אין דער הייליגקייט: אין א מונדיר פון לויטער ריינע לייווענט, ביז זאָגאר דעם גארטעל, ביז אפילו דיא הוט. ווארום נור אזעלכע קליידער זיינען הייליג, ריין.

וויא ערהאבען תורת משה איז! וויא גענצליך בעקאַנט עס איז מיט דער געזונדהייטס פראגע.

* * *

איהר מוזט רוהען אום שבת, ווארום זאָנסט שטרענגט איהר אָן אייער ענערגיע וויא אויך אייער פערשטאנד און איהר קענט ניט פאָרטזעצען אייער ארבייט וועו עס קומט אָן דיא נייע וואָך מיט דער זעלבער פרישקייט וויא איהר וואָלט געהאט פאלס איהר וואָלט שבת יא געהאט גערוהט, און וואָלט זיך אין דעם טאָג יא אויסגעטאָהן גענצליך פון דער אלטעגליכער אמביציע.

איהר מוזט פאסטען וועניגסטענס איין טאָג אין יאָהר—מעהר אויב מעגליך. ווארום אייער געביידע מוז רוהע האָבען. אלעס אין דער נאטור האָט איהר בעשטימטע צייט צו רוהען און אייער געביידע בילדעט נאטירליך קיין אויסנאהמע. גיבט דערפאר אייערע אָרגאנען רוהע. עס איז אין דיא לעצטע צייטען גאָר בעוויזען געוואָרען דאָס פאסטען קורירט אלע קראנקהייטען—אפילו משוגעת. ווארום עס שטארבען אויס פון הונגער דיא אלע מיקראָבען וואָס פעראורזאכען

דיא קראנקהייט; און צווייטענס בערוהיגט פאסטען דיא נערוועז אזוי, דאס זיי ווערען צוריק נארמאל און דער קראנקער ווערט צוריק געזונד.

אין דיא לעצטע יאהרען איז פיעל און פיעל איבער פאסטען געקלעהרט און נאכגעפארשט געווארען און מען איז דערגאנגען פאזיטיוו דאס דער יעניגער מיט א שטארקען כאראקטער וואס קען אויסהאלטען דיא ארדאליע פון פאסטען, קען געהיילט ווערען פון דיא געפעהרליכסטע קראנקהייט. איך געדענק נאך וויא א געוויסער „דאקטאר טאננער" האט אין 1880 געפאסט 40 טעג און איז דאדורך אויסגעהיילט געווארען פון א זעהר שמערצליכע קראנקהייט וועלכע דאקטוירים האבען ערקלעהרט פאר אונהיילבאר.

משה רבינו האט געפאסט 2 מאהל צו 40 טעג נאכהער וויא ער איז שוין אלט געוועזען אריבער 80 יאהר. ער האט דערמיט געצייגט וויא ער דריקט זיך טאקע אוים:— „למען הודיעך כי לא על־הלחם לבדו יחיה האדם"—אום דוא זאלסט וויסען דאס ניט נור אויף ברויט אליין לעבט דער מענש. דיא וויסענשאפט בעשטעטיגט דיעזען אמת. עס גיבט צו דאס עסען אליין בעזארגט ניט מיט דער חיונה וואס דעם מענשען איז נעטהיג. עסען שפארט נור אונטער דאס הארץ —„ולחם לבב אנוש יסעד" ווי עס איז שוין ערקלעהרט אין צווייטען טהייל פון דיעזע ווערק; און עס בעזארגט מיט מאטעריאל פאר דעם אבפאל אין דער מענשליכער לאבאראטאריאום. דער לעבען אבער אליין ליעגט ניט אין געשמארטע לעבער און אפילו ניט אין פומפערניקעל. עס קומט פון א העכערע קוועלע. פרוכט און וואסער האבען אויך בלויז דיא אויפגאבע אבצופרישען דיא ארגאנען, צו רייניגען וואו עס איז ניט ריין, און צו פעריכטען דארטען וואו עס איז צוריסען, צופליקט—דאס הייסט צו היילען דארטען וואו א גליעד אדער איין ארגאן איז ניט אין דער ארדנונג. נור שפייז אליין קען דאס אבער ניט בעווייזען אזוי וויא פאסטען. אזוי וויא שלאף פרישט אב דעם מענשען און בערוהיגט זיין נעדאנקען און גלייכט אוים זיינע גלידער און עס איז דאך נור דערום ווייל אין דער צייט פון שלאף לאזט איהר זיי רוהען; אזוי פרישט אב פאסטען אלע ארגאנען און אויך נור דערום ווייל איהר לאזט זיי אלע דורך פאסטען רוהען. אז דיא

אָרגאנען זיינען ניט בעלעסטיגט קריעגט דאָס בלוט פרייען לויף און נור דאן קען א מענש געזונד זיין. אויסער דעם, וויא שוין פריהער געזאָגט, שטארבען אויס דיא אלע מיקראָבען וואָס פעראורזאַכען די קראנקהייט און וואָס מאכען א לעבען „משוד עניים ומאנקת אביונים" פון דעם וועהטאָג און פון דיא וואונדען פון א קראנקען; און קוים ווערט דער מענש לויז פון דיעזע פאראזיטען דאן מוז ער צוריק געזונד ווערען. עס גיבט אלזאָ קיין בעסערע זאך וויא פאסטען אום זיך ווידער צו דערהאָלען און צוריק געזונד צו ווערן.

* * *

פיהרט ניט אין אייער הויז א „חד־גדיא" לעבען—דאָס הייסט קומט ניט צו הויז א צוקאָכטער, און גיסט ניט אויס אייער גרימצאָרן אויף אייער פרוי— ווארום דיעזע וועט עס נאכהער אויסלאָזען צו דיא קינדער, און יענע איינס צו א צווייטען ביז עס וועט ענדליך אָנקומען צום מלאך־המות—חד־גדיא—חד־גדיא! מעהר וויא אָפט פיהרט אזא אונגליקליך לעבען צום מלאך המות. עס פערביטערט דעם לעבען און עס מאכט פון קינדער איינפאכע קריפעלס. זיי ווערן בייז און ערגערליך און האָבען אָנשטאָט פריינדליכקייט און גוטע געפיהלען, בלויז שנאה און פעראכטונג. נאכהער איז שוין לײדער אונמעגליך מקיים צו זיין „כיבוד אב ואם"—שוין ניט צו דערמאָנען רעספעקט און ליעבע פאר פרעמדע. און דיא שולד דערפאר ליעגט נור אין אזעלכע „חד־גדיא" בענעהמונגען.

אין זיין היים דערקענט מען דעם ריכטיגען מענשען. אין זיין היים בעוויזט דער מענש זיין ריכטיגען כאראקטער. אין דער וועלט קען מען ניט אימער ארויסווייזען וואָס מען איז—אומשטענדען לאָזען ניט. צו הויז אָבער ארומגערינגעלט וויא מען איז מיט אייגענע, צייגט א מענש זיין ריכטיגען קאַליער. פיעלע—לײדער צו פיעל, בעווייזען אין הויז וואָס זיי קענען ניט בעווייזען אין דער וועלט: און ווען זיי קומען צו הויז לאָזען זיי זיך פערנאנדער. וואָס ניעמאנד וועט עס פון זיי צונעהמען אין דער וועלט, גיבען זיי אָפט אוועק צו דער ווייב און צו דיא קינדער. אונטער אזעלכע אומשטענדען קענען זיי ניט ערווארטען אָבצוקריעגען א זאך וואָס זיי האָבען ניט געגעבען. ווער עס קומט וויא א שטורם ווינד אין דער היים, דער דארף

ערוואַרטען צו שניידען וואָס ער האָט פּערזייעט. אויב איינער וויל אכטונג, צערטליכקייט און וואַרימע בעהאַנדלונג אין דער היים, דאַן איז דאָ א מיטעל דערצו—גראַדע אזוי זיינע הויזלייט צו בע־האַנדלען. אויב איינער בעזיצט ניט אזא געפיהל און מוז אוים דער נאַטור האַנדלען וויא א נויאָרקער פּאָליסמאַן, דאַן זאָל ער מוחל זיין און א ביסעל איינהאַלטען זיין פּערד און זיך באַהערשען. זעלבסט בעהערשונג איז א טוגענד וואָס איין יעדער פון אונז דאַרף נאָכ־אַנאַנד שטרעבען אין זיך צו קולטיווירען. עס איז איינע פון די שעהנ־סטע מידות. „ומשל ברוחו מלוכד עיר"—דער וואָס בעהערשט זיין טעמפּעראַמענט איז פיעל מעכטיגער וויא דער וואָס נעהמט איין א שטאָט. לעהרנען אונז די אבות. צוימט איין אייער כעס—קאָכט ניט אויף ביי דריי גראַד היץ—זייט געלאַסען—זייט צערטליך. א גוטער וואָרט קאָסט ניט אזוי טהייער, און וואָס איז ליידער דער גאַנצער מענשענס לעבען אויב מען זאָל עס ניט זעהן צו מאַכען אזוי אנגענעהם וויא נור מעגליך. און פערגעסט ניט דעם וויכטיגען פאַקט דאָס גראַדע אזוי וויא איהר פיהרט אין אייער הויז, גראַדע אזוי וועלען נאָכהער פיהרען אייערע קינדער. ווארום אויב זיי ווערען פערביטערט אין זייער יוגענד מוז עס שוין נאָכהער געהן „חד־גדיא־מעסיג". איינער א צווייטען מוז שוין נאָכהער דערגעהן דיא יאָהרען ביז עס מוז שוין ענדליך אָנקומען צום מלאך המות—חד־גדיא! חד־גדיא!

* * *

וואָהנט אין וואָהנונגען וואו דיא זונן קומט אריין, וויא אויך דיא שטראַהלען פון דער לבנה. האָב שוין באריכות וועגען דעם גע־רעדט אין 2טען טהייל פון דיזע ווערקע. דעם עולם'ס ווערטעל דאָס „וואו די זון קומט ניט דאָרט קומט דער דאָקטאָר", איז א זעהר ריכטיגער. לעבען און געזונד ווערט אויסגעבאַקען אין דעם מענשען נור דורך דיא שטראַהלען פון דער זון. א פלאַנצונג אויב איהר זאָלט פערפלאַנצען אין א קעלער וואו דיא זון קומט ניט אריין קען ניט וואַכסען, און וויא קען דער מענש? וועלכער איזט אויך נור בלויז א פלאַנצונג—„כי האדם עץ השדה" (דברים כ', 19).

ניט אלע קענען וואָהנען אין ארקאַדיען, אָבער אלע קענען געני־סען די ליכטיגקייט פון דער זון. ווייכט איבערהויפּט פון וואו עס איז

פינסטער. עס שיינט דאָס נאָך אַלעמען איז דער מענש דאָך אַן ערדעל־מאַן אויס דער נאַטור און קען ניט פּרעך, אין דיא אויגען פון דער זון און אין דער ליכטיגקייט פון דער לבנה אָבטאָהן און בעגעהן א שמוציגען טהאט. נור אין דער פינסטער—ווען דיא פעגסטער זיינען בעהאנגען מיט „גזר־דינען“, מיט געדיכטע קאָלדרעס, געפינט שוין דער מענש וויא עס איז א היתר—א קלאָג נאָך דיא קאָלדרעס! ווער ווייסט וויא פיעל דיעזע פערדאמטע קאָלדרעס זיינען פער־אנטוואָרטליך וואָס דער מענש טוהט אָב פון דער אנדער זייט ירדן—פון דער צווייטער זייט פון דיעזע קאָלדרעס.

* * *

שלאָפט גענוג, ווארום שלאָף איז דער בעסטער דאָקטאָר וואָס קען אייך קורירען. האָט איהר שוין א מאָהל ניט בעטראכט אין זיך אליין וויא איהר געהט שלאָפען מיט א פערקלעמטע הארץ—מיט א בארג זאָרג אויף זיך וועלכע איהר מיינט איהר וועט עס זיכער ניט קענען אריבער טראָגען, און צום סוף אז איהר זיינט אויפגעשטאנען נאָך א גוטען שלאָף, האָבען שוין גאָר יענע בערג אויסגעזעהן בלויז וויא שאטענס פון בערג, אָפט נאָך אפילו ניט אזוי וויא שאטענס — זיינען אין גאנצען פערשוואונדען געוואָרען וויא קרח, און איהר לאכט פון זיך אליין דערפאר וואָס איהר האָט זיך גאָר ארום יענע נארישקייט אין גאנצען געערגערט. דיא אלע נארישע ליגענס וואָס קריכען ארום צווישען עולם און וואָס דערצעהלען וויא אזוי גרוי־סע לייט שלאָפען בלויז זעהר ווייניג, זיינען ניט מעהר וויא אומגע־לומפּערטע ליגענס. א גרויסער מאן קען ניט פאַרטזעצען זיין ארבייט פאלס זיין געדאנקען איז ניט אויסגערוהט. אָהן עסען קען יא א מענש אויסקומען א געוויסע צייט—אָהן שלאָפען ניע. און ניט נור דאַרף מען שלאָפען גענוג, זאָנדערן אויך אין דער ריכטיגער צייט. דיא יעני־גע וואָס דרעהען אום טאָג אויף נאכט און נאכט אויף טאָג, מוזען ליידען אין פערלויף פון א גאנץ קורצע צייט. „הוי האמרים לרע טוב ולטוב רע שמים חשך לאור ואור לחשך“—וועה דיא וואָס זאָגען אויף שלעכט גוט און אויף גוט שלעכט, און מאכען פון פינסטער ליכטיג און פון ליכטיג פינסטער.

איבערהויפט מוזט איהר אכטונג געבען דאָס איהר זאָלט פיהרען א געלאַסענעם און שטרענג מאָראַלישען לעבען. ווארום קוים ועט איהר ניט פיהרען אזא לעבען איז אומזיסט אייער גאנצע מיהע. ווארום דער וואָס וויל דוקא לעבען א רוישענדען צוקאכטען און אונמאָראַלישען לעבען, קאָן דאָס בשום אופן ניט אויספיהרען אויף וועגעטעריאנישע שפייז.

* * *

ציינט מיר איינעם וואָס נאכהער אז ער זאָל נאָכדענקען ריכטיג און זאָל זיך ארומזעהן וויא דער קורז האלט, וואָס זאָל זאָגען דאָס איך האָב ניט רעכט. ווייזט מיר איין עהרליכען דענקער וואָס זאָל זאָגען דאָס דיא בעווייזע און ארגומענטען וואָס איך ערצייג זיינען ניט ריכטיג. און אויב עס איז יא ריכטיג און עס איז אמת, דאן פערנעהמט זיך זאָ פאָרט מיט דער אויפגאבע צו פערבעסערן אייער לאגע. פערנעהמט זיך ריכטיג צו לעבען. פערנעהמט זיך מיט א שפייז פון פרוכט, ניס, קערנער און פלאנצונגען. האָט אימער אין זינען דאָס נאָך אלעמען איז פלייש עסען בלויז א געוואָהנהייט און ניט א נעטהיגקייט. פערגעסט קיין מאָהל דאָס מערדערן לעבעדיגע בעשעפעניסע און אויפעסען זייער פלייש איז קיין יושר און איז זעהר ניט שעהן. פאָלגט דיא פראָגראמע וואָס איך שרייב אייך דאָ פאָר. עס איז ניט שווער אויסצופיהרען. פאָלגט, ווארום זאָנסט מוזט איהר זיין ליידענד—מוזט נאָכאנאנד האלטען אין איין זינקען און קיין קובעבי, קיינע ביטערע פראָשקעס, קיינע פילען, קענען אייך און וועלען אייך העלפען. דאגעגען אז איהר וועט פאָלגען „והיה כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ה' רופאיך"—פערזיכערט אונז גאָט; און עס איז גאנץ נאטירליך, ווארום דער וואָס פערלעצט ניט דיא רעגעלען פון דער נאטור, דער דארף ניט ליידען. קראנקהייט האָט גאָט ניט בעשאפען. עס איז בלויז א נאטירליכע פאָלגע פון א ניט נאטירליכע אויפפיהרונג. אז דער מענש לעבט ריכטיג מוז ער זיין געזונד. פאָלגט אלזאָ און לעבט ריכטיג, און איהר וועט זיין געזונד, מונטער, אויפגעלעגט און פרעהליך. אייער פערשטאנד וועט זיין א גלייכער, אייער הארץ א גרינגע, און עס וועט אייך פער־

שאפען מיט ערהאבענהייט פון דער זעעלע, ווי אויך מנוחת הנפש— צופריעדענהייט פון דער זעעלע, וועלכעס איז אונז אלעמען אזוי זעהר נעטהיג; און אייער לעבען וועט דאן זיין אזוי אנגענעהם „כימי השמים על הארץ!“

דער 4טער טהייל.

דער 4טער טהייל פון „לא-תרצח“ איז שוין אין דער פרעסע און וועט קירצליך ערשיינען. צו קריעגען ביי אלע אידישע בוך־הענדלער, וויא אויך ביין פערפאסער.

פרייז 25 סענט.

אדרעסירט:

A. H. FRANKEL,

Greene and Marcy Aves., Brooklyn, N. Y.

פרייז, 15 סענט.

לא תרצח

שוחט השור מכה איש
(ישעיה ס"ו 3)

איין אבהאנדלונג
איבער „וועגעטאריאניזם"

איבערזעצט פון זיין ווערק אין ענגליש ביי

א. ה. פריינקעל

AUTHOR OF

"THOU SHALT NOT KILL"—a treatise on vegetarianism.
"IN GOLD WE TRUST"—a tale of the Ghetto, etc.

BY

A. H. FRANKEL.

פיערטער טהייל.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

122-128 LEONARD STREET, BROOKLYN, NEW YORK.

קאפיטאל 1.

„—איז עס אמת, וואָס מען זאָגט, דאָס טאָלסטאָי וועלכער בעהויפּטעט צו זיין א וועגעטאריאנער זאָל אין דער שטיל אָפּט יא עסען פלייש?“ פרעגט נאָך א קאָרעספּאָנדענט. „אויב עס זאָל ווירקליך אמת זיין, איז עס ערשטענס א חרפּה פאַרן שמש דאָס אזא גרויסער מענש זאָל שפּיעלען אזא קליינע 2 זייטיגע ראָלע; און צווייטענס האָב איך מורא דאָס אזוי טהוען אלע וועגעטאריא־נער? פיר דער וועלט פּרעדיגט מען, און אין דער שטיל עסט מען און מען לעבט א גוטען טאָג. נאכהער ווישט מען אָפּ דיא מויל וויא יענע פלונית'טע און שווערט אָב מיט טוידטע שבועות דאָס מען וויים גאָר ניט פון וואָס צו זאָגען—“

ענטפער:— דיא בעהויפּטונג דאָס טאָלסטאָי עסט פלייש צייטענווייז אין דער שטיל איז געמאכט געוואָרען מיט א פּאָאר יאָהר צוריק פון א פרוי וועלכע איז געווען אָנגעשטעלט אין זיין הויז אלס גובערנאנטין. דיא וועלט איז דאן ערשטוינט געוואָרען דיעזע נייעס צו הערען. מאנכע האָבען עס פערלייקענט, נור איך גלויב דאָס עס איז אמת—ער עסט טאקע צייטענווייז פלייש, נור פון דעסטוועגען פערדיענט ניט טאָלסטאָי אזוי האסטיג פעראורטהיילט צו ווע־רען; און דיא וועגעטאריאנישע פראגע איז ניט א צוויי זייייטיגע ווי איהר מיינט. איך וועל אייך דערצעהלען מיין אייגענע ערפאהרונג. אין דיא זעלבע פראגע וואָס איהר בעריהרט און איהר וועט דאן איינ־זעהען און פערשטעהן דיא זאך א ביסעל בעסער און איהר וועט ניט אזוי האסטיג אורטהיילען.

ביז מיין 27טען יאָהר האָב איך וויא אלע ארום מיר פלייש געגעסען, און מיר איז ניעמאלס איינגעפאלען דער געדאנקען דאָס עס איז ניט רעכט און פאסענד. איין מאָהל האָט פּאסירט דאָס דער צופאַל האָט מיך פערשלעפּט אין א שלאכט־הויז. דאָרטען האָב איך דערזעהן דיא גרויזאמע סצענע וואָס דאָרט איז געוועהנליך

צו זעהן און עס האט מיר צוגרוילט. מיין גאנצע זעעלע האט מיט גרויס אימפעט פראטעסטירט געגען דיא שרעקליכע געמיינטהייט וואס ווערט דארט בעגאנגען, און איך האב אנגעהויבען וועגען דעם צו קלעהרען. דער עסק איז מיר שטארק ניט געפעהלען געווארען. דיא פראגע פון רחמנות, דיא פראגע פון אונערבארימליכקייט, דיא פראגע פון יושר, דיא געזונדהייטס. פראגע, דיא עסטעטישע פראגע דיא רעליגיעזע פראגע—דיעזע און מעהרערע אנדערע האבען זיך אלע אבגערופען אין מיין פערשטאנד מיט איין מאהל. דער געדאנקען דאס יעדער ביסען פלייש וואס איך נעהם אריין אין מויל איז „בר־מנן"—מת מיט אלע מתים צוגלייך האט מיר צועקעלט, איך האב אנגעהויבען צו טראכטען וועגען דיא ווירקונג וואס א שטיק מת אלס שפייז קען מאכען אויף דעם געזונד, און לויט אויסרעכנונג האב איך איינגעזעהן דאס אזא ווירקונג קען ניט זיין א גוטע. ווארום א טוידטע זאך ענטהאלט מעהר קיין לעבען און קיין געזונד, או עס קען דערפאר ניט געבען א זאך וואס עס בעזיצט ניט אליין. א גוס, איין אפעלציו, איין עפעל, אירגענד וועלכע קערנער ענטהאלטען יא לעבען, ווארום פרובירט זיי צו פערפלאנצען און זיי וואקסען, בליהען און גיבען ארויס פרוכט; און דערפאר אז מען עסט דיעזע קענען זיי געבען דעם עסער א זאך וואס זיי אליין בעזיצען. פרובירט אבער דעם זעלבע זגוס, אדער אירגענדוועלכען קערנדעל איבערצושניידען איבער העלפט. וויא מען טהוט ווען מען קוילעט איין אכס, און זיי שטארבען זא פארט; און אויב איהר זאלט זיי דאן פערפלאנצען, קענען זיי שוין ניט מעהר וואקסען, זיי האבען שוין מעהר קיין לעבען; און דערפאר הוייבען זיי באלד אן צו פוילען און אויב דער מענש זאל זיי אין אזא צושטאנד עסען, קען עס איהם נוצען ניע ברענגען, נור שאדען אימער. טא וויא אלזא קען מען ערווארטען דאס פון טוידטע פלייש, וואס פאנגט באלד אויף אן צו פוילען נאכהער וויא עס איז טוידט, וויא קען מען אלזא ערווארטען דאס פון אזעלכע פלייש וואס האט שוין אליין קיין לעבען דאס מען זאל קענען דערפון א לעבען מאכען און ציהען חיונה?

דיא צער־בעלי־חיים. אדער דיא רעליגיאנס פראגע האט אין מיר אויך שרעקליך פראטעסטירט. גלאט נעהם א געפיהלפאלע בע־

שעפענים, אויף וועלכע מיין אינסטינקט און דיא לעהרע פון דער תורה דיקטירען מיר איך זאָל גאָר רחמנות האָבען און בעהאנדלען צערטליך, און איך נעהם אָנשטאָט און מערדער איהר גאָר, אָדער איך הייס איהר מערדערן אָהן רחמנות, און איך עס איהר אויף ביז דיא קנעפלאך; און בין נאָך אונפערשעהמט גענוג שטיקער דערפון צו נעהמען און עס נאָך צוגרייטען מיט גרויס פאראד און מיט גרויס פרישקייט „לכבוד שבת“ און „לכבוד יום טוב“, און האָב נאָך דיא חוצפה צו מיינען דאָס איך טוה נאָך א גוטע זאך אויך.

אוים דעם עקאָנאָמישען שטאנדפונקט ווען איך האָב גענומען דיא פראגע שטודירען, בין איך גאָר ערשטוינט געוואָרען. דאָ פליה איך ארום פערשמייעט גאנצע טעג און ארבייט וויא א וואשגויע, און האָב קיין רוהע, נים גייסטליך, נים קערפערליך; און איידער איך דערלעב ארויסצומעלקען א שטיקעל קלאָגעדיגען לעבען, מוז איך פריהער אָפּפערן אלעס וואָס איז מיר טהייער—מיין געזונד, מיין עהרע, מיינע בעסטע געפיהלען; און אלעס צוליעב דאָס איך זאָל קענען צאָהלען 30 מאָהל מעהר אין פרייז פאר שפייז, וואָס נאָך אלעמען ברענגט עס גאָר מיין געזונד שאָדען. איך קען לעבען אויף קאָרן מעהל, און אויף ווייץ, און אויף ארבעס און בעבלאך און לינזען און רייז און דאָס דארף קאָסטען נעכסט צו גאָר נים. ווארום 1 פונט פלייש קאָסט אימער דורכשניטליך 15 סענט, און דאָס בלויז אויף איין מאָהלצייט, און פאר דיעזע סומע קען איך קריע־גען 15 פונט קאָרן־מעהל און אויף דעם קען מען לעבען א גאנצע וואָך —וויא עס טהוען גאנצע פעלקער, און דיעזע אלע זיינען געזונד און שטארק און טהעטיג און מונטער און אויפגעלעגט.

דיא ווירקונג פון פלייש עסען אויף דעם כאראקטער, האָט מיר אויך שטארק פעראינטערעסירט. דאָ טרעף איך און לעז פון מענשען וואָס לעבען אויף בלויז ארבעס אליין, און דיעזע זיינען אלע דיא גוטסקייט און דיא עדעלקייט אליין; און דאָ לעז איך אלע ווייליע פון שוידערליכע מאָרדטהאטען און פון ניעדערטרעכטיגע האנדלונגען און דאָס אלעס פון פלייש עסער. אין טשיקאגאָ, לעז איך א בעריכט, האָט מען בעוויעזען דאָב דיא אלע גרויליכע מאָרדטהאטען בעגאנ־גען זיינע מייסטענס פון ארבייטער אין דיא גרויסע שלאכטהייזער

דאַרטען. איין חברה־מאַן האָט דאַרטען, וויא עס איז גוט בעקאַנט, אין מיטען העלען מיטוואָך, גאַר געמאַכט וואָרשטלאַך פון זיין ווייב.

דיעזע געדאַנקען און אנדערע פראַגעס האָבען זיך אין מיר אַלע אָבגערופען—און אַלע האָבען פּראָטעסטירט. האָבען געבורטשעט דאָס זיי ווילען ניט לײדען איך זאָל ווייטער אָנהאַלטען עסען פלייש. איך האָב דערויף באַלד בעשלאָסען אויפצוהערען פלייש צו עסען און צו ווערען א וועגעטעריאַנער. האָב דערויף געגעבען א בעפעהל אין מיין קעניגרייך דאָס מען זאָל מעהר פאַר מיר פלייש און פיש ניט קאָכען, דאָס איך וועל עס ניט מעהר עסען.

דער בעפעהל אין מיין קעניגרייך האָט דעם עולם ניט געשיינט צו געפעהלען. מיינע הויזלייט האָבען אָנגעהויבען מיט מיר צו אַרגו־מענטירען און מיר צו בעווייזען דאָס עס איז ניט א פּראַקטישער שריט. ערשטענס ווייסען זיי ניט וואָס צו קאָכען אויסער בעבלאַך „מיט נישט" ; צווייטענס האָבען זיי גע'טענה'ט וועל איך שטערן מיט מיין פיהרונג דיא גאַנצע אָרדנונג פון הויז. אויב איך וועל קיין פלייש עסען, וועלען זיי צו ליעב זיך אַליין ניט טרובירען, און אַזוי וועט עס אויסקומען דאָס איך וועל אויך פערשטערן זייער לעבען. אַזוי האָבען מיינע לייטע מיט מיר געקנעלט, נור איך וועלכער שטאַם א פּנים פון יענע חסידים וואָס שטאַמען אָפּ פון דעם „עם קשה עורף" האָב דאָך מסתמא אויסגעפיהרט.

עס האָט זיך דערויף אָנגעפאַנגען א סדרה פון בעבלאַך—בעב־לאַך מיט נישט, נור איך וויא א העלד האָב אפילו א קליינעם בור־טשעלע ניט געטאָהן. האָב עס געגעסען און האָב געזאָגט איך בין גאַנץ צופרידען. אין האַרצען איז מיר אפילו דער עסק באַלד מיאוס געוואָרן. די בעבלאַך וועלכע מיינע לייט האָבען געקאָכט בכיון אַלע טאָג אום עס זאָל מיר גיך מיאוס ווערען און איך זאָל דערפאַר אָנ־הויבען צוריק עסען פלייש, האָבען טאַקע אין מיינע אויגען ניט גע־פונען גרויס חן מיט לייטזעליגקייט. נור יעצט איז עס שוין אָבער אַריין אין דער אמביציע—שוין יעצט ניט געפּאַסט פאַר דער וועלט; און איך האָב דערפאַר מיט פערביסענער הארטנעקיגקייט געגעסען „בעבלאַך מיט נישט" און האָב געזאָגט איך בין גאַנץ צופרידען.

דער איינפאל דאָס איך קען ביישטעהן דעם נסיון פון ניט עסען געשמאקע פלייש און אָנשטאָט עסען בעבלאך נאָכאנאנד, איז מיר אליין זעהר געפעלען געוואָרען, און איך בין געוואָרען מעהר און מעהר פעסט בעשלאָסען דאָס איך וועל שוין מעהר קיין פלייש עסען.

אין פערלויף פון א גאנץ קורצע צייט, האָב איך אָנגעהויבען צו שפיהרען אין זיך א מערקווירדיגע ענדערונג. א ־והיגע געלאסענהייט האָט זיך אויף מיר ארונטער געלאָזען וועלכע האָט מיר געמאכט פיהלען אנגענעהם, אָבוואָהל אביסעל שוואך. איך האָב ניט געליטען פון איין וועהטאָג אין מיין גאנצען קערפער; און דער שלאָף איז מיר געווען בעזאָנדערס אנגענעהם. עס האָט זיך מיר יעצט אויך פלוצלונג אָבגערופען א קראפט וואָס איך האָב בעזעסען ווען איך בין נאָך געווען א קינד—פון טרעפען דיא צייט אָהן א זייגער צו יעדער צייט ביי טאָג אדער ביי נאכט. מען האָט מיר געקענט אויפוועקען אין מיטן דער נאכט און מיר פרעגען דיא צייט, און נאָך איין סעקונדע קלעהרען, האָב איך עס געוועהנליך געטראָפען צו דער מינוט. מיין בעמערקונגסקראפט איז יעצט אויך געוואָרען שארף און שטארק. האָב יעצט געקענט לעזען א געזיכט פון א ווילד פרעמדען און אייך שילדערן אויף א האָר זיין כאראקטער, זיין טעמפעראטור, זיין גאנצע נייגונג, זיין גאנצע בענעהמונג. איך האָב יעצט נור פאנטאזירט, גע'חלום'ט און געפלויגען הויך. האָב געלעבט אין איין אנדער וועלט וויא פריהער, און בין געווען בעזאָנדערס צופרידען פון זיך.

אזוי האָט עס אָנגעהאלטען א רעכטע פּאָאר מאָנאט, ביז מיין אפעטיט איז געוואָרען אזוי שרעקליך שארף דאָס עס פלעגט מיר איינפאך פלאגען ווען עס פלעגט אָנקומען דיא צייט צו עסען און איך האָב עס באלד ניט צופריעדען געשטעלט—גראדע וויא א בעל־חוב אזוי פלעגט עס מיר דערגעהן דיא יאָהרען. איז געוואָרען אזוי פרעך צו אלדע שווארץ יאָהר דאָס עס פלעגט מיר איינפאך וועה טאָהן. זייט איך לעב האָב איך נאָך אזא שארפען אפעטיט ניט געהאט; און ווען איך פלעג ווערען גוט הונגעריג, פלעגט מיר דער געדאנקען נור פאָרשטעלען דיא אמאָליגע געשמאקע זאכען וואָס איך פלעגען, און איך פלעג דיעזע איינפאך שלינגען אין מיין געדאנקען או;

פלעג פשוט אַנקוועלען דערפון.

קען זיך עראינערען וויא עס האָט פּאסירט איין מאָהל א פרייטאג ווען איך בין געגאנגען צו הויז און מיין אפּעטיט האָט זיך שוין וויטער פערנאנדער געלאָזען. איך געה געלאסען און מיין חברה־מאַן —מיין בעל־חוב, דער אפּעטיט דערמאָהנט מיר אָן אמאָליגע פרייטאָגס ווען איך פלעג קומען צו הויז און געפינען דאָרטען דעם זעהר אנגענעהמען ריח וואָס הערשט אין אידישע הייזער פרייטאָג מיטאָגצייט. וויא איך פלעג זיך זעצען עסען און פלעג קריגען אויף גיך א פרישען ציבעלע קוכען מיט א פּאָרציע געפילטע פיש, מיט רויטען חריין; און נאכהער פלעגט מען דערלאנגען א שיסעלע גריבען געדיכט געמישט מיט געפרעגעלטע צוויבעל און מיט נאָך א קוכען, און וויא איך פלעג עסען און פשוט אַנקוועלען דערפון.

איך געה און פאנטאזיר אויף אזא ארט און שלינג איינפאך יענע געשמאקע זאכען. אין מיטן דערינען דערמאָהן איך זיך דאָס היינט איז אויך פרייטאָג און אז איך וועל יעצט קומען צו הויז, וועל איך שוין אפשר יענעם אנגענעהמען ריח אין הויז ניט טרעפען, ווייל פיר זיך אליין מאכען שוין יעצט מיינע לייט קיין פאראד; און אָנשטאָט יענע געשמאקע פיש און גריבען, וועל איך שוין; מסתמא יעצט געפינען בעבלאך—בעבלאך „מיט נישט“.

מיין אפּעטיט פערקרימט זיך שרעקליך ווען איך דערצעהל איהם דאָס באלד וועל איך איהם אָבצאָהלען מיט בעבלאך. דער קערל וויל עס ניט לײדען און פלאגט מיר געפעהרליך. ער שילדערט פאר מיר דאָס גאנצע אידישע שפּייז־קארטע און ער בעקלאָגט זיך אויף מיין הארטנעקיגקייט, און אויף זיין פינסטערען מזל וואָס ער איז ביי מיר אריינגעפאלען. ער זאָגט מיר מוסר און רעדט מיר צו איך זאָל ענדערן מיין וועגדונג. אום מיר בעשיינפערליך צו ווייזען וואָס איך פערליער מיט מיין פיהרונג, רעכענט מיר אוים דער חברה־מאַן מיט דער גענויסטער פינקטליכקייט דיא שפּייז ליסטע וואָס „מענדעלע מוכר ספרים“ רעכענט אוים אין זיין פראכטפאָלע ווערקע „פישקע דער קרומער“. וויא וואָלט געווען אז מיר וואָלטעז יעצט דערטאפּט, זאָגט ער צו מיר, א געבראָטענע לעדוויצע מיט קאשע, א ראָסעל פלייש, א לאָקשען־קוגעל מיט א גנב — איין אָנגעפילט

העלזעל אינוועניג, פארפעלאך איינגעפרעגעלט מיט גריוועז, חרעמזעל, פראקעס, פעטשא מיט פעניצלאך, געהאקטע לעבערלאך, א קראפ פון א אינדיק אין א פאסטראָנעם צימעס?

איך האלעש, איך געה איינבאך אוים. איך וואָלט יעצט יענע אלע זאכען עסען מיט די אויגען; און בעשלים ביי זיך דאָס אויב איך וועל געפינען צו הויז פיש, וועל איך ניט מאכען קיין שיהות און דאָס עסען. קען עס שוין לענגער ניט אויסהאלטען, זאָג איך צו זיך; און נאָך אלעמען טענה איך צו זיך אליין איז וועגעטעריאניזם ניט פראקטיש. עס איז טאקע א שעהנע אויפגאבע צו לעבען וועגעטעריאניש; און עס איז פול מיט יושר, און עס איז ריין און ערהאבען, נור עס איז אָבער דאָך ניט אויסצופיהרען. א בעוויז דאָס דיא תורה וועלכע איז מיר אזוי ליעב, וועלכע איז אזוי טיעף זיניג און וויים פון אלעם וואָס אָנבעלאנגט דיא מענשליכע נייגונגען, ערלויבט עס דאָך אויך צו עסען. צוואר ניט ווילענדיג—שטארק ניט ווילענדיג. עס ערלויבט אָבער דאָך, איז דאָך א בעוויז דאָס דער מענש מוז עסען פלייש; טאָ פאר וואָס זאָל איך זיין קליגער פאר אלעמען? און איך בעשלים אויף דער שטעלע צו ווערען אוים וועגעטעריאנער.

קום צו הויז און איך דערשפיר ניט יענעם אמאָהליגען פרייטאָגדיגען געשמאַקען, עכט־אידישען ריח הנחות. איך זעה שוין בעשיינפערלעך גענוג דאָס עס איז קיין פיש דאָ. בין אונצופרידען און איך גיב א בורטשע אביסעל מיט גרימצאָרן און זאָג;—

„שוין מסתמא ווייטער בעבלאך מיט נישט? און געוויס נאָך צוגעברענט אויך—א קשיא אויף א מעשה?"

„ניין", קריג איך א פריינדליכען ענטפער. „האָב היינט געלעזען אין צייטונג וויא אזוי א פּאָאר פאָלק וועגעטעריאנער לעבען אויף בלויז איין דאָלאר א וואָך און זיי טהוען זייער גוט. זיי גיבען אָן זייער שפייז צעטעל וועלכער שיינט צו זיין א זעהר פראקטישע. האָב אויסגעקליבען א פּאָאר פון דיא זאכען וואָס זיי פערשרייבען ראָרטען, און האָב עס פערפערטיגט אויף שבת. דיא בעבלאך מורזען שוין מסתמא טאקע דערגעהן דיא יאָהרען; האָב דערפאר אָבגעקאָכט רייז מיט ראָזינען צוגעפרעגעלט מיט דעם פיינסטען אָליוור־

איי̈ל (שמוזית) און האָב געקראָגען דיא קליינע שפאנישע „פינאטס" וועלכע איך האָב פריהער בעזאלצען און נאכהער געבראָטען; האָב אויך אָבגעבראָטען עפּעל און האָב אויך געמאכט א „פאין־אפעל" פיי טאקע אויף דיא זעלבע אָליוו איי̈ל, און עס איז ארויסגעקומען פראכטפאָל, נאָך בעסער וויא אויף פעטס.

מען דערלאנגט מיר דיעזע אכילות און איך קוועל פשוט אָן אזוי געשמאק, אזוי גרויסארטיג זיינען זיי. עסענדיג גיב איך זיך דערוויילע א פּאָרציע אין הארצען, און זידעל זיך און מוסר זיך פונקט וויא איך וואָלט געהאט געווען מיין אייגענע שוויגער און זאָג: עס איז א חרפּה, א שאנדע צו זיין אזוי שוואך אין כאראקטער; אזוי מיזעראבעלריג צוקראָכען אין גדאנקען. אָט האָב איך יעצט אליין געוואָלט וויא עשיו פערקויפען מיין בכורה צוליעב איין טעפעלע לינזען—צוליעב איין שטיקעל פיש. 'איז דען דיזע שפייז ניט בעסער וויא יענע? און וויא ריין, וויא שעהן, וויא געזונד דיעזע אכילות זיינען אין פערגלייך מיט יענע אומגעלומפערטע פריהער דער־הרגעטע פלייש אָדער פיש. וויא קאָן מען גאָר זיין ריין זיך אָנצוריהרען אָן א טוידטע זאך? טראכט איך ביי זיך. וויא טאָר גאָר א כהן זיך אָנריהרען אָן דעם קערפער פון א טוידטען אָכס? אפילו ווען דער אכס איז געווען זיין טאטע טאָהר ער זיך לויט געזעץ דער־צו ניט אָנרירען. „ועל כל נפשת מת לא יבא לאביו ולאמו לא יטמא". איך לאך פון דעם לעכערליכען איינפאל ווען עס פאלט מיר איין; און לאך פעראיינס אויך פון זיך דערפאר וואָס איך בין פריהער גע־ווען אזוי שוואך און צוקראָכען און האָב נור וואָס געוואָלט פערקויפען מיין בכורה בלויז צוליעב איין שטיקעל געפילטע פיש; און בעשלים ביי זיך, יעצט פעסטער וויא אימער, דאָס ניע—ניין ניע! וועל איך שוין עסען יענע מת צו וועלכע א כהן און א נזיר טאָרען זיך גאָר ניט אָנריהרען אפילו ווען דער אכס, אָדער דער שעפּס זאָלען האָ־בען געווען זייערע טאטעס.

מיינע לייט האָבען זיך אָבער באלד ארומגעזעהן, דאָס זיי האָבען געמאכט א מיסטייק וואָס זיי האָבען פאר מיר געמאכט אזעלכע פיינע געריכטען און האָבען מיר נאָך אין מיין פלאן וואָס פערשטערט זיי דעם לעבען, מיטגעהאָלפען; און א סדרה פון בעבלאָך מיט נישט

האָט זיך באלד דערויף ווידער אָנגעכאַנגען.

אזוי האָט עס אָנגעהאַלטען א רעכטע פּאָאר וואָכען ביז איין מאָהל, ווידער א פרייטאָג, האָט מיר מיין באָרדער וואָס איך האלט ביי זיך—מיין אפּעטיט, ווידער אָנגעהויבען צו נאָגען און פּלאָגען; און אז איך בין געקומען צו הויז און האָב דאָרטען מעשה־שטן גראָ־דע דערטאַפּט דעם געוועהנליכען אנגענעהמען ערב־שבת ריח; און האָב געפונען פריש געקאָכטע פיש, האָב איך זיך ניט לאַנג מיישב געווען און האָב זיך געהייסען דערלאַנגען א פּאָרציע פיש און האָב עס געגעסען מיט נייגירדע; און מערקווירדיג! קוים האָב איך עס נור דעם איינמאָהל געגעסען, זיינען יענע פיינע אידעאַלען מיט א מאָהל אנטרונען געוואָרען. איך האָב גאָר יעצט ניט געקענט פער־שטעהן ווארום איך האָב זיך אזוי לאַנג געפּלאָגט ווענען איין אידעע וועלכע איז נאָך אַלעמען ניט פּראַקטיש; און איך האָב איינפאַך דיא גאַנצע אידעע יעצט אַליין גרינג־געשעצט. יעצט ערשט האָב איך פערשטאַנען דעם פּסוק „ויקם ויאכל ויבז עשיו את הבכורה“.

בעשלאָסען בין איך אָבער געווען צו עסען ניט מעהר וויא פיש. וויא דיא מעשה איז האָב איך געטראַכט ווערט האָטש פיש ניט אזוי שרעקליך דערמערדערט וויא פלייש. פיש איז דאָך גאָר איבערהויפּט א בעשעפענים וואָס האָט מיט דעם מענשען קיין שייכות—ניט זיין לאַנדסמאַן. יענער קומט גאָר פון וואסער, און האָט לחלוטין גאָר ניט צו טאָהן מיט'ן מענשען און מען מעג עס גישקשה עסען, האָב איך זיך אליין ארויסגעגעבען א הכשר—געוואָרן א רב הכולל פּלוצים.

פון פיש ביז פלייש איז אָבער בלויז א האָזען שפּרונג און אין א גאַנץ קורצע צייט האָב איך געגעסען פלייש און האָב זיך באלד גענצ־ליך פערגעסען.

אזוי האָט עס אָנגעהאַלטען א היבשע פּאָאר מאָנאט ביז עס איז אָנגעקומען יום טוב. וויא געוועהנליך עסט מען דאָך דאַן צו יעדער מאָהלצייט פיש און פלייש, און ווען עס איז ענדליך אָנגעקומען דער לעצטער טאָג יום־טוב, איז מיר דיעזער זאָרט שפּייז, וויא גע־וועהנליך—אַלעמען, געוואָרן אזוי איבערדריסיג, דאָס ווען מען האָט

דאן דערלאנגט צום טיש א טשיקען, האב איך שוין דערויף ניט גע־קענט קוקען.

גראדע דאן האב איך זיך דערמאנט אן יענע סצענע וואס איך האב אין מיין יוגענד געזעהן, און וועלכע איז שוין אין ערשטען טהייל פון דיעזע ווערקע דערמאהנט—וויא אזוי מען האט צוגענומען איין אלטע ברעט אין דער ערד אין א גארטען, און ווי אונטער דיזע ברעט האבען זיך געפונען אפשר א מיליאן ווערים, שפינען, און דיא העסליכסטע אינזעקטען וואס איך האב נאך ווען געזעהן. דערביי האט ארומשפאציערט א טשיקען מיט איהרע יונגווארג און אז דיע־זע חברה האבען דערזעהן וואס עס טהוט זיך אונטערן ברעט האבען זיי זיך אלע דערויף א לאז געטאהן, און זיי האבען גיך און געשווינד אלע רויטע ווערים,אינזעקטען און שפינען אין זיך אריינגעצימבעלט.

איך קוק אויף דיא טשיקען אויף דעם טיש און דערמאהן זיך אן יענע גרויזאמע סצענע, און איך ווער אויפגעעקעלט ביז צום טוידט. און איך האב עס נאך דעם גאנצען יום־טוב געגעסען? איך ווייס ניט וואס צו טאהן פאר עקעל. וויל איינפאך פון זיך אליין ענט־לויפען אזוי שרעקליך מיאוס ווערט מיר פאר זיך אליין און פאר דעם זארט עסען און איך בעשלים אויף דער שטעלע, דאס מיין טוידט מעג דא זיין אויפ׳ן ארט, און איך וועל דיזע בר־מנן ניט מעהר עסען.

באלד האט זיך אבער מסתמא ווידער אנגעפאנגען דיא סדרה פון בעבלאך און איך בין דיא זעלבע ארדאליע ווידער דורך גע־גאנגען וויא פריהער, ביז מיין בעל־דבר — מיין באַרדער—מיין בעל חוב—דער אפעטיט האט מיר וויטער אנגעהויבען צו פלאגען־אב ער וויל א פרישען קובען מיט ציבעלע מיט א גרויסע פארציע פריש־געקאכטע פיש, מיט רויטע חריין, מיט גריבענעס מיט צוויבעל און נאך א קובען און האב וויטער דעם נסיון ניט געקענט מעהר ביי־שטעהן און האב אין א געוויסען פרייטאג ווידער זיך צוגעהאפט מיט גרויס אימפעט צו א ציבעלע קובען מיט פריש געקאכטע פיש און אין א פאאר טעג שפעטער בין איך ווידער געווארען אויס וועגעטעריאנער.

אזוי האט עס כסדר אנגעהאלטען יאהר איין יאהר אויס און אונטער דער צייט בין איך אפשר 40 מאהל געווארען ווידער וועגע־

טעריאנער און אוים וועגעטעריאנער, ביז ענדליך איז אנגעקומען א ציים ווען איך בין געווארען דערהרגעט פון אומשטענדען און בין געווארן קראנק. האב ערליטען א שווערן קאלט וועלכען איך האב פערנאכלעסיגט און בין געווארען ברוסט ליידענד. האב אנגעפאנגען שטארק צו הוסטען און יעדער מאהל וואס איך האב געאטהעמט האב איך געפיהלט וויא עס כריפעט, וואו עס זעגט אן מיין ברוסט. איך האב אנגעפאנגען כסדר צו שפירען א שווערניש אויפ'ן הארצען גראדע אזעלכע וויא מען פיהלט אז מען עטעמט אריין שוועבעל. דיא שטיכע און וועהטאגען אין ברוסט האבען מיר גאר געמאכט ענג אין דער וועלט. איך האב געזעהן דייטליך גענוג דאס איך בין געווארען ערוועהלט א קאנדידאט פאר יענעם „גוטען ארט“ און דאס איך וועל זיכער ווערען „עלעקטעד“; און וועל אין גיכען עפענען איין אפיס אין ברוקלין—דארטען וואו אלע צדיקים האבען געוועהנליך זייער אפיס; און וואו עס פעהלט זיי גאר ניט אויסער א „טעלעפאן“ און א „טייפ-רייטער“.

איך בין געווארען פערצווייפעלט. א טיעפע, טרייעריגע מרה שחורה האט מיר ארום גענומען און האב גאר מעהר קיין טרייסט געקענט געפינען. נאכאנאנד איז מיר נור געלעגען אין זינען מיין באלדיגע רייזע אהיים; און מיין גאנצער געדאנקען איז נור געווען פערנומען מיט זיך מאכען פערטיג אויף דער רייזע. איך האב אלעס וויא ווייט עס איז געווען מעגליך געבראכט אין דער ארדנונג און האב ענדליך געשריעבען מיין צוואה. מיט דער גענויסטער פינקטליכקייט האב איך אויסגעשטרעכנט וואס מיין לעצטער וואונש איז; און בין נאך געגאנגען אזוי ווייט וויא אנצוזאגען דאס איך וויל ניט מיינע קינדער זאלען זיך אנטאהן אין שווארצען נאך מיין טוידט ווייל איך האב דיעזע מאדע פיינט; און מען זאל נאך מיר ניט שטעלען א מצבה ווייל גאט האט עס פיינט, (דברים ט"ז—22.)

דיעזעס געענדיגט, האב איך זיך אוועקגעזעצט און האב מיט דער געלעסענהייט פון א איוב געווארט ביז דער שווארצער וואגען און דיא ברייטע פלעשעלאך וואס געהן געוועהנליך צוזאמען מיט דער חברה-קדישא, וועלען אנקומען, וועלכע וועלען מיר אבפיהרען אין מיין „אפיס אין ברוקלין“.

אונטער אַזעלכע קלאָגעדיגע אומשטענדען האָב איך שוין יעצט ניט געקענט אויספיהרען צו לעבען וועגעטעריאַניש. מיינע הויז לייטע אַנגעזאָגט זעהר שטרענג פון דיא דאָקטוירים, וואָלטען עס מיר גאָר ניט דערלאָזען. דיא דאָקטוירים האָבען יעצט אָנגעזאָגט דאָס איך מוז טרינקען פיעל מילך, שיטערע אייער, פלייש, וויין און נאָך און נאָך אָהן א שיעור, און איך דערשלאָגען פון אלעם ארום און ארום האָב יעצט געהאט קיין ברירה און האָב געמוזט פאָלגען.

* * *

אז איך בין יעצט געווען אָרים און קראנק, בלייבט מיר שוין איבריג צו דערצעהלען דאָס איך בין פערבליעבען אליין און עלענד וויא א שטיין. מיינע פיעלע פריינד וועלכע פלעגען מיר אין מיינע אלטע צייטען פון „לעמאָן־פאי“ און געבראָטענס אזוי שטארק קוועטשען דיא הענד פאר גרויס ליעבע ביז עס פלעגט איינפאך וועה טאָהן; און פלעגען אויסגיסען גאנצע צעבערם מיט בעגייסטערונג און קאָכעדיג הייסע פריינדשאפט, האָבען אלע ביז איינעם אויסגעןפגרןט —ניט פערבליעבען איינער אויף א רפואה. זיינען נעבאך אויסגעגאנגען אין דיא זועבען הונגער יאָהרען. היינטיגע פריינד דארף מען נור קאָרמענען נאָכאנאנד, זאָנסט געהען זיי באלד אויס וויא חנוכה ליכטלאך—גע׳פגר׳ט, און א סוף! „סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים כי חולת אהבה אני“—לעהנט מיר אונטער מיט לעמאָן־פאי, שפרייט אויס פאר מיר א פּאָרציע געבראָטענס, ווארום איך בין שוין קראנק פון ליעבע אליין, איז דיא מאָטאָ פון היינטיגע פריינד. אויף א וועט, אָדער פאר שפּאס, וואָלט איך זיך נאָך אָנגענומען היינט צו קריעגען א הונדערט פריינד אין איין נאכט. איך וואָלט זיי בלויז געלאַדען און יעדערן פון זיי טראקטירט מיט א שטיקעל געפילטע פיש און א טעפּעלע ביהר. ביליגע קאָסטימערס היינטיגע פריינד—נור אָבער אויך זעהר גליציגע. אזוי וויא א שאטען ווערען זיי מיט א מאָהל אנטרונען—וויא הינער רוקען זיי זיך פלוצים אוועק—ואיננו! אויסגעטריקענט און גע׳פגר׳ט—און באסטא!

צו האסטיג געאורטהיילט, זאָגט איהר? אביסעל צו פיעל איבערטריבען, מיינט איהר? נור אויב איהר דענקט אזוי מאכט איהר אויך א מיסטייק. איהר זייט נאָך נעבאך ניט ערפאהרען. אז איך וועל

ווערען אזוי יונג וויא איהר וועל איך אפשר אויך אזוי מיינען. נור אז איהר וועט ווערן אזוי ערפאהרען וויא איך, וועט איהר געוויס אויך אזוי זאגען וויא איך. א פריינד אפילו אין דעם בעסטען פאל איז אויך היינטיגע צייטען אין מעהרערע פעלע בלויז ניט מעהר וויא א שונא. קריגט איהר א פריינד, קריגט איהר א בעל הבית אויף זיך. איין אויפזעהר, א שותף אין אייער געשעפט, א מוסר־זאגער, א עצה געבער — א יאהרען פערקירצער. איהר דערטאפט א חברה־מאן אויף זיך וואס מוז אייך סוף כל סוף וויי טאן. אויב איהר זייט איין ערפאהרענער מענש, דאן זוכט אין דיא כראניקעס פון אייערע אייגענע ערפאהרונגען און איהר וועט דארטען לעזען א גאנצע מגילה פון צער, עגמת נפש, וועהטאג און שאנדע וואס איהר האט געהאט און דאס אלעס איז געוועזן פעראורזאכט—נור פון אייערע גוטע פריינד! נור פון יענע חברה אין וועלכע איהר האט זיך געהאט איינפערטרויט. שונאים און פרעמדע האבען אייך אדער גאר ניט, אדער זעהר וועניג שלעכטס געטאהן—פריינד פאסט אימער! יענער ווערטעל פון עולם וואס בעט גאט ער זאל אונז בעהיטען פון גוטע פריינד, ווארום פון שונאים וועלען מיר זיך שוין אליין היטען, איז מעהר פראקטיש וויא פאעטיש.

ווען גאט וויל איינעם ערגערען שיקט ער אויף איהם אן— ניט שונאים, זאנדערן גוטע פריינד. ווארום עס איז ניט דער שונא וואס וועט אריינקריכען וויא א חזיר אין קדשי־קדשים פון אייער הארצען און דארטען צוטרעטען מיט זיינע גרויסע און אומגעלומפערטע שטיוועל דיא איידעלסטע געפיהלען און אייער הארצען—ער וועט עס ניט טאהן, ווייל איהר וועט איהם ניט צולאזען. א שונה האט איהר אין ד'רערד מיט א גרויסען ד"לד. שוין ביין ערשטען ארויספאהר ווייסט איהר מיט וועמען איהר האט צו טאהן, און אדער איהר בעזיעגט איהם באלד, אדער איהר מיידעט איהם אויס וויא דיא חאלעריע. עס איז נור מיט גוטע פריינד וואס מען וויים ניט וויא דער קורס האלט.

„נאמנים פטעי אוהב“—שטאנדהאפטיג, דויערהאפט, פעסט, גערדיכט, טיעף אריין געגראבען, זיינען דיא וואונדען וואס א פריינד פעראורזאכט, זאגט אויך דער קליגסטער צווישען מענשען אין משלי

לא תרצח.

כ"ז—6. איי זיינען אזעלכע וואונדען שטאנדהאפטיג! איי טהוען זיי וועה! ווארום ווער קען נאך אריינרוקען א מעסער אין הארצען אזוי טיעף וויא א פריינד? ווער דערגעהט נאך אזוי דיא יאהרען, ווער וואגט צו שטערען אייער רוהע, ער פערשטעהט אייך וועניגער וויא אלע, ווער האט אין אייך אזוי וועניג צוטרויען אין קאמעריז, און ווער וועט אייך געבען וועניגער קרעדיט אין געשעפט, אזוי גוט וויא פאר אייערע פעהיגקייטען, וויא א פריינד?

א גאנצע וועלט האנדעלט אין דער קאמערציעלער וועלט אויף קרעדיט. ביי וועמען קריגט איהר קרעדיט אויב ניט ביי ווילד פרעמדע? ביי א פריינד קריעגט איהר זעלטען אדער ניעמאלס א קאמערציעלע טובה. איהר האט זיך אין אייער „פריינד" איינגעטרויט, האט איהם אלעס דערצעהלט, ער קען אייער לאגע גענוי — און ניט פון איהם וועט איהר שוין ווען קריעגען קרעדיט.

אויב איהר זייט א דענקענדער מענש, א שרייבער, זיינען אייערע פריינד דיא לעצטע וואס וועלען אייך אנערקענען. ער פערשטעהט אייך וועניגער וויא אלע. האב שוין אמאל געהערט פון „מאפום" א „גוטען פריינד" דאס ער קען זיך גאר ניט אפוואונדערן אויף דער נארישער וועלט דערפאר וואס זיא מיינט דאס מאפו איז געוועזן א גרויסער מענש. איך האב איהם גוט געקענט, בין געוועזן א בין־בית ביי איהם און זיין בעסטער פריינד. אזא נארישען מענשען, אזא לעמאך איז זעלטען צו טרעפען", האט דיעזער נבזהנער גולם געגעבען זיין מיינונג.

אברהם מאפו האט דאס רעכט בעטראכטעט צו ווערען אלס גרינדער פון דער ניי העברייאישער ליטעראטור. צו דער צייט ווען מאפו האט אנגעהויבען שרייבען זיינע ווערק איז ביי אונז קיין העברייאישער ליטעראט, אין ריכטיגען זינען, נאך ניט געוועזן. עס האט גענצליך געפעהלט א אידישע בעלעטריסטיק. דיעזער גייסטרייכער ריעז איז געוועזן דער ערשטער וואס האט דיא העברעאישע ליטעראטור אויפגעלעבט. ער האט פערפאסט צוויי ווערקע—שוין ניט צו דערמאהנען דיא פיעלע אנדערע—מיט דיא נעמען „אהבת ציון" און „אשמת שומרון" וועלכע זיינען דיא ערהאבענהייט אליין אין יעדער בעציהונג. ער האט אויסגעמאהלט בילדער פון אונזער אמא־

ליגען פיהרונג און גלאנץ פאר וועלכע מען דארף איהם פערעהרען. אזוי פיעל פּאֶעזי, אזעלכע ריינע, איידעלע און ליעבליכע געדאנקען וויא עס פליעסט פון יעדער זאץ אין זיינע ווערקע, איז גאָר זעלטען צו טרעפען; און אויף דעם פערפאסער פון אזעלכע „קלאסישע“ ווערקע האָט זיך יענער אומגעלומפּערטער האמולע געוואגט אויס־צודריקען דאָס ער איז געוועזן א נאר, א וואהרער לעמאך.

אורזאכע פאר אזא געמיינע בעהויפּטונג איז וויל דער „גוטער פריינד“ פלעגט אָפט קומען אין בעזוך מיט מאפו, און ער פלעגט זעהן וויא יענער טרינקט טהע און עסט אויך צייטענווייז. „איינמאָהל האָט פּאסירט“. האָט דערצעהלט דער „גוטער פריינד“ א פאקט צו בעשטעטיגען זיין מיינונג. איינמאָהל אום א יום־טוב האָט פּאסירט דאָס מיר האָבען ביידע שפּאצירט אין גאס, און אין מיטן דערינען האָט אויסגעבראָכען א שלאקס רעגען. מיר האָבען ביידע קיין שירעם געהאט. גראדע אין דעם טאָג האָט מאפו אָנגעטאָהן א נייע הויכע זיידענע הוט. איהם האָט געערגערט דאָס דער רעגען וועט יעצט אזוי שעדיגען זיין הוט, און האָט זיך אזוי איינינע מאָל אויסגעדריקט.

„ווייסט איהר וואָס?“ האָב איך צו איהם געזאָגט אין שפּאס, „נעהמט און טהוט אָן מיין הוט וועלכע איז ניט אזא ציערונג און וועלכע דער רעגען וועט ניט שאדען, און איך וועל אָנטאָהן אייער זיידענע הוט“.

„שטעלט איך פאָר מיין ערשטוינונג,“ האָט דער „גוטער פריינד“ ווייטער פאָרטגעזעצט, „ווען מאפו האָט מיר דערלאַנגט זיין הוט און האָט מיר נאָך בעדאנקט אויך, און האָט אָנגעטאָהן, ט״ז היטעל. איך האָב כמעט געפּלאצט אינוועניג פאר געלעכטער; און יענער „כחם“, יענער גרויסער פילאָזאָף האָט ניט געהאט שכל גע־נוג איינצוזעהן באלד דאָס דער אומבייטען פון דיא היטלען אונטער דיא אומשטענדען וועט קיינע נוטצען ברענגען; און האָט זיך וועגען דעם ניט ארומגעזעהן ביזן שוועל פון זיין הויז — גראדע אלע חכמים וואָס זעהן זיך ארום און דערטאפּען א וויץ ערשט נעכטען מיטוואָך בין השמשות.“

מאפו איז וואהרשיינדליך דאן געוועזן פארטיעפט אין אירגענד וועלכע א פילאָזאָפישע נאכדענקונג; און בשעת מעשה פערטראכ־

טערהייט האָט ער ניט נאָכגעדענקט אן יענעמ'ס קלאָגעדיגע „חאָמ־כע;" בכן איז דערפאר מאפּו א נאר, א לעמאך, און דיא וועלט אין אלגעמיין זיינען אידיאָטען דערפאר וואָס זיי אנערקענען איהם פאר א גרויסען מענשען, איז פעסט פערבליעבען ביי זיין „גוטען פריינד."

* * *

וועגען דיעזען פאקט דערצעהלט אונז אויך אינדירעקט דיא תורה. דיא תורה דערצעהלט דאָס באלד נאָך מתן־תורה ווען משה איז ארויף אויפ'ן בארג נאָך דיא לחות און האָט זיך דאָרט איין וועניג פערזאמט, האָבען זיך דערוויילע דיא חיימ'לאך אין דער מחנה פערנאנדער געלאָזען און זיינען געוואָרען פריש „פּרוע לשמצה"— ווילד ביז דער פרעכהייט, זיינען דיא לייט געוואָרען. אזוי מיאוס ווילד דאָס משה רבינו האָט זיי געמוזט אייגגעבען די „גאָלד קיור"* אום זיי צו געבען א לעקציאָן אין דרך ארץ זיי זאָלען ווייטער נימ ווערן אזוי פריש, האָט מען אויף זיי אָנגעשיקט דעם זיסען עמלק.

---

* משה רבינו, אגב אורחא, איז געוועזן דער ערשטער ערפינדער פון דיא יעצטיגע נייסטע מעטהאָדע וויא אזוי צו קורירען שכרות און אנדערע אזעלכע עהנליכע קראנקהייטען מיט דיא בעוואוסטע „גאָלד קיור" וועלכע איז לעצטענס אריין אין דער מאָדע. ווארום ווען משה רבינו איז געקומען צוריק און האָט די חברה אין דער מחנה געפונען אין א „פערקנאקטען" צושטאנד—האָבען געמוזט צופיעל' כוקה'ן צו אלדע רוחות אין משה'ס אבוועזענהייט, זאָנסט וואָלטען זיי ניט געוואָרען אזוי אומגעלומפערט ווילד און פרעך—אז ער האָט זיי דערטאפּט אין אזא קלאָגעדיגען צושטאנד, האָט ער באלד צער־שטויסען דיא גאָלדענע קאלב ביז ער האָט דערפון געמאכט שטויב און האָט עס צומישט מיט וואסער און האָט דיעזען געטראנק גע־צוואונגען דיא בני ישראל צו טרינקען (כי תשא ל"ב—20). דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז דאָס דיעזע ערפינדונג איז יעצט ערשט ניט לאנג געמאכט געוואָרען און עס האָט פעראורזאכט א גרויסען פיוראָר אין דער וויסענשאפטליכער וועלט, ווארום מען קורירט וויר־קליך שכרות דורך דיעזען „גאָלד־סאָלושיאָן".

אין עמלק'ן האָבען אָבער דיא בני ישראל באלד דערקענט וואָס ער איז — א ביטערער שונא; און פאר א שונא האָט דער איד קיין מורא. איז באלד ארויס געגען עמלק אין א מלחמה, און א קלאפּ נאָך א קלאפּ, א קלאפּ ארויף א קלאפּ אראָב און—„וגבר ישראל!“ ישראל האָט געזיעגט.

מען האָט אויף זיי נעכסטענס אָנגעשיקט אנדערע שונאים —ביטערע ליטוואקעס, צווישען וועלכע עס זיינען געוועזן „סיחון מלך האמורי“ מיט זיין באנדע—א מיאוסע געזינדעל באנדיטען; וויא אויך דער בעוואוסטער דייטש, דער לאנגער גוי, גוט און ווייט בעקאנט אלס דער ערשטער ערפינדער פון אייזערנע בעטען; מיט איין הויפּט אָפיס אין „רבת בני עמון“; וואו מען קען נאָך, זאָגט מען, ביז היינט זעהן א סאמפּעל פון זיין ערפינדונג—א בעט ניין מאָס דיא לענג און פיער מאָס דיא ברייט; און אין וועלכע ער פלעגט אָבגעגעבען קאָנצערט אין חראָפּען. דאָס איז געוועזן דער בעוואוסטער „עוג מלך הבשן“. מיט א חברה־מאַן וואָס קען פארנעהמען אזא כפול־שמונה'דיגע בעט איז ניט א פרעהליכער עסק אריין צו געהן אין א פּאָלעמיק—א מיאוסער קאָנקורענט. נור ער האָט אָבער זיך אָפען ערקלעהרט וואָס ער איז געוועזן — א שונא; און דיא בני ישראל האָבען איהם, ווי אויך דיא אלע אנדערע חברה־לייט פון זיין גאטונג גיך און געשווינד אָבגערוימט פון וועג.

מען האָט זיי נעכסטענס אונטערגעשיקט דיא זיסע קאָסטימערם בלק און בלעם—פּראָמינענטע חברה־לייט, קיינע לאכודרעס, מענ־שען, מיט איינפלוס, מענשען מיט מזומן, מענשען מיט מענה־לשון, מענשען מיט קעפּ, מיט פּלענער. דיא חברה זיינען געוועזן די ערשטע וועלכע זיינען געפאלען אויף דעם איינפאל צו פערניכטען דיא בני ישראל דורך העצערייען. „לכה נא ארא לי את העם הזה“—געה ארום אין שילט און פערדאם דיא פאָלק איבעראל, בעט בלק ביי בלעם'ן; און עס איז זעהר א מיאוסער עסק. ווארום בלעם האָט איבעראל גרויס איינפלוס, זיינער א וואָרט גילט. אויב ער פלוכט איז געפלוכט, און עס האָט געהאלטען מיט דיא בני ישראל זעהר שמאָל. נור יענע חברה האָבען אָבער באלד ביין ערשטען ארויספּאָהר ארויסגעטרעטען וויא אָפענע פיינד, און דיא בני ישראל האָבען זיך גאָר אויסגעלאכט

פון זיי—וויא זיי טהוען יעצט פון מאנכע אנדערע אגמי׳עמיטען. האבען נאך געמאכט פון זיי חוזיק—א גאנצע קאמעדיע. האבען עפעס דערצעהלט א פערשטעלטע מעשה׳לע וויא אזוי אן עזעל—א אידיאטישער עזעל מיט לאנגע אויערן האט געעפענט ברייט זיינע לעפצען און האט זיך פאנאנדער געלאזען דרשה׳נען. א שיינער האפט און א זיסער טעם קען האבען א דרשה פון אן עזעל. דאס הייסט אין פראסטע עברי דאס דיא בני ישראל האבען איינפאך אבגעיעקעט פון גאנצען עסק — פון זייער גאנצען פלאן.

בלעם׳ס קאפ איז אבער ניט געווען אויסגעדארט. ער האט גאנץ גוט געוואוסט דאס מיט שונאים קען מען גאר ניט אויספיהרען, האט ער דיא „מדינים“ געראטהען אריינצושיקען אין דער מחנה איין ארמעע גוטע פריינד. מען האט איהם געפאלגט און מען האט צווישע דיא חיים׳לעך אין דער מחנה אריינגעשיקט א גאנצע ארמעע „כזבים“—גוטע, ליעבליכע, דיעמענטענע פריינד. צוקער זיסע שעה־נע שיקסעס—א מחיה! און אזוי נאכגיביג, אזוי איבערגעבען,אזוי געטריי, אזוי ווייך און ווארעם—האטש געה נעהם און לעג זיי צו א געשוויר! זייער פריינדליכקייט, זייער איבערגעבענהייט, האט דעם עולם צונומען. זיי האבען זיך צו דיעזע ווייכע און ווארימע פריינד טאקע צוגעכאפט וויא צו בלינצעס נאך א טענית, און דעם סוף דערפון ווייסען מיר אלע—זיי האבען געקריעגען דיא חאלעריע! 42 טויזענד זיינען געפאלען אין דער מגפה—בלעם האט מסתמא געמוזט אריינשיקען אין דער מחנה 24 טויזענד פון יענע ווארימע און איבערגעבענע פריינד.

פאלס בלעם׳ס קאפ וואלט אבער יא געווען אויסגעדארט און ער וואלט געראטען אריינצושיקען אין דער מחנה איין ארמעע פון 24 טויזענד שוויגערס און אלטע מומעס, וואלט אזא פאל געוויס ני פאסירט, ווארום די בני ישראל וואלטען באלד אויף דער שטעלע דערזעהען מיט וועמען זיי האבען צו טאהן און זיי וואלטען זיי תיכף בעזיעגט. זיי וואלטען דיא ערשטע זאך באלד געמאכט א ציישונג און חברה וואלטען זיך פאנאנדער געלאזען און וואלטען אזוי לאנג באמבארדירט אויף דיעזע שוויעגערס און דיא אלטע מומעס מיט „חאמכעס“ און פוילע וויצען ביז מען וואלט זיי פארטיליגט. נור

גענגען איין ארמעע גוטע, פריינדליכע, ליעבליכע, ווארימע און ווייכע שיקסעם — מי יעמוד ? האט טאקע נעביך דער עולם פון זיי גע־קריגען דיא חאלעריע. בלעם, א רוח אין זיין טאטען אריין, האט געוואוסט וויא דעם עולם צו נעהמען.

* * *

בכל דור ודור — אין אלע צייטען פון דער מענשליכער היסטא־ריע האבען איהרע גרעסטע אימער געהאט גענוג אורזאכע זיך צו בעקלאגען וועגען דיעזע מיזעראבעלדיגע ווידרשפעניגקייט און פאל־שע פעררעטהערישע טריילאזיגקייט פון „גוטע פריינד." וויא דוד נעביך בעקלאגט זיך איבער דיעזע אונפערדיענטע פייניגונג. „גם איש שלומי אשר בטחתי בו אוכל לחמי הגדיל עלי עקב" — ישלמוני־יעה תחת טובה שכול לנפשי. ואני בחלותם לבושי שק עניתי בצום נפשי ותפלתי על חיקי תשוב. כרע כאח לי התהלכתי כאבל אם קדר שחתי. ובצלעי שמחו ונאספו נאספו עלי נבים ולא ידעתי קרעו ולא דמו. בחנפי לעגי מעוג חרק עלי שנימו" (תהלים ל"ה—12.)

ירמיה בעקלאגט זיך ביטערליך מעהרערע מאהל אויף דיעזע נייע מכה וואס שטעהט ניט דערמאהנט אין דער תוכחה—„גוטע פריינד". „קראתי למאהבי המה רמוני" — האב זיך פרובירט ווענדען צו מיי־נע גוטע פריינד און דיעזע האבען מיר גאר אבגענארט", בעקלאגט זיך ירמיה.

נור מעהר פאר אלעמען שיינט פון דיזע אנשיקעניש צו האבען געליטען „איוב." א קאלאסאלער גייסטרייכער ריעז, פאלקאמען אין יעדער בעציהונג, ארומגערינגעלט מיט אלם דאס גוטס פון ארום און ארום, פאנגט אן צו קריעגען קלאפ נאך קלאפ, טראסק נאך טראסק, אונגליק נאך אונגליק. נור דיעזער גרויסער מענש איז גע־דולדיג און נעהמט אלעס אהן גוט מוטהיג, און זינדיגט ניט זאגאר מיט א ווארט. דער אנגריף ווערט אליץ שטארקער און שטארקער און עם גרייכט זיין קערפער וועלכער ווערט געגצליך געגריפען מיט א זעהר שמערצליכע, עקעלהאפטע אויסשלאגענדע קראנקהייט. ער נעהמט נאך אלס אלעם אן געדולדיג און רעדט ניט א ווארט, בעקלאגט זיך ניט. זיין ווייב קומט אויף דער סענע, זיא קאן שוין זיין צער ניט זעהען, און זיא גיעבט איהם אן עצה וויא נור א גומער

פריינד קאָן טאָהן. „ברך אלהים ומת“ — לעסטער׳ גאָט און ער וועט דיר דערפאַר צושיקען דעם טוידט, איז איהר זיסע עצה. דאָ איז איוב געוואָרען אַן אָנגעצונדענער פאַר כעס — ערשטענס פאַר דער עצה; און צווייטענס פאַר מאיעסטעטישע בליידיגונג. זיא האָט בליי־דיגט גאָט. ער נעהמט זיך אָבער ניט אָן זיין אייגענע קריוודע, נור פאַר דיעזע פון קנאת ה׳ צבאות; און ער ענטפערט איהר וויא אזא פילאָזאָף איז פעהיג צו ענטפערן. „כדבר אחת הנבלות תדברי. גם את הטוב נקבל מאת האלהים ואת הרע לא נקבל“ — דוא רעדסט, האָט ער צו איהר געזאָגט מיט כעס, וויא א וואש־גויע, וויא איינע פון יענע ניעדערטרעכטיגע וואָס ווייסען ניט וואָס זיי פּלאַפּלען טוהסטו זאָגען דיינע ווערטער. וואָס הייסט דוא הייסט מיר אָנריי־צען גאָט אויף זיך און ער וועט מיר דערפאַר שיקען דעם טוידט? וואָס וויים עפּעס גאָט פון שלעכטעס טאָהן? מיר נעהמען אָן דיא גוטעס וואָס קומט אונז נאָכאַנאַנד אָן פון גאָט, אָבער דיא שלעכ־טעס וואָס קומט אויף מענשען, קריעגען מיר ניט פון גאָט — דאָס קומט פון אונזער אייגענע בענעהמונג. צייג מיר איין שלעכטע זאַך וואָס קומט פון גאָט. פון פּאַראַזיטען וואָס בייסען ביי נאכט ביז דיא וואַמפּירען וואָס בייסען ביי טאָג, ביז קראַנקהייט, ביז אונטער־דריקונג פון ארום און ארום, קומט נור אויף אונז מענשען אלס א נאַטירליכע פאָלגע פון א ניט נאַטירליכע אויפפיהרונג. „כשדים“ בעפּאַהלען, קאַצאַפּעס מאַכען „פּראָגראַמען“, קרעדיטאָרען מאַכען ענג אין דער וועלט; זאָגאר קראַנקהייט קומט ניט פון גאָט, ווארום די מעהרסטע קראַנקהייטען זיינען גאָר נייע צוגעקומענע צרות און עס קומט פון ניט ריכטיג לעבען. דאַגעגען זיינען אלע גוטע זאַכען וואָס דער מענש געניסט א דירעקטע מתנה פון גאָט. פון לעבען ביז ליבטיגקייט, ביז שפּייז, ביז געזונד, ביז חן, ביז חכמה, ביז שלום קומט אלעס נור דירעקט פון גאָט.

זאָגאר ווען עס פּאַסירט שוין אמאל איינע פון יענע גרויסע אומגליקען וואָס שיינט צו קומען פון גאָט, איז עס אויך בלויז א נאַטירליכע פאָלגע וועלכע מענשען האָבען מיט זייער פיהרונג פער־אורזאַכט. ווארום יעדערער פון אונזערע טהאַטען ווירקט אויף דער האַרמאָניע וואָס רעגיערט אין דער נאַטור; און אויב דיא נאַטור

ווירקט דורך שלעכטע בענעהמונג פערלעצט, ריהרט עס אן דיא
גאנצע סיסטעמע און דער קלאפּ קומט דערויף אלס נאטירליכע פאָל־
גע.

קנאה און שנאה און ראכע און וועה געשרייען און זיפצען
מאכען אָן גרויסע צרות אין דער נאטור'ס אָרדנונג. ווארום זיי פער־
דערבען דיא זיסע הארמאָניע וואָס רעגיערט אין דער נאטור. גראדע
וויא א גיפטיגער פליעג פערדערבט דעם פיינסטען אייל, אזוי ווערט
דיא נאטור וואָס האָט נור ליעב רוהע, שטילקייט און פריעדען צער־
שטערט און צוערגערט פון דיא שלעכטע בענעהמונג מיט וועלכע
מענשען גיעבען זיך אָפּ אזוי אָפט. דיא נאטור, דיא גאנצע אטמאָ־
פערע, דיא גאנצע לופט איז אויסגעשפרייט אויף דער וועלט ווי
א ליילאך, און עס לעבט און עס שפירט און עס פיהלט. אז מען דער־
לאנגט א צופּ אין דער ליילאך, א ריס, א שניט, א שטאָך; אָד־
מען בעשמירט איהר מיט בלאָטע, מיט שמוטץ, ווערט זיא אָנגעגרי־
פען. זיא ווערט בייז, בעליידיגט; און קיין זאך קען עס ניט גוט מא־
כען ביז דער פעהלער בעגאנגען מוז גוט געמאכט ווערען. „ולארץ
לא יכפר לדם אשר שפך בה כי אם בדם שפכו"— ווערט בלוט פער־
גאָסען אויף איין אָרט, דאן ווערט דיעזער פלאץ ניט ווערען גוט ביז
דיא גערעכטיגקייט וועט דיעזען מאָרד-טהאט גוט מאכען.

מאנכע אונצייטיגע פילאָזאָפען וועלכע מיינען דאָס זיי זיי־
נען שוין איבער 40 יאָהר אלט און ווייסען שוין אלעס, קענען ניט
פערשטעהן דעם אויסדרוק און דער תורה פון „ונתתי גשמכם בעתם
— איך וועל אייך געבען רעגען אין זייער צייט, פאלס זיי וועלען זיך
גוט פערטראָגען. דיא נאטירליכע געזעצע וועלען דאן טאָהן זייער
פפליכט; און אויב ניט וועט דער גאנצער קלימאט אויפהערען זיי צו
דיענען און דאָס לאנד וועט זיי גיך און שנעל פערטיליגען פון איהר.

„וואָס געהער זיך אָן אויפפיהרונג מיט רעגען און מיט פרוכט־
בארקייט?" פרעגען דיעזע קליינע מח'לעך. נור ווי געוועהנליך האָט
מסתמא דיא תורה גערעכט און זיא וויים גאנץ גוט וואָס זיא רעדט.
מען קען פערדערבען דעם בעסטען קלימאט מיט אונפאסיגע אויפפיה־
רונג. איין יעדער פון אונז פיהלט עס, נור ניט אלע קענען עס אָפּען
פערשטעהן. פרובירט, למשל, צו קראַצען א שויב מיט א טשוואָק,

און אָבוואָהל עס טהוט דאָך אייגענטליך ניעמאַנדען וועה, דאָך מאַכט עס אויף דעם געפיהל א שווידערהאַפטע ווירקונג. זאָל איינער פלוצ־לונג אריינקוויטשען אָדער אריינפייפען אומגעלומפּערט אין אייער אויער, און איהר ווערט אין כעס — אייערע נערוועז זיינען בעליי־דיגט געוואָרען. דיא נאַטור פיהלט עס גראַדע עבען אַזוי וויא דער מענש. א ווילדער סקריפּ צורייסט דיא אַטמאָספערע, א געשריי פון וועהטאָג דרינגט דורך אָדער שטעכט דורך דיא לייאַך פון שלום און האַרמאָניע וועלכע איז פערשפּרייט אויף דער וועלט. א זיפץ פון א פערקלעהמטע וועהטאָגדיגע האַרץ שפּאַרט זיך דורך און פליהט אויבען וואו עס געהט זיך בעקלאָגען; און „אם צעק יצעק עלי שמע אשמע צעקתו וחרה אפּי,“—און אויב אזא וועהטאָגדיגער געשריי וועט זיך לאָזען הערען, וועל איך דאָס הערען און עס וועט ערגערן מיין כעס, און איך וויל זיך אָננעהמען יענעמ׳ס קריוודע — „כי חנון אני!“ ווארום איך בין א גאָט פון רחמנות, גיבט אונז דיא תורה וואָרנונג.

קיין צווייפעל דאָס דער יעניגער צוטרעט אינזעקטען בכיון, וואָס ברענט פריסלאַך אויפ׳ן אויוועז בלויז אוים צייט פערטרייב, צוטרעט במזיד א בלום אָדער א פלאַנצונג ווען עס בליהט, דער בע־געהט א מאָראַלישען פערברעכען אין דער נאַטור פאַר וועלכע זיא וועט זיכער ניט פערשוויינען. יעדער זאַך וואָס דער מענש טוהט און עס איז ניט האַרמאָניש מיט דיא נאַטירליכע געזעצע, קען דיא נאַ־טור ניט פערטראָגען. זיא האָט ליעב שטילקייט, רוהיגקייט, שלום און אָרדענטליכקייט, פאַלס דיעזעס עקזיסטירט ניט אין דער נאַ־טור, הערט זיא אויף צו דיענען און נאכהער מוז מען שוין ליידען פון דיא נאַטירליכע פאָלגע וואָס איז געקומען פון א ניט נאַטירליכע בענעהמונג.

דאָס קלימאַט אין א לאַנד הערט אויף צו דיענען דורך שלעכ־טע אויפפיהרונג פון איהרע איינוואָהנער, קען מען נעהמען א בע־וויז פון „ארץ ישראל.“ אלע ווייסען, היסטאָרישע פאַקטען בע־הויפּטען דאָס דיעזע לאַנד איז געוועזן אזוי בעזאָנדערס פרוכטבאַר, דאָס צוויי מענשען האָבען געדראָפּט טראָגען איין „אשכול“ איין צווייג טרויבען, „במוט בשנים“. ווי קומט עס ליידער דאָס די לאַנ־

איז היינט אזוי וויסט? וויא קומט עס דאָס דיא אמאָליגע פרוכטבארקייט האָט אויפגעהערט צו דיענען און די ערד איז היינט אזוי טרוקען וויא א מצבה? דיא אורזאכע דאפיר איז דיא שלעכטע אויפפיהרונג פון דיא איינוואָהנער. נאָכאנאנד האָט דאָרט געהערשט דער געשריי פון וועהטאָג, פון אונטערדריקונג. דיא ערד איז נאָכאנאנד געוועזן דורכגעווייקט מיט אונשולדיגע בלוט. 80 נביאים געקוילעט גלאט אזוי אין דער וועלט אריין. 42 טויזענד מאן פון שבט אפרים אויסגעמערדערט פאר אומזיסט און אומגישט; און דיא נאטור איז געוואָרען צוערגערט. דיא שרעקליכע זיפצען און געשרייען פון וועהטאָג האָבען דורכגעבראָכען די אאטמאָספערע. דער טוי און דער וואָלקען וואָס ציהען זיך אין דער אטמאָספערע וויא א לייֿלאך, זיינען געוואָרען ופליקט און צוריסען פון דיא שמערצליכע געשרייען. זיי זיינען אויף אזא ארט ופאלען געאָרען אין שטיקער — און ניט פראָפּאָרציאָנעל, צו פיעדל צו בריינגען נוטצען אויף איין אָרט, און צו וועניג צו טאָהן גוטעס אויף א צווייטען פלאץ; און אזוי וויא דיא ערד האָט נאכהער ניט געקריעגען דיא געהעריגע חיונה פון דיא העכערע מקומות, האָט זיא אויפגעהערט אין גאנצען צו דיענען.

נור וויא אלעס אין דער נאטור, קען אויך דיא נאטור אליין פערהיילט ווערען. א צייט וועט קומען — און זיא איז נאָהענט, ווען דיא אלמנה וואָס זיצט געקליידעט אין א טרויע זאק, דיא ליכטיגע צורה געדיכט פערדעקט מיט א פינסטער שלייער, און וויינט און וויל זיך ניט לאָזען טרייסטען ווייל איהרע קינדער זיינען ניטאָ — א צייט וועט קומען ווען דיא „ריכטיגע“ קינדער וועלען קומען און וועלען בעוועגען דיא וויסטע אלמנה אויסצוטאָהן איהרע טרויערקליידער און דעם געדיכטען שלייער ארונטער צו נעהמען, ווען זיא וועט דאן צוריק דער וועלט בעווייזען איהר ליכטיג געשטאלט. דער קלימאט אין ארץ ישראל וועט געוויס פערהיילט ווערען ווען די ריכטיגע און פאסענדע אידען וועלען אהין קומען און וועלען מיט צערטליכקייט, מיט גרויס זאָרגפעליגקייט העלפען דיא נאטור זיא זאָל פערהיילט ווערען. דאן, און ניט ביז דאן וועלען אלע איהרע קינדער זיך אומקעהרען לגבולם; און דאמאָלס וועט מען פערשפּאָרען צו פערקויפען „באָלל־טיקעטס“, צו פלעטען מצבות און דרשה'נען אזוי

פיעל און זיך בעטען ביין עולם צו געהן אין דערהיים. ווען דיא ריכטיגע צייט וועט אַנקומען, וועלען זיך אומקעהרען אהיים אלע דיא יעניגע וועלכע זיינען בערעכטיגט דערצו. פאר דער צייט איז אָבער ליידער קיין ייט. פוסטע דרשות, קאָמיטעט־לייט, וויים־פרעזי־דענטען און טענצלאָך קענען זעהר ווייניג בעוועגען ארץ ישראל זיא זאָל פון זיך אראָבווארפען דעם געדיכטען שלייער. אידען האָבען היינט דיא זעלבע פעהלערן פאר וועלכע זיי זיינען פון לאנד פערטרי־בע זגעוואָרען. ווען זיי וועלען אָמער צוריק ווערען א פאָלק — וועל־כע זיי זיינען היינט ניט; ווען זיי וועלען ווערען פעראייניגט—וועל־כע זיי זיינען היינט ניט; ווען דאָס פאָלק ישראל וועט זיין אזוי שטארק אין פּרינציפּען וויא זיי זיינען אין זייערע אומזיסטע נפּ־ע־טענזיעס — וועלכע זיינען היינט ניט; ווען וועלען ענדליך אָנפאנגען אויסצופיהרען זייער קאָנטראקט וואָס זיי האָבען געשלאָסען ווען זיי האָבען אויסגעשריהען „נעשה ונשמה“ — וועלכע זיי זיינען היינט ניט; ווען אידען וועלען זיך ענדליך אומקעהרען צו גאָט לויט פּראָגרא־מע פון תורת משה — „דאן ושבו בנים לגבולם“—דאן וועט דיא לאנד אויסטאָהן איהרע טרויער קליידער און וועט איהרע קינדער צוריק אריין לאָזען.

* * *

און איוב וועלכער קען גאָט גאנץ גוט און פערשטעהט זיין פיהרונג אין דער נאטור, ענטפערט דערפאר זיין ווייב גאנץ ריכטיג ווען ער זאָגט: „גם את הטוב נקבל מאת האלהים ואת הרע לא נקבל“ — נור דאָס גוטעס קריעגען מיר פון גאָט, און שלעכטעס ערהאלטען מיר ניט פון איהם.

און אין טראַץ אלע צרות וואָס קומט אויף דיעזען גרויסען פי־לאָזאָף, איז נאָך איוב אלץ גערולדיג און זינדיגט ניט, דערציילט און דער פסוק—„בכל זאת לא חטא איוב בשפתיו“.

נור ענדליך דערוּסען זיך פון זיין צושטאנד זיינע 3 „גוטע פריינד“ און דיא חברה קומען איהם אָבשטאטען א וויזיט — און דאן ווער טשוין געמעלדעט דאָס איוב „זיצט“ שוין, אָדער וויא מען דריקט זיך אויס היינט, וויא ער „ליעגט“ שוין אין דרע׳רד— „והוא ישב בתוך האפר“; דער פסוק דערצעהלט שוין יעצט דאָס

לאֹ תרצח.

איוב׳ס וועהטאָג איז שוין גרויס אָהן א שיעור —„כי גדל הכאב מאד״; און נאכהער הערען מיר שוין וויא זיין געדולד האָט ענדליך געפּלאט און וויא ער עפּענט שוין זיין מויל און שילט דעם טאָג וואָס ער איז געבאָרען געוואָרען. וויא נור דיא „פריינד״ זיינען געקומען האָט זיך שוין אלעם געענדערט.

עפּעס א קלייניגקייט פריינד! — צו וואָס קענען זיי ניט ברענגען.

* * *

גור צוריק צו אונזער עסק, ווארום עס ווערט קאלט.

עלענד און דערשלאָגען וויא איך בין יעצט פערבליעבען, איז דער תנ״ך געוועזן מיין איינציגער קאָמפּאניאָן, מיין איינציגער פריינד, מיין טרייסט. כמעט צו יעדער געלעגענהייט האָב איך נור דערין אריין געקוקט און דאָס האָט מיר בערוהיגט ניט איין וועניג. איין מאָהל קום איך אויף דעם פּסוק: „שדך לא תזרע כלאים ובגד כלאים שעטנז לא יעלה עליך״, און עס ווערט מיר זעהר אויפּפאַלענד. מען זאָל א פעלד ניט פערזעען מיט פערשיעדענע גאטונגען זאָגט אָן דיא תורה אז מען דארף זיך ניט קליידען אין קליידער פון פערשידענע גאטונגען. וואהרשיינליך ברענגט עס דאָך א שלעכטע ווירקונג, ווארום זאָנסט וואלט עס דאָך דיא תורה ניט אָנגעזאָגט 2 מאָהל. און לויט פערשטאנד קלינגט עס טאקע אויך לאָגיש און ריכטיג גענוג. ווארום וואָס מען זאָל אין דער נאטור צוזאמען מישען מיט נאָך א גאטונג—פון א קאָליער פארב ביז א גאטונג פון אירגענד וועלכע פּלאנצונג ביז א געוועב — מוז זיא זיך באלד פערליערען. אָדער איינס קריעגט דיא אויבערמאכט און ציהט אָב דעם גאנצען קאָליער, גלאנץ און אייגענשאפט פון דער צווייטער און ווערט אליין פּראָמינענט; אָדער עס פערליערט זיך אליין אין גאנצען. נור זיכער איז דאָסביידע פערליערען פון זייערע אייגענשאפטען. ווארום עס איז נאָך ניטאָ איין זאך אויף דער וועלט וואָס זאָל זיין פאָלקאָמען ווען עס איז צוזאמען געמישט מיט נאָך א גאטונג פון א פרעמדען זאָרט.

ווער רעדט נאָך אז מען קליידעט זיך אין שטאָף פון פארשיעדענע גאטונגען; אָדער מען עסט אויף איין מאָהלצייט פערשיעדענע

גאטונגגען שפייז. וועלכע פערליערען ניט נור זייערע אייגענשאפטען, זאָנדערן זיי ברענגען נאָך שאדען. דיא צוזאממענמישענים פון עסען אזוי וויא פון קליידונג איז ניט נאטירליך און עס קען קיין גוטעס דערפאר ברענגען.

אזוי טראכט איך, און א גערדאנקען פליהט מיר דורך גראדע דאן, דאָס מיין איינענער יעצטיגער פיהרונג איז פעראנטוואָרטליך פאר מיין יעצטיגען קלאָגעדיגען צושטאנד. איך נעהם יעצט מיין איי־גענע פעלד—זיך אליין, און פערזוכע עס אלע ווילע מיט „כלאים". איז אָפט מאָהל מיין שווערער ליידען יעצט ניט פעראורזאכט דורך דעם? דיא מילך, דיא שיטערע אייער, דיא פלייש, דיא ברויט, דיא זופּ, דיא גרינוואָרג, דיא פרוכט, דיא משקה, אלעס אין איינעם—מוז ברענגען א שלעכטע ווירקונג אויף א ליידענדען וויא איך! איי־טויזענדער געזונדטע מענשען עסען דאָך דאָס אלע טאָג און ליידען ניט? איז טאקע דער תירוץ דערפאר, ווייל זיי זיינען געזונדטע. א געזונדטער מענש קען אלעס פערטראָגען—אפילו טשאָלענט; און זאָל עס א ליידענדער עסען, קען עס איהם אויף דער שטעלע פער־סם'ן.

אזוי טראכט איך, און בעשלים ביי זיך דאָס איך וועל אָננעהמען דיא עצה פון תורת משה און וועל פון יעצט אָן בלויז עסען איין זאך אויף איין מאָהל. האָב שוין יעצט יעדענפאלס ניט וואָס צו פערליע־רען.

איך האָב אָנגעהויבען די ערשטע זאך מיט פאסטען. האָב 3 טעג נאָכאנאנד ניט געגעסען און האָב בלויז געטרונקען צייטענווייז א געווייסען מינעראל וואסער בעקאנט מיט'ן נאָמען „ליטיא" ווירקט בע־זאָנדערס גוט אויפן מאָגען. אויפן אבענד און 3 טעג נאכהער האָב איך געגעסען פיין אפעל—א פראכטפאָלע פרוכט, די זאפט פון וועלכע איז וויא א באלזאם פאר דער מענשליכער געביידע. דיזע זאפט האָט אָבער א שמערצליכע ווירקונג אויף דיא ליפּען און אויפ'ן צונג און גוימען נאכהער וויא מען געניסט דערפון צו אָפט, האָב איך דערפאר אין דיא נעכסטע טעג זיך בעגעבען צו עסען געבראָטענע עפעל. אין דער פריה, צו מיטאָג, אויפ'ן אבענד, בלויז עפעל אליין. באלד בין איך געוואָרען צימליך גוט הונגעריג, און איך פלעג עסען א טאָג

איבער א טאָג פון פערשיעדענע גאַטונגען קערנער—אַזעלכע וויא רייז פערפערטיגט און צוגעפּרעגעלט אויפ'ן פיינסטען אָליווער־אייל, קאָרן־מעהל, „טאַפּיאָקאַ“ אָדער סאַגאָ, פאַרינאַ און נאָך אנדערע פערשיעדענע גאַטונגען פון דיזע קערנער—אָבער אלס בלויז איין זאַך אויף איין מאָהל.

און מערקווירדיג! עס האָט ניט גענומען א וואָך און איך האָב שוין אָנגעפאַנגען צו פיהלען א בעסערונג, און אין לויף פון דיא ער־שטע 3 וואָכען האָב איך כמעט אויפגעהערט צו ליידען. דיא שטיכען, דיא שרעקליכע יועהטאָגען זיינען באַלד פון מיר אנטרונען געוואָרען. דיא שרעקליכע שווערעניש אזוי וויא פון שוועבעל האָט זיך נעכ־סטענס פון מיר אָבגעטראָגען. דער כריפּען אָדער דיא זעגענים אין מיין ברוסט האָט אויפגעהערט, און אָבוואָהל איך פלעג נאָך הוסטען אין דער פריה און אָפט ביי טאָג, פלעג איך שוין עס אָבער ניט מעהר טאָהן ביי נאַכט; און דער הוסט יעצט האָט מיר שוין ניט געקאָסט אזוי טהייער און האָט מיר ניט אזוי וועה געטאָהן וויא פריה־ער. איך בין אין אַלגעמיין געוואָרען יעצט גאָר איין אנדער מענש. אָנשטאָדט צו זיין בעטריבט און דערשלאָגען און ערגערליך און פער־צווייפעלט און נור טראַכטען וועגען דער מצבה וואָס איך וויל אויף זיך ניט, און וועגען דיא שוואַרצ'ע קליידער וואָס איך וויל ניט מען זאָל טראָגען נאָך מיר און וועגען די חברה־קדישא—אָנשטאָט צו טראַכטען און אָבגעבען מיין גאַנצען געדאַנקען נור צו אזעלכע טרויעריגע געדאַנקען, בין איך גאָר געוואָרען אויפגעלעגט און האָב זיך גאָר אָנגעהויבען צו פערנעהמען טראַכטען וועגען דער צוקונפט. און אָבוואָהל איך האָב נאָך אפילו גאָר ניט געוואוסט וואָס דיא שמחה איז מיט מיר פונדעסטוועגען בין איך יעצט געווען צימליך פרעהליך און אויפגעלעגט.

באַלד וויא איך האָב זיך געפיהלט בעסער, בין איך באַלד אוועק צו איין אלטען פריינד וועגען תכלית, און יענער אז ער האָט מיר דערזעהן האָט זיך ווירקליך דערפרעהט מיט מיר, און איך האָב געזעהן דאָס נאָך אלעמען איז ער מיר א גוטער פריינד. ער האָט מיר אפילו פערנאַכלעסיגט אין די פיינסטערסטע צייט פון מיין לעבען נור יעצט אין מיין יעצטיגען צושטאַנד האָב איך שוין גאָר אנדערש

געטראכט. נאך אלעמען דארף מען ניט זיין אזוי האסטיג צו פער־ אורטהיילען, טראכט איך שוין יעצט. ווארום אין דער ווירקליכקייט איז טאקע ניט בעקוועם צו געהן טאנצען מיט א מת; און דער הוסט, און דער קרעכץ און דער זיפץ פון א קראנקען דערשלאָגענעם איז טאקע ניט רייצענדע מוזיק. אין היינטיגע צייטען ווען יעדער האָט פיר זיך גענוג דורך צו ברענגען זיין קאמפף אום איין עקזיסטענץ, קען מען זיך ניט פארנעהמען אזוי ברייטליך מיט דיא אינטערעסען פון א צווייטען וויא מען קען פילייכט אויבערפלעכליך מיינען און אורטהיילען. יעדער איז היינט איינגעטונקט אין א ים צרות אליין. עס איז ניט יענע צייטען ווען דיא בעדירפניסע זיינען געווען קליין און צייט איז געווען גענוג זיך אָבצוגעבען מיט אלעם. אזוי טראכט איך און קוק שוין יעצט אין מיין בעסערן צושטאנד אויף אלעם מיט איין אנדער אויג. מיין פריינד גיבט זיך אָב מיט מיר, און פרעגט מיר איינצעלהייטען און אז איך דערצעהל איהם דאָס דער קורז פון מיינע ווערטהפאָלע פאפירען שטעהען יעצט זעהר ניעדריג, גיבט ער מיר אויף איין פלאן, און א צווייטען און אין א גאנץ קורצע צייט האָבען מיר ביידע דורכגעפיהרט אן אונטערנעהמונג וואָס האָט מיר צוריקגעבראכט אויף מיין פריהערדיגען שטאנד.

דער אינטעליגענטער לעזער וועט פערשטעהן דאָס דער צוועק וואָס איך דערצעהל מיינע אייגענע ערפאהרונגען, איז ניט ווייל איך וויל זיך אָבגעבען מיט זיך אליין, זאָנדערן צו בעווייזען ערשטענס אז טער וועלכע אומשטענדען מיר לעבען דאָס מיר קענען ניט לייכט אויספיהרען צו לעבען לויט וויא אונזער פערשטאנד דיקטירט אונז; און צווייטענס מיין איך מיט מיינע ערפאהרונגען צו ברענגען גוטעס צו ליידענדע און צו קראנקע. ווארום איך גלויב — ניין, איך בין זיכער —„אני מאמין באמונה שלימה“, דאָס אירגענד וועלכער ליידענדער פון מאָגען קראנקהייט, פון א ברוסט פעהלער, פון אנדע־ רע וועהטאָגען, אויב אזעלכע זאָלען נאָכפאָלגען דעם געבאָט אין תורת משה פון „שדך לא תזרע כלאים“— דיין פעלד — טאקע דיין אייגענע פעלד — דיר אליין, זאָלסטו ניט בעזעען מיט פערשידענע גאטונגען שפייז; איך בין זיכער דאָס אויב ליידענדע וועלען עס פאָלגען און וועלען עסען בלויז איין זאך אויף איין מאָהל, דאן מוזען

זיי אָדער פערלייכטערט ווערען, אָדער געזונד ווערען אין גאנצען. דאָס איז מיין צוועק ווארום איך גיב זיך אָב אזוי פיעל מיט מיינע אייגענע ערפאהרונגען; און דאָס איז דיא אורזאכע וואָס איך דער־צעהל מיין צושטאנד מיט דער גענויסטער פינקטליכקייט גראדע וויא איך בין געוואָרען רעגירט צו יענער צייט—דיא פינסטערסטע צייט פון מיין לעבען.

צום שלוס וויל איך בלויז בעמערקען, און דאָס וועט זיין איין ענט־פער צו יענעם וואָס פרעגט אויב עס איז אמת דאָס טאָלסטאָי זאָל אין דער שטיל אָפט יא עסען פלייש, און אויב עס איז אזוי, אויב עס איז ניט היפּאָקריסי פון זיין זייט ערשטענס; און צווייטענס אויב דיא גאנצע טהעאָריע האָט קיין באזיס—צום שלוס וועל איך בלויז זאָגען, דאָס וועהרענד וויא דער לעזער זעהט האָב איך דוכט זיך שוין גענוג אורזאכע ניט צו עסען פלייש—ווייס שוין דוכט זיך גוט גענוג אויס יעדר שטאנדפּונקט דאָס איך דארף און טאָהר עס ניט עסען—

פון דעסטוועגען גלויב איך נאָך זיי אליין ניט: איך ווייס ניט אויב עס קען נאָך ניט אָנקומען א צייט ווען איך וועל צוריק ווערען שטארק און געזונד און יענער מאכער—מיין בעל חוב וועט ניט ווייטער אָנהויבען צו פאָדערן א ציבעלע קוכען מיט א פּאָרציע פריש־געקאָכטע פיש מיט רויטען חריין, מיט גריבען געפּרעגעלט מיט צוויבעל און מיט נאָך א קר־כען—וויא ער איז איינגעוואָהנט נאָך פון דער יוגענד. קאניבאליזם איז ניט אזוי גרינג אָבצוגעוואָהנען וויא מען קען פילייכט איבער־פלעכליך מיינען. נור פון דעסטוועגען דרעהט זיך דאָך דיא וועלט: דיא וועגעטאריאנישע פראגע—דיא פראגע פון „לא־תרצח“—דיא פראגע פון לעב און לאָז לעבען, האָט דאָך גערעכט!

איך ווינש מעהר ניט דאָס דיא צייט זאָל שוין א מאָהל קומען ווען מיר זאָלען ניט זיין אזוי ביטערליך אונטערוואָרפען אונטער אומשטענדען—ווען מען זאָל ניט דארפען זיין בלויז איינער צווישען אלעמען וואָס וויל לעבען וועגעטעריאניש — ווען דער וועגעטערי־אנישער עסען זאָל ניט בעשטעהען בלויז אויס בעבלאָך אליין און דאָס נאָך אָפּט צוגעברענטע—דאָס מען זאָל קענען קריגען עסען איבעראל און ניט דארפען אויסגעהן און ווערען פערחלשט ביז יענער

בעל־דבר זאָל פּלאַגען און פאָרדערן זיינע געפילטע פיש מיט דיא גריבען—דאָס מען זאָל ניט אָנהויבען צו לעבען ריכטיג נור דאן ווען מען דארף שוין מאַכען דיא צוואה—דאָס מען זאָל ניט דארפען לע־בען וויא זמרי און פאָרדערן שכר וויא פנחס. דאָס הייסט מען זאָל ניט דארפען אזוי אבפּינסטערן וויא יעצט ביי אַלערליי שווערע אַר־בייט און נאכהער ניט קענען לעבען אויף איידעלע שפּייז וואָס קען ניט בעזאָרגען דיא ברוטאלישע קראפט נעטהיג פאר דיא ברוטאלי־שע ארבייט פון היינטיגע צייטען—דאָס יענע געווינשטע צייט וואָס ישעיה פּראָפעצייעט ווען דיא ריכטיגע געטליכע וויסענשאפט וועט ווערען אָנגעפילט אין דער וועלט וויא וואסער אין ים זאָל שוין אָנ־קומען; און אז עס וועט ענדליך אָנקומען, וועט מען ניט נור ריכטיג און פאסענד לעבען, נור מען וועט נאָך א מאָל לעזען דיזע ווערקע מיט ערשטוינונג און מען וועט זיך וואונדערן דאָס דער שרייבער האָט געדארפט אָנווענדען אזוי פיעל מיהע, אזוי פיעל ארגומענטען אזוי פיעל בעווייזע אום דעם עולם צו איבערציינען דאָס אזא ריכטי־גער אמת—איז אמת!

מיט דיא טיעפע פילאָזאָפיע וואָס ליעגט בעהאלטען אין דעם „שדך לא תזרע כלאים“ וועט נאָך קומען א צייט אז מען וועט היילען קראנקע. איך דאנק גאָט דאָס איך בין געווען דער ערשטער צו דער־געהן וואָס דיעזער פּסוק מיינט און וואָס פאר א גרויסע ווערדע עס האָט פאר דער וועלט.

קאַפּיטאל 2.

אין א מיטען העלען מיטוואָך איין מאָהל, אויפ'ן ניכטערן האר־צען „נעהם איך“ און קריג דיא פאָלגענדע מגילה; און נאכהער וויא איך האָב דיא עברי דערין פערבעסערט; און נאכהער וויא איך האָב ארויסגעוואָרפען דערפון אונגעפעהר 96 און א האלב פּראָצענט איבריגע רייד, זידלעריי און שימפּף ווערטער, האָט עס געלויטעט קורץ און שארף אונגעפעהר בזה הנוסח:—

„—ארויף צו ליינען דיא גאנצע שולד פון פלייש עסען אויף אונז קצבים וויא איהר טהוט אין דעם ערשטען טהייל פון אייער ווערק איז א גרויסע עולה. נאָך אלעמען טהוען מיר דאָך מעהר ניט

וויא מיר פיהרען אויס אייערע שמוציגע ארבייט. מיר בוטשערס זיינען בלויז אייערע געדונגענע ארבייטער אייערע געווערקצייגע; און אזוי וויא מיר מוזען אויך מאכען א לעבען זיינען מיר גע־צוואונגען אייערע שמוציגע ארבייט צו טאָן. איהר זאָגט דאָס אויב ניט פאר קצבים וואָלט זיך ניעמאנד ערלויבט צו שעכטען און עסען פלייש. דיעזע בעהויפטונג איז ניט ריכטיג. אויב איהר ווילט ווי־סען ווער עס איז ווירקליך פאראנטוואָרטליך דערפאר וואָס מענשען עסען פלייש, דאן זאָלט איהר מוחל זיין און זוכען נעהענטער אביסעל נעבען בוזים, און איהר וועט זיך דאן איבערצייגען דאָס איהר האָט אונז בוטשערס ניט נור צו האסטיג פעראורטהיילט, זאָנדערן אויך געטאָהן א גרויס אונרעכט, וועלכע מיר האָפען איהר וועט זעהען גוט צו מאכען."

אז איך האָב געקראָגען דיא מגילה, מוז איך זיך מודה זיין דאָס איך האָב זיך געוואָלט מאכען ניט וויסענדיג—האָב עס גע־וואָלט בעגראָבען און מאכען א שוויינ און נאכהער אויב מען וואָלט מיר דעריבער פאָרגעהאלטען וואָלט איך אָבגעשוואָרען מיט טויטע שבועות דאָס איך וויים גאָר ניט פון וואָס צו זאָגען. ווארום איך האָב א שרעקליכען פאָראורטהייל געגען דיעזע פארטנערס פון עמלק —דיא קצבים. איך האָב א פאָראורטהייל—איך בין זיך מודה, און עס איז קיין שעהנע מידה, נור וויא פיעל איך האָב בעגעגענט פון זיי זיינען זיי אַלע אין כאראקטער, אין בענעהמונג, אין זייער גע־ביידע זאָגאר, געבאָרען און ערצויגען צו זיין וואָס זיי זיינען—בוטשערס! און דיא משפחה געפעהלט מיר ניט.

מיין ניט קאָלומבוסעס מוכרי בשר וועלכע אומשטענדען האָבען געמאכט פאר בוטשערס; און צווישען וועלכע איך האָב אָפט גע־טראָפען איידעלע מענשען, תלמידי חכמים, מענשען מיט געוויסען, מיט כאראקטער—מיין ניט אזעלכע, רעכן דיעזע ניט אונטער דער קאטעגאָריע פון קצבים. מיין נור יענע חברה וואָס בעריהמען זיך דאָס זיי זיינען „קצבים פון דריים"—קצבים וואָס האָבען נאָך יחוס־בריעף פון עלוף־עמלק—דיעזע געשליפענע אדעל־לייט מיין איך. צווישען דיעזע, מיין איך צו בעהויפטען, האָב איך נאָך ניע געטראָ־פען איינעם וואָס זאָל בעזיצען אין זיין געזיכט אָדער אין זיין בע־

נעהמונג איין צוג, איין שטריך, איין אויסדרוק אזעלכער וואס זאל קענען קאנטראלירען רעספעקט, האכמוטה, עהרהאבענהייט, אדער שטאלץ איעלכער וואס זאל ניט זיין גאוה, אדער אירגענד וועלכע איידעלע בענעהמונג אזעלכע וואס זאל זיי ניט בעצייכנען צו זיין וואס זיי זיינען—בוטשערם!

זייער גאנצע בענעהמונג, זייער יעדער בעוועגונג, זייער שריט זאגאר, זייער מאך מיטן האנט, זייער שטעהן, זייער געהן, זייער זי־צען, ליעגען און זאגאר זייער שלאפען—ווען זיי כראפען מערדערליך אלעם בעצייכענט זיי צו זיין וואס זיי זיינען—בוטשערם. א מערק־ווירדיגע זאך איז צו בעמערקען דאס כמעט אלע פון זיי בעזיצען זיי ד'עם שרעקליכען בלא־גראען קאליער אין זייערע אויגען. קען דערקע־נען עמלק'ם א שותף אויף דער שטעלע, און ווער עס קען לעזען א געזיכט קען דערקענען א בוטשער אויף'ן ארט. מאנכע פון זיי נע־מען זיך אפט צו איין אנדער געשעפט — נור דער בוטשער בלייבט בוטשער. קאכט איהם אין זיסען, קאכט איהם אין זויערן און ער פערבלייבט קצב. עס העלפט ניט זאגאר ווען ער פער־שטעלט זיך מאנכע מאהל פאר א מענשען, און טהוט אן א הויכען קאפעלוש מיט א לאנגען ראק, און קריכט ארויף אויבען אן, און הויבט אן צו גלאצען זיינע אויגען צום דאך, און פאנגט אן זיך צו מישען אין קהלשע אנגעלעגענהייטען, און ווערט א חברה־קדישא מאן, און א גבאי אין ארץ ישראל, און א וויים פרעזידענט אין א שוהל, און א קאמיטע מאן אין א שוועמלאך חברה—עס העלפט ניט. ער פערבלייבט אינסטינקט־מעסיג—בוטשער! אזוי האט איהם דיא נאטור בעשטימט, אזוי האט איהם דיא נאטור געשטאמפעלט און עס איז פערפאלען. „משורש נחש יצא צפע ופריו שרף מעופף", זאגט ישעיה—פון איין אונאנשטענדיגע האנדלונג געגען גאט ענטוויקעלט זיך ענדליך—א בוטשער!

דערפאר האב איך זייער פראטעסט וואס זיי האבען מיר אריינגעשיקט געוואלט פערשטיקען. נור דער אינסטינקט פון יושר האט עס מיר ניט צוגעלאזען. זייער טענה איז נעבאך דאך א זעהר ריכטיגע. מיר פיהרען בלויז אויס אייער פערלאנג, בעהויפטען זיי; און אומשטענדען צווינגען אונז אייערע שמוציגע ארבייט צו טאהן

אום א לעבען צו מאכען. דאָס הייסט אזוי פיעל וויא צו זאָגען:—
הערט אויף צו עסען פלייש, וועלען מיר אויפהערען צו מאָרדען און זיך
אָבגעבען דערמיט; און אום א לעבען צו מאכען וועלען מיר זוכען
עפּעס אנדערש צו טאָהן. מיר וועלען ווערען בעלי־עגלות—מיר ווע־
לען ווערען פּאָליטישענס—מיר וועלען אויך ווערען פּראָפעסיאָנעלע
לאָדזשענברידער און ביליגע פילאנטראָפּען. ווארום אזעלכע גראבע
יונגען ווי דיזע לייט זיינען, אזעלכע עזות פנים'ער, אזעלכע ליגנערס,
אזעלכע בלאָפערס, אזעלכע ניבול־פּה'ניקעס וויא דיזע אלע לייט
זיינען, זיינען מיר קצבים נאָך אין מיטן דער נאכט. אזוי אונגעפעהר
שיינט צו לויטען זייער טענה—און א פערדאמט נעטע טענה איז
עס אויך! און איך האָב דערפאר זייער פּראָטעסט ניט פערשטיקט
וויא איך האָב אָנפאנגס געוואָלט טאָהן. איך האָב זיי אויך געפאָלגט
און האָב טאקע אָנגעהויבען צו זוכען נאָהענט נעבען בוזים און בין
ליידער דערגאנגען דאָס דיא קצבים האָבען טאקע א צימליך רעכטע
ביסעל רעכט—דאָס זיי זיינען טאקע ניט אין גאנצען פעראנטוואָרט־
ליך—דאָס זיי פיהרען טאקע בלויז אויס אונזער שליחות—טהוען
בלויז אונזערע שמוציגע ארבייט.

גור ניט מיר זיינען פעראנטוואָרטליך—זאָנדערן אונזערע פרוי־
ען. דיא כלומרשט בארימהערציגע, איידעלע, זאנפטע, שעהנע
שוועסטערן אונזערע—דיעזע זיינען פעראנטוואָרטליך דערפאר וואָס
מענשען עסען פלייש.

נאכהער וויא איך האָב דיא פראגע גענוי שטודירט און האָב די
זאך נאָכגעדענקט, האָב איך זיך איבערצייגט דאָס נור פרויען זיינען
פעראנטוואָרטליך פאר דעם טרויעריגען צושטאנד וואָס רעגיערט.
וואָס א פרוי וועט זיך ערלויבען וועט דאָס ניע א מאן טאָהן.
א מאן פון בעל־הבית'שען שטאנד וועט זיך ניע ערלויבען וויא א
פרוי אוועקצוזעצען גאנץ געלאסען און ארום פליקען א גאנז, למשל,
און עס נאכהער עפּענען גאנץ געמיטליך, און פערנאנדער נעהמען
דאָס גאנצע אינגעווייד מאשינעריע, און דאָס האלטען אין האנד
און קוקען דערויף און ניט ווערען צועקעלט.

דיא איידעלסטע פון פרויען טהוט דאָס אָבער יא. זיא וועט
האלטען א שטיק לעבער אין דער האנד, און וועט עס עקזאמינירען

און וועט עס קיצלען אהנע אויף צו שוידערן. זיא וועט שטעהן אין א בוטשער־שאפ און וועט גאנץ געלאסען צוזעהן וויא דער בוטשער זעגט א ביין, און שינדט ארום א קאפ און שלעפט ארויס דערפון א צונג און וועט ניט ווערן צוגרווילט און וועט זיך נאך דינגען אז זי וויל א גרעסערע, א פעטערע פארציע וויא יענער מאכער וויל איהר איינטהיילען.

א מאן וועט זיך ניע ערלויבען וויא א פרוי צו האקען א פיש, אין מעהרערע פעלע לעבעדיג, און וועט איהם שינדען, און וועט איהם פערנאנדער געהמען ביזן ביין און וועט זיך אבגעבען מיט דיא שרעקליך צופליקטע, צוגלידערטע שטיקלאך נאהענט א שטונדע אום דערפון צו מאכען א געשמאקע שפייז וועלכע זיא אליין עסט נאכהער מיט גרוים נייגירדע. צוואר עסט עס דער מאן אויך נאכהער מיט נייגירדע, נור וואס ווייסט ער וויא עס האט אויסגעזעהן פריהער? ער קריגט א פארטיגע זאך וועלכע זעהט אויס גאנץ נעט, און זיא האט דערויף געזעהן דאס עס זאל אויך זיין געשמאק און אדם עסט עס —נור עס איז חוה וואס ברענגט דעם עפעל פיקס און פערטיג!

אין דער קירצליכער מהומה—אין דעם מיזעראבעלדיגע; „פלייש ראיאט" אין ניו יארק וואס האט אונז אידען אזוי פערשווארצט דיא אויגען האבען זיך נור פרויען ארויסגעשטעלט. האבען ניט געקוקט אויף דער וועלט'ס אורטהייל—האבען פון יושר ניט געוואלט הערען. פון אויסרעכענען א זאך ריכטיג און פון איינזעהעניש האבען זיי ניט געוואלט וויסען, און האבען ארויסגעטרעטען פרעך און האבען געשלאגען מענשען, פערניכטעט אייגענטהום און האבען רואינירט אביונים; און דאס נור דארום ווייל דער קורז פון זייער ליבלינג־שפייז—פלייש, האט דורך נאטירליכע אורזאכען געשטיגען און דער עסק האט דיזע הפקר חברה ניט געלוינט, האבען ניט געקוקט דאס דער פריהערדיגער יאהר איז געווען א הונגער יאהר —עס האט אלעס אויסגעטריקענט און דיא נעטהיגע פראוויאנט פאר בהמות וויא להבדיל פאר מענשען האט דאדורך געשטיגען אהן א שיעור הויך, און נאטירליכער ווייזע האט דאדורך אויך געמוזט שטייגען פלייש; און בוטשערס האבען עס נאטירליך אונטער אזעלכע אומשטענדען ניט געקענט פערקויפען מיט פריהערדיגע

פרייזען—אַנשטאַט איינצוזעהן, אין דער פראַגע ריכטיג, האָבען דיעזע „פארמוך גוואַרדיע" זיך פערנומען און האָבען געוואָלט רע־גיערען וויא זייערע פערדרעהטע קעפּ האָט זיי דיקטירט. דער חלול השם וואָס זיי האָבען דאַן פעראורזאַכט איז געווען הימעל־שרייענד—צו זייער אייביגער שאַנדע זאָל עס זיי ווערען צוגעשריעבען. עס איז געווען איינפאך א שאַנדע פיר זיך אליין. זייער גאַנצע אומגע־לומפּערטע בענעהמונג האָט עפּעס דערלאַנגט א טראסק אין קאָפּ דעם גאַנצען יודענטהום. יעדער רעכטדענקענדער איד איז געוואָרען געפאַלען ביי זיך. א גאַנצע שטאָדט איז פול מיט איטאַליענער, מיט איירישע, מיט דייטשען וכל כת דלהון, און קיינער פליהט ניט מיט א פארמוך שלאָגען, שמעטערן, טראַסקען, ברענען, רואינירען מענ־שען—און דיא וואָס האָבען געהאַט אברהם פאר א טאַטען און משה פאר א רבין און זיינען שוין דורך געגאַנגען אלע קאָלעדזשעס פון אלע לענדער פון דער גאַנצער וועלט און האָ־בען שוין לכל הדעות גענאַרפּט האָבען חאָטש א ביסעל שכל—דיעזע זיינען דיא ערשטע וואָס פערנעהמען זיך אויף קאַצאַפּישען אופן און מען געהט אין מלחמה—און צוליעב וואָס? מיט געוואַלד צו צווינגען מענשען וואָס קענען דאָס ניט בעהויפּטען זיי זאָלען נאָך געבען אין פרייז פון פלייש.

עס איז דאָך אָבער געווען ניט אויסצוהאַלטען, הער איך וויא ניט איינער קומט אַרויס מיט א פערטהיידיגונג. יעס, עס איז טאַקע אמת דאָס פאר אָרימע לייט איז געווען שווער—גיין, אונמעגליך צו צאָהלען אזעלכע הויכע פּרייזען פאר פלייש וויא בוטשערס האָבען דאַן קאָנטראָלירט. נור וואָס קען מען אָבער טאָהן ווען קאָרן האָט אין דעם פריהערדיגען יאָהר דאָך אויסגעטריקענט? או ווען אפילו דיא לייט האָבען יא געהאַט א ריכטיגע פּרעטענזיע, איז דען געהן שלאָגען, צערשטערן יענעמ'ס אייגענטהום און פערשטעלען אלע אנ־דערע דעם וועג און פערפינסטערן אלע אנדערע דעם לעבען, א ריכטי־גע וועג? איך גלויב ניט אין עסען פלייש—און איך רייד דעריבער גענוג; נור איך וועל דאָך ניט געהן אָננעהמען איינעם פאַרן קאָלנער און איהם צווינגען מיט געוואַלד ער זאָל דאָס ניט עסען. מיט צוואַנג, מיט בעליידיגען קען מען מענשען ניט עפענען די אויגען, מען קען

ניט צווינגען יענעם ער זאָל דענקען און טאָהן וויא דער אנדערער
וויל. מיט געוואלד יענעם צו נעהמען פערשטארקט מען נאָך יענעם'ס
פאלשען גלויבען און בעגריף. דאָס איז שוין נאַטירליך, ווייל אוים
אינסטינקט איז דער מענש איין עקשן. גראדע דאָס וואָס מען וויל
פון איהם צו נעהמען אין דעם האלט ער זיך אָן פעסט— רעליגיאָן
גראדע אזוי ווי אירגענד וועלכע טהעאָריע, אָדער אירגענד וועלכע א
מאטריאלישע זאך. דיא זאך פאר וועלכע ער ליידעט ווערט ביי איהם
בעזאָנדערס טהייער. ווילט איהר אויספיהרען א זאך דאן נעהמט
אָן דעם פילאָזאָפישען זכריה הנביא'ס עצה. „לא בחיל ולא בכח כי
אם ברוח"—ניט מיט איין ארמעע, ניט מיט קראפט, זאָנדערן מיט
גייסט. ערקלעהרט א זאך געלאסען, רעדט מיט איבערלעגונג, זייט
זיך מיט יענעם רוהיג מיישב אויב עס לוינט אזוי און אזוי צו האנד־
לען, אָדער ניט. דאן קאָנט איהר „אפשר" ארויסציהען דעם „יקר
מזולל"—דעם אדעלמאן פון דעם פרעסער. אָבער זיך אָנצוטאָהן אין
א פארטוך און כאפען איין האק אין דער האנד וויא יענע בחורטע—
יענע פעררינקטע פלונית'טע וואָס האָט געמאכט א שטורם אין דיעזער
לאנד מיט א פּאָאר יאָהר צוריק דאדורך וואָס זיא איז ארומגעגאנגען
איבער דיא הייזער, אָדער איבער דיא סאלונס און האָט נאָך זיך אי־
בערגעלאָזען פערוויסטונג; און האָט אויף אזא ארט געוואָלט אויס־
פיהרען דאָס דער עולם זאָל אויפהערען צו טרינקען משקה—אזא
האנדלונג פיהרט בלויז אין צוויי וועגען, איינס אין פריזאָן, דאָס
צווייטע אין משוגעים הויז.

„לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר ה' צבאות!" אויב מען
קען ניט אויספיהרען מיט פערשטאנד, מיט איידעלקייט, מיט שכל,
וועט מען מיט דעם קולאק געוויס ניט אויספיהרען.

און ווער האָט ארויסגעטרעטען אזוי פרעך, אזוי אומגעלומפּערט
אזוי אונאיבערלעגט, אזוי אונערבארימליך—ווער האָט געשריען:
„תנה לנו בשר ונאכלה"—גיבט אונז פלייש צו עסען מיט אונזער
פּרייז, זאָנסט „סקילה, שרפה, הרג, וחנק"! זאָנסט פערשטיינען
מיר, פערברענען מיר, דער'הרג'ענען מיר און מיר דערווערגען— וויא
זיי האָבען ווירקליך ליידער געטאָהן. ווער האָט עס אזוי אָהן יושר
געהאנדעלט אויב ניט אונזערע ווייכהערציגע שוועסטערן!

* * *

אין דער וועלט ווערט בעטראכט דאָס פרויען זיינען דיא ווייב־הערציגסטע פון דער מענשליכער משפחה. עס איז אָבער ניט ריכטיג. דער העברעער האָט רעכט ווען ער דריקט זיך אויס „כרחם אב על בנים“ און „בת עמי היתה לאכזר“—עס איז דער פאָטער וואָס האָט אזוי פיעל רחמנות אויף קינדער; און עס זיינען דיא טעכטער פון מיין פאָלק וועלכע ווערען דיא ערשטע אונרבארימליך.

אלס שטיף־מאמע איז דאָך דיא פרוי געפעהרליך—א פערצור־קענדע חיה. ווער איז נאָך אזוי הארטהערציג, אזוי פערדאמט שלעכט, אזוי דורך אוים אָהן רחמנות; ווער בעזיצט נאָך אזוי וועניג געפיהל וויא דיעזע גרויזאמקייט—א שטיעף־מאמע? יעצט ענטשטעהט דיא פראגע אויב שטיעף־מאמעס ווערען געבאָרען שלעכט און דערפאר בעשטימט זיי דיא נאטור צו בעקליידען אזא קלאָדיגען אמט—דאָס הייסט אויב זיי זיינען פאראוים בעשטימט פאר זייער הארט־הערציגקייט וואָס זיי בעזיצען אינסטינקטמעסיג צו ווערען א רוטה פון דער נאטור׳ס כעס, און א שטעקען אויסצופיהרען דעם שיקזאל׳ס צאָרן; אָדער בעזיצט איין יעדער פרוי דיא „פעהיגקייט“ און האָט אין זיך בעהאלטען „מאטעריאַמ“ גענוג צו ווערען א שטיעף־מאמע וויא נור דיא געלעגענהייט פאָדערט? שרעקליך דעריבער צו דענקען!

פון זייערע מאָדעס און פון דעם ארט וויא זיי קליידען זיך, צייגען פרויען ארוים א סאמפעל וויא רחמנותלאָז און הארט־הערציג זיי זיינען. נאָכאנאנד וועט איהר בעמערקען זוכט זיך נור דיא פרוי צו פערקליידען אלס חיה. איהר קענט פונען ביי איין יעדר פרוי זיך אָנצוטאָהן אין א מאנטעל געמאכט פון דיא פעל פון א לעמ־פערט, פון א וואָלף אָדער אירגענד וועלכע פערצוקענדע חיה. וואָלל לייוואנד אנדערע געוועב, טויג איהר ניט—זיא מוז האָבען דיא פעל פון א ווילדע חיה און דיא געוועב פון ווערים מיט וועלכע זיך צו פוצען. אפילו אויפ׳ן האלז קען זיא זיך אויך ניט בעגעהן מיט א שאל געמאכט פון א איידעלע געוועב, זאָנדערן זיא מוז האָבען איין עק פון א ווילדע חיה, אין וועלכע עס ווערט נאָך צוליעב איהר בעגעהר אריין געטאָהן דיא נעגעל פון דער חיה פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט ווערט אריין געטאָהן א קעפעל מיט ביסטרע אויגען, מיט ציין. אלעס ווערט נאָכגעמאכט אום עס זאָל ריכטיג אויסזעהן

וויא א פערצוקענדע חיה; און אָאַם טראָגט דיא ערעלע גרעפין אויף איהר האלדז און עם הענגט אראָפּ אויף איהר ברוסט אלם צייכען— פון וואָס? ביטע ערקלעהרט עם יעמאנד!

און בלומען צו טראָגען אויף איהר הוט לויינט אויך ניט דיע־זע ערעלע בחור'טע—זיא מוז האָבען א גאנצען בית-עולם'ל מיט גע־פגר'טע, געמערדערטע קליינע בר מנן'לאך איהר קאָפּ צו בעצירען.

גאָט! זיינען דען בלומען ניט שעהנער? א געפגר'טע נבלה פון א פייגעל קען ניט מאכען א ניט שעהנע פרוי שעהנער וויא זיא איז געבאָרען צו זיין—און א נאטירליך שעהנע פרוי דארף ניט דיא הילפע פון א טוידטע בעשעפענים אום איהר צו מאכען נאָך שעהנער. און אויב זיא דארף יא הילפע קענען דאָך דאָס בלומען גיכער בע־וויזען.

מען דארף דאָך האָבען א הארץ פון א בוטשער זיך צו פוצען מיט אזעלכע מתים. דיא קאָפּ דארף דאָך זיין אָנגעפילט מיט טשו־טאָבאקאָ צו אלדע שווארץ יאָהר ניט צו טראכטען א מאָהל און ניט צו שוידערן.

א בר-מנן דארף מען גאָר אייגענטליך רעספעקטירען—און ניט איהם אויפעסען און דאָס איבריגע דערפון אָנהענגען אויף זיך און זיך דערמיט פוצען, וויא ווייבער טהוען.

האָבען דוכט זיך מורא פאר דיא קלענסטע מייזעל, און אויף זיך קענען זיי ארויף ציהען א גאנצען טיגער.

עס איז שרעקליך! עס איז גרוייזאם ווען מען נעהמט אין אנ־בעטראכט דיא רציחות וואָס דער מענש בעגעהט אויסצופיהרען דעם פערלאנג פון פרויען צוליעב דער פערדאמטער מאָדע.

הערט און שטוינט וואָס פרויען קענען זיך ערלויבען! אין דיא לעצטע צייטען איז אריין אין דער מאָדע מאנטלען געמאכט פון פו־טער־ווארע וואָס קומט פון פערזישע לעמעלאך. אונטער דיעזע קאַ־טעגאָריע פערזישע לאמב פעל, גיבט עס א גאטונג בעקאנט מיט דעם נאָמען „בראד־טייל". עס פאָדערט מעהר אלס 20 שטיק פון דיעזע פעל צו מאכען דערפון איין מאנטעל. אום דיעזע פעל צו קרי־גען, מוז מען פריהער מאָרדען דיא שוואנגערע מאמעס, און פון דיא נאָך ניט געבאָרענע שעפעלאך, ווערט דאָס פעל אראָבגעצויגען און דערפון קומט עס דאָס איידעלע פוטער בעקאנט מיט'ן נאָמען

„בראָד־טייל" ! שטעלט זיך פאָר וואָס פאר איין הארץ מען דארף האָבען צו טראָגען א מאנטעל דיא פעל פון וועלכע איז אזוי שרעקליך ערריכט.

וויא גרויזאם עס איז צו לעזען פון דיא רציחות וואָס ווערט בעגאנגען ווען מען כאפט דיא סילס—דיא ים־הינט וויא מען רופט זיי, פון וועלכע מען מאכט דיא טהייערע מאנטלען, בעקאנט אלס „סיל־סקין". מען ווארט געוועהנליך אָב דיא צייט פון כאפען דיע־זע סילס ווען דיא נקבה איז אין א מוטערליכען צושטאנד, וועלכעס פאסירט אין א געוויסע צייט אין יאָהר. אין דעם צושטאנד זוכט זיא אויף א בעקוועמליכען פלאץ אויף דער יבשה און דאָרטען פערבלייבט זיא ביז איהרע יונגע קינדער קריגען דעם פערשטאנד פאר זיך אליין צו זאָרגען.

גראדע דאן זוכט דער בארימהערציגער תכשיט אויף דעם פלאץ וואו דיעזע מאמעס געפינען זיך אין גרויסע מחנות—אין די שווע־רע טויזענדער, און דיעזע ווערן בעפאלען מיט העק מיט וועלכע מען קלאפט זיי איבער דיא קעפ ביז מען דערמערדערט זיי. דאָס טהוט מען בכיון ווייל צו ערמאָרדען א „סיל" אויף איין אנדער ארט וואָלט פערדאָרבען דיא פעל.

דיא גאנצע מחנה פון דיעזע סילס ווערן אלע ברוטאליש דער־מערדערט איידער זיי קענען צולויפען צום ברעג פון וואסער אום זיך צו רעטען. זיי ווערן דאן אויף גיך געשונדען און אָפט פאסירט אז דיעזע אפעראציאָן ווערט געמאכט וועהרענד זיי לעבען נאָך.

דער רוצח —דער מענש הארגעט אוים אלע מאמעס און לאָזט דיא קליינינקע סילס איבער הילפלאָז. ער לאָזט זיי איבער ווייל דיא פעל פון דיא קליינינקע נוצט איהם ניט,און דעם צער פון דיעזע קליי־נע אונגליקליכע קעצעלאך ביז זיי געהן אוים פון הונגער איז הארצ־ברעכענד. עס דערצעהלען דיא יעניגע וואָס זיינען בעשעפטיגט אין דיעזער איידעלער פרנסה דאָס דיא ערשטע צייטען ווען זיי פאנ־גען אָן זיך צו בעשעפטיגען דערמיט ליידען זיי פון געוויסענסביסע אָהן א שיעור, און איידער זיי געוועהנען זיך צו פאלט עס זיי זעהר שווער. נור וואָס קימערט עס וועמען ? אבי אונזערע איידעלע און וויכהערציגע ליידיעס האָבען שעהנע מאנטלען.

לויט דיא בעהויפּטונג פֿון א גרויסער צייטונג פֿון קירצליכער דאטע ווערען האנדשוה—דיא ריכטיגע „קיד גלאָווס“ געמאכט פֿון דער פעל פֿון יונגע ציגען. דיעזע ציגען האָדעווען זיך אין פראנקרייך, שפּאניען, איטאליען, מעקסיקאָ און אנדערע געגענדען אין סויטה אמעריקא. דיעזע יונגע ציגעלאך ווערען אריין גענעהט אין טאָרבעס אָדער אין זעק אום דיא פעל זאָל זיין ווייך און זאנפט נאָך איהר טויט. אזוי וואקסט דיא אָרימע בעשעפענים אין פיינינונג ביז זיא ווערט ענדליך לויז פֿון איהר לעבען דורך רציחה. מען דערצעהלט דאָס דיעזע אָרימע ברואים ליידען אונבעשרייבליכע יסורים פֿון דיע־זען ענגען מלבוש וואָס לאָזט זיי ניט פריי עטהעמען. אריבער 15 מיליאָן פּאָאר האנדשוה ווערן געמאכט פֿון אזעלכע געמארטערטע בעשעפעניסע יעדען יאָהר.

* * *

עס נעהמט אָן א גרויל ווען מען לעזט פֿון דיא גרויזאמקייטען וואָס ווערט בעגאנגען צוליעב דיא העטס וואָס פרויען טראָגען. ניט וועניגער ווי פינף מיליאָן פֿון די שעהנסטע, פֿון די ניצליכסטע פייגעלאך ווערען אויסגעמרדערט יעדער יאָהר פאר דיא בעפּוצונגען פֿון דיא „טורעם פֿון בבל העטס“ וואָס אונזערע וויבּ־הערציגע שוועסטערן טראָגען אין דיעזער לאנד אליין, בעריכטעט א צייטונג פֿון קירצליכער דאטע.

וואו עס איז נור דאָ א פּלאַץ אין דער וועלט אין וועלכען עס געפינען זיך שעהנע פייגלאך, שיקט מען באלד משחיתים—קאלט־בלוטיגע מערדער, קריאטורען אהן הארץ, אָהן געפיהל און דיעזע באנדיטען שיסען און מערדערן אויף וואָס דיא וועלט שטעהט און פעראומגליקען דיא וועלט. ווארום דיא אלע אונגעציפער און פּאראזיטען וואָס פלעגען פריהער פערצעהרט ווערען פֿון דיא פייגלאך, פערמעהרען זיך יעצט אָהנע געשטערט צו ווערען; און דער שאדען וואָס דיעזע ברענגען צו וועלדער און פעלדער איז גאָר ניט מעגליך צו שעצען. עס איז מעהר קיין זעלטענהייט צו טרעפען בוימען וואָס זיינען דורך און דורך געפרעסען פֿון ווערים, וועלכע וואָלטען גע־ווים ניט געוואָרען פערדאָרבען פאלס דיא פייגלאך וואָלטען ניט גע־ווען אויסגעמערדערט. מען ווייס בעשטימט דאָס אין דיעזער לאנד

האט זיך דיא צאהל פון פייגלאך אין דיא לעצטע 15 יאהר פער־קלענערט אויף ווייניגער וויא אויף א העלפט—און גראדע אזוי פיעל פעהלען. ווארום דיא פייגלאך זיינען אייגענטליך דיא בעשיצער פון אונזערע פעלדער און וועלדער אן וועלכע דעם גאנצען מענשענס עקזיסטענץ העננט אב. יעדער פייגעלע איז א קליינינקער פאליסמאן—א וועכטער אכטונג צו געבען דאס דיא פערשיעדענע אינזעקטען, פאראזיטען און אונגעציפער זאלען ניט פערצעהרען אלעם וואס קומט זיי אן אין וועג. נאטירליך קען שוין יעדער אליין פערשטעהן וויא גרויס דער שאדען גרייכט ווען מען מערדערט אויס דיזע באשיצער און דיא אינזעקטען קריגען פרייען לויף. און דאס איז א פראגע וואס בעריהרט אונז אלעמען דירעקט. ווארום דער שאדען צו תבואה גרייפט אונז אלעמען אן פערזענליך.

אונזערע איידעלע דאמען ווייסען אפשר ניט וויא אונערבארימ־ליך דיעזע פייגעלאך ווערען געפלאגט ווען מען מערדערט זיי אום זייערע פעדערן צו קריגען. עס איז דערפאר וויכטיג זיי דאס צו דערצעהלען—זאלען זיי עס וויסען און זאלען זיי זיך דערמיט קווי־קען.

דיא גאלדערנע, בראנזענע, פורפורנע, גרינע, בלאע, רויטע און אלערליי שעהן־קאליערטע פייגעלאך ווערען געפליקט לעבעדיגער הייט אום דיא פעדערן זאלען ניט פערליערען זייער חן און גלאנץ. מעןווארט געוועהנליך אב דיא צייט ווען זיי בריהען אויס זייערע יונגע. דאמאלס פאקט מען זיי לייכט און מען פליקט ביי זיי ארויס דיא פעדערן. דערפון שטארבען זיי געוועהנליך. דיזע מאמעס לאזט מען נאכהער פוילען אויף דער פרייער לופט און דיא יונג ווארג געהן אויס פון הונגער.

די פעדערן אזעלכע וואס קומען פון דעם „אסטריטש", און פון דער פאווע, ווערען ארויסגעפליקט פון דיזע בעשעפעניסע לעבעדי־גער הייד. דיא פעדערן, וויא דיא נעגעל ביי מענשען, זיינען אריינ־געזעצט אין לייב טיעף. די וויכהערציגע דאמען וועלכע האבען פער־געניגען פון פוצען זיך מיט אזעלכע פעדערן, זאלען בלויז אנמעסטען אויף זיך און גערענקען דעם וועהטאג, דעם שרעקליכען שמערץ וואס מען האט ווען עס פאסירט דאס א נאגעל פערייסט זיך, אדער

אפילו דעם וועהטאָג וואָס מען האָט ווען מען צופּט ארויס א האָר. נור וואָס אמת איז אמת. עס איז אלעס כדאי, ווארום דיא העטס געפּוצט מיט דיא פעדערן פון דיעזע מתים'לאך, קומען ארויס גרויס־ארטיג! „איט איז טו סוויט פאָר עניטהינג“, ערקלעהרען עס נאכהער דיא ווייכהערציגע דאמען.

* * *

אין פראנקרייך וואו זיי זיינען אזוי זעהר עקאָנאָמיש, געהט ניכטס אוועק אין ניוועץ. א ציימונג פון קירצליכער דאטע דער־צעהלט דאָס זאָגאר פון זייערע ראצען, וועלכע וואכסען אין זייערע רינשטאָקען באלד אזוי גרוים וויא הינט, מאכען זיי אויך א געברויך און ציהען ארויס דערפון גוט געלד. בעשעפעניסע געפינען זיך אזעל־כע וואָס בעשעפטיגען זיך מיט דער איידעלער פרנסה צו כאפּען דיעזע ראצען און פאָלגענדע ארטיקלען ווערן פון זיי געמאכט:—

פון דיא פעל ווערט געמאכט מופטעס, האלדז־בענדער אָדער האנדשוה פאר דאמען. פון דיא פיס־ביינער ווערט פאבריצירט דער פיינער זאָרט „טוט פיקס“ בעקאנט אונטער דעם נאָמען „עלעפאנט ביין טוטפיקס“. דאָס איבריגע פון דיעזע העסליכע בעשעפענים— איהר גאנץ לייב ווערט געקאָכט און מעכאניש בעארבייטעט ביז עס קומט דערפון ארויס א מין קלעפּעדיגע מאטעריע, פון וועלכע עס ווערט געמאכט דיא „קאפסולס“ אָדער דיא קליינע פלעשעלאך אין וועלכע עס ווערט פערפּאקט פּילען, פּראָשקעס אָדער אנדערע אזעל־כע „מאכלים“ מיט וועלכע אונזערע פריינד דיא דאָקטוירים זייגען אונז מכבד און וועלכע מען שלינגט ארונטער צוזאמען מיט דיא מעדיצין. זאָגאר פון דיא ציין פון דעם ראץ, ווערט אויך געמאכט א געברויך. עס ווערט עפּעס בענוצט אלס בעפּוצונג אין פערשיעדע־נע שמוק זאכען מיט וועלכע דאמען ציערען זיך.

* * *

און דיעזע אלע זאכען אזוי שרעקליך גרויזאם עררייכט טראָגען דיא ווייכהערציגע, איידעלע דאמען — ניט ווייל עס איז נעטיג זאָנדערן ווייל עס איז שעהן.

זאָגאר דיא וואָס האנדלען דערמיט ווערן אויך אָפט צועקעלט און צוגרוילט פון דיא שרעקליכע רציחות וואָס מוז בעגאנגען ווערען

צו פריעדען צו שטעלען דעם אונצופרידענעם באגעהר און קאפריז פון דיעזע בארעמהערציגע לייט. נור וואס זאלען מיר טאהן ? פרעגען זיי ; און וויא דער טייפעל זוכען זיי באלד אויף א פאקט אין דער ביבעל און ציטירען דעם פסוק אין משלי :—„על פת לחם יפשע גבר“—צוליעב א שטיקעל ברויט זינדיגט א מענש. דיא ווייבער פארדערן דיעזע גרויזאמע ציערונג און ווער קניעט זיך ניט פאר דעם בעגעהר פון ווייבער ?

מיט א בית־עולם'ל פון געמערדערטע פייגעלאך אויפן קאפ—

אין א קלייד פון זייד, וועלכעס איז א געוועב פון ווערים — אין א מאנטעל וואס קומט פון א געמערדערטע שוואנגערע מאמע פון וועלכע מען רייסט ארויס איהר קינד און מען שינדעט איהר פעל— דיא הענד בעדעקט מיט האנדשוה וואס קומט פון דיא הויט פון א געפייניגטע בעשעפענים; אליין איז מען נאכאנאנד פול אנגעפאקט מיט פערשיעדענע גאטונגען בר־מנן וואס קומט פון געמערדערטע בהמות, עופות און פיש—אין אזא צושטאנד „מה יעשה הבן שלא יחטא“—וואס קען שוין אבהאלטען א מענשען אין אזא צושטאנד ער זאל נאכהער ניט טיעפער קריכען אין בלאטע ?

א גוטע זאך איז נאך וואס ווייבער קענן ניט האבען וויא פיעל זיי ווילען, זאנסט וואלט שוין דיא בעשטענדיגע בעוועגונג (

) לאנג ערפונדען געווארען. זיי וואלטען שוין אלעמען געהאלטען אין שטענדיגע בעוועגונג—צו ארבייטען פאר זיי און מאכען אלעס וואס זיי דארפען אום צו פריעדען צו שטעלען זייער אונרוהיגען באגעהר. וויא עס איז יעצט איז שוין ליידער דיא שטענדיגע בעוועגונג אויף ציםליך שטארק אין דער מאדע. אויב ניט דיא ווייבער וואלטען מענשען ניט געדארפט אזוי אבפינסטערן אלע זייערע יאהרען אין פינסטערע שאפס. עס איז נור אויסצופיהרען דעם בעגעהר פון דיעזען שעהנעם געשלעכט, ווארום דער מענש אפפערט אזוי פיעל פון זיין לעבען. ווארום אויב איהר וועט נאכפארשען וועט איהר געפינען דאס אריבער 57 פראצענט ארבייטער זיינען בעשעפטיגט נאכאנאנד צו פאבריצירען אלערליי מיני מטלטלין און פערשיעדענע שמוק זאכען וואס נור ווייבער דארפען.

מען מוז מודה זיין דאס אין פיעלע פעלע איז אונוויסענהייט

פון פאקטען פעראנטוואָרטליך פאר דעם טרויעריגען צושטאנד פון הארט־הערציגקייט. מאנכע טראכטען ניט און קוקען אויף דער פעל פון א אונגליקליכע בעשעפענים אָדער אויף דיא שעהנע פעדערן פון א פויגעל בלויז אלס סחורה וואָס טרעפט אָן אזוי און אזוי פיעל אין געלד. מעגליך אפשר זיי וואָלטען טראכטען און קלעהרען און נאָכפאָרשען, וואָלטען זיי אפשר ניט געוון אזוי הארטהערציג. נור וויא דיא מעשה איז דערווייילע מערדערט מען—מען האלט אין איין מערדערן. דער מערדערט ווייל עס שמעקט איהם א געוויסער בי־סען, דער צוליעב דער פערפלוכטער מאָדע, איין אנדערער אוים צייט פרעטרייב—מען מערדערט! און זאָגט וואָס איהר ווילט פרוי־ען זיינען מייסטענס פעראנטוואָרטליך פיר דיעזען צושטאנד. ווארום דיא וואָס וויגט דיא וויגעל רעגיערט דיא וועלט—פרויען רעגיערען דער וועלט׳ס אָרדנונג. זייער קראפט אָפט אפילו אונזיכטבאר, איז אָבער איבעראל מעכטיג. פון בייבי ביז יונגפרוי, ביז מאמע ביז באָבע —ביז שוויגער אפילו, קאָנטראָלירען זיי און בייגען דעם ווילען פון אלעמען וויא זיי ווילען. זיי בעזיצען א מערקווירדיגע קראפט—דיא שטארקסטע קראפט אויף דער וועלט! זייער איין בליק, זייער איין מינע, זייער איין טרעהר, זייער איין וואָרט, זייער בעפעהל אין גוּ־טען אָדער אין בייזען, קען צו אלעם ברענגען. און דערפאר זאָג איך דאָס נור פרויען זיינען פעראנטוואָרטליך פאר דער טרויעריגער אָרדענונג וואָס רעגיערט אין דער קיך, ביים טיש און פאָלגליך אין דער וועלט. אורזאכע, ווייל „בת עמי היתה לאכזר"—הארטהערציג, רחמנות־לאָז איז געוואָרען דיא טאָכטער פון מיין פאָלק—דיא טאָכ־טער פון אלע פעלקער; נור דיא טאָכטער פון מיין פאָלק האָט קיין פערטהיידיגונג. צו האָבען אברהם פאר א טאטען און משה פאר א רבין און געהן אזוי לאנג אין חדר און לעהרנען אזוי פיעל וועגען צער־בעלי חיים און רחמנות און נעביך אזוי פיעל אליין ליידען און דאָך ניט מיטפיהלען, און דאָך קיין סימפאטיע האָבען—איז איין עולה, איין אונפערצייליכע עולה.

קאפיטעל

לוקסוס האָט אין יעדער צייט פון דער מענשליכער היסטאָריע אונטערבראָכען דעם וואָהלשטאנד פון דעם מענשען. וואָס מעהר דער מענש האָט פיר זיך אויסגעטראכט נייע בעדירפניסע וואָס מעהר ער האָט זיך נאָכגעגעבען לוקסוס איז ער אלעם ווייטער און ווייטער אוועק פון דער נאטירליכקייט. און האָט זיך דאדורך ניט נור פערקירצט דיא יאָהרען אליין, זאָנדערן ער האָט אויף זיך אויך ארויף געצויגען אלערליי קראנקהייטען, צרות, עגמת נפש, פערברעכען און אונגליק.

דיא אורזאכע פון דעם ארונטערפאל פון אלערליי פריהערדיגע פעלקער איז בעוואוסט צו זיין נור לוקסוס. מיט דעם גרעסטען רעספעקט וואָס איך האָב פאר דעם קליגסטען צווישען מענשען, מוז מען אָבער זאָגען דאָס דער פיהרונג פון שלמה המלך האָט געבראכט אונגליק אויף אידען; און מען קען מיט רעכט זאָגען דאָס דער פערשווענדערישער לעבען אין זיין צייט האָט אונטערבראָכען דעם אידישען וואָהלפארט, און זייט דאן קען שוין מעהר דער איד דיא קאָפּ ניט אויפהויבען.

א מערקווירדיגע זאך און א זעהר אויפאלענדע, דערצעהלט אונז דער פסוק אין מלכים א. נאכהער וויא עס ווערט דערצעהלט דאָס דיא בני ישראל אין דער צייט פון שלמה המלך האָבען פערבראכט זייער לעבען אין עסען, טרינקען און אין פרייד—„אכלים ושתים ושמחים“, (מלכים א—ד—20); נאכהער וויא עס מאכט אונז בעקאנט מיט דעם ארט לעבען וואָס דער עולם האָט פערבראכט, דערצעהלט אונז באלד ווייטער דער פסוק דאָס מען האָט אין לאנד אימפּאָרטירט עלעפאנט ביין, מאַנקיעס, פאוועס—„שנהבים וקפים ותכיים“ (שם—י—22).

אייגענטליך איז דאָ זעהר שווער צו פערשטעהן ווארום דער פסוק דערצעהלט אזא ניט־וויכטיגע זאך. ווענמעס געשעפט איז עס אייגענטליך אויב מען האָט דאן אין לאנד יא אריין געבראכט מאַנקיעס, פאוועס און עלעפאנט ביין, אָדער ניט? און אויב מען וואָלט אויך דאן אימפּאָרטירט טשוועקעס, מצה־שמורה און האָרשייטלאך,

וואָלט מען דאָס אויך געדאַרפט רעקאָרדען אין א היסטאָריע פון געציילטע ווערטער—יעדער פון זיי מיט א זינן, מיט א מיין, מיט א צוועק ? אזא ניט ווירדיגע זאך צו דערצעהלען בעלאנגט ניט אין א היסטאָריע—איבערהויפט נאָך אין דער אידישער היסטאָריע, און אין תנ"ך דערצו, וואו עס איז ניטאָ איין איבריגער זאץ.

נור מיין מיינונג איז דאָס דער שרייבער פון יענער צייט האָט אונז געוואָלט בעקאנט מאכען מיט דעם צושטאנד וואָס האָט דאן אנגעהויבען צו רעגירען אין לאנד, און האָט עס אָפען וואהרשיינליך ניט געוואגט ; און ער דערצעהלט אונז דערפאר א פאקט אין בלויז 3 ווערטער, וועלכע טיעף דענקענדע מענשען וועלען שוין שפעטער אהין פערשטעהן וואָס עס מיינט. ער דערצעהלט אונז דאָס נאכהער וויא חברה האָבען זיך פערנאנדער געלאָזען און האָבען פערבראכט נור אין עסען, טרינקען און אין פרייד, האָבען זיי באלד אריין געבראכט אין לאנד—מאָנקיעס—פאוועס—עלעפאנט־ביין. דאָס הייסט זיי האָבען אריינגעבראכט אין לאנד—נאָכאהמונג —פוסטע גאוה—הארטהערציגקייט. דאָס וואָס דער פסוק מיינט אונז צו דער־צעהלען ! מאָנקעס וויא אלע וויסען זיינען נאָכמאכערס , נאָכאה־מערס, טהוען נור נאָך וואָס יענער טהוט ; פאוועס זיינען פוסטע בעלי־גאוה'ס און דיא גרעסטע דום־שטאָלציגע בעשעפעניסע צווישען אלע חיות ; און עלעפאנטביין ווערט עררייכט דורך מיטלען וועלכע זיינען אויף דעם העכסטען ארט הארטהערציג און גרויזאם. אָדער מען דערמערדערט פריהער דעם עלעפאנט אום פון איהם ארויס צו קריגען דיא נעהטיגע עלעפאנטביין וואָס קומט נור פון דיא 2 גרויסע, לאנגע ציין וועלכע וואכסען ביי איהם ארויס, אָדער מען בינדעט איהם, און ווען ער געפינט זיך אין א הילפלאָזען צושטאנד, זעגט מען דאן אראָב פון איהם זיינע 2 גרויסע ציין. דעם שרעקליכען שמערצען וואָס דער עלעפאנט האָט אין אזא פאל איז גרויזאם. דער מענש קען עס נור דאן בעגרייפען ווען ער זאָל אָנמעסטען אויף זיך וויא געשמאק און אנגענעהם עס וואָלט געווען ווען מען זאָל זיינע ציינער זעגען מיט א זעג.

אָט דאָס איז וואָס דער טיעף זיניגער היסטאָריקער פון יענער

צייט האָט אונז געוואָלט דערצעהלען. דער עולם איז געוואָרען פעט פון צו פיעל עסען און טרינקען, און זיי האָבען וויא דער שטייגער איז אָנגעהויבען בריקען, און האָבען אין אזא צושטאנד אריינגע־בראכט אין לאנד „שנהבים וקפים ותכיים"—עלעפאנטביין—מאָנ־קיעס—פּאוועס—הארטהערציגקייט—נאָכאהמונג—פּוסטע גאוה.

פון אזא צושטאנד וויא עס האָט דאן אין לאנד רעגיערט, האָט שוין נאטירליך קיין גוטעס געקענט ארויס קומען—אָין קיין גוטעס ליידער איז שוין אויך ארויס געקומען. דער עולם האָט באלד פערגע־סען זייער אבשטאמונג, זייער צוועק און האָבען אָנשטאָדט גאָר אָנ־געהויבען נאָכצואהמען אנדערע פעלקער. זיינען געוואָרען פּוסטע בעלי־גאוה|ס און הארטהערציג, און אין אזא צושטאנד האָבען זיי שוין נאטירליך ניט געהאט קיין אנדער וועג אויסער דיעזע וואָס פיהרט צום טייפעל.

עס איז יענער דור וואָס האָט אונטערבראָכען דעם אידישען וואָהלפארט—פון יענער צייט אָן האָט שוין דער איד מעהר ניט גע־קענט אויפהויבען זיין קאָפּ. דער מיזעראבעלדיגער פיהרונג פון יע־נעם דור האָט געבראכט אויף אידען אונגליק פון וועלכע מיר ליי־דען שוין באלד 3 טויזענד יאָהר. זייער פיהרונג דאן האָט געמאכט זיי זאָלען פערלירען זייער שכל, זייער גלייכגעוויכט. זיי האָבען זיך געגנצליך פערגעסען, וויא דער אומגעלומפּערטער שריט פון זיך פער־נאנדער שפּאלטען אין 2 בעזונדערע פעלקער באלד נאָך שלמה־המלך׳ס טויט, בעווייזט גאנץ דייטליך. אין אזא צושטאנד זיינען זיי נאטירליך באלד געוואָרען אָבגעשוואכט און דיא ארומיגע פעל־קער האָבען באלד געקריגען דיא אויבערמאכט איבער זיי, און פון דאן אָן זינקען מיר און זינקען.

און דאָס האָט אָנגעמאכט דער „אכלים ושתים"—דער עסען און טרינקען וואָס האָט נאכהער געפיהרט צו דעם גראד זיי זאָלען אין לאנד אריין ברענגען מאָנקיעס, פּאוועס, עלעפאנטביין—נאָכאהמונג—גאוה—הארטהערציגקייט.

* * *

ווען דיא רוימישע דינאסטי האָט בעהערשט דיא וועלט, האָט עס זיך אויך באלד פערנומען צו לעבען א גוטען טאָג דיא גאנצע

וועלט איז געוואָרען איינגעשפאנט אין יאָך צו פערשאפען דיא מאג־נאטען פון רוים מיט זייערע בעדירפניסע. פון דעם גאנצען געגענד אין דער נאָרד ביז ווייט ארונטער סויטה זיינען אלע נאָכאנאנד געוועז פערנומען צו פערשאפען צום טיש אלע דעלעקאטען וואָס דיא וועלט פערמאָגט. פון דעם מיטעללענדישען ים ביז צום באלטיק האָבען אלע געמוזט מיטהעלפען צו פערזאָרגען דיא פיינסטע פיש, פייגלאך, היות און וואָס איהר ווילט הערען און געדענקען אום צו־פריעדען צו שטעלען דיא אָבגעפרעסענע פעמפיקעס פון סדום—אָדער רוים. דעם סוף פון דיעזע רייכע סעודות און דער לידערליכער לעבען וואָס קומט שוין נאכהער פון זיך אליין איז דער וועלט בע־וואוסט צו גוט.

די זעלבע געשיכטע וואָס האָט פאסירט אין סדום און אין רוים, האָט מען נאכהער ווידערהאָלט אין גריכענלאנד און שפעטער אין שפאניען—און מיר ווייסען אלע זייער סוף.

דיא אורזאכע פון זייער ניעדערלאגע איז ערשטענס דארום וויל זיי זיינען געוועז אריין געטאָהן אין פרעסען און אין זויפען און זיינען נאָכאנאנד געוועז אין א פערקנאקטען צושטאנד. אין אזא צושטאנד קען מען ניט אכטונג געבען און בעוואָהרענען דיא אינטערעסען פון א לאנד און מען קען ניט האנדלען וויא עס געהער צו זיין; צוויי־טענס איז א רעגעל דאָס דאָרט וואו עס געפינט זיך ליכט דאָרט מוז זיך געפינען שאטען—וואו עס געפינען זיך קלאסען וואָס זאפען אין זיך אריין דאָס גאנצע זאפט און דיא פעטעס פון דער ערד, דאָרט מוז זיך שוין נאטירליך געפינען א קלאסע וואָס מוז נאָכאנאנד ארום שמייעווען דיעזע לוקסוסען צו בעזאָרגען. אזא קלאסע איז גע־וועהנליך זעהר איין אונצופרידענע. ווארום ערשטענס קריינקט זיי ווארום זיי קענען אויך ניט לעבען אזוי ברייטלאך אין וואָהלטאָג וויא יענע גליקליכע; צווייטענס דערפאר וואָס זיי ווערען געוועהנ־ליך בעהאנדעלט שקלאף־מעסיג, הכנסת־אורחים ארטיג. מען קוקט אויף זיי נאָכאנאנד וויא אויף אָרימע קרובים. זיי פערגלייכען זייער קלאָגעדיגען שטאנד מיט דעם פון יענע אָבגעפרעסענע פעמפיקעס פאר וועלכע זיי מוזען נאָכאנאנד שקלאפען און אָבגעבען אלעס וואָס איז זיי טהייער—אפילו זייערע קינדער, און זיי ווערן צורייצט און

איהר ברעה צו קאָרמענען סאָלדאטען אין א מלחמה — מיט געפּרע־געלטע קרעפּלאך און שאמפּאניער פּיליכצט, א קשיא אויף א מעשה!

אין ליעבע און אין מלחמה איז אלעס ערלויבט, זאָגט דער עולם א ווערטעל. נור אויב „איינגעבאלזאמירטע" בר־מנן איז נעט־היג פאר אזעלכע וואָס געהן אין מלחמה צו מאָרדען, אָדער ערמאָר־דעט צו ווערן, איז נאָך דערפאר ניט געדרונגען דאָס אזא ארט שפּייז איז אויך נעטהיג און פּאסיג פאר רוהיגע מענשען וועלכע פיהלען, דענקען און ווילען לעבען.

עס איז גאנץ מעגליך דאָס פלייש וועט דעם סאָלדאט בעזאָרגען מיט מעהר פון דיא ברוטאלישע קראפט נעטהיג אויף דער שלאכט פעלד, וויא א געבלעטערטער קוגעל, נור וואצו דארף דער געלאסענער מענש דיעזען ווילדען קוראזש, דיעזע אוננאטירליכע קראפט וואָס איז נעטהיג דעם סאָלדאט אין א מלחמה? עס איז גאנץ מעגליך דאָב ראָזשינקעס מיט מאנדלען איז קיין פאסענדע שפּייז פאר פערד גנבים—נור מיינערטוועגען קענען זיך געפינען ווענינער פרע־זירענטען פון חברות.

* * *

„—וואצו אלזאָ זיינען אָכסען, שעפּסען, עופות, אין גאנצען בע־שאפען אויב ניט צוליעב שפּייז פארן מענשען?" פרעגט שוין וויע־דער איינער.

ענטפער:—קיין מאָהל זעהט דער מענש אוים אזוי נאריש און לעכערליך וויא דאן ווען ער זאָגט דאָס אלעס אויף דער וועלט איז נור בעשאפען געוואָרען צוליעב איהם פאר זיין שפּייז, פאר זיין קליידונג, פאר זיין פערגעניגענד. עס עקזיסטירען פלאנעטען אָהן א צאָהל, עס לעבען חיות, עופות און פיש אזעלכע וואָס דער מענש האָט נאָך מיט זיי אפילו קיין בעקאנטשאפט געמאכט; און אלעס, מיינט דער נארישער מענש, איז בלויז בעשאפען געוואָרען נור פאר זיין געברויך—אלס שכר, אלס בעלאָהנונג דערפאר וואָס ער קען פערקויפען קנעפּלאך און קען פאבריצירען „קניע פענטס".

לעבעדיגע בעשעפּינסע ציהען לעבען פון דער זעלבער קוועלע וויא מיר אלע; און זיי האָבען דערפאר א רעכט צו לעבען וויא מיר

אלע. כל־זמן זיי שטעהען אונז ניט אין וועג און שאדען ניט אונ־זערע אינטערעסען, האָט ניעמאנד קיין שום רעכט אויף זייער לעבען.

„מי יודע רוח בני האדם העלה היא למעלה ורוח הבהמה הירדת למטה לארץ"—ווער ווייס אויב דער גייסט פון מענשען שטייגט ארויף הויבען און אויב דער גייסט פון דער בהמה געהט ארונטער אינטער דער ערד, פרעגט דער גרויסער פילאָזאָף קהלת. דיעזער גייסטרייכער חכם האָט דיעזע וויכטיגע פראגע ניט געקענט ענטשיידען, און מאנכע קליינע חיים'לעך מיינען דאָס זיי זיינען שוין דעם סוד דערגאנגען. „החקר אלוה תמצא—אם עד תכלית שדי תמצא גבאי שמים כה תפעל עמקה משאול מה תדע!" וואָס ווייסען מיר נאָך אלעמען דאָס וואָס איז העכער פאר אונז? געוויס איז יעדער בעשעפעניס בעשאפען געוואָרען פאר א צוועק—יעדער זאך אין דער נאטור איז נעטהיג, האָט עפּעס א מין שליחות אויסצופיהרען. עס האָט א מאָהל איינער געפרעגט וואצו מען דארף פליי? מען דארף דיזע הברה פאר הינט, האָט ער געקראָגען איין ענטפער; וורייל פליי בעשעפטיגען א הונט נאָכאנאנד און האלטען איהם אין א צושטאנד עס זאָל איהם ניט ליגען אין זינען נאָכצודענקען דאָס ער איז א הינט, אין זיין דערפאר ביי זיך געפאלען.

קיין צווייפעל דאָס יעדע זאך אין דער נאטור—פון א אינזעקט ביז דעם גרעסטען עלעפאנט האָט יעדערער איהר בעזאָנדערע אויפ־גאבע און איז בעשאפען פיר א העכערען צוועק וויא מיר קליינע חיים'לעך קענען גאָר אָנפאנגען צו פערשטעהן.

* * *

„--אזוי וויא אלע חיות מוזען דאָך ענדליך שטארבען, איז דאָך פאר דער וועלט פיעל גלייכער זיי זאָלען בעסער פערצעהרט ווערן אלס שפּייז", איז דיא מערקווירדיגע טענה פון נאָך איינעם.

ענטפער:— וויא וואָלט אייך געפעהלען אויב מען וואָלט דעם זעלבען ארגומענט אָנמעסטען אויף אייך אליין אין בעצוג מיט קאַ־ניבאלען? אזוי וויא דער מענש דארף דאָך ענדליך שטארבען, וואָלט אפשר געווען א סברה דאָס מען זאָל בעסער בעזאָרגען א ווילדען קאַ־ניבאל מיט א געשמאקען מיטאָג, איידער זיך לאָזען בעגראָבען,

לעבען נור אויף גראָבע קאָרן ברויט, טרויבען, ראָזינגען, פייגען אונן קירשען. איין אמעריקאנער עסט אויף דורכשניטליך 6 מאָהל אזוי פיעל וויא איינער פון דיעזע לייט אונד דאָך קען איין גרעק זיך ראנג־לען אונד בייקומען 6 אמעריקאנער.

דיא איירישע וואָס לעבען הויפטזעכליך נור אויף קארטאָפעל אונד האָבער־גריץ, מאכען א געוואלדיגען קאָנטראסט אין פערגלייך מיט דיא לאפלאנדער, עסקימאָס וכל בת דלהון אונד וועלכע לעבען אונאויסגעהמליך נור אויף טהירישע שפייז.

דיא סקאטען וועלכע זיינען זעהר שטארק, טהעטיג אונד שעהן געבויט לעבען כמעט נור אויף האָבער־גריטץ.

דיא אידען פון גאנץ רוסיש־פוילען אונד ליטא, לעבען אם מעהרסטענס נור אויף ליגזען, בעבלאָך, ארבעס. פערל־גריץ, האָבער גריץ, ראָזעווע ברויט ושאר ירקות.

פלייש עסען זיי נור אויף זעלטענע געלעגענהייטען. זאָגאר שבת און יום־טוב עסען זיי פון פלייש בלויז זעהר וועניג. פון דעסטוועגען זיינען זיי דאָרטען געזונד, קרעפטיג און טהעטיג, אינטעליגענט און שארף־זיניג. פערגלייכט א גרינעם אידען וואָס האט אָבגעלעבט זיינע אלע יאָהרען אויף פאסטען און אין הונגער כמעט, מיט א הי־גען געבאָרענעם וואָס האט נאָך ניט פערפעהלט איין טאָג צו עסען פלייש אין דער פירה, צו מיטאָג און ביי נאכט—פערגלייכט דיעזע ביידע, און דער קאָנטראסט אין יעדער בעציהונג איז אָהן א שיעור גרויס.

דיא Hindoos זיינען צוטהיילט אין פיעל קלאסען. דיא העכערע 3 קלאסען זיינען שטרענג פערבאָטען צו עסען פלייש אוים רעליגיעזישע פרינציפען. דיא 4טע קלאסע איז יא ערלויבט צו עסען אלע זאָרטען פלייש און דיעזע קלאסען, שרייבען די רייזענדער וועלכע האָבען יענע געגענדען בעזוכט און האָבען שטודירט דיא מענ־שען, זיינען דיא אונגליקליכסטע, פערדאָרבענסטע מענשען און יע־דער בעציהונג אונד דער ערגסטער עלעמענט וואָס געפינט זיך אין אינדיא; וועהרענד צווישען דיא העכערע קלאסען זיינען זיי אינטע־ליגענט, גוט און אָרדענטליך אין יעדער בעציהונג. זייער געביידע איז מייסטענס 6 פוס הויך און וואָס אָנבעלאנגט שעהנהייט, חן,

איידעלקייט אונד אינטעליגענץ, געפינט זיך זעלטען א פאָלק וואָס זאָל דיעזע מענשען איבערשטייגען.

דיא איינוואָהנער פון מצרים לעבען הויפּזעכליך נור אויף ווייץ, טערקישע קאָרן, גורקען, מעלאָנען, צוויבעל אונד קנאָבעל, בעבלאַך לינזען, טייטלען ושאר צמחים אונד דיא איינוואָהנער פון דאָרטען זיינען שטארק, געזונד אונד טהעטיג.

דיא איינוואָהנער ארום בארג לבנון, עסען בלויז טייטלען אונד זייער געטראנק איז נור ריינע וואסער, דיא מענשען פון דאָרטען זיינען ריעזען אין גרויסקייט. קיין קריפּעלס איז דאָרט אָנצוזעהן. לעבען אָהן א שיעור לאנג. הונדערט יעהריגע מענשען זיינען דאָרטען זעהר געריכט בנמצא. דיא מענער זיינען זעהר שטארק. דיא פרויען זעלטענע שעהנהייטען.

דיא איינוואָהנער פון בראזיליען, אין דער צייט ווען מען האָט דיעזע לאנד ענטדעקט, האָבען געלעבט ביז 200 יאָהר. א גרויסער טהייל אויך ביז 3 הונדערט יאָהר. דיעזע האָבען געלעבט אויפּזעכליך אויף רייז, באנאנאס, פרוכטען פון אלע זאָרטען, פערשיעדענע קרייטיכער אונד האָבען ניעמאלס געוואוסט פון איין אנדער טרונק וויא וואסער.

אין דער קאָלאָניע „שבי־ציון“ אין פאלעסטינא, געגרינדעט און א צייט לאנג אויפגעהאלטען ביי באראָן ראָטשילד, ווערן אידישע קינדער געלעהרענט אגראנאָמיע, פארמעריי. דיעזע עסען דאָרט קיינע טהירישע שפּייז. זייער עסען בעשטעהט אויס גראָבען קאָרן־ברויט, פייגען, ראָזינען, פאמאגראנטען, אָליוועו און אנדערע פריכטע. זיי עסען אויך אייער צייטענווייז, אָבער בלויז זעהר שפּארזאם. זיי טרינקען בלויז ריינעם קוואל וואסער. רייזענדע דערצעהלען דאָס אזעלכע געזונדטע, פעסט־געבויטע, פלינקע, טהעטיגע, אינטעליגענטע און שעהנע יונגע מענשען, איז א זעלטענהייט צו טרעפען.

* * *

קאפּיטעל.

דיא שלעכטע ווירקונג וואָס פלייש עסען מאכט אויף גאנצע פעלקער קען מען ארויסזעהן פון דיא טאטארען און פון דיא חברה

אין אבסיניען. דיעזע לייט לעבען אונאויסנעהמליך אויף פלייש. דיעזע בארבארען זיינען רחמנות־לאָזע באנדיטען. זיינען שלעכט, ניעדערטרעכטיג און געמיין אין יעדר בעציהונג. זיינען אימער פער־אומערט, אימער פערמרה־שחורה'ט, אימער איז זייער כאראקטער פינסטער און ביטער. זיינען איין איינגעשפארטע, הארטנעקיגע מיאוסע פאָלק. גיבען ניט נאָך ווען זיי זאָלען אפילו איינגעהמען א מיתה־משונה אויף דער שטעלע. זייער גרעסטער פערגעניגענד איז נור וויא טיגערס צו רייסען און צו פערצעהרן. נאָכאנאנד זוכען דיע־זע חברה מלחמה צו האלטען. זייער צוועק אין א מלחמה איז ניט אזוי צו זיעגען וויא צו האָבען דעם פערגעניגען פון צו צערשטערען, צו פערניכטען.

וויא ווייט דיעזע יושבי חושך וצלמות לצים גרייכען אין סיווי־ליזאציאָן איז גוט בעוואוסט.

דיא קאלמוקען עסען אלערליי זאָרטען פלייש. הויפטזעכליך ווערט ביי דיעזע לייט בעטראכטעט פיר א טהייערע דעלעקאט פער־דען פלייש—פון א גע'גנב'עטען פערד איז עס נאָך געשמאקער, רווי־זענדע בעשרייבען דיעזער געזינדעל פאר א פאָלק פון באנדיטען. זיינען העסליך, עקעלהאפט אין אויסזעהן וויא אין בענעהמונג. ניכטס וואָס אָנבעלאנגט איידעלקייט און צניעות געפינט מען צווישען זיי.

דיא איינוואָהנער פון „גרינלאנד“ עסען רויע, האלב פערפראָ־רענע פלייש פון ים־הינט—„סילס“. דיעזע לייט קען מען קוים רעכ־נען צום מנין—קוים אָנרופען מענשען. זיינען פיעל מעהר עהנליכער צו ווילדע חיות.

דיא עסקימאָזען ערנעהרען זיך כמעט אונאויסנעהמליך אויף דיא אייל און דיא פלייש פון פיש, אָדער פון ווילדע חיות. דיעזע לייט זיינען נידעריג אין וואוכס. ניט ענטוויקעלט. האָבען קיין שכל, קיין חן. העסליך אין יעדער בעציהונג און מען קען זיי צו רעכנען צו א שבט פון ווילדע חיות.

דיא „קאמאטשאדאלען“ וואָס וואָהנען טיעף אין סיביר, לעבען הויפטזעכליך נור אויף פלייש. וועגען די גרויסע פרעסט וואָס הערשט דאָרטען א גרויסען טהייל פון יאָהר, גרייטען זיך דיא לייטע צו פיש און פלייש אויף א לאנגע צייט. זיי קענען ניט פערטראָגען זאלץ

און זיי בעהאלטען דיעזע פּראָוויאנט אין דער ערד ניט געזאַלצען. דיא שפּייז ווערט אין ערד אין פערלויף פון צייט נאטירליך דורכגע־פוילט, און ערוועקט זיך א ריח וואָס מען בענוצט צו מאכען לימבור־גער קעז. נור דאָס וואָס עס וואָלט געווען סם פאר א סיוויליזירטען מענשען, איז ביי דיעזע בארבארען א דעליקאַט. מען דערצעהלט פון א פאקט וויא אזוי דיא רוסישע רעגיערונג האָט איינמאָהל אָנ־געפאנגען שטארק מורא צו האָבען פאר א מגפה וואָס קען נאָך אויס־ברעכען צווישען דער חאלאסטרע פון עסען אזעלכע דעלעקאטנע מאכלים, און האָט דערפאר געגעבען א שטרענגען בעפעהל אז דיא חברה זאָלען זייערע דעלעקאטען ווענינסטענס איינזאַלצען. דיא „קאמאטשעס" וועלכע זיינען ניט פון אונזערע חסידים—ניט איין „עם קשה עורף", האָבען באלד געפאָלגט און זייער פּראָוויאנט איינ־געזאַלצען איידער זיי האָבען עס געבראכט צו דער קבורה. זיי האָבען עס אָבער ניט געקענט עסען—שוין געזוען אביסעל צו איידעל פאר זיי. עס איז ניט געווען פערפוילט און דערפון האָבען זיי טאקע יעצט רעכט געקענט קריעגען דיא חאָלעריע. זיי האָבען דערפאר אויס־געקליבען נור דאָס אינוועניגסטע וואו עס האָט זיך נור געפונען עפּעס וואו דער זאלץ האָט עס נאָך ניט דורך גענומען, און דאָס האָט דיא לייט געראטעוועט! דיא רעגיערונג האָט ענדליך דעם בעפעהל געמוזט צוריק ציהען, און יעצט זיינען זיי ווידער „בקו הבריאה" —דאָס נעהמליכע פון מיינע שונאים אין גיכען צו הערען—אמן! די אלטע קאָמאטשעס וואָס געדענקען נאָך יענע גזרה פון איינזאַלצען דיא פּראָוויאנט, דערצעהלען עס יעצט אין נחת, און קענען גאָר ניט אָבדאנקען דיא רעגיערונג דערפאר וואָס זיא האָט מבטל גע־ווען אזא גרויזאמען גזר דין.

פון דעם צושטאנד פון דיעזע חברה איז ניטאָ וואָס בעזאָנדערס צו דערצעהלען. זייער נאָמען „קאמאטש" אליין איז גענוג צו געבען א בעגריף וויא הויך זיי שטעהען אין דער סיוויליזאציאָן—א שמו־ציגע, עקעלהאפטע, נידעריגע פאָלק.

דיא „טאנגוזען" לעבען הויפּטזעכליך אויף דיא פלייש פון חיות און ווילדע פייגעל. פון זיי האָב איך אויך קיין צו פיעל נחת —א מיאוסע פאָלק!

דיא „סאמאאידען“ אין נארד סיביר עסען נור טהירישע שפייז. דיא „אסציאקען“ לעבען נור פון פיש־פאנג. דיא „טודעסען“—א משפחה פון הירטען אין דיא געבירגע פון אינדיא עסען נור פלייש. דיא נאמאדען אין וועסט אפריקא בעשעפטיגען זיך ניט מיט אקער־בוי און עסען בלויז פלייש. דיא בעדואינען אויף דעם אראבישען האלב־אינזעל עסען נור פלייש. דיא „בושמאנען“ אין זיד אפריקא לעבען נור פון דער יאגד. אונזערע אייגענע לאנדסלייט—מיין ניט דעם מאהל דיא קאלווארייער און סמארגאנער דייטשען, זאנדערן די רויטע חיימלאך, אדער דיא רויטע אינדיאנער פון „אונזער אמערי־קא“—דיעזע געשליפענע אדעללייט לעבען אויך נור אויף פיש און פלייש. דיא חברה וואס בעוואהנען דיא ווילדערניסע פון א טהייל אין זיד אמעריקא, מענה'ן אז עס פאסט גאר ניט פאר דעם מענשען ער זאל גלייך מיטן פערד און מיט דער בהמה עסען געוויכסע פון דער ערד—וואס זאגט איהר צו דיעזע שפאגעל נייע פיליזאפען? פון אייזען דארף מען זיין אויסצוהאלטען פון אלעמען.

דיעזע גאנצע חאלאסטרע „עם כל הנערים“ וואס איך האב דא אויף גערופען, זיינען אלע זוידענע מענשען—געשליפענע אדעל־לייט איינער אין איינעם און אויך זעהר גרויסע צדיקים. זאל זיי נור זיין אזא יאהר, און זיי זאלען זוכה זיין צו האבען א ליכטיגען גן־עדן—אין גאנץ קורצען—אמן!

„הומבאלדט“ דערצעהלט דאס ער האט ניעמאלס געטראפען איינעם פון דיא אלטע איינוואהנער אין מעקסיקא וואס זאל זיין א קריפעל, אדער זאל האבען אירגענד וועלכען פעהלער. און דיעזע מענ־שען לעבען נור אויף צמחים. זייער הויפט עסען בעשטעהט אויס קארן אדער טירקישע ווייץ. דאגעגען, דערצעהלט ער, איז ער געווארן ערשטוינט צו בעמערקען דאס דיא אלע פלייש עסענדע שבטים וואס ער האט בעזוכט, זיינען אלע ניט ענטוויקעלט, און אזוי פיעל קא־ליקעס און קריפעלס און אזוי פיעל אידיאטען און אזוי פיעל העסליכע קראנקע האט ער נאך ניע אין זיין לעבען געטראפען. ער ברענגט א בעוויז פון דיא איינוואהנער פון דיא „אנדעמאן אינזלען“ וועלכע וואכסען ניט העכער וויא 5 פוס. זייערע פיס זיינען דין און אפט צודרעהט. זייער אויסזיכט איז ניט בעזאנדערס רייצענד, און זיי

זיינען איינפאכע אידיאָטען. דעם זעלבען צושטאנד האָט ער אויך געטראָפען צווישען דיא איינוואָהנער אין „וואן דיעמאנס לאנד" און אויך אין „ניו־האָלאנד". עס גיבט קיין צוויפעל דאָס נור פלייש עסען איז פאר אזא טרויעריגע אָרדנונג פעראנטוואָרטליך.

מייסטענס פון דיעזע אלע ווילדע בארבארען—פון דיעזע אלע אידיאָטען, קריפּעלס, קאליקעס און העסליכע, עקעלהאפטע ברואים, עסען נאָך זייערע פלייש און פיש וויא עס שטעהט און געהט—רוי־ערהייט און פריש געמערדערט; און אויב עס האָט ווירקליך געקענט ברענגען נוצען, האָט עס דיעזע לייט געדארפט ברענגען נוצען.

און עסען! דיזע חברה עסען ווי נאָך א קרענק—אקוראט ווי זיי וואָלטען נור וואָס געהאט אויפגעשטאנען פון דער חאָלעריע. א רייזענדער דערצעהלט דאָס ער האָט אליין געזעהן וויא איינער פון דיא געשליפענע אדעל־לייט אויבען דערמאָהנט, האָט אליין אויפגע־געגעסען 2 גרויסע לאקסען. וועהרענד פינף מאטראָזען פון אונזער געגענד האָבען אלע צוזאמען קוים אויפגעגעסן 2 און האלב פון דיעזע לאקסען געקאָכט, און זיי זיינען געווען זאט. יעדער פון יענע חברה האָט אלזאָ וועניגסטענס אויפגעגעסען 14 פונט לאקס און וויא עס האָט אויסגעזעהן, האָט ער נאָך געהאט א גוטען אפעטיט פאר נאָך עפּעס, און פונדעסטוועגען האָבען דיא ציוויליזירטע מאטראָזען אויפגעטאָהן פראָפּאָרציאָנעל מעהר ארבייט וויא יענע פרעסערס, וועלכע זיינען געוואָרען צוקראָכען אויף דער שטעלע וויא עס האָט נור געהאלטען ביי עפּעס שווערע ארבייט.

עס איז א בעוואוסטער פאקט דאָס איין אראבער קען אויף א ביסעל רייז מעהר אויפטאָהן, מעהר מידיגקייט ערליידען, איז שטאר־קער, טהעטיגער, מוטהיגער און האָט פיעל מעהר שכל וויא איין עסקימאָ וואָס קען זיך זאט ניט אָנעסען אויף 20 פונט פיש און אייל.

א מערקווירדיגער פאקט איז צו בעמערקען דאָס דיעזע אלע ווילדע ראסען זיינען ניט פרוכטבאר. דיא אלע נאציאָנען וואָס עסען פלייש אפילו אין דיא ציוויליזירטע לענדער זיינען אויך ניט פרוכט־באר—דיא פראנצויזען, ענגלענדער און אמעריקאנער האָבען קיינע פיעל קינדער. זיינען אפילו מקיים דעם פסוק פון „פרו ורבו," נור—

„הזנו ולא יפרצו". דיא יעניגע וואָס עסען פיעל פלייש, ווערען בלויז לײדענשאַפטליך נור זייער קראַפט געהט אוועק צום טייפעל. דיא יעניגע וואָס לעבען דורך אוים אויף פלייש, וויא דיא עסקימאָסען, למשל, זיינען גאָר ווענינ פּרוכטבאַר—און פאַר דיעזען חסד דאַרפען מיר דאַנקען דיא נאַטור יעדען טאָג. ווארום אויב דיעזע חברה וואָלטען זיך געדיכט געפרוכפּערט וואָלטען זיי פערפּעסטעט דיא לופט מיט זייער ריח אליין וואָס זיי גיבען פון זיך ארוים.

„—זייט ניט קליגער וויא דיא ח'ז'ל," שרייבט נאָך איינער, „און זיי האָבען אלע געהייסען עסען פלייש. פון משה רבינו ביז דיא אחרונים האָבען זיך כמעט אלע אָבגעגעבען מיט דיעזער פראַגע און אלע האָבען עס געהייסען עסען—"

ענטפער:—פון משה רבינו ביז דיא אמוראים, תניאים, חכמי התלמוד, ביז דיא גרויסע גאונים וגדולי ישראל בכל דור ודור, זיי־נען כמעט אלע געווען געגען דעם געגוס פון פלייש. דער פאַקט דאָס זיי גיבען זיך אָפּ אזוי פיעל מיט דיעזער פראַגע, וויא אויך דיא וויכטיגע פראַגע פון „צער בעלי חיים"— מיט דער פראַגע פון רחמנות, דיעזער פאַקט אליין בעווייזט דאָס זיי זיינען געווען געגען פלייש עסען. ווארום וויא איך האָב שוין פריהער אין דיעזע ווער־קע געזאָגט: אז וויא באלד א זאַך איז נאַטירליך און ניט אויפפאַ־לענד אלס זאַנדערבאַר, טאָ צו וואָס בעדאַרף מען דערויף איין היתר אָדער ערלויבנים דאָס מען מעג דאָס טאָהן? ווארום דאַרף מען קיין ערלויבנים אויף צו עסען קאַרטאָפעל? פאַר וואָס האָט מען ניט געגע־בען איין היתר דאָס מען מעג עסען קאַרשען? דיא „ערלויבנים" צו עסען פלייש אליין בעווייזט דאָך אלזאָ אָפען גענוג דאָס „עט־וואָס אי זפערפוילט אין דער שטאַדט דענעמאַרק"—דאָס עפּיס איז דאָ ניט נאַטירליך, נור אומשטענדען צווינגען דאָס עס מוז דאָך ערלויבט ווערען. נור דער עולם מאַכט א געוואַלדיגען מיסטייק ווען מיינען דאָס איין ערלויבנים איז א געבאָט. מען האָט עס צוואַר „ערלויבט" אָבער „געהייסען"—ניעמאַלס? דיא ח'ז'ל זיינען אלע גע־ווען גרויסע מענשען, און האָבען גוט געוואוסט דעם נאַטור פון מענשען, און זיי האָבען זיך איבערצייגט דאָס אין זיין געפאַלענעם צושטאַנד מוז דער מענש עסען פלייש, און עס איז אומזיסט דיעזען

גרויזאמען געגום צו פערביטען. זיי האבען עס דערפאר „ערלויבט“ —„געהייסען“ אבער, האט עס ניעמאנד.

פלייש ווערט פערדאמט ביי כמעט אלע פראפעטען, און אפילו געגען קרבנות דונערן אויף פאסט אלע נביאים. פון שמואל הרמת, ביז מיכה המורשתי, ביז דעם לעצטען פראפעט „מלאכי“, וועלכער פערדאמט דיא היפאקריסי צו וועלכען גראד קרבנות האט שוין דאן אין זיין צייט געגרייכט—פון דעם ערשטען נבי אליזא ביז צום לעצ־טען ריידען אלע דירעקט דאריבער; און אדער זיי פערדאמען שטרענג און מיט אימפעט דעם געברויך פון פלייש אפילו צו קרבנות, אדער זיי בעווייזען לאניש אז גאט דארף קיין קרבנות. „עשה צדקה למשפט נבחר לה׳ מזבח—דוא טהו וואס איז גערעכט און ריכטיג און ביי גאט וועט ע סזיין מעהר אנגענעהם וויא קרבנות.

הויפטזעכליך ווערט דיעזע פראגע ברייטלאך פערהאנדלט פון ישעיה בן עמוץ. דיעזער געטליכער ריעז טרעט ארוים העפטיג, פיירדיג, געוואלדיג און לאזט נאך ניט פערביי איין געלעגענהייט פרעסען טירפות—„את בשר החזיר והעכבר“ אין בעזאנדערן. מיט דאמען שעכטען און עסען פלייש אין אלגעמיין, או דיא יעניגע וואס פון ערשטען קקאפיטאל ביז צום לעצטען, וואו ער זאל ניט פער־וועלכען שרעקליכען שטורם ער טרעט עס ארוים אנטקעגען דיא חברה פלייש־עסער וועלכע ער רופט דיא „אריסטאקראטען פון סדום“ און דר „עפבעל פון עמורה“; און פרעגט ביי אין פראסטע עברי מיט וואס פאר א רעכט רעכענען זיי צו זייערע פיעלע שלאכטונגען צו דע פרעכנונג פון גאט? און וויא אזוי וואגען זיי צו קומען אין בעצוג מיט דער הייליגקייט ווען זייערע הענד זיינען איינגעשמירט און פול מיט בלוט? „שמעו דבר ה׳ קציני סדום האזינו תורה אלהינו עם עמרה—למה לי רב זבחכים יאמר ה׳—ובפרשכם כפירם אהלים עיני מכם גם כי תרבו תפלה אינני שומע ידיכם דמים מלאו“.

* * *

נור דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז, דאס שוין אפילו נאך אלעמען—נאך אלע „ערלויבניסע,“ קען דאך נאך דער איד ביז היינט ביי זיך ניט פועלן אליין צו מערדערן פלייש און דאס עסען גלייכ־גילטיג. דער פאקט דאס ער שטעלט אויף א ספעציעלען שוחט צו

טאָרן דיא ארבייט, בעווייזט דאָס אונזער פאָלק האָט זיך ניע געפונען בערעכטיגט צו עסען פלייש גלייכגילטיג וויא אלע אנדערע פעלקער. אפילו נאכהער. וויא דער איד האָט זיך שוין געהאט צום פלייש גע־נומען צוגעוואָהנט פון זיינע שכנים—ווארום עס איז נור אין מצרים וואו דער איד האָט זיך צום ערשטען אויסגעלערנט צו עסען פלייש און צו ברענגען קרבנות. עס איז ניט געווען אין דער הויז פון זיין פאָ־טער יעקב וואו ער האָט זיך דערצו צוגעוואָהנט. ווארום לויט רע־פאָרט פון דער תורה, זאָל יעקב גאָר האָבען געווען זיין א וועגעטאַ־ריאנער. זיין עסען וואָס ער קאָכט איז א „נזיב עדשים"—א געקעכטס אין חלום אויף א גלענצענדע צוקונפט, איז בל. י אויף ברויט אום זיך צו זעטיגען; זיין פרעזענט וואָס ער שיקט צו יוסף'ן אום צו געפינען חן אין זיינע אויגען, איז—ניט וואורשטלאַך, אָדער געטריקענטע קעזלאַך, זאָנדערן, „מעט צרי ומעט דבש נכאת ולט בטנים ושקדים"—איין ווייניג געווירץ. א ביסעל האָניג, פערשיעדענע גאטונגען בשמים, ניס, און מאנדלען. דער איד האָט זיך אלזאָ צוגעוואָהנט צום פלייש גענומען — ניט אין זיין טאטענס הויז, זאָנדערן אין דער פרעמד; און אפילו נאכהער וויא ער האָט זיך שוין געהאט צוגע־וואָהנט, האָט ער אויך ניט געקענט זיך רעכט מאכען דעם גרויזאמען מאָרד פראָצעס—דער אינסטינקט פון רחמנות, פון צער בעלי חיים וואָס שפיעלט ביים אידען אזא פראָמינענטע ראָלע, דער געפיהל פון יושר וואָס א גלייכער קאָפ בעזיצט, האָט איהם בשום אופן ניט גע־וואָלט דעם מהאט פון מאָרד רעכטפערטיגען. אז דיא תאוה, אָדער דיא גויטה, אָדער דיא געוואָהנהייט, פערשיעדענע אומשטענדען האָבען אָבער אָנגעפאנגען ביי איהם צו פאָדערן פלייש, האָט ער אָנגעפאנגען צו זוכען מיטלען—„התירים", „הכשרים", וויא אזוי דיזע גרויזאמע זאך צו מאכען כשר וישר. ער האָט אזוי ווייט געאר־בייט ביז עס איז איהם ענדליך געלונגען אריין צו שמוגלען דיא שמד־שטיק אין דער יראה—האָט אריינגעמישט גאָט אין מיט'ן. ער אליין בעדאַרף גאָר קיין פלייש, האָט ער גע'טענה'ט—ער עסט עס בלויז לשם שמים—ער האָט א מצוה ווען ער עסט פלייש—און ניט בלויז איינע, נור עטליכע. ווארום ווען ער מאכט א ברכה ווען די בהמה ווערט דערמערדערט—האָט ער א „מצוה"; ווען ער עסט

דיא בהמה און איז איהר לויט קבלה „מתקן" זיא זאָל מגולגל ווערען—האָט ער א „מצוה". אויסער דעם ווערט ער ביי זיך זעהר שטייף און א גאנצער מיוחס ווען ער קויפט פלייש—ווארום ער קויפט „כשרה" פלייש—ניט וויא „פאטריק" פרעסער וואָס פרעסט אין זיך אלעס אריין אהנע זיך צו בעקימערן אום כשרות. אויסער דיע-זע אלע זאכען איז ער זיך גלאט א פיינער מענש אויך. ווארום ער מיינט דען עפעס אנדערש מיט זיין פלייש עסען וויא צו טאָהן א טובה? דער איד קויפט דאָך ניט פלייש גלאט אזוי וויל ער דארף עס פראַסט צום פרעס—ניט ער! ער קויפט עס בלויז וויל עס איז ערשטענס „בהכשר הרב הגאון ר' יאָקעל שמעיה מקאלופישאָק"—אָדע רוויא א געוויסער שוטה אין „גולאזש" דיסטריקט ניו יאָרק האָט זיך מיט א קורצע צייט צוריק גענומען דיא פרעכע ערלויבניס אויפצושרייבען אויף זיין שילד דאָס ער פערקויפט פלייש:—

„בהכשר השם יתברך!"

צווייטענס קויפט ער דיא פלייש וויל עס איז פון דער שחיטה פון זיין לאנדסמאן א זעהר כשר'ער איד, „רעווערענד ר' שמעריל יצמח טראסק." דריטענס קויפט ער גאָר אין גאנצען פלייש נור דערפאר וויל ער וויל געבען א „טשאנס" ידעם בוטשער—א בלוטי-גער אביון. האָט נעבאך א פולע הויז געדיכט פערפאקט מיט קליינע שווינגערלאך, אויסער איינע א גרויסע, א כפול'שמונה'דיגע חברה-טע וועלכע מען קען מיט רעכט אָנרופען א „שוויגער הכולל"—און א ביטערער שלאק איז זיא אויך! א כלאפטע איינפאך געפעהרליך! פערקירצט איהם נעבאך דיא יאָהרען מיט איהר נאָכאנאנדיגען בור-טשען, און מען דארף איהם דערפאר געבען א טשאנס, און קויפען ביי איהם פלייש. אָהן א „טשאנס", אָהן א „מצוה", אָהנע עפעס א „לכבוד" עסט דאָך גאָר דער איד קיין פלייש.

ער האָט עס עפעס אזוי פערהייליגט, ביז ער האָט זאָגאר יענעם שוטה—יענעם וואָס מערדערט, אויך געמאכט פאר א הייליגען. האָט אויפגעזוכט עפעס א קאָסטומער וועלכען ער האָט אָנגעטאָהן אין א שטריימעל אָדער „סטאָף-פייפ" בלע"ז; האָט איהם געקרוינט מיט דעם טיטעל „רעווערענד"; און יענער מחותן טהוט דיא ארבייט און שעכט און מערדערט אין גאָטעס נאָמען! און אזוי קומט עס אויס

גלאט און קיילעכדיג וויא אויף א טעלער—דער וואָלף איז דערווייל
זאט, און יענער לעמאך, דער „עהרווידיגער" שומה אָדער שוחט מיט
דער שטריימעל מיינט שוין אויך דאָס ער טהוט עס אין גאָטעס נאָ־
מען, און דענקט טאקע דאָס ער איז א הייליגער קנאקער און ער
מערדערט דערווייל אויף וואָס דיא וועלט שטעהט, וחכל שריד
וקים—נור א שווינדעל איז דאָס!

נור וואָלט עס ניט געווען פאר דיעזע אלע איינפעלע וואָלט אונ־
זער פאָלק זיך ניט צוגעוואָהנט צו דיעזער גריוזאמער שפייז, וועלכע
געוואָהנהייט האָט נאכהער געמאכט פאר א נעטהיגקייט. ווארום א
פאָלק וואָס קען פארשטעהן פרינציפּען דאָס א בהמה דארף אויך
רוהען שבת וויא דער מענש—דאָס מען טאָר ניט אקערן מיט אן
אָכס אין איינעם מיט אן אייזעל—דאָס מען טאָר ניט אָנטאָהן א
מויל־קאָרב אויף א בהמה בשעת זיא דרעשט תבואה—דאָס מען זאָל
אלעס וואָס בלייבט איבער אוועקגעבען צו דיא „חית־השדה", צו
דיא ווילדע חיות זיי זאָלען נעאך אויך האָבען צו עסען— א פאָלק
וואָס קען פערשטעהן און אָננעהמען אזעלכע נאָבעלע פרינציפּען,
קען ניט גלייכגילטיג, קאלטבלוטיג, מערדערן געפיהלפאָלע חיות
אויף וועלכע זיין אינסטינקט און זיין רעליגיאָן פאָדערן ער זאָל האָ־
בען רחמנות, און עסען איהר פלייש.

יענער בחור מיט דער שטריימעל — יענער לעמאך מיט דעם
טיטעל „רעוורענד" וואָס קוילעט אין גאָטעס נאָמען — דער שווינ־
דעל וואָס איז זיי געלונגען אריין צו רוקען דיא טומאה אין דער
יראה און מאכען דעם פלייש גענוס לשם־שמימדיג, טשאנס־מעסיג
— דיעזע אלע „בלאָפס" זיינען פעראנטוואָרטליך ווארום אידען
עסען נאָך היינט פלייש. נור צו זאָגען דאָס דיא ח"ז"ל האָבען עס
ערלויבט און נאָך „געהייסען" עסען פלייש, איז ניט נור לעכערליך
זאָנדערן אידיאָטיש. אונזערע חכמים זכרונם לברכה זיינען געשטא־
נען צו הויך מען זאָל פון זיי האָבען אזא קליינעם בעגריעף.

* * *

וואָס אָנבעלאנגט קרבנות, האָט זיך דאָס דער איד אויך אויס־
געלעהרנט נור אין דער פרעמד — ביי זיינע עלטערן האָט ער עס ניט
געזעהן. דיא קלאָגעדיגע מאָדע פון ברייננגען קרבנות איז דאן געווען

געדיכט פערשפרייט אונטער אלע פעלקער ארום און ארום. צו אלער־ליי אבשייליכקייטען פלעגען דאן אלע ברייננגען קרבנות. עס איז גע־גאנגען אזוי ווייט דאס מען פלעגט זאגאר אפפערן קינדער אויף דעם גרויזאמסטען ארט. אידען האבען זיך וויא געוועהנליך באלד אָב־געלעהרענט און האבען זיך אויך פערנאנדער געלאָזען און האבען אויך געבראכט קרבנות צו אלערליי טייוואָלים. משה האט נאטירליך דיעזע מאָדע אין יענער צייט גענצליך ניט געקענט אָברעכען. ער האט עס אָבער צימליך גוט פערצוימט; האט דעם עולם אזוי ווייט פערקניפּעלט דאס זיי האבען שוין מעהר זייערע קרבנות ניט געקענט ברענגען צו טייוואָלים — „לשעירם אשר הם זנים אחריהם", (ויקרא י"ז—7); און ער האט עס אויך אזוי ארום געריננעלט מיט שוועריגקייטען דאס עס האט פון זיך אליין ענדליך געמוזט אויפהע־רען. ווארום דיא אָרדאליע, דיא גרויסע מיהע פון ברייננגען א קרבן נור אין איין בעשטימטען אָרט — און ניט אויף יעדער שריט און טריט, אונטער יעדען בוים, וויא פריהער, האט פארצוימט דיא וועג פון ברייננגען קרבנות. ווארום מיינסטענס האבען דאך אלע געוואָהנט ווייט פון ירושלים—דער אייניגער ארט וואו קרבנות קענען געבראכט ווערען, און זיך שלעפען מיילען און מיילען ווייט צו דערגרייכען דעם בעשטימטען פּלאטץ איז ניט א גרינגע אויפגאבע. אויסערדעם איז אין דעם בעשטימטען ארט געווען בלויז איין מזבח; און וויא פיעל קען מען אין גאנצען אָפּפערן אויף איין מזבח? געווים ניט דיא קרבנות פון א גאנצע פאָלק.

* * *

און אז מען זאָל אין דער זאך טיעף אריינקוקען, איז נאָך אלעמען דיא איינריכטונג פון קרבנות גאָר ניט א שלעכטע — וויא ווילד עס מעג זיך צייגען אויבערפלעכליך. איינער פיהלט זיך זינדיג, האט געוויסענביסע, ער ברענגט א קרבן און ווערט ריין פון זיינע זינד — יעדענפאלס מיינט ער אזוי, און אזוי וויא ער פיהלט זיך יעצט ריין, פאנגט ער אָן א נייע קאריערע, און וועט טאָהן זיין בעסטעס אין אזא צושטאנד צו פערבלייבען. עס איז נור איין עבירה וואָס שלעפט מיט זיך מיט נאָך איינע. גראדע אזוי וויא א „מצוה גוררת מצוה"—אזא זאך איז שוין נאטירליך. און אויב א קרבן האט

לא תרצח.

געקענט איינעם ברענגען צוריק אויף א ריכטיגע וועג, דאן איז קרבנות א גוטע איינריכטונג. גראדע וויא יום כיפור וועלכער איז דער נאָבעלסטער טאָג און דיא בעסטע מעדיצין וויא צו פערפיינערן דעם אידישען גייסט. וויא ערהאבען פיהלט זיך א פרומער גוטער איד יום־כיפור אויף'ן אבענד! ער איז ריין פון זינד און פיהלט זיך גליקליך. איהם קענט איהר ניט קריעגען ער זאָל באלד ווייטער בעגעהן עפּעס איין אונפּאסיגע זאך געגען גאָט און לייט, נאכהער ווי ער האָט אזוי ביטערליך בעדויערט זיינע פעהלערן און האָט אזוי פייערליך פערשפּראָכען שוין ווייטער זיי אויסצומיידען. און אויף אזא ארט ווערט זיין כאראקטער נאָכאנאנד פערפיינערט. דאָס זעלבע איז אויך געוועזן מיט א קרבן.

פאר א מענשען מיט געפיהל איז ברענגען א קרבן טאקע געוועזן וויא דער פּסוק זאָגט: „אדם כי יקריב—מכם קרבן", אויב איהר זייט א „מענש" און ברענגט א קרבן, דארף עס זיין ניט בלויז א צערעמאָניע, נור איין אָפּפער טאקי פון „אייך" אליין—„מכם" אייער הארץ דארף אייך קלעמען, איהר דארפט האָבען געוויסענביסע, און אייער געדאנקען דארף אייך פּלאגען ווארום איהר אָפּפערט יעצט א לעבעדיגע בעשעפעניש, וואָס זעהט וויא איהר, וואָס פיהלט, וואָס וויל נאָך געביך לעבען, און דיזע אונשולדיגע בעשעפענים וואָס האָט נעביך אליין ניט געזינדיגט, דארף יעצט ערמאָרדעט ווערען און פערגיסען איהם בלוט, און אלעס צוליעב איין נארישען פעהלער, צוליעב א זינד אבגעטאָהן געוואָרען ניט איבערלייגט. פאר א געפיהלפאָלען מענשען איז אזא געדאנקען, אזא אָרדאליע דורך צו געהן, ווירקליך א קרבן—„מכם," איין אָפּפער פון „זיך" אליין.

אויסער דעם ווען מען זאָל זיך פאָרשטעלען דיא גאנצע פּאָנאראמא וויא משה האָט עס איינגעפיהרט, און וויא עס פלעגט ביי אזא פאל צוגעהן, האָט עס געמוזט קאָסטען דעם וואָס האָט געבראכט דעם קרבן א ציעמליך רעכטע ביסעל געזונד און בלוט פערגיסונג — שוין ניט צו ריידען א וואָרט וועגען דיא שווערינקייט און די עקספּענס. דיא שאנדע, שפּאָט און בלוט פערגיסונג וואָס אזא איינער האָט געדארפט דורך געהן! וואָס פאר א מיינונג האָט מען געקענט האָבען פון איינעם ווען מען בעגעגענט איהם וויא ער שלעפּט

זיך ארום איבער דיא גאסען מיט א באָק אָדער מיט אן אָקס אלס קרבן וועלכען ער פיהרט צום מזבח? קען זיך פאָרשטעלען וויא אלע פארבייגעהענדע ווארפען איהם צו א בליק — ניט פול מיט רעספעקט. „זיי א מבין אויף דיא חברה פון היינטיגע צייטען", הערט ער וויא כמעט יעדער בורטשעט. „שיינט דוכט זיך מיט זיין שעהנע לאנגע באָרד צו זיין א צדיק, און דאָ שלעפט ער זיך ארום מיט א באָק. מסתמא געמוזט אָפטאָהן עפעס א שעהנע שטיקעל."

דיא וויסע חברה'ניקעס וועלכע געפינען זיך אימער אין דיא גרויסע שטעדט, דערגעהן דערוויילע פון זייער צד אויף דיא יאָה־רען. פאר דיעזע לאכודרעס איז יעצט א עסק אז זיי האָבען דאָ דער־טאפט א „יאָלד", א „חטאת" וויא זיי רופען איהם פערשיעדען אין זייער וויים־חברה'שען לשון; און מען רופט איהם מסתמא אויף צו עליות ניט איין מאָהל; און מען צופט זיין באָק פארן בערד'ל, או אויב עס איז נאָך דאָ שנעע אין דיא גאסען, כאפט מסתמא דער בעל־דבר א שעהנע פאָרציע דערפון; און אזוי געהט דיא בלוט־פער־גיסונג פאָרט ביז ענדליך, פערמאטערט, דערשלאָגען גרייכט ער דעם מזבח. דיעזע עפענטליכע שאנדע האָט מען ניט געקענט אזוי לייכט און אזוי גיך פערגעסען; און דער גלוסט באלד ווייטער צו זינדיגען האָט שוין אונטער אזעלכע אומשטענדען געמוזט ווערען ציעמליך שטארק פארפראָהרען.

אויסער דעם האָט נאָך מסתמא דער כהן אויך געמוזט דערגעהן דיא יאָהרען ניט איין וועניג. ווארום אויב דער כהן איז געוועזן עהר־ליך און ערנסט אין זיין פאך, האָט ער וואהרשיינליך אויף יענעם דערשלאָגענעם נעביך וואָס האָט געבראכט דעם קרבן, און וואָס איז שוין דורכגעגאנגען אלע גראדען פון גיהנום, געמוזט דערלאנגען א געשריי און האָט געווים מיט גרימצאָרן צו איהם געמוזט זאָגען אזוי צו זאָגען :—

וואָס מיינסט דוא זיך אייגענטליך — מיינסט דוא וועסט זינדיגען נעגען גאָט און לייט און וועסט נאכהער אָבקומען מיט א קרבן ? דו דארפסט זיך שעהמען אין דיין ווייטען האלדז—דוא חטאת איינער! זעה או שעהם זיך און נעהם זיך אראָב א מוכר וועך עס דארף יעצט פאר דיר ליידען! א אונשולדיגע בעשעפעניכ

א יאָהר אלט, געזונד, שטארק, געפיהלפאָל, רײן פון זינד — און דיעזע אונגליקליכע בעשעפּענים וואָס זאָל נאָך און דארף נאָך גע־ניעסען לעבען, וועט יעצט פערגיעסען איהר בלוט—ניט פאר איהרע זינד, זאָנדערן פאר דיינע! שעהם זיך דוא חטאת איינער! קלעהם זיך אויב דוא האָסט א הארץ! האָב חרטה, וויין, קלאָפּ זיך גוט אין הארצען, זיי זיך מתודה אויף דיינע זינד. בעשליס פעסט ביי זיך פון יעצט אָן און ווייטער האָטש שוין ניט מעהר צו זינדיגען — ונסלח — לך!

אזא אָרדאַליע האָט געמוזט דורך געהן דער אדם — דער איינ־פאכער מענש. פאר איהם האָט מען געדאַרפט איין אָכס, זאָנסט וואָלט עס איהם אָנגעקומען צו גרינג און באלד וואָלט ער שוין ווי־דער געזינדיגט. „ונפש כי תקריב קרבן" — ווען אָבער איין איידעלע זעעלע האָט זיך מיט עפּעס פערזינדיגט איז ער אָבגעקומען מיט „סולת" — מיט זעמעל-מעהל געמישט מיט אייל.

* * *

גאָט דארף קיין קרבנות — ער בענעהטיגט זיך ניט דאָס דער מענש זאָל פאר איהם פערפערטיגען פּאַטראַוועס. ווארום אויב איך בין הונגעריג, זאָגט גאָט, וועל איך עס דיר ניט דערצעהלען, ווארום צו מיר בעלאַנגט דיא וועלט און אלעס וואָס געפינט זיך דערין— „אם ארעב לא אומר לך כי לי תבל ומלואה". אָדער וויא אסף זאָגט: נאכהער ווייטער: — „האוכל בשר אבירים ודם עתודים אשתה"— קענט איהר זיך פאָרשטעלען דאָס גאָט זאָל עסען דאָס פלייש פון אָכסען, און דאָס ער זאָל טרינקען דיא בלוט פון ציעגען? „זבח לאלהים תודה ושלם לעליון נחריך" — דיינע קרבנות וואָס דוא זאָלסט שעכטען פאר גאָט, זאָל זיין מיט א דאנקזאגונג, זייא דאנק־באר, און בעצאָהל דיינע נדרים, וואָס געהט געוועהנליך צו אָרי־מע — און דאָס וועט זיין גענוג!

* * *

דיא נביאים זיינען פאסט אלע געגען קרבנות. כמעט אלע דר־נערן און פערדאמען דעם געברויך פון קרבנות. איבערהויפּט דריקט זיך ישעיה אוים מעהרערע מאָהל געגען דעם געברויך פון קרבנות. ער בעהאנדעלט דיא פראגע אויף זיין געוועהנליכען שטייגער —

ניט מיט זיידענע האנדשוה. אויף איין אָרט טרעט ער ארויס מיט א העפטיגען שטורם און דריקט זיך אויס קורץ און שארף בזה הלשון: —

„שוחט השור מכה איש זובח עורף כלב, מעלה מנחה דם חזור, מזכיר לבונה מברך און.“ (ישעהסו — 3).

דיא פאָלגענדע ציטאטען פון תנ"ך וועלען דעם עולם איבער־צייגען דיא מיינונג וואָס דיא נביאים האָבען געהאט פון קרבנות און וויא וויט גאָט דארף זייא האָבען: —

שמואל זאָגט: — „החפץ ל"ה בעלות וזבחים כשמע בקול ה' הנה שמוע מזבח טוב להקשיב מחלב אילים“ — שמואל א, ט"ו — 22.

דוד זאָגט: — „זבח ומנחה לא חפצת אזנים כרית לי עולה וחטאה לא שאלת“ — תהלים מ' — 7 „כי לא תחפוץ זבח ואתנה עולה לא תרצא“ — שם נ"א — 18.

אסף זאָגט: — לא על זבחיך אוכיחך ועולתיך לנגדי תמיד— האוכל בשר אבירים ודם עתודים אשתה“ — תהלים נ" — 8.

שלמה זאָגט — עשה צדקה ומשפט נבחר לה' מזבח — משלי כא“ — 3.

ישעיה זאָגט: — „שבעתי עלות אילים וחלב מריאים ודם פרים וכבשים ועתודים לא חפצתי“ — ישעיה א' — 11. „לא העבדתיך במנחה ולא הוגעתיך בלבונה“ — שם מ"ג — 23. נאכ־הער קומט ער גאָר ארויס אָפען מיטן „שוחט השור מכה איש“.

ירמיה ערשטוינט גאָר דיא וועלט ווען ער זאָגט: — „כי לא דברתי את אבתיכם ולא צויתים ביום הוציא אותם מארץ מצרים על דבר עולה וזבח“ — ירמיה ז" — 22.

הושע זאָגט: — „כי חסד חפצתי ולא זבח ודעת אלהים מעלות“ — הושע ו" — 6.

עמוס זאָגט: — „כי אם תעלו־לי עולות ומנחתיכם לא ארצה ושלם מריאיכם לא אביט — הזבחים ומנחה הגשתם לי במדבר ארבעים שנה בית ישראל“ — עמוס ה" — 22-25.

מיכה זאָגט: — „במה אקדם ה' אכף לאלה, מרום האקדמנו בעולות בעגלים בני שנה: הירצה ה' באלפי אלים ברבבות נחלי שמן

האתן בכורי פשעי פרי בטני חטאת נפשי: הגיד לך אדם מה טוב ומה ה׳ דורש ממך כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת אם אלהיך“—מיכה ו׳. — 8, 7, 6.

קאפיטעל.

אויסער דיא פיעלע בריף און מיינונגען פון פראָמינענטען אין בײדע וועלט־טהיילען איבער דיא ערשטע טהיילען פון דיזע ווערקע, האָבען זיך אויך די צייטונגען דערמיט ברייטלאך אָבגעגעבן, און אָהד־נע אויסנאהמע איז עס זעהר פריינדליך אויפגענומען געוואָרען און מיט רעספעקט איבעראל פערהאנדעלט געוואָרען.

אלע האָבען עס מיט כבוד עמפפאנגען — אויסער איינער, וועלכער איז ארויס מיטן לשון אינא לוח וואָס דיא ליטעראַרישע טאָרבע פון דער „עיר הנדחת“ האָט אָבגעדרוקט; און האָט זיך לעכערליך געמאכט מיט איין אנגריף — מיט א כלומרשדיגע רעצענזיע. און אָבוואָהל עס האָט געדארפט איגנאָרירט ווערען מיט דער גרעסטער פעראכטונג — וויא עס פערדינט לכל הדעות, וועל איך פונדעסטוועגען דעם זאָגענאנטען קריטיקער ענטפערן; ווייל ער־צושטענס קומט איהם ווי אלעמען, א ענטפער; צווייטענס בעט ער זיך — ער האלעשט — ער געהט איינפאך אוים — ער וויל מען זאָל איהם מכבד זיין מיט א פּאָרציע. ווייל דערפון שיינט ער צו ציהען זיין גאנצע חיונה — ער קען ניט לעבען אָהנע יעמאנדען אָנ־צוגרייפען און דערפאר צו קריגען א חלק. דאָס טהוט ער בכיון במרי בעוואוסט צו ווערען — זאָנסט וואָלט ער אפשר אין דער פינסטער געשטאָרבען און עס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָהל וויא ער איז בעגאנגען אזא מאָראלישען פערברעכען. ער איז שוין א „מעוד“— איז שון א „שור נגח מתמל שלשם“. און מען האָט איהם שוין ניט איינמאָהל דערפאר מכבד געווען מיט סקילה — וויא דער דין איז. נור עס העלפט ניט — ער האלט אינאיין קריכען מיט זיינע גרויסע שטיוועל אין קדשי קדשים פון יענעמ׳ס הארצען, און דאָרטען צו־טראמפעלט ער דיא בעסטע און דיא איידעלסטע געפיהלען אָהנע רחמנות — וואהרשיינליך אום מקיים צו זיין דעם פסוק „יכרסמנה חזיר מיער“.

און אַבוואָהל עס איז לײדער קײן נײעס זיך צו טרעפען אין לע־בען מיט דיעזע אונגליקליכע חברה; אַבוואָהל דיא לײט פון זײן גאַ־טונג וואָס שײנען ניט צו האָבען קײן שעהנערע אױפגאבע אין לע־בען ווי נור יענעם אַנצוגרײפען, און צו באָמבאַדירען אויף יענעם׳ס רעכנונג מיט פוילע וויצען, זײנען געדיכט בנמצא וויא צרות — אַבוואָהל עס איז קײן זעלטענהייט פון אזעלכע אַנשיקענעשען צו לײדען, גיבען אָבער פעלע אזעלכע אין וועלכע מען דאַרף ניט נור ניט לײדען, זאָנדערן מען מוז אזא אַנשיקענים מכבד זײן מיט א לעקציאָן אין דרך־ארץ אז ער זאָל עס האָבען צו געדײנקען. ווארום זאָנסט קען נאָך אזא חברה־מאַן סוף כל סוף פערקריכען נאָך אלדע שווארץ יאהר. דיעזע געלעגענהייט וועל איך יעצט בענוצען. איבע־ריגענס וויל איך אײנווײזען דעם כלומרשדיגען רעצענזענט אז ער האָט היינטיגען מאָהל געמאכט א טעות — ניט געטראָפען דעם אָרט דעם מאָהל — דער יון איז דעם מאָהל מיאוס ארײנגעפאלען אין דער סוכה — דאָס ער קריכט אויף גלײכע װענט, און דאָס ער ווייס אײנפאך ניט במחלה וואָס ער רעדט.

נור פריהער פאר אלעס איז נויטהיג דעם לעזער אויפמערקזאַם צו מאכען דאָס א שרײבער ווערט געוועהנליך ניט בייז און ניט בע־לײדיגט פון קריטיק. אז מען געהט אין דער מלחמה מוז מען קענען פולווער ריכען — זאָגט דער עולם א ווערטעל. קוים האָט נור א קריטיק דיא קלענסטע ווערדע, דאן איז דער שרײבער געוועהנליך דער ערשטער דיעזעס צו פערשטעהן און וועט נאָכגעבען אויף דער שטעלע. קײן שרײבער וועט ניט פערלײקענען דיא וואהרהייט פון א עהרליכען אורטהייל, און ער שטעהט פערטיג צו בייגען זײן קאָפּ מיט רעספּעקט פאר א ריכטיגע רעצענזיע. ווארום ער ווייס פון דעם סוד דאָס עס איז ניטאָ אײנער וואָס זאָל ניט האָבען זײנע פעהלערן, און קײן עהרליכער מענש נעהמט זיך ארוים פון כלל; און ער ווייס אויך אז נור דורך קריטיק קען א פעהלער אויסגעבעסערט ווערן. איבעריגענס ווערן דיא גרעסטע קינסטלער, דיא גרעסטע דענקער, דיא גרעסטע מענשען קריטיזירט, וועה שוין דעם וואָס שטעהט ניעדעריגער פאר דער קריטיק. קריטיק אלזאָ איז א זאך וואָס אײן

יעדער וואָס טרעט ארויס פאר דער וועלט דארף ערוואַרטען און מוז אָננעהמען באהבה.

נור קריטיק מוז פריהער פאר אלעם זיין אמת און עהרליך, און צו דער זאך, און מוז עפעס לאָזען הערען, און דארף געמאכט ווערן פון איינעם וואָס האָט א רעכט צו קריטיזירען. א שוסטער, למשל, האָט קיין רעכט צו אורטהיילען א בילד פון א מענשען אריבער דיא חאָלעוועס פון דיא שטיוועל; און דער וואָס האָט ניעמאלס פאר זיינע אויגען געזעהן א קריגס־שיף — אויסער א מולטער וואָס זיין פלוניתטע האָט אויף איהם אנומאָלטען געוואָרפען פאר גרויס גריט־צאָרן—אזא איינער האָט נאטירליך קיין רעכט צו אורטהיילען אי־בער א קריגס־שיף אויב זי איז ריכטיג געבויט אָדער ניט. עס איז נור דער וואָס האָט א געניויען בעגריף און פערשטעהט ריכטיג דעם זינן פון א זאך וואָס איז בערעכטיגט צו געבען זיין מיינונג דעריבער.

אזוי, רבותי, פיהרט זיך אין דער וועלט. ביי סיוויליזירטע מענשען וועט נור א פעהיגער ארכיטעקט וואגען צו געבען זיין מיי־נונג איבער א געביידע אויב זיא איז פראָפּאָרציאָנעל געבויט אָדער ניט. נור איין ארטיסט וועט נעהמען דיא שלויבנים צו אורטהיי־לען איבער א בילד. בלויז א טאלאנטפאלער מוזיקער וועט זיך נעה־מען דאָס רעכט ו קריטיזירען איין אָפּערא און אורטהיילען אויב עס איז הארמאָניש צוזאמענגעזעצט אָדער ניט. נור א ליטעראַט א טיעפער דיינקער וועט וואגען צו געבען א רעצענזיע איבער א ווערק, און פערהאנדלען איבער א פילאָזאָפישע טהעאָריע. אזוי פיהרט זיך צווישען לייטען. ביי מענשען מיט פערנונפט וועט זיך ניט ארויסכאפען איינער פון דער העלער הויט, און וועט ברייטלאך פערשפרייטען זיין אונפערלאנגטע מיינונג, און געבען א אורטהייל איבער א ווערק וואָס ער פערשטעהט בלויז ווייניג, און קריטיזירען איין אידעע פאר וועלכע ער האָט גאָר קיין געפיהל; און ווייס גאָר ניט דעם זינן דערפון. ביי סיוויליזירטע מענשען וועט ניט אָנפאלען א קליינינקער חיים'ל אויף א שרייבער בכדי איהם צו געבען א צופּ פאר דיא האָר, א ביס מיט דיא ציין, א שטאָך מיט א נאָדעל — בכדי איהם וועה צו טאָהן. וועט ניט ערגערן א צווייטען, ערנידערי־גען זיין כבוד—בכדי זיך דאדורך גרויס צו מאכען; אָדער בכדי

אויסצוניצען א וויץ. צו פערלעצען דעם געפיהל פון א מענשען צו־ליעב א גלייך ווערטיל; צו מאכען תהו ובהו פון שכל הישר, און א תל פון דעם אמת, צוליעב א „חאָמכע“ — אזא זאך צו טאָהן איז א ניעדערטרעכטיגע געמיינהייט. דער וואָס טהוט אזא זאך בעגעהט איין אונפערצייליכען, מאָראלישען פערברעכען; און אזא תכשיט פערדינט דעם שטרענגסטען פסק — וועגען דיא פאָלגענדע אורזאַ־כע וועלכע איך וועל דאָ בכוין פאר דעם לעזער פאָרלעגען אום ער זאָל אורטהיילען אויב איך האָב רעכט אָדער ניט: —

יעדער אבטהיילונג אין דער וועלט, יעדער פאך, יעדער צווייג פון יעדער וועסענשאפט, האָט איהרע בעזאָנדערע טאלאנטע — איהרע אייגענע נאטור־בעגאבטע כהנים, איהרע פעהיג געבאָרענע, איהרע ארטיסטען, וועלכע פערשטעהן און פאסען זיך צו אין זייער פאך פאָלקאָמען — און יעדער פון אונז פאכט פאך אירגענד עפּעס א פאך. דיזע גיבט דיא נאטור א דיפּלאָמא — א פאָלמאכט צו די־ענען אין איהר דינסט. אזעלכע בעאמטע זיינען בערעכטיגט נאכ־הער וויא זיי דיענען זייער פאך עהרליך און אמת, און זיינען ניט מחלל איהרע פריווילעגיומס; און פערגעמבלען ניט איהרע רעכטע און פערקויפען ניט איהר בכורה פאר א טאָפּ לינזען — אזעלכע עהרליכע בעאמטע זיינען בערעכטיגט צו האָבען א פּלאץ ביים מזרח־וואנט פון לעבען — זייא מעגען זיין שוסטער און מעגען זיין דיא גרעסטע ליטעראטען. אין וועלכען פאך זייא זיינען קוים האנדלען זייא רעעל און עהרליך קומט זייא דיעזער רעכט; און קיין קלייניג־קער מצרים׳ל, קיין פיטשינאָטינקער חיים׳ל האָט א רעכט מיט זיינע פוילע, פוסטע, צוקראָכענע וויצען — מיט זיינע קלאָגעדיגע „חאמכעס“ צו בערויבען אזא איינעם און אוועק נעהמען ביי איהם זיינע רעכטע.

אלע פערלאָרענע טאלאנטע; אלע פעהיגע וואָס ליידען נעביך אָפט אזוי ביטערליך, האָבען מייסטענס צו פּשדאנקען נור אזעלכע פינסטערלינגע. דיעזע קליינינקע „שלשת ימי אפילה“ מצרים׳לאך רייסען אין דיא מעהרסטע פעללע ארונטער דעם כבוד פון אזעלכע טאלאנטע; דיעזע מיזעראבעלס זיינען עם דיא שועלים וואָס צו־טראמפּלען מיט זייערע גרויסע אומגעלומפּערטע שטיוועל דעם

בלומענגאַרטען וועלכע יענע האָבען עס אָבגעהיט מיט אזוי פיעל זאָרג און מיט אזוי פיעל צערטליכקייט. עס זיינען נור אזעלכע „בוזשיבוזיקעס“ וואָס בערויבען זייא פון זייערע אלע רעכטע. ווארום מען קען מאכען א בארג אש פון דער שעהנסטער געביידע; און מען קען מאכען א תל פון דער נאָבעלסטער ארבייט. יענער מאָהלט א בילד מיט אזוי פיעל מיהע און דאָ קומט איינער און פערשמירט עס פלוצלונג מיט בלאָטע. אונטער אזעלכע אומשטענדען לייךעט נאַטירליך יענער וועמענס ארבייט עס ווערט אזוי בעשמירט. ווארום קוים נעהמט מען צו פון אזא איינעם זיין דיפּלאָמא, זיין פּאָלמאכט פון דעם פאך פאר וועלכען ער פאסט, נעהמט מען צו דעם פונדאַמענט פון זיין עקזיסטענץ — און ער מוז שוין פערלאָרען געהן. ווארום ווער עס איז איין ארטיסט אין זיין פאך פאסט ניט פאר איין אנדער זאך. איין ארטיסט קען ניט ווערן א וואש־גויע, און א ליטעראַט פאסט זעהר זעלטען פאר א נויארקער פּאָליסמאַן; און וויא באלד דיא נויט צווינגט נאכהער אזא איינעם צו טאָהן אנאנדער זאך, פערבלייבט ער שוין געוועהנליך ניט אהין און ניט אהער. ביז ענדליך ער פאלט, און זינקט און ווערט פערטרונקען אין א ים צרות. און שולדיג דערפאר זיינען נור יענע חברותה וואָס ווארפען בלאָטע אין דיא מייסטע פעללע נור בכדי צו ערגערן יענעם און זיך גרויס צו מאכען.

וויא פיעל בלוטיגע טרעהרן זיינען שוין אויף אזא ארט פערגאָסען געוואָרען אין דער שטיל דורך אזעלכע אונפערדינטע אנגריפע. וויא פיעל טיעפע זיפצען זיינען שוין דורך געבראָכען געוואָרען פון פערקלעממטע הערצער דורך אזעלכע אומזיסטע אנפעלע. וויא פיעל חללים האָבען שוין אזעלכע קליינע מענשעלאך אויסגעצויגען פלאך. יענע אונגליקליכע געפאלענע, יענע „פערפאלענע“ טאלענטע, ליידען דאדורך אונבעשרייבליכע צרות. ליידען אין דער שטיל און ליידען, ביז ענדליך נאך זייער פריהצייטיגען טויט זעהט מען זיך דאך ענדליך ארום; און ערשט דאן לאָזט מען זיך פערנאנדער צו קלייבען נדבות פאר זייערע נויטווענדיגע פאמיליעס. וועהרענד יענע פינסטערע חברה מאכען שוין ווידער א מנין — דאוונען שוין מיט גרויס פרישקייט ווייטער „מוסף כדאתמול“ — פאלען שוין

וויעדער אַן וויא היינט און מאַכען שוין ווייטער אנגריפע אויף שפּאַ־
געל נייע טאַלענטע.

דערפאַר זאָג איך, און איך האָף דאָס איהר וועט מיט מיר
איינשטימען, דאָס איינער וואָס בעגעהט אזא מאָראַלישען פער־
ברעכען, דער פערדינט דעם שטרענגסטען פסק.

גראַדע אזא קונץ האָט אָבגעטאָהן דער „הינקעדיגער" „שלים־
מזל" — איבעליבער נאָמען מיט וועלכען ער איז בעקאַנט אין
דער ליטעראַרישער וועלט. צוליעב א פּאָאַר פון זיינע קלאָגעדיגע
„חאָכמעס", צוליעב א פּאָאַר, פוילע, צוקראָכענע, געפּגר'טע צונג־
פראָרענע וויצען, פון וועלכע מען קען איינפּאַך דעם קאַטארה כאַ־
פּען — צוליעב א פּאָאַר כלומר'שטדיגע גלייך־ווערטלאַך אָהן חן,
אָהן לאָגיק, משונה און אומגעלומפּערט ווילד, גראָב, פּרעך — צו־
ליעב א פּאָאַר פון דיזע אונגליקליכע וויצען, האָט דיעזער תנא־ברא
גענומען דעם אמת, וואָס איז שוין נעביך אזוי אויך גענוג אויף
צרות, און האָט עם אונערבאַרעמליך מיט זיינע גרויסע שטיוועל אין
גאַנצען צוטראָמפּעלט.

* * *

באַלד פון אָנהויב פון זיין קלאָגעדיגע רעצענזיע — איך בעט
איבער אייער כבוד, ווי א אייגענע שוויגער פאַר אזא צונעמעניש —
פאָהרט דער שלים־מזל ארויס מיט גרוים פרישקייט און וואַרפט
אריין א באָמבע אין דער מחנה פון אלע וועגעטעריאַנער — א באָמ־
בע וואָס דערלאַנגט א טראַסק, א יאָג אין נאָז עפּעס א מין ריח פונקט
וויא ער וואָלט געהאַט געעפענט פלוצלונג א גרויסע פאַס פול מיט
לימבורגער קעז. דאַדורך וואָס ער צודרעהט דעם וואָרט „וועגעטערי־
אנער", און מאַכט עס זאָל זיך לעזען „וועגעטעריא־נאַר", קומט ביי
איהם אויס דאָס אלע וועגעטעריאַנער זיינען נאַרען. א בריליאַנטענער
געדאַנקען, מען קען אנדערש ניט זאָגען! און וויציג — א גרויל ווי
וויציג! פון אזא וויץ מיט א פּאָאַר קיצעלאַך קען מען זיך ציעמליך
גוט פערנאַנדער לאַכען. מיר געפעהלט איבערהויפט דיא קורצקייט,
דיא שאַרפקייט דערפון. מען בעדאַרף זיין א גרויסער קאָפּ־מענש
אויסצודריקען אזוי פיעל חכמה, א ים מיט בלאָטע — מיין מיט
טיעף־זיניגקייט אין איין וואָרט. עס איז מעהר ניט ער איז א שלים־

מזל'ניק און פערשטעהט נעביך ניט זיין אייגענע ווערדע. זאָנסט האָט ער אזא איינפאל געדארפט פאטענטירען; און יעדער רעגירונג וואָלט נאכהער זיין מעטהאָדע אָבגעקויפט, און וואָלט עס בענוצט צו קלאפּען מלחמה טעלעגראמעס אזעלכע למשל ווי „פלעוונא געפאלען!", „מאנילא איינגענומען!" צו מאכען א גאנצע כנופיא מענשען פאר נארען און דאָס נאָך מיט איין וואָרט איז א גלענצענדער איינפאל.

אז דיא וועגעטעריאנער האָבען געקריגען צו הערען פון דעם שלים-מזלדיגען, קלאָגעדיגען וויץ, האָט עס זייא נאטירליך אלע געטראָפען וויא א דונער. עפּעס א קלייניגקייט אזא פלעצליכער טראסק — און נאָך פון אזא גרויסע פערזענליכקייט, פון אזא גרויסע אויטאָריטעט דערצו! יעצט געהן נעביך אלע וועגעטעריאנער ארום שווארץ ווי די ערד פאר גרויס שמערץ פעראורזאכט ביי דער שרעקליכער בעליידיגונג. דער זעץ אין נאָז מיט וועלכען ער האָט זיי מכבד געווען האָט זייא פערנומען דעם אָטעם אין גאנצען, און זייא זיינען נעביך אויסער זיך.

אונגעלומפּערטער, נארישער שלים-מזל! צו דען אזוי ווילט איהר קריטיזירען איין אידעע וואָס עקזעסטירט שוין זייט טויזענדער יאהרען, און וועלכע עס האָבען געפּרעדיגט און פראקטיזירט דיא גרעסטע מענשען בכל דור, ודור? פון דעם גרעסטען חכם אויף דער וועלט — שלמה, ביז דעם געטליכען נביא — ישעיה, ביז דעם אריסטאָקראט — דער „איש חמודות" — דער ליעבליכער דניאל, ביז דעם אידישען גרויסען פילאָזאָף „פילאָ", ביז דיא נאָבעלע סעקטע „עססעער" אָדער דיא „ענוים", ביז דיא גרעסטע גאונים און גרויסע מענשען פון היינטיגען דור, האָבען אלע געפּרעדיגט, און האָבען אזוי ווייט וויא מעגליך נאָכגעפאָלגט דיזע איידעלע אידעע; און ווילט איהר מיט אייערע אונגליקליכע קלאָגעדיגע „חאָכמעס" דיזע לעהרע יעצט ערנידעריגען? ווילט איהר אָבשאפען איין אידעע, דיא גרעסטע געגנער פון וועלכע אפילו, זיינען אויך מודה, און גיבען אויך נאָך אז פלייש עסען איז א אונגליקליכע מידה — דיא גרעסטע שאַנדע פאר דער מענשליכער משפחה? דיא יעניגע וואָס האַלטען שוין אפילו גאָר ניט דערביי, גיבען אויך נאָך אז מערדען

לעבעדיגע בעשעפעניסע און שניידען און קאָכען און עסען זייער פלייש איז ניט גאנץ איידעל און בעחן'ט. ווער מיט געפיהל אין זיין הארצען און מיט אפילו עטוואָס פערשטאנד אין זיין קאָפּ, וועט וואַגען צו נעהמען דיא פרעכע ערלויבנים צו מאכען חוזיק פון א קלאַסע מענשען וואָס פרעדיגען א נאָבלע תורה פון „וחי בהם“ — פון לעב און לאָז לעבען? „איך קען ניט העלפען“ וועט זאָגען איינער, „בין דערצו געוואָהנט פון מיין יוגענד“ וועט זאָגען א צווייטער, נאָך פערשיעדענע אנדערע תרוצים הערט מען, אָבער עס האָט נאָך ניע געטראָפען דאָס א פערנונפטיגער מענש מיט געפיהל זאָל דיא אידעע אָבלאכען און ארום איהר ריידען אָהנע רעספעקט. ווארום פון וואָס איז דאָ דאָ צו לאכען? און איז ניט חוזיק־מאכעניש אין אזא פאל העכסטע אידיאָטיזמוס? פרא־אדם — אינדיאנער וואָס איהר זיינט! מיינט איהר טאקע ווירקליך אז איהר קענט מיט אייערע פוילע וויצען פערדונקלען און דערשטיקען דעם אמת? און מיינט איהר טאקע אז דער ווערטעל „דוא קענסט ניט לעהרנען, קענסט ניט שרייבען, געה און ווער א מלמד“, איז טאקע להבדיל א תורה? איהר מיינט ווירקליך — אז ניט קענען, ניט וויסען, ניט פיהלען, און ווארפען מיט בלאָטע, און אָבשפּאָטען פון דער עהרליכסטער אידעע איז דיא אויפגאבע פון א אידישען שרייבער?

נור געה פרעג קשיות און זעץ אוים פעהלערען אויף אזעלכע קליינע מצרים'לאך, אויף אזעלכע רויטע חיים'לאך, אויף אזעלכע אונצייטיגע פילאָזאָפעלאך, און עס וועט האָבען א טעם וויא דיא חלה וואָס איין אמעריקאנער יונגע־ווייבעל באקט באלד נאָך דער התונה.

באלד נאָך דעם ערשטען טראסק לאָזט זיך דער „יאלעוועריקיד“ פערנאנדער און רעדט געדיכט וויא לעבער. אין זיין צומישטען צושטאנד רעדט ער — נעביך שטארק פון וועג. ער פאנגט אָן צו פרעגען שאלות וועלכע גרוילען איינפאך. פערשטעה גאָר ניט וואו עס נעהמט זיך דאָס אלעס בייא איהם, סיידען א „דיבוק“ רעדט עס אין איהם. דער גייסט פון א פּאַרצייטיגען „בליעל“ האָט זיך וואהרשיינליך געמוזט אריין כאפען אין איהם — איז מסתמא בייא איהם אריין געקראָכען און שטעהט דאָרטען איין אין לאָזשי און ער מאכט

עס אָן דיא גאַנצע צרות; ווארום אזעלכע הויכע געדאַנקען וויא עס פלייצט דאָרטען איז ניט פאַר היינטיגע מחות און ניט פאַר היינטיגע כחות. דער קערל פרעגט למשל מיט איראָניע דאָס אויב ער זאָל ווערן וועגעטעריאַנער וואָס וועט ער טאָהן אז ער וועט דארפען שלאָגען כפרות?

עס איז אפילו א זעהר טיעף־זיננינע שאלה, נאָר גראדע האָט געדארפט פאסירען א פאַל אין זיין לעבען דאָס ער האָט געשלאָגען כפרות מיט א ווייב גאָר אָהן א פארוואָס, און האָט פארוויסטעט א גאַנצע פאמיליע און דאמאָלס האָט ער ניט געפרעגט דיא שאלה ווי מען שלאָגט כפרות.

וויא וועט ער טאָהן, פרעגט ווייטער דיעזער ירא שמים, מיט תפילין, מיט מזוזות און מיט דיא גאַנצע תורה? אלעס איז דאָך געשריעבען אויף קעלבערנע פעלכלאַך; און וויא וועט ער קענען בלאָזען שופר אויב ניט מיט א האָרן פון א לעבעדיגען באראן; און וויא קען ער יעצט ערווארטען משיחן אז מען וועט דאן מוזען ווייטער מקריב זיין קרבנות; און וואָס מיט האָניג צו דער „המוציא“, וואָס קומט פון לעבעדיגע בינען? געוואַלד, שרייט ער, וואָס וועט ער טאָהן מיט זיין ביסעל אידישקייט?

דער דיבוק — א קלאָג נאָך יענעם פארצייטיגען בליעל — זיין אריינגעקראָכענער באָרדער רעדט עס אזוי פון איהם און מאַכט עס אָן אזוי פיעל צרות. ער אליין איז אפשר נעביך גאָר ניט שולדיג, ער האָט עס צו פערדאַנקען יענעם מאַכיטר, דעם דיבוק. עס איז א שרעק וואָס פאַר פראַגעס ער פרעגט. עס הויבט זיך איינפאַך דער מוח און מען ווערט צומישט און מען קען ניט ענטפערן. נור א שטיקעל גליק איז נאָך ווארומער דערלאַנגט שוין ניט פאראיינס א טראסק מיט נאָך א באָמבע. ווארום וויא וואָלט געווען, למשל, אויב ער וואָלט פאַר איין גאַנג נאָך דערלאַנגט א פרעג וואָס ער וועט טאָהן מיט א „פרה־אדומה“? וואָס א שטייגער קען מען דאן ענטפערן? נאָך אזא באָמבע אויב ער וואָלט א שליידער געטאָהן, בלייבט איינפאַך ניט איבער איין אנדער וועג סיידען אנטרונען צו ווערן נאָך תרשיש.

איהר זעהט האָטש וואו דער חברה־מאַן איז פערקראָכען?

איהר פערשטעהט חאָטש וויא מען קריטיזירט א אידעע? לעהרנט זיך וועניגסטענס איהר אָב א מוסר, און זינדיגט שוין חאָטש איהר ניט. מיט אזעלכע לעבערליכע, אומגעלומפערטע פראגען טרעט מען דאָס ארויס עפענטליך צו פיהרען א פּראָצעס, צו מאכען איין אנ־גריף, צו קריטיזירען א אידעע. איך בעוואונדער מעהר ניט וויא אזוי עס קומט דאָס איינער וואָס האָט גאָר דיא קונסט ניט גע־לעהרנט און קען פונדעסטוועגען זיין אזא פּראַכטפאָלער פּאיאַץ — אזא פאָלקאָמענער נארישער קאָמעדיאַנט.

דער חברה־מאן האלט ניט איין דעם פערד און גאַלאָפּירט האסטיג ווייטער. ער פרעגט וואָס וועט ער טאָהן מיט שטיוועל? עס איז דאָך געמאכט פון דיא פעל וואָס קומט פון א לעבעדיגען בעשעפענים?

און קלומפּעס?

פרעגט דעם וויסען־חברה'־ניק וואָס עס הערט זיך עפּעס וועגען קלומפּעס? וואָרום זאָלען זיך אזעלכע לייט מעהר שעהמען מיט קלומפּעס וויא מיט א פערדרעהטען קאָפּ?

אַלעס וואָס לעבט, פרעגט ער ווייטער, טאָהר מען ניט געניסען. נון, און גראָז לעבט דען ניט? וויא מעג מען אַלזאָ עסען ציבעלעס מיט רעטאך?

דאָ האָט איהר א בעל־רחמנותניק מיטן פולען הויפען. ביז יעצט איז איהם ניט איינגעפאלען צו האָבען רחמנות אויף דיא איידעלסטע געפיהלען פון מענשען — און יעצט פלוצלונג אויף ציבעלעס.

ווייטער געהן אוועק פראגען — עקעלהאפטע פראגען מיט שמוציגע אויסדריקע, אזעלכע וואָס קיין שרייבער בענוצט ניט — ווייל וויא קליין א שרייבער מעג זיין ווייס ער אלס פון דעם ניט אַנגעשריבענעס.נור פעסט־געזעצטען דין דאָס מען טאָר ניט פערלעצען דעם עסטעטישען — דעם איידעלען געפיהל פון א לעזער — מען טאָהר ניט שרייבען, אָפען וועגען ליאָד א שמוציגע, עקעלהאפטע זאך. ער פרעגט דאַרטען וואָס וועט ער טאָהן מיט דיא ברואים'לאך מיט וועלכע זיין הויז שיינט צוזיין בעלאגערט, וועלכע ער וועט

שוין ניט קענען אויסמערדען לאלפים ולרבבות פאלס ער זאָל ווערען א וועגעטעריאנער.

א זעהר איידעלע טהעמא ארום וועלכע צו ריידען — א שעה־נער טעקסט פאר א דרשה — איך האָב פיינט צו זאָגען. זייט איך לעב האָב איך נאָך ניע געזעהן דאָס א שרייבער זאָל זיך נעהמען אזא פרעכע ערלויבנים צו ריידען אזוי פאר זיינע לעזער. זאָל ער האלטען זיין הויז ריין, זאָגט איהם, דאן וועט דיעזע פראגע פון זיך אליין געלעזט ווערן, אָהנע דאָס ער זאָל דארפען „געשטרויכעלט" ווערן וויא ער האָט מורא און אויסמערדען פאר כעס אין א זומער נאכט א גאנצע „ארמעע קאָמיטע־לייט", וועלכע קומען איהם בעזוכען ווען ער האלט אין מיטן אָבגעבען קאָנצערט און כראָפּען.

דער פערד גאלאָפּירט אלס ווייטער און ווייטער און מען קען איהם גאָר ניט איינהאלטען. ער זאָגט דאָרטען דאָס ער האָט שוין ווידער מורא — ער ציטערט דאָס ער וועט ניט קענען עפּענען דיא מויל פאלס ער וועט ווערן א וועגעטעריאנער, ווארום אין דער לופט שוועבען ארום פיעל מיליאָנען „קליינציגע" חיה'לעך וואָס ער וועט מוזען „צוקנאקען" מיליאָנען־וויין מיט דיא ציין — אזוי דריקט ער זיך אויס.

איהר הערט פילאָזאָפיע? מען קען איינפאך חאלעשן פון זיינע אויסדריקע און פון זיינע פערדאמטע איינפעלע. אין זיין פאל, מיין איך, וואָלט טאקע פיעל גלייכער געווען דאָס ער זאָל דיא מויל ניט עפּענען לכל הדעות — וועגעטעריאנער אָדער ניט; ווארום אָפּט איז דאָס וואָס קומט ארויס פון זיין מויל פיעל אונריינער וויא דאָס וואָס קען דאָרטען אריין קומען.

פאר יציאת הנשמה — צור ענדע פון זיין „ימש־חשך" רעצענ־זיע, שפּרינגט ער פּלוצלונג ארויס פון דער העלער הויט, און בע־וויזט בעשיינפערליך אז איין פונט פלייש האָט מעהר נאהרונג אין זיך אלס 10 שיסלען קארטאָפלעס. וויא גרויס דיא שיסלען זיינען, מעסט ער ניט אָב — דער סוחר האנדעלט אגולניע, אין האָלסייל. א ניי־מאָדנער בעמיקער צו געקומען — מזל־טוב! ער בעווייזט אויך אז מענשען וואָס לעבען אויף פלייש לעבען ביז 70, 80 יאהר, וועה־רענד חיות וואָס עסען היי און האָבער לעבען קוים אריבער 20 יאהר.

דיעזע בעהויבטונג איז זעהר ריכטיג — פאָטאָגראַפיש אמת! אלע מענשען וואָס לעבען אויף פלייש, זאָגט ער, לעבען ביז 80 יאהר, און אלע חיות וואָס עסען פלאַנצונגען לעבען קוים אריבער 20 יאהר. אויך אָבגעמאָסטען אגולניע — דער קאָסטימער האנדעלט נור האַל־סייל. ער וויל ניט וויסען פון פאקטען — דיעזער נייער צוגאָב צו דיא צרות — איך מיין, דיעזער חעלמער נאטור פאַרשער, נור גרעה רייד מיט אזא חברה־מאן אז דאָס ווייס ניט — וויל ניט וויסען דעם אמת. אלע ווייסען, אויסער גאנץ אלטע שוויגערס וואָס זיינען נאָך איבערגעבליעבען פון פארן מבול, און הינקעדיגע שלים־מזלניקעס, אז דורכשניטליך לעבט בלויז דיא מענשהייט 17 און א פיערטעל יאהר; און בהמות, דיא וואָס עסען פלאַנצונגען. לעבען דורכשניטליך אריבער 25 יאהר. עס איז טאקע אמת אז עס גיבען פעלע — בלויז פעלע פון אזעלכע מענשען וואָס לעבען אריבער 80 יאהר, נור דער דורכשניטליכער לויף פון מענשענס לעבען, היינטיגע צייטען, אין אלגעמיין איז רעדוצירט געוואָרען אויף בלויז 17 און איין פיערטעל יאהר. וועהרענד דער דור שניטליכער לעבען פין בהמות איז בערעכענט אויף 25 יאהר. מאנכע פון דיעזע חיות וואָס עסען פלאַנצונגען גרייכען דיא עלטער פון מתושלח — אונז צו לאנגע יאהר. דער עלעפאנט, אויב ער לעבט א נאטירליכען לעבען, איז בעוואוסט צו גרייכען 1000 יאהר. זייער דורכשניטליכער לעבען איז בערעכענט אויף 300 יאהר. דער הירש לעבט דורך שניטליך 40 יאהר. און אזוי לאנג לעבט אויך דורך שניטליך דיא חיה בעוואוסט מיטן נאָמען „נאָז־האָרן" — א בעזאָנדערס שטארקע חיה, וואָס לעבט נור אויף צמחים. דער שעפס איז א שוואַכע, צוקראָכענע בריאה און זאָגאר אויך דיעזער קאָסטימער פייערט אָפט זיין 25 יעהריגען געבורטסטאָג — דאָס הייסט אויב דער שוחט מאכט ניט א ברכה אויף איהם פריהער. דער אָקס לעבט דורך שניטליך 30 יאהר. אָפט לעבען זייא לענגער און דערפון קומט ארויס גרויסע צרות. ווארום דיא ביף־סטייק פון זייא פעראורזאכט נאָכהער אז מאנכע מאנזבילען קאָכען זיך פערנאנדער און בילען און בורטשען; און אום צו רייצען זייערע פלגנית'טעס רופען זייא בכיון אריין א שוכטער ווען דער סטייק ליעגט אויסגעצויגען פלאך אויפן

טיש, און הייסען איהם צו פעררוכטען זייערע שטיוועל דערמיט; און פאָרדערן פון איהם דאָס ער זאָל מאכען פאַרעשוועס פון דיזע ביף־סטייקס וואָס קומען פון אזעלכע אלטע אָכסען. ניט קענען זאָל מען אזעלכע „מאנכבילען", דיא וואָס בילען נאָכאנאנד; און ניט קענען זאָל מען אויך שלעכטע קריטיקער, אזעלכע למשל וויא אונזער מחותן דער „היגקעדיגער שלים־מזל" וואָס ווייס ניט און וויל ניט וויסען פון אמת, און פאבריצירט פאקטען בייא זיך אין קעלער גלאט אזוי אין דער וועלט אריין.

און דער שלים־מזלדיגער קאליקע האָט נאָך אלס ניט גענוג און פאָהרט וויטער און באָמבארדירט אלס שטאַרקער און שטארקער. רעדט אָהן א בייז־אויג געדיכט און געשווינד — מורא טאָמער וועט עס ווער אייסכאפען — נור אלס ניט צו דער זאך. רעדט וויא פון א פיבער, נאָך ניטאָ דאָרטען איין זאץ וואָס זאָל זיין לאָגיש. אז איך זאָל זיך וועלען אָבגעבען אין גאנצען מיט איהם, און געהן טריט אין טריט און איהם וויזען וויא יעדער זאץ דאָרטען איז איין אוצר פון אונוויסענהייט, פון פרעכע גראָבהייט; און וויא יעדער זייטעל דאָרטען איז סותר דיא צווייטע, און זאָגט פונקט קאפויר וואָס יענע זאָגט פריהער — אז איך זאָל זיך וועלען פערנעהמען דערמיט און איהם בעווייזען וויא יעדער פון זיינע אויסדריקע עקעלט און סקריפעט, און מאכט א ווירקונג אויף דיא נערווען וויא א טשוואק טהוט בשעת מען קראצט עס אויף א שויב — אז איך זאָל דאָס אלעס וועלען טאָהן, וואָלט איך בעדארפט מאכען דיזען קאפיטעל גרעסער וויא זיין גאנצער „לוח". נור איך וועל עס מאכען קורץ, און וועל בלויז בעמערקען דאָס מענשען וואָס האָבען קעפ פול אָנגעפאקט מיט לינזען — אייגפאכע שמירער; חברה אזעלכע וואָס האָבען נאָך ניע עפעס רעכטעס אליין געשריעבען, און האָבען פון דער לאָגיק ניט דעם קלענסטען בעגריעף — אזעלכע חברה נעהמען זיך אין דער מחנה דיא פרעכע ערלויבנים צו קריטיזירען. זייא מוזען וואהרשיינליך מיינען דאָס דער פסוק „ירהבו הנער בזקן והנקלה בנכבד" איז א מצות־עשה. איך מיין דאָס איידער צו שרייבען איין אומגעלומפערטע רעצענזיע איז שוין פיעל גלייכער צו שרייבען איין ארטיקעל איבער 2 וואורשטלאך וויא אזוי זייא האָבען א דיספוט", אָדער

איין ארטיקעל וויא ער ליעגט אין קינדבעט — 2 ארטיקלען מיט וועלכע ער האט זיך קונה-שם געווען. און אויב דאס פובליקום וויל דאך שוין מעהר ניט לעזען אזעלכע „ערהאבענע“ ליטעראטור, און דער נאר שפארט דאך — וויל דאך ביין עולם דערמאהנט ווערען. דאן נעהמט מען בעסער ירמיה'ס עצה פון „כחי כנור זונה נשכחה למען תזכרי“. אבער קריכען אויף פרעמדע קברים, אין פלעצער וואו מען בעלאנגט ניט, און דאס נור צוליעב דעם צוועק צו ערניעדערי-גען א חבר; און דאס נור אום זיך גרוים צו מאכען, אזא זאך צו טאהן איז א גראבע געמיינהייט. דאס איז א חוצפה ערשטע קלאסע, און מען טאהר אזא זאך ניט פערשוויגען. נור איך, דענק עס וועט זיין גענוג — „פרשה קרח“ איז געענדיגט!

קאפיטעל.

דעם פאלגענדען בריף האב איך נאך אפילו ניט ערהאלטען, נור וואהרשיינליך וועט עס שוין דיא צייטען אנקומען. דערווייליע גיב איך עס דא איבער; ווייל איך וויל דער לעזער זאל זעהן דאס איך בין ניט גענארט — וויים גענוי וויא דער קורז האלט. אויף דעם אינהאלט פון בריף האב איך קיין פירושים צו מאכען — אפילו קיין ענטפער צו געבען. איך לאז עס גענצליך איבער צום לעזער. זאל ער דעריבער אליין אורטהיילען — בין ניט מחויב פון אלעמען אויסצו-שטעהן, ליידען און ענטפערן.

* * *

„— קען מיט אייך נאך אלעמען ניט איינשטימען“, איז דער ערשטער ארויספאהר פון מיין פריינד אין זיין לאנגע מגילה. „אור-זאכע, ווייל איהר פרעדיגט אייער לעהרע, דיא לעהרע פון „לא-תרצח“ אדער פיהל צו פריה, אדער פיעל צו שפעט; און אלס ער-פאהרענער מענשען קענער האט איהר עס גאר אליין בעדארפט גוט וויסען.

„איהר פרעדיגט א לעהרע פון „וחי בהם“ פון „לעב און לאז לעבען“. איהר פערלאנגט דאס דער מענש פון היינט זאל זיך מענש-ליכער אויפפיהרען. דענקט איהר ווירקליך דאס אזא זאך איז לייכט אויסצופיהרען אין דיזער „כל דאלים גבר“ פעריאדע — אין היינ-

טיגער כאפּ און פּרעס, כאפּ און זויף צייט? מיר ווערן ברוטאליש בעהאנדעלט, און גראדע אזוי, מיין הארר, מוז זיין אונזער אויפפיהרונג — און באסטא! אומזיסט אלזאָ אייער רייד! דער יעצטיגער צושטאנד וועט ניט דערלאָזען אז דער מענש זאָל זיך ערנעהרן אויף איידעלע שפּייז אזעלכע וויא איהר רעקאָמענדירט. פלייש — בלוט — שטארקע משקה — אלעס שארף — עס זאָל דערלאנגען א כאפּ ביין הארצען — א טראסק אין נאָז! דאָס מיין פריינד פאָרדערט היינט דעם מענשען אלס נאהרונג, אום זיך דורך צודרינגען דורך דעם ביטערן קאמפּף פיר עקזיסטענץ.

איך זעה איהר פערקרימט זיך — עס שיינט דער עסק עקעלט אייך — עס געפעהלט אייך ניט דאָס גאנצע שפּיעל — ביי אייך זעהט אויס משונה-ווילד דער פרעגלען, שמאָרען, בראָטען, מארעניגרען דאָס פלייש פון א לעבעדיג־דערמערדערטער מיט־בעשעפענים, פון א מיט־בריאה וואָס בעזיצט כמעט דיא זעלבע חושים, פעהיגקייטען וויא דער וואָס עסט איהר — עס גרוילט אייך אויף צו זעהן וויא מענשען מאכען געריכטען פון מארך, פון הארץ, פון לונג און לעבער, פון דיא ניערען, פון דיא אינגעווייד זאָגאר, פון דעם גאנצען לייב און לעבען פון א לעבעדיגע בעשעפענים וואָס זעהט וויא איהר, וואָס הערט וויא איהר, וואָס געהט, ייאָס שלאָפט, וואָס עסט, וואָס פיהלט, — איך הער וויא איהר בורטשעט און זאָגט עס איז ניט שעהן, ניט ריין, ניט רעכט, דאָס עס איז שרעקליך, גרויזאם — איך זעה, איך הער, איך שפּיהר וויא איהר זאָגט עס אלעס און מיינט נאָך מעהר. נור וויא נאריש! וויא לעכערליך! נעהמט אָבער אין אנבעטראכט דיא טהייערע ברוטאלישע קראפט וואָס אזעלכע ווילדע, העסליכע שפּייז בעזאָרגט דעם היינטיגען מענשען וואָס מוז דאָס האָבען. בעטראכט וויא אזעלכע שפּייז ערוועקען דיא ניעדריגע נייגונגען, וויא פייערדיג זייא צוקאָכען דאָס בלוט! איהר מיינט פילייכט דאָס אייערע ווייבערשע מאכלים וואָס איהר רעקאמאנדירט קענען עס בעוויזען? דענקט איהר אפשר דאָס אפּעלצינען און מאנדלען קענען אזעלכע וואונדער אויפטאָהן? ניין, אדוני פריץ! נור בלוטיגע ביף־סטייק — נור שארפע משקה קענען דאָס אויספיהרען! דאָס איז סחורה היינטיגע צייטען! און פרעדיגען דאגעגען,

און קריטיזירען דעם עולם דערפאר, איז נאריש — לעכערליך! אוי־סערדעם וועט איהר גאר יעדענפאלס ניט אויספיהרען — קיינער אין אייער פאך האט נאך יא אויסגעפיהרט. און פאלגט מיר, און הערט אויף אויף זיך נאריש צו מאכען. הערט אויף זיך ארום צו טראגען מיט אזעלכע בעטריבליכע געדאנקען. פערטרייבט זייא פון זיך וויא דיא חאלעריע — יאגט זייא פון זיך אוועק — ארויס און „פאשאל וואן" נאך אלדע שווארץ יאהר, אמן סלה! ווארום זאנסט זיינט איהר, גוטער ברודער, א פערלארענער. צו זיין איין שעפס צווישען א באנדע וועלף איז א זעהר אונאנגענעהמע ביזנעס.

אייער מיהע, מיין פריינד, איז גענצליך אומזיסט. ווארום וואס העלפט שעהן זינגען אין א בלעך-פעקטאריע? ווער וועט אייך צו הערען אויף א יריד וואו אלע פליהען ארום פערשמייעט, ווען איהר זאלט פארלעזען אפילו דאס ערהאבענסטע פאעמא? אייערע אר־גומענטען, מעגען זייא זיין וויא ריכטיג, וויא שטארק, זייגען אבער וויא ארויסגעווארפען ווען איהר לעגט זייא פאר פאר איינעם וואס זיין גאנצע געביידע איז גענצליך רעגירט פון ליידענשאפט.

און פון ליידענשאפט זיינען יעצט אלע רעגירט. יענע שעהנע צייט וואס איז געווארען פערזיכערט ביי דיא גרעסטע, דאס דער וועלט'ס ארדנונג וועט ווערן רעגירט פון א געטליכען גייסט — א גייסט פון חכמה און פערשטאנד, פון א געפיהל פון יושר און גערעכ־טיגקייט — יענע שעהנע צייט איז נאך ניט אנגעקומען —

— יענע ליעבליכע צייט ווען וויסענשאפט וועט ווערן אנגע־פיהלט אין דער וועלט וויא וואסער אין ים — יענע ליעבליכע צייט איז נאך ניט אנגעקומען — יענע געווינשטע צייט ווען קנאה, שנאה וועלען ווערן איינגעזונקען וויא קרח און זיין פרעהליכע קאמפא־ניע — ווען אפרים וועט ניט מעהר מקנא זיין יהודה'ן, און יהודה וועט ניט מעהר רייצען אפרים'ן — יענע געווינשטע צייט איז נאך ניט געקומען. —

— יענע פריעדליכע צייט ווען דיא פעלקער וועלען צערשטוי־סען זייערע געוועהר, און וועלען דער פון מאכען אקער אייזענס, און זייערע שווערדען וועלען זיי פערוואנדלען אין שנייד־מעסער;

און זיי וועלען זיך שוין ניט ערקלעהרען מלחמה איינס א צווייטע יענע פריעדליכע צייט איז נאָך ניט אָנגעקומען—

— יענע אנגענעהמע צייט, ווען זאָגאר פארצוקענדע חיות וועלען ווערען וועגעטעריאנער — ווען דער לייב זאָגאר וועט עסען שטרוי וויא דער אָכס; און דער וואָלף מיט דעם שעפּס, צוזאמען מיט דעם לעמפּערט און א ציג, וועלען אלע אין איינעם וואָהנען בייזאמען, און א קליינער איינגעל וועט זיך מיט דיעזער גאנצער האלאסטרע לצים ארומפיהרען איבער דיא גאסען, און וועט מיט דיזע חברה פארברייגען געמיטליך דיא צייט און וועט מיט זיי אין איינעם לעבען א גוטען טאָג — יענע אנגענעהמע צייט איז נאָך לײדער ניט אָנגעקומען.

צוואר איז שוין א טהייל פון דיעזע נבואה יא פערווירקליכט געוואָרען, נור לײדער איז דיעזער שעהנער לופט־בילד פערווירקליכט געוואָרען אויף אן אנדער ארט. עס איז אמת, למשל, דאָס פערשיע־דענע חיות וואָהנען שוין יעצט אלע אין איינעם, און לעבען אלע צוזאמען א גוטען טאָג; און זיינען זעהר היימיש, און שלאָפען שוין אלע צוזאמען מיט דער מאמעס קדיש, און זיי קריכען זיך לאנגזאם ארום נעבען אייוועז און זיינען פול אומעטום — אפילו אין בעט, אפילו אין דיא זויער טויג און אין דיא שטיוועל און אין דיא הייזער פון אונזערע קנעכט און איבעראל אויסער אין טייך, אזוי וויא דיא „צפרדים“ אין מצרים; נור דיא צרה איז דאָס דיא חיות וואָס וואָה־נען יעצט אלע אזוי געדיכט אין איינעם זיינען ניט פון יענעם זאָרט וואָס דיא נבואה מיינט. דיא קאָסטימערס וואָס בעלאגערן אונז היינט אזוי געדיכט און זיינען פול אין דיא הייזער, און אין שלאָף־צימער, און אין דיא בעטען, און אין דיא הייזער פון אונזערע קנעכט, און אין אויוועז, און אין דיא זויער־טויג או איבעראל אויסער אין טייך, זיינען גאָר פריילעך — איך בעט איבער אייער כבוד! וואנ־צען זיינען זיי גאָר — א רוח אין זייערע טאטעס אריין!

און וואָס אָנבעלאנגט דער אויסזיכט פון צערשמעטערן דיא געוועהר און פון דיעזע מאכען אקער־אייזענס, און פון דיא שווערדען צו פערוואנדלען אין שנייד־מעסערס, האלט עס נאָך אויך ניט דער־ביי — נאָך א צימליך נעטע שטרעקע וויט פון דיעזער בליהענדער

צייט. פערקעהרט, האָב נאָך שטארק מורא אז עס וועט שוין באלד ניט בלייבען אפילו איין אקער אייזען, איין שנייד־מעסער אויף א רפואה. ווארום אלעס פון אייזען ביז פּימפּסען האַלץ ווערט שוין יעצט גאָר פערוואנדעלט אין געוועהר, אין קריעגס־שיפען, אין אלער־ליי מיטלען וויא נור אויף גיך צו פערניכטען און אויסצומערדערן דיא מענשהייט. עפּעס א קלייניגקייט וואָס עס טהוט זיך יעצט אָפּ! זיצען מענשען אָפּ ימים ולילה — ניט על התורה ועל העבודה, און נור מען קלעהרט וויא אויסצוראָטען גאנצע מדינות, גאנצע פעלקער.

און אונטער אזעלכע אומשטענדען וויא עס רעגיערט היינט, קומט אָן דער „בעל־החלומות“ — מיין דאָס טאקע איך, רב חכם; און לעגט פאַר א שפּאָגעל נייעם פּלאן, א פּראָיעקט דאָס דער עולם זאָל אָנהויבען צו עסען ראָזשינקעס מיט מאנדלען, איינגעמאכטס און נאָך אזעלכע דעלעקאטען וואָס פּאסט פאַר א קינדבעטאָרין. ריכטיגע אכילות פאַר היינטיגע מענשען! פּאסענדע שפּייז פאַר א היינט־וועלטיגען חברה־מאן — גראדע וויא צו געוואונשען — ני־טאָ וואָס צו ריידען!

אז איך וואָלט אָבער געווען איהר, ווייסט איהר וואָס איך וואָלט פערשריעבען — וואָס מיין שפּייז קארטע וואָלט געלויטעט? איך וואָלט פערשריעבען סמאָלע — פעך — שוועבעל — און ניט איינגעמאָכטס! וואָס ווילט איהר—פער׳סמ׳ען זיי צו אלדע שווארץ יאהר? האָט־ישוין גאָר ניט וואָס צו טאָהן, וויא נור צו פּער־סמ׳ען מענשען? וויא אזוי — פרעגט איהר? אז איהר הייסט היינ־טיגע מענשען עסען אזעלכע ווייבערשע געריכטען וויא איהר רעקאָ־מענדירט, הייסט עס אזוי פיעל וויא איהר וואָלט זיי א עצה געגעבען צו עסען סם. ווארום מיסשטעהנס געזאָגט, וואָס קען נעביך ווערען פון א ליטווינישען פויער, להבדיל, אז איהר זאָלט איהם קאָרמענען מיט שאָקאָלאדע? ער מוז פון אזא געריכט קריגען דיא חאָלעריע — דאָ העלפט שוין קיין טאטע! אזא דעלעקאט איז פאַר איהם צו איי־דעל, אויב איהר ווילט איהם טאָהן א טובה, קארמעט איהם מיט אלטע געשמאָרטע חזיר, מיט גראָבע קאשע צוגעפּרעגעלט מיט חלב׳דיגע ליכט, מיט פּומפּערניקעל און גרינע זייף — דאָס איז סחורה פאַר איהם! אָבער וואָס ווילט איהר נעביך פון איהם און

איהם אָבקירצען זיינע יאָהרען מיט שאָקאָלאדע? וויא קומט ער דערצו? און וויא קומט דער היינט־וועלטיגער מענש צו איידעלע שפיין?

וואָס מיינט איהר אייגענטליך — מענשען קומען יעצט אָקאָרשט פריש פון גאָט?

און וואָס אייגענטליך דענקט איהר — מיר געפינען זיך יעצט אין גן־עדען?

מיר געפינען זיך יעצט ליידער אין א קאלטע, אייגענניציגע אונערבארעמליכע וועלט, און א שפיין קארטע וואָס זאָל צופאסען אזא צושטאנד זאָלט איהר פערפערטיגען. דערלאנגט עפּעס מאכלים וויא מיינע לייט האָבען ליעב — שטארק, שארף, בלוטיג! שפייז וואָס זאָל אָנצינדען אין דער מענשליכער געביידע א פייער וואָס זאָל פלאקערן וויא דער פייער פון גיהנום. דאן, מיין פריינד, וועט איהר האָבען אנהענגער. נור גלויבט מיר דאָס איהר מאכט איינעם דאָס ער זאָל זיך קראנק לאכען, ווען איהר פערטהיידיגט אייערע געריכטען אין היינטיגע צייטען. געה און לעב אויף ראָזשינקעס מיט מאנדלען אונטער אזעלכע קלאָגעדיגע אומשטענדען וויא מיר געפינען זיך היינט! עס איז נור צום לאכען — א וואהרע קאָמעדיע, וויא איהר זעהט מיך לעבען!

נור איך לאך ניט — רייד ליידער מיט א פערביטערטע הארץ. איך רייד פון ערפאהרונג. ווארום „אויך איך וואהר אין ארקאדיען געבאָרען״ — איך בין אויך געוועזן איבערגעבען מיין גאנצען לעבען מיט דער שעהנער אויפגאבע צו לעהרנען מענשען אום צו פערבעסערן זייער לאגע. אויך וואהר איך מיט דיזער נאָבעלער שליחות מיין גאנצען לעבען פארנומען — אָבער „נור מרעהרען גאב דער קורצע לענץ נור מיר״ בלויז וועהטאָג, צער, עגמת־נפש און פעראכטונג איז געוועזן מיין בעלאָהנונג.

„את מי יורה דעה ואת מי יבין שמועה״ — ווען וועמען ווילט איהר לעהרנען און ווער וועט אייך הערען? ישעיה — דער קאָלאָסאלער גייסטרייכער ריעז, דער ערשטער וואָס האָט אזוי אָפען, אזוי דרייסט ארויסגעטרעטען מיט'ן „למה לי רב זבחיכם״ — וואָס האָט אזוי העפטיג פערדאמט דיא חברה „הלומי יין״ — וואָס האָט

אויסגעלעגט אזא פינסטערן סוף צו יענע לייט וואָס ביי זיי שפיעלט דיא הויפט ראָלע דער „הרג בקר ושחט צאן, אכל בשר ושתות יין“— וואָס פון אָנפאנג ביז צור ענדע לאָזט ער ניט אויס איין געלעגענהייט, און דונערט און פערדאמט די לייט וואָס עסען פלייש און טרינקען וויין אין אלגעמיין,. און די וואָס פרעסען אלעס-שמוציג און טריף, „בשר החזיר והשקץ והעכבר“. אין בעזאָנדערן—ישעיה, דער גרויסער ישעיה האָט ניט געקענט אויספירען מיט דעם „עם טמי־שפתים“ און וויא ערוווארטעט איהר עפּעס אויפצוטאָהן?

און קיינער וועט עפּעס אויספיהרען. ווארום כל־זמן דיא מענש־ליכע ליידענשאפטען וועלען רעגיערען דער וועלטס אָרדנונג — כל־זמן ראַסען און קלאַסען האָט וועט רייסען און בייסען מיט ווילדען כעס — כל־זמן דיא גאנצע מענשליכע משפחה וועט אָנהאלטען זיך צו רייסען פאר דיא האָאר, זיך גראבלען ביי דיאנעזער, פאר דיא שרעקליכע חטאים דערפאר וואָס איינער איז געבאָרען שווארץ איי־נער וויים; על חטא וואָס איינער איז געבאָרען א „שמעריל“ איינער א „יאשעק“; על חטא וואָס איינער איז געבאָרען אין „בייערן“ איינער אין „סמארגאָן“; על חטא וואָס איינער קען דיא לאטייני־שע שפראך און א צווייטער וויים צו מאָהל ניט וויא הויך דער בארג „אררט“ איז — כל־זמן דיעזע און אזעלכע „חטאים“ וועלען שפּילען א פּראָמינענטע ראָלע אויף דער ביהנע פון דער וועלט'ס טהעאטער, וועט איינער א צווייטען אָנהאלטען מכבד צו זיין מיט סקילה — שרפה — הרג — וחנק; וועלען זיך איינער א צווייטען אָנהאלטען צו גראבלען, קנייפּען, צופּען, ווערגען — אויב עס איז דאָ פאר וואָס, אויב עס איז ניטאָ פאר וואָס. אונגאטירליכער ווייזע מוז שוין אויך אָנהאלטען דיא מיזעראבעלדיגע סיסטעמע פון פלייש עסען. ווארום דער מענש דארף האָבען שפּייז ניט נור אליין צו ערנעהרען זיין געביידע, זאָנדערן אויך פאר דער צופרידענהייט פון זיין כאראקטער. יעדער בעשעפעניש אין דער נאטור קלייבט אויס פיר זיך שפּייז אזעלכע וואָס שטעלט צופרידען איהר כאראקטער גראדע ווי איהר קערפּער. די טויב, למשל, וועלכע איז אזוי שעהן און אזוי ליעבליך און אזוי אָרדענטליך עסט בלויז קערנער. ווייל קערנער ענטהאלטען אין זיך לעבען אין דעם פאָלקאָמענסטען פאָרמאט, און אזוי ווי די טויב

בעזיצט א גוטען און ליבליכען כאראקטער, פֿאָרדערט זיא פאר איהרע שפּייז ריינע און פֿאָלקאָמענע שפּייז. דער חזיר, דאגעגען, פרעכט שוין וויא א חזיר — ווייל ער איז א חזיר, און ער מוז האָבען שפּייז וויא עס פּאסט פאר זיין כבוד. ער האָט א חזירשען כאראקטער און ער פֿאָרדערט חזיריוואטע מאכלים — און דאָס זוכט ער אויס און קוויקט זיך דערמיט און איז צוופריעדען,—און א חזיר בלייבט א חזיר. „מלפנו מבהמות הארץ ומעוף השמים יחכמנו"—מיר קענען זיך לערנען פון די בהמות אויף דער ערד און פון די פייגלאך דאָרטען אויבען קענען מיר זיך קליגען, זאָגט איוב; און דיעזע לעהרנען אונז גראדע וואָס איך בעהויפּט יעצט — דאָס דער מענש דארף און מוז האבען שפּייז צופריעדען צו שטעלען זיין גייסט גראדע אזוי גוט ווי זיין קערפּער. דערפאר זאָג איך דאָס דיא אונגליקליכע סיסטעמע פון פלייש עסען מוז שוין אָנהאלטען אזוי לאנג ווי דער מענש וועט אָנהאלטען זיך אויפצופיהרען לויט זיין יעצטיגען נוסח. עס קען שיין אנדערש ניט זיין, ווארום א היינט־וועלטיגער כאראקטער קען קען ניט ציהען חיונה פון א געבלעטערטען קוגעל. קיין זאך קען עס ניט צופרידענשטעלען וויא בלוטיגע ביף־סטייק — און אייערע רייד איז דערפאר אומזיסט, וויא ארויסגעוואָרפען — עס קען אנדערש ניט זיין א סוף דער פון!

* * *

ביז אזא אונגליקליכע אָרדנונג וויא עס רעגיערט היינט וועט אָנהאלטען צו רעגיערען דיא מענשליכע משפּחה, קען אפילו וויסענשאפט פערפלייצען דיא וועלט; און אלע, אפילו קינדער, וועלען קענען לאטייניש, און וועלען וויסען וויא הויך דער בארג אררט איז, און וויא לאנג דער ירדן איז און וויא ווייט דיא זון איז; און נאָך א מאשין צו מאכען סקארפּעטקעס וועט ווערען ערפונדען און נאָך א גיכערע צוקאָכענעש וועט ווערען געמאכט — און עס וועט אלט קיין מזל ברכה האָבען! עס וועט אלס דיא לאגע פון דעם מענשען ניט פערבעסערן, זיין געפיהל ניט פערפיינערן און דיא מענשליכע משפּחה וועט אלס ניט געהאָלפען ווערען. עס וועט ניט פערבעסערען דעם צושטאנד פון מענשען ביז ער וועט אָנהויבען צו פערשטעהן דיא וויכטיגקייט פון אייניגקייט! פון „הלוא אב אחד לכלנו

הלוא אל אחד בראנו מדוע נבגוד איש באחיו לחלל ברית אבתנו"— איין פאָטער צו אונז אלע, איין גאָט האָט אונז בעשאַפען, ווארום אלזאָ זאָלען מיר איינער א צווייטען פאלש זיין און אויף אזא ארט פערלעצען דעם בונד פון אונזערע עלטערן". ביז מענשען וועלען ניט פערשטעהן דיעזע וויכטיגע ואהרהייט — דאָס אלעס אויף דיזער וועלט איז איינס! אחד! און דאָס מיר אלע זיינען א טהייל פון דיעזען גרויסען אלמעכטיגען — אחד! דאָס אלעס אין דער נאטור, מעג עס זיין ניעדעריגער פאר אונז אָדער העכער — מעג עס זיין שווארץ, רויט, לאנג־צעפיג, א יאשעק, א שמעריל, א בייער, א ליטוואַק — אלעס — אלעס אויף דער וועדלט — אפילו דיא חיה, אפילו דער דומם, דער צומח — דאָס אלעס אין דער נאטור איז א טהייל פון דעם גרויסען אחד! ביז דער מענש וועט ניט וועלען פערשטעהן און אנערקענען דיא וויכטיגקייט פון דיעזען אמת, וועט קיין פראגע געלעזט ווערען — אייערע געווים ניט. ווארום אויב איינער מיט א צווייטען האלטען זיך פאר פרעמד — האָבען מיט איין אנדער קיין בעצוג, טאָ וואָס קען אויף זיי ווירקען דאָס זיי זאָלען זיך בעקימערן אומאייננאנדער? וואָס קען זיי אָבהאַלטען זיי זאָלען אונטער אזעלכע אומשטענדען ניט איינער א צווייטען וועלען איינשלינגען, אויפעסען, פערניכטען? *)

אין מיין געדאנקען שטעל איך זיך אָפּט פאָר, דאָס א בלעטעל אויף

---

*) האָב אימער געגרען צו הערען יענע שעהנע אנעקדאָטע וויא אזוי צוויי סאָלדאטען פוןביידע צדדים, אין דער רוסיש־מירקישע קריעג האָבען זיך געטראָפען אין דער צייט פון מלחמה. שוין זיינען ביידע געוועזן פערטיג איינער דעם צווייטען צו מאכען דעם טוידט, ווען פלוצלונג האָט דיא אויג פון יעדערן דערקענט אין צווייטען דאָס ער איז א איד. זיי האָבען ביידע מיט איין מאָל אויסגעשריען „שמע ישראל יהוה אלהנו יהוה אחד!" און ביידע האָבען צו דער ערד געוואָרפען דיא געוועהר. זיי האָבען אנערקענט דיא אייניגקייט — דאָס האָט עס פעראורזאכט. דיא פילאָזאָפיע פון „הלוא אב אחד לכלנו אל אחד בראנו," האָט זיי אבגעהאלטען פון בלוט־פערגיסונג.

* * *

א צווייג פון א בוים וואָס וואקסט אין דיא סויט־איסט זייט — וואו דיא זון שיינט אויף איהר מעהר, און דער ווינד פלאגט איהר וועניגער וויא יענע בלעטעל וואָס וואכסט אויך אויף דעם זעלבען בוים נור אויף דער אנדער זייט, אויף די נאָרד־וועסט זייט וואו זי איז ניט אזוי גינסטיג פערזאָרגט און וואו זיא ווערט גיכער און פריהער פערוויאלעט און דערשלאָגען וויא איהר גליקליכע שוועסטער אויף דער אנדער זייט—שטעל זיך פאָר, ווי דיזע בלעטעל מוז אויך ניט פערשטעהן דאָס יענע בלעטעל אויף דער אנדער זייט איז איהרע א „לייבליכע“ שוועסטער — איין בלוט און פלייש, וויא דער עולם זאָגט. דיעזע גליקליכע בלעטעל מוז אויך אפשר מיינען דאָס דערפאר וואָס זיא איז בעסער פערזאָרגט און ווערט ניט אזוי גיך פערוויאלעט וויא יענע אונגליקליכע אויף דער אנדערער זייט, דאָס זיא איז דערפאר מעהר יחסן׳טע — א גרעסערער תכיף; און יענע בלעטעל פון דער אנדער זייט איז א ליטוואק—א שלאק פון זיין ליבען נאָמען. נור גלויבט מיר דאָס זי מאכט אין איהר מיינונג א גרויסען מיסטייק. זיי קענען איינס—שטאמען פון איין טאטען—שעפען חיונה פון איין קוועלע, און אויב איהר גלויבט מיר ניט, פרובירט זייט מוחל און נעהמט א בליישטיפט און ציהט עס לאנגזאם ארונטער פון דעם שפיץ בוים ביז צום וואָרצעל, און איהר וועט אויף אזא ארט דערגעהן דאָס דיעזע ביידע בלעטלאך ציהען זיך פון איין קוועלע.

און יענער מאכער! דער שטאָלצער צעדערבוים פון לבנון, מוז אויך געוויס מיינען דאָס ער אליין איז דער יחסן און יענער קליינער, דערשלאָגענער בוים׳ל וואָס וואכסט פון דער אנדער זייט ירדן — אין איישישאָק ערגעץ, וואו דיא אומשטענדען לאָזען ניט וואכסען גרויס; דאָס דיעזער קליינער חיים׳ל, דיעזער פיצעלע בום׳ל האָט מיט יענעם תכיף, מיט יענעם פאָמפע פון לבנון גאָר קיין שייכות. נור דאָס איז פון זיין זייט אויך א פאלשע מיינונג. ווארום נעהמט און שפיהרט נאָך דיא אבשטאמונג און אורשפרונג פון ביידע בוימען, און איהר וועט ווערען ערשטוינט אויסצוגעפינען דאָס דיזע ביידע בוימען זיינען נאָהענטע מחותנים — לייבליכע פריינד — שטאמען פון איין טאטען, ווארום ביידע שטאמען פון דער איין ערד —און פון דיעזען איין ערד, רבותי, שטאמען מיר אלע; און דאָרטען,

מיינע הערזן, וועלען זיך אומקעהרען אלע ארפגעפאלענע בלעטלאך — מיר אלע וועלען זיך ענדליך דארטען צוריק פערקלייבען. אהין, פריינד, וועלען מיר אלע פאהרען אהיים — פריהער, שפעטער!

* * *

און ביז דיא צייט וועט אנקומען און מענשען וועלען ענדליך איינזעהען דיעזען אמת — ביז דיא צייט ווען דיא גאנצע מענשליכע משפחה וועט ענדליך דערגעהן דעם גרויסען סוד פון „ה' אלהינו ה' אחד! ביז זיי וועלען ענדליך דאך קריגען א בעגריעף אין „הלוא אב אחד לכלנו הלוא אל אחד בראנו מדוע נבגד איש באחיו לחלל ברית אבתנו“ — ביז יענע גליקליכע צייט וועט ענדליך אנקומען, וועט דער מענש זיין עגאאיסטיש און וועט נאר זארגען פיר זיך און ווייטער — פיר זיך, און דאן ווידער — פיר זיך, און דאן נאך א מאהל פיר זיך! ווארום ער מוז שוין אזוי אומגעלומפערט האנדלען. אויב ער האט נור א פערקעהר מיט לויטער פרעמדע — וואס קען איהם אבהאלטען און הינדערן ער זאל פון א צווייטען ניט אויסדריקען דיא זאפט און נאכהער איהם אוועק ווארפען וויא איין אלטען שטי־וועל? דאס ער זאל א צווייטען ניט וועלען נאכאנאנד פאקען און פון איהם ארויס רייסען א שטיק פלייש, א שטיק מארך, א שטיק לונג, א שטיק לייב און לעבען? וואס, פרעג איך, קען אבהאלטען דאס דער מענש זאל זיך ניט אזוי פיהרען אז וויא באלד איינער א צווייטען בעטראכטעט פרעמד און מען האט א פערקעהר מיט לוי־טער פרעמדע?

* * *

ואתה אדוני — און איהר מיין הארר פערפאסער — „לך לקץ ותנוח“. געהט זייט מוחל אין אייער רוה אריין, און טרובירט ניט מעהר אייער כבוד. ווארום ביז יענע געווינשטע צייט וועט אנקומען איז אומזיסט וואס איהר רעדט גאר אזוי ווי איהר טהוט ריידען. מענשען וועלען בעסער אונטער יעצטיגע אומשטענדען ניט ווערען — איהר מעגט דערויף זיכער זיין. ביז יענע גוטע צייט וועט ענדליך אנ־קומען — און קומען וועט זיא! און ברענגען וועט איהר א מגפה — דיא גרעסטע עפידעמיע וואס איז נאך ווען אויף מענשען אנגעקומען וועט יענע צייט ענדליך ברענגען. גע־

דענקט מיינע ווערטער און האלט זיי ניט פאר גרינג. ווארום עס קאכט זיך שוין א קעסעל מיט א פאטראווע פאר דער מענשליכער משפחה, פון וועלכען אלע גוטע מענשען זאלען בעהיט ווערען. דיא נאטור וועט עס שוין פיעל לענגער ניט דולדען. מענשען שטעלען איהר בדלות — פערדערבען אין איהר „כל חלקה יפה:“ זי איז דאדורך צורייצט און אויפגערעגט, און וועט זיך דערפאר געווים נוקם זיין. אויסער דעם איז לוידער דער מענש פון היינט גענצליך אנגעפילט מיט גיפטיגע מאטריאל גענוג וואס זאל העלפען אירגענד וועלכע עפידעמיע זיא זאל האבען שטאף גענוג אויף וואס צו ארבייטען. ווארום אזוי ווי א שוועבעלע איז אנגעפילט מיט מאטריאל גענוג צו ברענען — מען דארף עס בלויז ברענגען אין בעצוג מיט איין הארטע זאך און עס אנרייבען; אזוי לוידער זיינען היינטיגע מענשען אויך אנגעפילט מיט מאטריאל גענוג צו זעטיגען אירגענד וועלכע מגפה וואס קען אנקומען. האלטעט דיעזע בעהויפטונג ניט פאר גרינג. הערט און נעהמט עס צויין אין זינען איידער עס ווערעט שפעט — איידער עס וועט ווערן פינסטער און דער שטורעם וועט אויסברעכען. איהר זעהט ניט און ווילט ניט זעהן וויא דיא השגחה נעהמט ביסלאכווייז אוועק איהר שטיצע פון מענשען. אלע וויילע ווערען דיא וואלקענס שווערער, פינסטערער, מעהר פערחמארעט. עס וועט אין קורצען אויסברעכען דער צארן — באלד וועט אנפאנגען צו בליצען. דונער נאך דונער וועט טראסקען, טרעפען און דערשלאגען — „חרדו מפני זעם ה' כי נורא הוא!“

און דאן ווען דיעזע שרעקליכע צייט וועט ענדליך אנקומען, און עס וועט פערבלייבען מעהר ניט ווי „אחד בעיר ושנים ממשפחה“ דאן וועלען זיך די איבעריגע ביסעל פערבליבענע ארום זעהן און וועלען ענדליך קומען צום שכל. דאן וועלען זיי איינזעהען דיא וויכטיגקייט פון ריכטיג לעבען, פון פריינדליך לעבען, פון א עהרליכען לעבען. דאן און ניט ביז דאן, וועט אויפהערען דער אונרוהיגער בעגעהר. דאן וועט מען זיך ארום זעהען וואס פאר א וויסטען, פינסטערן, אומעטיגען לעבען מענשען האבען אבגעפיהרט און זיי וועלען בעסער לעבען, און דיא פראגע פון „לא תרצח“ וועט געווים זיין די ערשטע רעפארם וואס וועט דאן ווערען איינגעפיהרט.

נור ביז דאן איז לײדער אומזיסט וואָס איהר טהוט הײדען. דיא אָרדנונג פון פלײש עסען וועט געוויס אָנהאַלטען און יעדערער וואָס קען עס נור אויספיהרען, וועט זיך געוויס דורך שפּאַרען מיט גוואַלד דורך דעם עולם, און וועט זיך ברייטלאַך פאַרנעהמען מיט די עלענבויגענס ביין בעסטען אָרט פון מזבח; וואו ער וועט אונגעבעטענער הייט ווערען א גאַנצער מאַכער, און וועט זיך אליין מכבד זיין מיט דיא ערשטע, מיט דאָס בעסטע, מיט אלעם וואָס נור דער גאָפּעל וועט קענען אויפהויבען פון פאַן אָדער פון טאָפּ. אזוי מיין האַרר וועט עס צוגעהן, א טעלער־לעקער וואָס צוליעב א שנאַפּס און א פּאָרציע פלײש וועלען זיי אָפּפערן אפילו זײערע בעסטע געפיהלען, וועלען זיך אימער געפינען געדיכט דיזע קליינע חיים'לאַך, דיזע פינסטערע מצרים'לאַך, וועלען אימער ארום טאַנצען ארום יענע אָבגעפרעסענע פּעמפּיקעס.זיי וועלן אימער זיין וואַש־גויעס,וואַסער־טרעגער, האָלץ העקער,דיזע לעקער,פלעקער,שטעקער—דיזע קליינע מענשעלאַך אָהן א בראַק האָכמוט אין זײער זעלע, וועלען וויא געוועהנליך ארום טאַנצען ארום יענע חברה מיט גרויס כבוד, וועלען אימער שטעהן אויף דיא קניע און זיך בייגען פאַר דעם ווילען פון יענע וואָס טרעטען אויף זיי ברגל גאוה, ביז זיי וועלען זיך באַלד צוברעכען איבער העלפט. דיעזע אונגליקליכע קליינע חיים'לאַך וועלען אימער אָפּפערן זײערע בעסטע קרעפטען צו דיעזע וואָס זאַפּען זײער בלוט און ניצען זיי אויס פאַר זײער צוועק.

אומזיסט מיין פריינד, אײערע רייד. א היינט־וועלטיגער מענש קען אויף ראָזשינקעס מיט מאַנדלען ניט לעבען. א געבלעטערטער קוגעל קען ניט זעטיגען א היינטיגען כאַראַקטער. עס איז לעבערליך ווען איהר רעדט היינט פון יושר, רחמנות אונמאָראַל.

ובאלה תמו דברי איוב — מיינע רייד זיינען געענדיגט!"

קיין ענטפער.

נייע אידישע מוזיק

פיר פּיאַנאָ אונד וויאָלין.

יעצט עבען ערשיענען

מאָררים ראָזענפעלד'ס ליעדער.

אַרראַנזשירט בייא ה. א. רוססאָטטאָ פיר פּיאַנאָ אונד געזאַנג.

1. אברהמעלע, 2. אחדות, 3. א יוד בין איך, 4. אַרבייטער ראָמאַן, 5. אלול מעלאָדיעס.

פּרייז 75 סענט.

מאָגולעסקאָ'ס תחית המתים (רעסוררעקשאָן).

אַרראַנזשירט בייא ה. א. רוססאָטטאָ.

1. מזל טוב, 2. מאַן אונד ווייב, 3. א ברית, 4. כשר אונד טריף.

פּרייז פיר פּיאַנאָ 35 סענט, פיר וויאָלין 20 סענט.

שלמה המלך.

פון זיגמונד מאָגולעסקא.

אררּאַנזשירט פּיר פּיאַנאָ בייא ה. א. רוססאָטטא

1טער בויגען. 1. טריאומף־צוג צו דעם קעניג. 2. דועט סאָלאָמאַן אונד שולמית. 3. דיא פּאַסטוכער געזאַנג. 4. דיא ליעבע. 5. קאָמישער געזאַנג אונד טאַנץ. 6. דיא דרשה.

2טער בויגען. 7. קאָמישער קופּלעט. 8. דיא ליעבע פון ציון. 9. שולמית פּאַלאַנייס. 10. דיא פּאַסטוכער.

3טער בויגען. 11. ראָמאַן בעגריסונג. 12. ענדע 2טער אקט.

4טער בויגען. 13. מיידלאך נאָך דיא פּאַסטוכער. 14. סאָלאָמאָן אונד כאָזהר. 15. א טייוועל סצענע. 16. סאָלאָמאָן סאָלא איך בין געוועזן גרויס. 17. שולמית סאָלאָ.

פּרייז פון יעדען בויגען 35 סענט, אללע צוזאמען 1.25

דיטאָ פיר וויאָלין אין 1 בוך 50 סענט.

נייע אידישע מוזיק
פיר פּיאַנאָ אונד וויאָלין.

יעצט עבען ערשיענען

מאָררים ראָזענפעלד׳ס ליעדער.

אַרראַנזשירט בייא ה. א. רוססאָטטאָ פיר פּיאַנאָ אונד געזאַנג.

1. אברהמעלע, 2. אחדות, 3. א יוד בין איך, 4. ארבייטער ראַמאַן, 5. אלול מעלאָדיעס.

פּרייז 75 סענט.

מאָגולעסקאָ׳ס תחית המתים (רעסורעקשאָן).

אַרראַנזשירט בייא ה. א. רוססאָטטאָ.

1. מזל טוב, 2. מאַן אונד ווייב, 3. א ברית, 4. כשר אונד טריף.

פּרייז פיר פּיאַנאָ 35 סענט, פיר וויאָלין 20 סענט.

שלמה המלך.

פון זיגמונד מאָגולעסקאָ.

ארראנזשירט פיר פּיאַנאָ בייא ה. א. רוססאָטטאָ.

1טער בויגען. 1. טריאומף־צוג צו דעם קעניג. 2. דועט סאָלאָמאָן אונד שולמית. 3. דיא פּאַסטוכער געזאַנג. 4. דיא ליעבע. 5. קאַמישער געזאַנג אונד טאַנץ. 6. דיא דרשה.

2טער בויגען. 7. קאָמישער קופּלעט. 8. דיא ליעבע פון ציון. 9. שולמית פּאַלאַניים. 10. דיא פּאַסטוכער.

3טער בויגען. 11. ראָמאַן בעגריסונג. 12. ענדע 2טער אקט.

4טער בויגען. 13. מיידלאך נאָך דיא פּאַסטוכער. 14. סאָלאָמאָן אונד כאָהר. 15. א טייוועל סצענע. 16. סאָלאָמאָן סאָלא איך בין געוועזן נרזים. 17. שולמית סאָלאָ.

פּרייז פון יעדען בויגען 35 סענט, אללע צוזאמען 1.25

רימאָ פיר וויאָלין אין 1 בוך 50 סענט.